STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04948

DI NAYESTE VERK FUN SHOLEM-ALEYKHEM

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יובילעאום-אויסגאבע.

די נייעסטע ווערק

פון

שלום-עליכם.

„לאַכען איז געזונט — —
דאָקטוירים הייסען לאַכען“.
(שלום-עליכם.)

II. באנד.

פערלאַג „פראגרעס“, ווארשא.

דרוק פון יוסף פישער אין קראקא.

1909.

אַלע רעכטע אין איראָפּאַ און אַמעריקאַ פאָרבעהאַלטען

אינהאלט:

	זייטע
אַ ווינגרישער בילעט.	1—35
דער יונגסטער פון די מלכים.	37—53
דער אורח.	55—64
דריי אלמנות.	65—102
יעדער פאר אונז.	103—110
דער דייטש.	111—124
די ערשטע יודישע רעפובליק.	125—211
מיין עטאפ.	213—250
ס'אַ ליגען.	251—258

א ווינגרישנע בילעט.

„שלום=עליכם". באנד II, 1.

אַ „ווינגרישׂע ביליעט“.

(א לאטעריי־צעטעל)

(ערצעהלונג).

א.

בנימטשיק — דאָס וואַקסט ביי מיר אַ ווינגרישׂע ביליעט. אַזוי האָט געזאָגט ישׂראל דער שמש פֿון דער אַלטער שול אויף זיין זוהנדיל בנימין, וואָס האָט געהאַט אַ שם פֿאַר אַ גוט יונגעל נאָך בשעת ער האָט געלערנט ביי ירחמיאל משה, דעם מלמד אין חדר, ירחמיאל משה האָט זיך גאָר נישט געקענט אָפּלויבען פֿון איהם.

— אייער קליינער — האָט ער איין מאָל געזאָגט צו ישׂראל דעם שמש — איז ביי מיר קיין עין הרע פֿון די בעסטע. ערשטענס, איז ער אַ גרויסער מתמיד, אַ וואוילער וואָס אַ וואוילער הייסט; היינט דאָס קעפּיל זיינס, די תפיסה, מיין איך, דער זכרון, איז אַזעלכעס וואָס מע בעדאַרף עס זוכען; ווען ביי איהם זאָל זיין דער זכרון אַזוי ווי די תפיסה, מיין איך פֿערקעהרט די תפיסה אַזוי ווי דער זכרון — עהע־הע!

דעם עהע — הע! ציהט אוים ירחמיאל משה דער מלמד מיט אַ נגון, און ישׂראל דער שמש ווערט ברייטער ווי לענגער.

— גאָט זאָל אייך געבען געזונד און פּרנסה! — בענשט ער דעם מלמד און העלפֿט איהם צונויפֿלייגען דעם טלית־ותפילין. דאָס איז גלאַט אַזוי, אַ מתנה הייסט דאָס; שׂכר־למוד פֿאַר זיין קינד צאָהלט ישׂראל דער שמש גלייך מיט אַלע בעלי־בתים, צוויי קאַרבען אַ זמן, אַ חוץ חנוכה־געלד און פּורים־געלד, חאָטש ישׂראל דער שמש לעבט אַליין כמעט נור פֿון חנוכה־געלד און פּורים־געלד. נאָר וואָס מאַכט דאָס אוים? דער מנהג העולם איז שוין אַזוי פֿון קדמונים אַז מיר מוזען לעבען אומעטום איינער פֿונ'ם אַנדערען: איך

נעם ביי יענעם און גיב אייך; איהר נעהמט ביי מיר און גיט יענעם, אמת, עס מאַכט זיך גאַנץ אָפט אַז נעמען ביי מיר נעמט איהר צוויי מאָל אַזוי פיעל ווי מע בעדאַרף, און געבען גיט איהר יענעם אַ מכה; דערפאַר, אַז כ׳וועל נור קענען, וועל איך ביי יענעם נעמען דריי מאָל אַזוי פיעל און וועל אייך געבען אַ מכה. מיר וועלען זיך מיט׳ן חשבון, האָט קיין יסורים ניט, אויסגלייכען, חכמים רופען דאָס אָן מיט פערשידענע נעמען: „געזעץ פון דער נאַטור“, „לעבענס מלחמה“, „פאָליטישע עקאָנאָמיע“ וכדומה, נאָר אַזוי ווי מיט אונזער מעשה קעהר זיך עס שוין נישט אָן, לכן געהען מיר ווייטער.

שפעטער, אַז בנימטשיק איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען קורס ביי ירחמיאל משה׳ן, האָט איהם ישראל דער שמש זעהר געוואָלט אָבגעבען צו רב אלי-מאיר דעם גמרא מלמד, האָט איהם אלי-מאיר נישט געקאָנט צונעמען: ראשית איז שוין ביי איהם געוועזן דער חדר פול ווי אַנ׳אויג; והשנית האָט ישראל נישט געקאָנט צאָהלען אַזאַ שכר למוד ווי די נגידישע בעלי-בתים, האָט בנימטשיק געטהון דאָס וואָס אַנדערע טהוען: אַז מע האָט ניט מיט וואָס צו צאָהלען לערענט מען אַליין, דערויף איז פאַראַן אַ גרויס בית המדרש מיט אַ סך סטענדערס, מיט אַ סך שטיקלעך ליכט פון די יאָהר-צייטען, מיט אַ סך ספרים: חומשים, פסוקים, משניות׳ן, גמראים מיט מדרשים— און וואָס ניט? אַבי מע וויל נור קען מען לערנען אויף אַ בוידעם אויך. קאַרג גרויסע מענשען, גאונים, זענען אויסגעוואַקסען ביי אונז אַט אַזוי ערגיץ ביי אַ סטאַטשיק אין בית-המדרש? אַזעלכע גרויסע מענשען, גאונים, מפורסמים וואָלטען מיר, קען זיין, געהאַט איצטער אָהן אַ שעור; דער חסרון איז אָבער, וואָס אין די לעצטע פערציג—פופציג יאָהר האָט זיך פערגנבה׳ט אין אונזער ווינקעל אַריין אַ שטראַהל פון ליכטיגקייט און האָט אָנגעשפאַרט דווקא אין בית-המדרש אַריין, דווקא דאָרטען צווישען די אָרימע בחורים, און אַנשטאָט דעם מע זאָל לערנען „יורה דעה“ האָט מען בגנבה גענאַשט אַ שטיקעל „באור“, שטילערהייט געשלונגען מליצה ספרים, זיך געוואָרגען מיט אַ רוסישער גראַמאַטיקע און פערביסען מיט מאַפו׳ס אַ ראָמאַן, פון אַזאַ מין לערנען האָבען קיין גאונים, רבנים מפורסמים געוויינטליך ניט געקענט אַרויס. יודישע קינדער האָבען זיך צוקראָכען איבער דער וועלט, געוואָרען אַ תל: דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, משוררים, מחברים, שרייבערס, לעהרערס און גלאַט אַפיקורסים. קיין רב נישט איינער אַ רעכטער, דאָס הייסט רבנים זענען אַרויס פון זיי אַ סך; נאָר וואָסערע רבנים? קאַזיאָנע! „קאַזיאָנע“ איז דער טייטש אָנגעהאַנגענע, אַ שטיינער ווי מע הענגט אָן עמיצען אַ לונג-און-לעבער אויף דער

נאז; צי איהר ווילט צי איהר ווילט ניט — נאט אייך א באמבע און האלט זיך מיט איהר... נאר אזוי ווי מיט אונזער מעשה געהער זיך עס נישט אן, לכן געהען מיר ווייטער.

אונזער בנימטשיק האט געלערנט אין בית המדרש נישט אליין, — מיט נאך צוויי חברים, אויך אזעלכע ארימע בחורימליך ווי ער, — און דאס איז טאקי געוועזן דער חסרון, ווארום איין מענש אליין קען אזוי גראב נישט זינדיגען ווי מיט יענעם בשותפות. א סימן האט איהר פון אדם הראשון כל זמן ער האט זיך געשפאצירט אין גן־עדן איינער אליין איז געווען שטיל א מחיה, און אז עס האט זיך נאר אריינגעמישט די מוטער חוה, אזוי האט זי איהם באלד אנגערעדט ער זאל פערזוכען פונים עץ הדעת, און מי יודע אויף וואס זי וואלט איהם נאך ארויפגעפיהרט, מע זאל זיי ניט בעצייטענס ארויסטרייבען... דער משל איז געזאגט געווארען אקעגען בנימינען. בנימין זאל געוועזן זיצען און לערנען אין בית המדרש איינער אליין וואלט געווען אז וואויל איז איהם... ער האט דאך אבער געלערנט מיט נאך חברים, אויך אזעלכע נאקעטע און בארוועסע, הונגעריגע און דארשטיגע ווי ער, האט מען תמיד זיך נור געריסען אהין, אויף דער גרויסער ליכטיגער וועלט, אויף דער וועלט פון חכמה און פון וויסענשאפט. אליין זענען זיי געווען דא, און זייער קאפ איז געלעגען דארטען, צווישען די גרויסע, צווישען די געלערנטע, צווישען די גליקליכע. עס האט זיי געצויגען אהין ווי א מאגנעט, ווי א קליין קינד ציהט אוים די הענטליך צו דער מאמע... איז שוין עפים א חדוש א שטייגער אז איין מאל אין א שבת־צונאכטס האבען דריי בית המדרש בחורים, איציק, יוסיל און בנימטשיק, ניט געסטייעט? וואס הייסט ניט געסטייעט — נישטא און א סוף! מע האט זיי אויסגעזוכט אין שטאדט וואו די וועלט האט אנעק! מילא יענע צוויי חברה־לייט, איציק און יוסיל, זענען קבצנישע קינדער, יתומים, אהן א טאטען אהן א מאמען, וועמען זענען זיי אבגעגאנגען? אבער בנימטשיק! ישראל דער שמש האט איינגעלייגט די וועלט, איבערגעקלעהרט נאט ווייסט וואס, און האט זיך בערוהיגט ערשט אויף מארגען, אז ס'איז אנגעקומען א בריוועל פון אלע דריי ווייסע חברה'ניקעס, אז מע זאל גאר נישט איבערטראכטען, זיי זענען ברוך השם געזונד און שטארק, זיי האבען ארויסגעזעהען (אזוי שרייבען זיי), אז דא אין בית המדרש איז פאר זיי קיין תכלית ניט, לכן האבען זיי זיך אוועקגעלאזט אין דער ישיבה אריין, קיין ווילנא, קיין וואלאזשען אדער אין דער „מיר“... זיי האבען מיט א כיון אויסגערעכענט אלע דריי ישיבות, בכדי מע זאל ניט וויסען אין וואסער

אַ שטאָדט זיי צו זוכען. אַט דאָס הייסט אָבגעאַרבעט קלוג, מיט שכל!..

ס'איז אָבער געווען אומזיסט דאָס פֿערשטעלען זיך מיט'ן בעהאַלטען זיך מיט'ן אַנטלויפֿען. ס'איז זיי קיינער מיט קיין פּאָטשט נישט נאָכגעלאָפֿען. די שטאָדט איז געווען אַדרבה צופֿריעדען. ערשטענס וועט זיין ווינציגער מיט אַ צוויי דריי אָרימע בחורים, וואָס מע מוז זיי אויסהאַלטען ווי ס'ניט איז; מע קען דאָך זיי נישט לאָזען אַזוי זיי זאָלען אויסגעהן פֿון הונגער. והשנית איז טאַקי גלאַט שען, אַז אָרימע קינדער ווילען לערנען, הלואי וואָלטען אַלע יודישע קינדער אַזוי, הלואי וואָלטען אַלטע יודען געקאָנט, וואָלטען זיי זיך אויך אַוועקלאָזען ערגיץ אין עק וועלט, אַבי מע זאָל ניט דאַרפֿען מוטשען זיך, טראָגען דעם עול פֿון פּרנסה...

ב.

וואָס איז געווען דער סוף פֿון יענע צוויי בחורימליך איציק און יוסיל— ווייסען מיר נישט, נאָר פֿון בנימ'טשיקען האָט ישראל דער שמש אין אַ האַלב יאָהר אַרום מקבל געווען אַ בריעף ניט פֿון וואָלאָזשין, ניט פֿון ווילנאַ און ניט פֿון „דער מיר", נאָר פֿון אַן'אַנדער שטאָדט, פֿון אַ גרויסער שטאָדט, אַז ער זאָל זיך גאָר ניט זאָרגען, וואָרום ער, בנימ'טשיק הייסט דאָס, געפֿינט זיך אויפֿ'ן „רעכטען וועג", עס וועט פֿון איהם מיט גאָט'ס הילף זיין אַ לייט, גאָט זאָל איהם נור העלפֿען ער זאָל אָבגעבען דעם עקזאַמען און אַריין אין גימנאַזיע וועט ער אם ירצה השם געהען ווייטער און „שטודירען דאָקטאָר", און אַז ער וועט „אויסשטודירען דאָקטאָר", וועט ער האָבען אַ פֿיינע בכבודע פּרנסה אין האַנד, און וועט קענען אויסהאַלטען טאַטע-מאַמע אויף דער עלטער; דער טאַטע וועט פֿערשפּאָרען האָרעווען, זיין אַ שמש, און די מאַמע אַ שמש'טע; און די שוועסטער וועט ער בעזרת השם חתונה מאַכען אַלע דריי, און מע וועט זיצען אַלע אינאיינעם בשלום ושלוה, און מע וועט האָבען פֿיעל נחת, „און דאָס וואָס איז שייך צו יודישקייט — אַזוי האָט בנימין געשריעבען — זאָלט איהר זיך, מיינע ליעבע און געטרייע גאָר ניט זאָרגען, מע קען זיין געלערנט ווי די גאַנצע וועלט און פֿון דעסטוועגען וואָס צו גאָט איז צו גאָט, איך דאַווען, זאָלט איהר ווי-סען, אַלע טאָג, און לייג תפֿילין, און וואַש זיך צום עסען, אַבי ס'איז נור פֿאַראַן וואָס. מחמת עסען — עסען מיר דאָ איין מאָל אין צוויי טאָג, וואָס גאָט גיט, אַמאָל אַ טרוקען שטיקעל ברויט און אַמאָל אַ י י נ ט ו נ ק ע ן א י ן

זאַלץ־וואַסער, און אַז עס מאַכט זיך ס'איז נישטאָ גאָר ניט, סמאַטשקעט מען אַ שטיקעל צוקער. צוקער איז אַ סגולה צום הונגער, פערשלאָגט דעם אַפּעטיט, דערפאַר לערנט מען אָבער געשמאַק! פערגעסט ניט: פיער גראַמאַטיקעס בעדאַרף מען אויסלערנען! היינט וואו איז געאָגראַפיע? וואו איז היסטאָריע? און וואו איז „שאָר ירקות“? מאַטעמאַטיקע איז בלאָטע, אַלגעברע, זאָל אייך צו קיין חרפה ניט זיין, האָבען מיר נאָך געלערנט אין דער היים אין בית המדרש, און די מליצה ספרים וואָס מיר האָבען זיך דאַמאָלס אָנגעלייענט קומען אונז היינט צונוץ ביים שרייבען „סאָטשיניעניעס“ איין שטיקעל חסרון וואָס דאָס לשון איז ביי אונז אַ ביסעל ניט אַזוי שאַרף ווי מע בעדאַרף; נאָר צו גאָט אַ האָפנונג, מיר וועלען דאָס אויך איבערקומען בשלום, איהר זאָלט זיך גאָר ניט זאָרגען, עס וועט אם ירצה השם אַלסדינג זיין אַזוי ווי מע בעדאַרף, דער עיקר נאָר, ניט געזאָרגט און געהאָפט אויף דעם וואָס לעבט אייביג!“

ישׂראל דער שמש, אַז ער האָט בעקומען דאָס דאָזיגע בריוועל, איז ער באַלד אַוועק צו ירחמיאל משה דעם מלמד, — אַן אַלטער גוטער ברודער, אַן ערהרליכער יוד און אַ בעל־סוד.

— זייט זשע מוחל לייענט דורך דאָס דאָזיגע בריוועל, און אַז איהר וועט דאָס דורכלייענען, וועט איהר זיך מטריח זיין טאַקי אין איין וועגס אָנשרייבען אַן ענטפער, דאָס הייסט איך וואָלט געקענט אַפילו אַליין אָנשרייבען, נאָר אַלץ הייסט געשריבען. אַודאי וועט איהר בעסער אָנשרייבען פון מיר, למאי זאָל איך לייקענען?

ירחמיאל משה דער מלמד ווייסט גאַנץ גוט, אַז ישׂראל דער שמש זאָגט נעבעך אַ גרויסען ליגען, אַזוי לאַנג שמייסט מען איהם ווי לאַנג ער קאָן אָנשרייבען אַן ענטפער; נאָר אַרויסבעווייזען איהם אַז ער איז אַ ליגנער איז ער ניט מחויב, למאי זאָל ער מבייש שטעלען אַ מענשען? האָט ער אָנגעזאָטעלט די נאָז מיט אַ פּאָר משונה מאָדנע ברילען, וואָס זענען בעשטאַנען פון אַ שטיקעל דראָט מיט צוויי בענדליך; אין איין אייגיל איז געשטאַנען אַ בלעכיל, און דאָס אַנדערע איז געוועזען ליידיג, גלאַט אַ לעכיל, האָט ישׂראל נישט געקענט זיך איינהאַלטען און האָט איהם אַ פרעג געטהון:

— וואָס טויג אייך, רבי, אַזאַ בריל? איהר זעהט דען עפּיס אויף איהר?

— אַלץ גלייכער ווי אָהן אַ בריל, כ'בין שוין איינגעוואָהנט! — האָט איהם ירחמיאל משה געענטפערט, גענומען דאָס בריוועל אַ ביסעל פון דער־

ווײַטען, אײן אויג (יענץ וואָס אונטערן בלעכיל) צוגעמאַכט און מיט׳ן אַנדערען אויג (יענץ וואָס אונטערען לעכיל) האָט ער געלײַענט גיך ווי אַ וואַסער, און הויך אויף אַ קול, זיך אָבגעשטעלט אַלע מאָל און געקוקט אויף ישראל׳ן, ווי אײנער רעדט: הײַנט פערשטעהט איהר וואָס „הײסט געקענט לײענען?“ און ישראל איז געשטאַנען בשעת מעשה דעם קאָפּ אַ ביסעלע אויף אַ זײַט און פערריסען אַרויף מיט גדלות, ווי אײנער רעדט: „הײַנט פערשטעהט איהר וואָס הײסט געקענט שרײַבען?..“

— נו, רבי, וואָס וועט איהר הײַנט זאָגען? — האָט זיך ישראל אָנגערופען צו ירחמיאל משה׳ן, נאָכדעם אַז ירחמיאל משה האָט אויסגעטהון די ברילען און אַוועקגעגעבען איהם דאָס בריוועל.

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגען? — האָט איהם ירחמיאל משה געענטפערט מיט אַ זיפץ — אַודאי אַודאי! מהכתיתי, זעהר פֿײַן, אַבי ער דאַווענט אַלע טאָג און לײגט תפילין. הלואי ווײַטער ניט ערגער חלילה...

— איך שמועס עם אַקעגען דעם, וואָס ער וואַכסט, מײַן בנימ׳שׂשיק הײסט דאָס, אַ מענש, אָט דאָס מײן איך! — אַזוי מאַכט צו איהם ישראל דער שמש און מײנען מײנט ער נאָר עפּיס אַנדערש, בײַ איהם אויף דער צונג ליגען נאָר די ווערטער: „גימנאַזיע“, „דאָקטאָר“... נאָר אַרויסלאָזען דאָס פּונים מויל האָט ער מורא, רופט ער זיך אָן צו ירחמיאל משה׳ן:

— איך שמועס אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט ער לערנט זיך אויף... דאָקטאָר? האַ? וואָס זאָגט איהר? איהר זענט דאָך עפּיס אַ יוד אַ חכם.

ירחמיאל משה ווײסט, אַז ער איז אַ יוד אַ חכם, נאָר וואָס קען ער איהם דערויף זאָגען? אַודאי וועט ס׳זאָל זײַן געווענדט אָן איהם, אָן ירחמיאל משה׳ן, וואָלט ער איהם נישט געלאָזט שטודירען אין די גימנאַזיעס; צו וואָס טויג ישראל דעם שמש אַ זוהן פון גימנאַזיעס מיט דאָקטוירים נאָר? נאָר אַ פּנים עמיצער פרעגט בײַ איהם אַן עצה? און ירחמיאל משה דער מלמד קוקט מיט פערגלעזערטע אויגען אויף דער וואַנט און לאָזט אַרויס אַ טיעפען זיפץ. ישראל דער שמש פערשטעהט וואָס בעדײַט דער דאָזיגער זיפץ, ער איז מיט זיך אַלײן אויך נאָך נישט אײנגאַנצען פאַרטיג; ער איז אַלײן אויך נישט אַזוי צופריעדען מיט דער גימנאַזיע; נאָר צוריק אָבער שמועסענדיג: סטײַטש, זײַן זוהן, זײַן בנימטשיק וועט זײַן „דאָקטאָר“!

— עלעהיי — זאָגט ער צום מלמד און פער׳גנבה׳ט זיך מיט ווערטער — עלעהיי אַ בעל מלאכה? „דאָקטאָריע“ איז דען ניט קײן מלאכה? ובפרט ער דאַווענט אַלע טאָג און לײגט תפילין, הלואי ווײַטער חלילה ניט ערגער...

ישראל דער שמש שטעהט א ווײלע, נאכדעם רופט ער זיך אן צום מלמד און קווינקעלט זיך:

— איך האב דאך אייך געזאגט, רבי, אז כ'האב צו אייך א בקשה, מטריח זיין זיך אבענטפערען אויפ'ן בריוועל: נאר וואס דען? איהר קענט דאך אונזער שטעדטיל... מע האט ליעב האלטען יענעם אין מויל... און אליין בין איך א פערקויפטער מענש... די וויסטע פרנסה... איך האב אייך געוואלט בעטען ס'זאל דערווײלע זיין בסוד, איהר פערשטעהט?..

— איך פערשטעה, פאר וואס זאל איך ניט פערשטעהן? — זאגט ירחמיאל משה און זאטעלט זיך אן נאך אמאל מיט זיינע מארנע ברילען, נעמט א שטיקעל פאפיר און א טינט און פעדער, טונקט איין די פען און ווארט וואס דער שמש וועט איהם זאגען וואס צו שרייבען.

— שרייבט איהם זייט מוחל, דיקטירט איהם ישראל דער שמש — לבני היקר מוהר"ר בנימין, ראשית שרייב איך דיר אז מיר זענען אלע ברוך השם אין בעסטען געזונד, גיב גאט דאס נעמליכע פון איהם צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער אמן.

והשנית שרייבט איהם, אז איך און סימע, מיין ווייב הייסט דאס, לאזען איהם גריסען גאר פריינדליך, און בעטען איהם ער זאל אונז שרייבען אפטע בריוועליך פון זיין מאכען וואס ער מאכט אין געזונד, און שרייבט אז מיר ווינשען איהם אלדעס גוטס און הצלחה ער זאל מצליח זיין דארטען, און שרייבט איהם ער זאל זיך גאר ניט זארגען, גאט איז א פאטער, דער עיקר ער זאל זיך אבהיטען אין געזונד, זאל ער זיך אבהיטען און זיין א יוד, ווארום דאס איז דער עיקר, און שרייבט איהם אז איך שיק איהם א קערביל שיק איך איהם (ישראל קראצט זיך אין אלע קעשענים), און שרייבט איהם אז איך וואלט געשיקט מעהרער, האב איך ניט, מחמת די פרנסה איז איצטער זעהר געשלאגען, עס פערדיענט זיך ניט קיין געלד פערדינט זיך ניט, נישטא קיין יאהרצייטען, און פון חתונות מיט ברית'ן שמועסט מען ניט, איך געדענק שוין ניט די צייט ווען ס'זאל זיין ביי אונז א חתונה, פון זינט רב הערש האט חתונה געמאכט די לעצטע טאכטער איז ניט געוועזען ביז אהער איין חתונה, דאס הייסט ס'איז געוועזען א פאר חתונות, נאר אליץ הייסט חתונות, אויך מיר חתונות!..

— ששש... חאפט ניט אזוי! — זאגט צו איהם דער מלמד — איהר פאהרט ווי מיט פאטשטאווע פערד, איך קען אייך ניט דעריאגען. נו, ווייטער?

— און ווייטער שרייבט איהם, אַז מעהר איז ניטאָ וואָס צו שרייבען, און שרייבט איהם אַז איך לאָז איהם גריסען גאָר פֿריינדליך, און סימע, די מאַמע הייסט דאָס, לאָזט איהם גריסען גאָר פֿריינדליך און אַלע שוועסטער לאָזען איהם גריסען, פעסיל און סאָסיל און ברכה'צי גאָר פֿריינדליך, און שרייבט איהם ער זאָל אָבהיטען יודישקייט און זאָל זיין אַ יוד, דאָס איז דער עיקר און ווייטער... אַז איהר וועט אָבשרייבען וועל איך זיך אָב'חתמ'נען...

אַז דער מלמד האָט דאָס אַלסדינג אָנגעשריבען, האָט ישראל דער שמש פֿערקאַטשעט די אַרבעל, גענומען די פען פאַוואָלינקע מיט צוויי פֿינגער און האָט זיך אָנגעבראַכט צו טהון אַן „אידעלע מלאכה“, אַנידערגעלייגט אויפֿ'ן פאַפיר זיין אייגענעם נאָמען ישראל און דעם נאָמען פֿון זיין טאַטען נפתלי עליו השלום און די פֿאַמיליע ריטעלמאַן, געדרעהט בשעת מעשה מיט דער צונג אין אַלע זייטען, עס ווענדט זיך ביי וואָסער אַנ'אות; למשל: אַ „למד“ געהט רעכטס, — געהט די צונג רעכטס, אַ „נון“ געהט לינקס, — געהט די צונג לינקס. פֿאַראַן מענשען, וואָס האָבען אַזאַ טבע נישט נור בשעת זיי אַליין, — אַפילו בשעת יענער טהוט עפּיס אַנ'אַרבייט און זיי שטעהען ביי דער זייט און קוקען, דרעהען זיי מיט דער צונג...

סע פֿערשטעהט זיך, אַז אין שטעדטיל איז מען גיך געוואָהר געוואָרען פֿון דעם סוד, אַז ישראל דעם שמש'ס זוהנדיל שטודירט אין די גימנאַזיעס „אויף דאָקטאָר“, און עס האָט איהם נישט געשאַדט חלילה צו דער פרנסה גאָר נישט, מע האָט איהם נור דערקוטשעט מיט ווערטער:

— וועט איהר האָבען הייסט דאָס אַ זוהן אַ „יאָקטאָר“ אָהן אַ היטעל? און אפשר נאָך מיט אַ קנעפעל? וואָס פֿאַר אַ פנים וועט איהר דאַמאָלס האָבען, רב ישראל? ווי אַ הוהן זיצט אויס קאַטשקעליך; די קאַטשקעליך לאָזען זיך שווימען אויפֿ'ן וואַסער און די הוהן שטעהט און קוואָקעט...

ישראל דער שמש האָט דאָס אַלסדינג איבערגעטראָגען שטילערהייט און געטראַכט ביי זיך אין האַרצען: „לאַכט לאַכט פֿון מיין בנימטשיקען; דאָס איז ביי מיר אַ „ווינרישנע בילעט!..“

ג.

איין מאָל — ס'איז געווען ערב פסח, סימע די שמש'טע און אַלע דריי טעכטער, פעסיל און סאָסיל און ברכה'צי האָבען געראָמט אויף יום-טוב — עפֿענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין עפּיס אַ יונגערמאַנטשיק מיט ווייסע

קנעפּ, מיט אַ מאָדנע היטעל אויפ׳ן קאָפּ און פאַלט סימען אויפ׳ן האַלדז און נאָכדעם פּעסלין און סאָסלין און ברכה׳צין און עס ווערט אַ קושעריי.

דאָס איז געווען בנימין.

סימע האָט זיך אַזש צווויינט פאַר פריוד.

— זוהנעניו! קדיש מיינער!

איז אָנגעקומען ישראל אַ פערסאַפּעטער אַ דערשראָקענער און האָט זיך צושריגען אויפ׳ן ווייב.

— שאַ, שאַ, זעה נור, זי האָט זיך אַ ביסעל צואַטמערט, טאָמער ווייסט דו וואָס איז דער געווין וואָס?

און אַליין, אַז ער האָט בעטראַכט בנימינ׳ען ווי ער איז אויסגעוואַקסען, האָט ער זיך אויך קוים איינגעהאַלטען פאַר געוויין, נאָר אַ מאַנסביל איז ניט קיין יודענע. אַ יודענע אַז זי וויינט מוז זי באַלד אָנהויבען שנייצען די נאָז; און אַ מאַנסביל אַז ער וויל אַפילו וויינען, קען ער מאַכען אַזוי, אַז מע זאָל מיינען, אַז ער לאַכט.

— ווען ביזט דו געקומען ווען? אַנו, דרעה זיך נור אוים צו מיר מיט׳ן אונטען — מאַכט ער צום זוהן — וואָס איז דאָס פאַר אַ מין הלבשה אויף דיר? טהו זיך אוים, פאַר וואָס טהוסטו דיך ניט אוים?

און אַז בנימין האָט זיך אויסגעטהון און איז געבליבען אין אַ בלויען מונדיר מיט אַ סך זילבערנע קנעפּליך און די בעקליך זענען געווען רויט און די בלויע אויגען האָבען געגלאַנצט. האָט ער טאַקי געהאַט דעם זיבעטען חן ניט נור ביי זיי, ביי איטליכען אין די אויגען. ווער עס האָט איהם געזעהען האָט מען זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקען אָן איהם „קיין עין הרע אויסגעוואַקסען, ישראל דעם שמש זוהנדיל, געוואָרען אַ פּאַרשוין!..“ פייגה לאה דער שכנה׳ס טעכטעריל מינצי, אַ מיידיל פון אַ יאָהר ניינצעהן מיט שוואַרצע אייגעליך און מיט אַ געדיכטען שוואַרצען צאָפּ, פערפלאָכטען אונטען מיט אַ רויט סטיינגעלע, וואָס פאַסט איהר זעהר צום פנים, איז אַריינגעקומען צו סימען כלומר׳שט אַ פרעג טהון, אפשר געפינט זיך ביי איהר איין איבעריג טעפּיל וואָס זי דאַרף עס נישט? חאָטש זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז סימע האָט אויף איהר לעבען נישט געפּרופט האָבען קיין איבעריגע טעפּליך, דאָס איז נור געווען אַנ׳אויסרייד אויף אָנצוקוקען בנימינ׳ען, אַ גלאַנץ טהון מיט די שוואַרצע אייגעליך און אַ וואָרף טהון הין און צוריק מיט׳ן געדיכטען שוואַרצען צאָפּ און מיט׳ן רויטען סטיינגעלי, זיך אויסדרעהען און אַנטלויפען;

און שפּעטער אַביסעל נאָך אַמאָל אַרײַנלויפֿען, מיט אַ נײַעם אויסרײַד און ווידער אַמאָל דאָס אייגענע, אַזוי אַז בנימינ׳ס דרײַ שוועסטער, פּעסיל און סאָסיל און ברכה׳צי, אַלע דערוואַקסענע שוין, האָבען אַ קוק געטהון איינס אויפֿ׳ס אַנדערע, ווי איינער רעדט: „טאָמער ווייסט דו וואָס איז דאָס דרע-הען וואָס זי דרעהט זיך ?.. און בנימין האָט דערווײַלע אַוועקגערופֿען די מאַמע אויף אַ זײַט און האָט איהר עפּיס געגעבען אַ מטבע, אַרײַנגערוקט אין האַנד אַרײַן, זי זאָל מאַכען „אַ שענעם פּסח“. סימע האָט אויף איהר לע-בען אַזוי פֿיעל געלד ני שט געהאַלטען אין האַנד! און פֿאַר די שוועסטער האָט ער געבראַכט צופֿיהרען מתנות און מתנות: סטײַנגעס, מיט קעמעליך, מיט שפּיגעליך, מיט שמאָכטעליאַקעס אָהן אַ שעור! און דער מאַמען אַ זײַדענע פּעטשײַלע אַ געלע מיט רויטע און מיט בלויע קווייטען. סימע די שמשטע האָט זיך אַזש צוויינט פֿאַר פֿרייד.

— וואָס איז דאָס? ווי קומט צו דיר געלד? — פֿרעגט איהם ישׂראל מיט אַ געלעכטער.

— וואָס הייסט ווי קומט צו מיר געלד? — ענטפֿערט איהם בנימין מיט גדלות — איך פֿערדין שוין היינט ברוך השם אַכט קאַרבען אַ חודש. איך גיב „שטונדען“. איך לערען הייסט דאָס מיט קינדער, צאָהלט מען מיר. איך בין שוין אין גימנאַזיע אין פֿינפֿטען קלאַס. אַכט קלאַסען איז פֿאַרהאַן. נאָך דרײַ קלאַסען, דרײַ יאָהר הייסט דאָס, ענדיג איך די גימנאַזיע און טריט אַרײַן אין אוניווערזיטעט, שטודירען אויף דאָקטאָר...

בנימין דערצעהלט און דערצעהלט און אַלע שטעהען און לאָזען נישט אַראָב פֿון איהם קיין אויג און טראַכטען זיך: „אָט דאָס זאָל טאַקי זײַן בנימין? יענער באָרוויסער בנימטשיק, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין בית-המדרש?.. אַכט קאַרבען אַ חודש... אַכט קלאַסען... אַ זײַדענע פּעטשײַלע..: אוניווערזיטעט... דאָקטאָר...“

גאָט ווייסט אויב עס האָט נאָך עמיצער געהאַט אַזאַ פֿרעהליכען פּסח, אַזאַ געהויבענעם „סדר“ ווי עס האָט געהאַט ישׂראל דער שמש. מילא פֿון ווײַן אויף אַרבע-כוסות און פֿון פּסח׳דיגען בראָנפֿען, פֿון פֿיש און קניידליך און פּאַלירטשיקעס שמועסט מען ניט; איך רעד פֿון דער הגדה, וואָס ישׂראל און בנימין האָבען געזונגען ביידע איינס איבער דאָס אַנדערע, ס׳איז געווען אַ מחיה צו הערען! אַז ס׳איז געקומען צו „רבי אליעזר אומר מנין שכל מכה ומכה...“ האָבען זיי זיך ביידע צעשאָקעלט און גענומען אַ הויכען טאָן, האָט סימע, וואָס איז געזעסען די גאַנצע צײַט און געקוקט אויף

איהר טרייסט אויף בנימינ'ען, מיט אַמאָל אָנגעהויבען מאַכען פּיסקעס אויף צו ווייגען, האָבען זיך אַלע דריי שוועסטער, פעסיל און סאָסיל און ברכצי נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָבען זיך צולאַכט, און אויף זיי קוקענדיג האָבען אַלע אָנגעהויבען לאַכען און סימע אויך — ס'איז שוין געווען אַ פּסח ביי זיי, וואָס זאָלט איהר קלערען!

יום-טוב אין דער פריה, אַז בנימין איז געקומען אין שול אַריין, האָט מען בעטראַכט דאָס „סטודענטעל" מיט די זילבערנע קנעפּ ווי אַ ווילדע חיה. יונגליך, קונדייסים האָבען איהם אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען, געטייט מיט די פינגער און געלאַכט אין פּנים אַריין. נאָר בנימין איז געשטאַנען די גאַנצע צייט מיט'ן סדור'ל און האָט געדאַווענט, און אַז ס'איז געקומען, אַז מע האָט איהם אויפגערופען צו דער תורה (רב מאָניש דער גבאי האָט צו ליעב געטהון ישראל דעם שמש און האָט געשענקט זיין זוהן אַנ'עליה) און בנימין האָט געמאַכט די ברכה הויך אויף אַ קול מיט'ן יום-טוב'דיגען ניגון, איז אין שול געוואָרען אַ הו-האַ: „וואָס זאָגט איהר אויף אונזער ישראל'ס זוהנדיל!"

פאַר'ן אַרויסגעהן פון שוהל האָט דער נגיד פון שטעדטיל, רב הערש, אַ זאָג געטהון צום שמש ער זאָל איהם צופיהרען זיין זוהנדיל.

— ישראל! — האָט געזאָגט רב הערש צום שמש ברייטליך, ווי אַ נגיד בעדאַרף צו זאָגען בשעת ער רעדט מיט אַ קלענערען פון זיך, האַלט זיך בשעת מעשה ביים זיידענעם גאַרטעל, קוקט נישט גלייך אין די אויגען אַריין און רעדט מיט אַ צווייענדיג הוסטעל פונ'ם האַלז און פון דער נאָז.

— ישראל! אַנו, קום נאָר אַהער המ... המ... מיט דיין זוהנדיל; לאָם איך איהם... המ... המ... אויך אָנקוקען!

דערהערט, אַז רב הערש וויל רעדען מיט ישראל דעם שמש „סטעדענטיל", האָט זיך דער עולם אַלאָז געטהון האָרכען, וואָס וועט מיט איהם עפּיס רעדען דער נגיד און וואָס וועט ער איהם ענטפערען. בנימין איז צוגעגאַנגען צו רב הערשען ווי צו זיינעם אַ גלייכען, גאָר נישט געשעמט זיך, איהם אָבגעגעבען שלום ווי אַנ'אַלטער, און רב הערש האָט אַ קוק געטהון אויף בנימינ'ען פון אויבען אַראָב, נישט געוואוסט ווי אַזוי זאָל ער מיט איהם רעדען: זאָל ער איהם זאָגען „איהר" — אַזאַ וועוויג? צופיעל כבוד פאַר'ן שמש זוהנדיל! זאָגען איהם „דו" — איז עפּיס אויך נישט אַזוי, פאָרט אַ „סטעדענטיל" מיט קנעפּ, אַ גאַנץ פּריציל... איז רב הערש געפאַלען אויף אַ עצה און האָט מיט איהם אָנגעהויבען רעדען גאָר בלשון נסתר: „וואָס מאַכט מען?

וועגן קומט מען? ווען פארט מען צוריק?" בנימין האט ארויסגעשטעלט די רעכטע פוס אויף צו פריהער, איין האנד האט ער אריינגעלעגט אין בוזעם און מיט דער אנדערער האט ער געשטשיפעט די אויבערשטע ליפ, אבגעענט־פערט אויף איטליכעס ווארט גייציג, גאר נישט אנגעהויבען צו שעמען זיך אפילו! רב הערשען איז דאס יא געפעלען און נישט געפעלען: „נישט קיין נארישׁ בחור'ל, נאר דאכט זיך אנ'עזות-פנים א גרויסער"... אזוי טראכט זיך רב הערש און לאזט זיך אריין מיט בנימינ'ען אין א ברייטען שמועס אריין מכח קלאסען, וויפיעל איז פארהאן קלאסען? און צו וואס בעדארף מען דאס דוקא אכט קלאסען? פאר וואס ניט קיין נייען קלאסען? און וואס איז דער חילוק פון איין קלאס ביז'ן אנדערען קלאס?.. „אויף דער טאבליצע אזא שענער יוד און אזא בהמה!.." אזוי טראכט זיך בנימין און גיט איהם צו פערשטעהן דעם שכל וואס איז דער חילוק פון איין קלאס ביז'ן אנדערען. רב הערשען שטעהט ניט אן די מעשה, וואס אזא שנעק גיט איהם צו פער־שטעהן דאס וואס ס'איז נישטא גאר צו פערשטעהן, מאכט ער צו איהם:

— מילא בקצור דאס פערשטעהט א מינדסט קינד, אבער פאר וואס איז דער שכל פון אכט קלאסען, ניט קיין נייען?

— ווארום ווען סע זאלט זיין נייען קלאסען, וואלט איהר געפרעגט, פאר וואס עפים דוקא נייען קלאסען, ניט קיין צעהן?

אזוי ענטפערט איהם אב בנימין און דער עולם צולאכט זיך; נאר איין רב הערש לאכט נישט. ער קלעהרט זיך בשעת מעשה: „א, א רעכטער שייגעץ!" און טהוט א הוסטיל פונ'ם האלז און פון דער נאז: הם... הם... צייט געהן אהיים... הם... הם... מאכען קדוש...

ווער עס האט ניט אנגעקוקט דעמאלט ישראל דעם שמש, וואס איז געשטאנען ביי דער זייט, געקוקט פון איינעם אויפ'ן אנדערען און געשלינגען בנימינ'ס ווערטער, דער האט ניט געזעהען קיין גליקליכען מענשען קיין מאל אויף זיין לעבען. ער האט געווארט ביז רב הערש וועט שוין אבלאזען זיין זוהן און ער וועט קאנען געהן מיט איהם אהיים; דארט קוקט מען שוין ארויס אויף איהם, די מאמע מיט אלע דריי שוועסטער; אויפ'ן טיש ליגען שוין אנגעגרייט מסתמא די שענע מצות און אין אויבען זידט א געשמא־קער בארשט א פסח'דיגער, און הייסע קניידליך מיט שמאלץ, און אפשר נאך א טייגעכץ אויך... און אז רב הערש האט זיך אויסגעהוסט און איז געגאנגען מיט זיינע מקורבים צו זיך אויף קדוש, האט ישראל דער שמש פערבעטען צו זיך אויף קדוש זיין איין-און-איינציגען גוטען פריינד, זיין

בעל־סוד, ירחמיאל־משה, דעם מלמד, האָט איהם מכבד געוועזן מיט אַ גלעזיל ווײַן פונ'ם אמת'ן ראָזענקעס־ווײַן, און סימע האָט זיך אויסגעפּײַנט פאַר איהם מיט אַזעלכע מינים חרעמזליך, וואָס ס'איז שווער געוועזן צו זאָגען אַ מבינות, וואָס ליגט אין זײ: צי מעהר האָניג, צי מעהר שמאַלץ, מחמת זײ זענען געווען אי געגוג זיס אי גענוג פעט, זײ האָבען זיך אַזש געקלעפּט צום גומען און די שמאַלץ האָט געראָנען איבער דער באָרד. ירחמיאל־משה, וואָס האָט געהאַט אַ טבע פון שווײַגען און זיפצען, אַז ער האָט גענומען דאָס ערשטע גלעזיל ווײַן פונ'ם אמת'ן ראָזענקעס־ווײַן, האָט זיך איהם שוין אָנגעהויבען דרעהען דער קאָפּ און די צונג האָט זיך בײַ איהם אויפגעבונדען, און ער איז מיט אַמאָל געוואָרען בערעדעוודיג, האָט פערדערט בנימינ'ען צי ער געדענקט נאָך דעם חומש מיט רש"י וואָס ער האָט אַמאָל געלערענט מיט איהם אין חדר.

בנימין האָט געדענקט אי דעם חומש אי די רש"י, און ישראל דעם שמש הארץ איז שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען פאַר תענוג.

— וואָס זאָגט איהר אויף איהם? האָט ער זיך אָנגערופען צום מלמד שוין אויף יענער זײַט טיהר.

— אַ כלי שלימה! — מאַכט צו איהם ירחמיאל משה, נעמט צונויף די ליפּען און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— אָבער אַ ייד האַ? — זאָגט צו איהם ווײַטער דער שמש און קוקט איהם אין די אויגען אַרײַן.

— מיט גאָטס הילף! — מאַכט ירחמיאל־משה.

— אַיאָ, אַ „ווײגרישנע בילעט“, האַ?

דערויף טהוט ירחמיאל־משה אַ מאַך מיט'ן קאָפּ, מיט די אויגען און מיט די הענד, ער מאַכט אַזאַ מינע, וואָס ס'איז שוועהר צו פערשטעהן, וואָס ער מיינט; מע קאָן רעכענען אי אַזוי אי אַזוי, יאָ אַ ווײגרישנע בילעט און ניט קײַן ווײגרישנע בילעט, וואָס ווייסט אַ מענש?...

— אַ גוטען יום־טוב! — זאָגט ער און קושט נאָך אַמאָל די מזוזה — גאָט זאָל העלפען, דערלעבען איבער אַ יאָהר און מע זאָל זײַן געזונד און מע זאָל געהן איינער צום אַנדערען אויף שמחות, אין גיכען אויף אַ חתונה בײַ אײַערע טעכטער, און נאָך דעם אם ירצה־השם בײַ אײַער זוהן, און יודען זאָלען אויסגעלייזט ווערען פון אַלע צרות, און מע זאָל הערען בשורות טובות ישועות ונחמות אויפ'ן כלל יודען, וואָרום שוין צײַט גאָט זאָל עפּיס רחמנות האָבען, יודען זאָלען עפּיס אויפגערעכט ווערען, און ס'זאָל זיך פערבעסערען אין די

פרנסות, און ס'זאל גלאט עפיס ווערען גוט אויף דער וועלט און פריילעך אויפ'ן הארצען און ס'זאל זיין... עס זאל ווערען... ס'זאל... ס'זאל... ס'זאל...

ירחמיאל=משה דער מלמד ווייסט שוין אליין ניט וואס ס'זאל זיין און וואס ס'זאל ווערען. ער האט שוין דאכט זיך, אויסגעשאטען אלסדינג וואס ער האט געהאט, איז ער געבליבען שטעהן ניט אהין ניט אהער, ווי אזוי געהט מען אוועק גלאט אזוי, אין מיטען דרינען אהן א זיי=געזונד? א גליק וואס ער האט זיך דערמאנט.

— און ס'זאל... קומען משיח!

— אמן! האט איהם געענטפערט ישראל דער שמש און אין הארצען ביי זיך האט ער געטראכט: לאז פריהער מיין בנימין ענדיגען דאקטאר און נאך דעם לאז קומען משיח...

ד.

ווי לעבעדיג און ווי פריילעך עס איז געוועזען ביי ישראל דעם שמש אין שטוב בשעת בנימין איז אנגעקומען, אזוי איז דארטען געוועזען אומעטיג און טרויעריג ביי זיין אוועקפאהרען צוריק אין דער גרויסער שטאדט אריין. וויינען האט קיינער נישט געוויינט, נאר ס'איז גלאט געוועזען איטליכען בעזונדער אנגעזאלעט אויפ'ן הארצען, ווי צו א לויה חלילה. סימע האט זיך אפילו א פאר מאל יא א נעם געטהון צום פארטוך, האט ישראל, וואס אלע אין שטוב האבען געציטערט פאר איהם און געהאט דרך=ארץ, געגעבען אויף איהר אזא קוק, אז זי האט פערשטאנען אז מע דארף נישט וויינען. ישראל האט געוואלט ס'זאל דוקא זיין פריילעך, האט ער פריהער בעווארענט, אנגעזאגט דעם ווייב און אלע דריי טעכטער, אז קיינער זאל זיך ניט דערוועגען לאזען א טרעהר; נאר אז בנימין האט זיך אנגעהויבען קושען און ס'איז געקומען צו דער מאמען, האט סימע ארויסגעלאזט עפיס א מאדנעם קוויטש פונ'ם האלז און איז פערשטארבען געווארען אויף בנימינ'ס האלז, דעמאלט האבען זיך אלע דריי שוועסטער גענומען שנייצען די נעזער, מחמת זיי האבען דערפיהלט, אז ביי זיי אויף די ברעמען טאנצען טרעהרען און אין האלז איז ביי זיי געווארען מיט אמאל שרעקליך איינג... נאר איין ישראל, האט זיך געהאלטען ווי א מענש; ער האט ניט אויפגעהערט צו לאכען פון דער „ווייבעריי" מיט זייערע „וואלוועלע טרעהרען", האטש אליין האט ער געפיהלט ווי טויזענד קעץ גראבלען איהם מיט די נעגיל ביי דער נשמה און ס'איז איהם אנגעגאנגען א מינוט ער זאל

זיך צווייַנען. נאָר אַ מאַנסביל איז פֿאָרט אַ מאַנסביל; ער האָט זיך מישב געווען און האָט גאָר אָנגעהויבען ווערטלען זיך, חאָטש עס האָט זיך ניט געקלעבט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, און אַרומטאַנצען הין און צוריק, ווי אַ משוגע׳נער גע־האַלפּען בנימין׳ען זיך אָנטון, געמאַכט חוזק פֿון די זילבערנע קנעפּ מיט דער פּאַדקע וואָס פֿון הינטען, און סוף כל סוף, נאָך אַלע ווערטלעך זאָגען מיט׳ן אַרומטאַנצען, האָט ער אויסגעזעהען ווי אַ מענש וואָס האַלט ביי אַרויס־רייסען זיך אַ צאָהן.

נאָך איין נשמה איז געווען פֿערצאָרענט און שטאַרק טרויעריג פֿון בנימין׳ס אַוועקפֿאָהרען, חאָטש יענע נשמה האָט זיך אָנגעקעהרט מיט איהם אַ ווילד פֿרעמדע. דאָס איז געווען פֿיינע־לאה דער שכנה׳ס טעכטעריל מינצי מיט די שוואַרצע אייגעליך, מיט׳ן געדיכטען שוואַרצען צאָפּ און מיט׳ן רויטען סטיינגעלע... וואָס פֿאַר אַ מחותנת׳טע איז דאָ געווען מינצי? וואָס האָט זיך אָנגעקעהרט מיט איהר בנימין, וואָס זי איז אַרויסגעגאַנגען איהם בעגלייטען אַזש אין דרויסען אַרויס, געשטאַנען צונויפֿגעלייגט די הענד אויפֿ׳ן האַרצען און גע־זיפֿצט? און וואָס האָט בעדייט דאָס קוקען, וואָס זיי האָבען זיך ביידע אַזוי געקוקט אין די אויגען אַריין? ווען האָבען זיי צייט געהאַט צו בעקענען זיך, אַז אַ גאַנץ פּסח איז בנימין געווען אין געפֿענגעניש ביי זיינע דריי שוועסטער, וואָס האָבען איהם נישט אָבגעלאָזט אויף קיין מינוט? נאָר אויך די אייגענע מעשה, ווער קען דאָס ערוב זיין פֿאַר אַ בחור מיט אַ מיידיל, אַז זיי זיצען אָב אַ פּאָר וואָכען אונטער איין דאַך און עס ציהט זיי איינס צו דאָס אַנדערע ווי אַ מאַגנעט? אפשר האָבען זיי זיך דורכגעוואָרפֿען מיט אַ פּאָר ווערטער און זיך נאָך אַ קוועטש געטהון די האַנד אויך — ווער קאָן דאָס וויסען?... אפשר האָבען זיי זיך בעגעגענט פֿאַר־נאַכטליך אין הויז ערגיץ אין אַ ווינקעלע און האָבען זיך אין דער פֿינסטער שטילערהייד צוקושט — איך וויים? למאַי זאָל איך זאָגען אַזעלכעס וואָס איך האָב נישט געזעהען מיט די אויגען?... אַ קונץ נעמען און אויסטראַכטען פֿונ׳ם קאָפּ גלאַט אַ בבא־מעשה? מילא בנימין — גאָר נישט; ער וועט זיך אַוועקפֿאָהרען צוריק אין דער גימנאַזיע און וועט פֿערגעסען דעם ווייַ־געזונד; אָבער מינצי?! מינצי איז אַ מיידיל צו לייטען און אַ שען מיידיל דערצו! זי בעדאַרף חתונה האָבען, איהר קאָן דאָס חלילה שאַדען צום שדוך!... אודאי וואָלט געווען אַ גרויסער יושר דער ראָמאַן זאָל זיך נישט ענדיגען אַזוי גיך, אַז די ליעבע צווישען זיי זאָל ברענען ווי אַ העליש פֿייער, אַז עס זאָל געהן הין און צוריק פֿלאַמפֿייעריגע בריוולעך, אַז בנימין זאָל ענדיגען דאָקטאָר און קומען און פֿאַלען מינצי׳ן צו די פֿיס; אָדער לאָז ער

נישט װאַרטען ביז ער װעט אַמאָל ענדיגען דאָקטאָר און באַלד אַרױסגנב'נען מינצי'ן דורכ'ן פֿענסטער און אַנטלױפֿען מיט איהר קײן פּאַריז, אַהין װאו עס לױפֿען אַלע העלדען פֿון אונזערע יודישע נאַטירליכע „העכסט אינטערעסאַנטע“ ראָמאַנען... אײ װאָס װעלען זײ טהון אין פּאַריז? זײ װעלען דאָך דאָרט פּגר'ען פֿאַר הונגער! אַ דאגה מיר, אודאי דאַרף איך געהן פֿערזאָרגען דעם תכלית פֿון ישראל דעם שמש זוהן מיט פֿײגה־לאה דער אלמנה'ס טאָכטער! װאָס איז? איך קאָן ניט בעשטעהן אַז בנימין אָדער מינצי זאָל פּלוצים בעקומען עפּיס אַ צעהן מיליאָנשטיקליך ירושה פֿון אַ רײַכען פֿעטער, װאָס איז געװען פֿריהער אַ באַנדיט און נאָכדעם אַ באַראָן, װי אין אַלע „העכסט־אינטערעסאַנטע“ ראָמאַנען? צי איך קאָן ניט אױספֿיהרען, אַז בנימין אַלײן זאָל געפֿעלען װערען אין פּאַריז און זאָל װערען פּרעזידענט? אָדער אין מינצי'ן זאָל זיך פֿערליעבען אַ פּרינץ? (װאָס מאַכט אײַך אױס װאָסער פּרינץ? קאַרג פּרינצען פֿאַרהאַנען אױף דער װעלט — טאַטעניו!) און זי זאָל פֿערלײקענען פֿאַר איהם, אַז זי איז אַ כלה פֿאַר'ן פּרעזידענט, דאָס הײסט פֿאַר בנימין'ען, און ער, דער פּרינץ הײסט דאָס, זאָל זי אָבגילטען פֿון קאָפּ ביז פֿיס און אַז עס קומט צו דער חופּה, װאַקסט אױס בנימין, געװײנטליך פֿערמאַסקירט, מיט נאָך צװײ באַנדיטען און גנב'ט אַװעק די כלה פֿון אונטער דער חופּה און אַנטלױפֿען מיט איהר קײן לאָנדאָן — און געה לאָד מיך! יענער, דער פּרינץ, איז אָבער אױך נישט קײן פּראָמאַך, יאָגט ער זײ נאָך מיט אַ געזונדען פּאָלק זשאַנדאַרמען און װיל זײ חאַפּען, װאַרפֿט אַראָב בנימין די מאַסקע, מע טהוט אַ קוק — שאַ, ס'איז גאָר דער פּרעזידענט פֿון פֿראַנקרײַך! פֿאַלען זײ אין אונמאַכט, און מע טהוט פֿאַר איהם קניהען און בוקען, און מע פֿיהרט איהם מיט גרױס פּאַראַד קײן פּאַריז אין אײנעם מיט מינצי'ן, און פֿון דאָרטען פֿאָהרען זײ גלײַך אַהײם אָנגעשטופּט מיט גאָלד און מיט בריליאַנטען, און קומען אָן פּונקט אין דער צײַט, װען ישראל ליגט פֿאַר צרות און פֿאַר הונגער טױדט קראַנק, סימע איז שױן לאַנג געשטאָרבען (סע שפּיעלט אַ גרױסע ראָלע טאָמער שטאַרבט אַ יודענע אין אַ ראָמאַן!) אַלע דרײַ שװעסטער פּעסיל און סאָסיל און ברכ'צי שטעהען אױף די קניהעס בײַ'ם טאַטענס בעט און גיסען מיט טרעהרען, און פֿײגה־לאה די אלמנה ברעכט די הענד און בעװײנט איהר מינצען מיט זודיגע טרעהרען.

— שױן באַלד אַ יאָהר — רופֿט זיך אָן צו איהר ישראל מיט זעהר אַ שװאַכער שטימע — שױן באַלד אַ יאָהר זינט אונזערע ליעבע קינדער זענען פֿערשװאונדען געװאָרען און מיר הערען נישט אױף צו װײנען. מײַן סימע נעביך

איז געשטאָרבען. איך שטאַרב אַוועק און לאָז איבער מיינע דריי טעכטער ווי אויפ'ן וואַסער.

— וואָס וועט זיין פון זיי? געוואַלד, גאַטעניו, וואָס שווייגסט דו?!

פּלוצים עפענט זיך די טהיר און עם פאַלען אַריין אין שטוב אַריין בנימין דער פּרעזידענט פון פראַנקרייך און מיינע די פּרינצעסין פון לאָנדאָן, אָנגעטהון בגדי-מלכות.

— ליעבער פאָטער!

— ליעבע מוטער!

— ליעבער ברודער!

— ליעבע שוועסטער!

— טהייערע טאָכטער!

— וואו זענט איהר געוועזען אַזוי לאַנג?

— אין פּאַריזש און אין לאָנדאָן.

— וואָס איז ביי אייך דאָרטען אין די זעק און אין די טשעמאָדאַנקעס?

— גאָלד! סאַמע אימפּעריאַלען! דאָס האָבען מיר אייך געבראַכט אַ מתנה — יאָ, איהר ווייסט, אַז אונז קומט מזל-טוב?

— וואָס איז דען?

— מיר זענען דאָך חתן-כלה!

— אויב אַזוי קומט דאָך אונז אַלעמען מזל-טוב!

— מזל-טוב! מזל-טוב! מזל-טוב!!! — — — — — — —

אַזוי וואָלט איך געטהון ווען איך זאָל שרייבען אַ נאַטירליכען „העכסט-אינטערעסאַנטען ראָמאַן“. נאָר איך דערצעהל גלאַט אַ מעשה פון אַן אָרים בחור וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט נישט קיין פּאַריזש און ניט קיין לאָנדאָן, נאָר גלאַט אַזוי אין אַ גרויסער שטאָדט אַריין זיך לערנען, האָבען מיר נישט בייטיג אויסצוטראַכטען פונ'ם קאָפּ נסים ונפלאות וואָס ניט געשטויגען נישט געפלויגען, און דערצעהלען בעסער די מעשה וואָס איז געוועזען.

ה.

דריי יאָהר זענען איבערגעגאַנגען פון יענעם גליקליכען פסח, וואָס מיר האָבען בעשריבען. אַ סך וואַסערען זענען אָבגעלאָפען, אַ סך צרות זענען אויסגעשטאַנען — ישראל דער שמש דאָ און זיין זוהן בנימין דאָרטען; אַ סך געכט איז ניט געשלאָפען ישראל דער שמש דאָ און בנימין זיין זוהן דאָרטען;

ישׂראל דער שמש איז ניט געשלאָפען קיין נעכט, ווייל ער האָט איבערגעטראַכט און געהאַט יסורים פון זיין בנימינ'ען וואָס ער האָרעוועט נעבּיך אַזוי שטאַרק, און בנימין איז ניט געשלאָפען קיין נעכט, ווייל ער האָט זיך געגרייט צום עקזאַמען.

„גאָט זאָל מיר העלפען איך זאָל שוין אַריבּערשפּרינגען דעם עקזאַמען— אַזוי האָט בנימין געשריבּען אַהיים—וועל איך דעמאָלט קומען צופאָהרען צו אייך, מיינע „ליבּע און געטריי‏ע, אויף אַ גאַנצען זומער זיך אויסרוהען, די בּיינער!..."

און ישׂראל דער שמש האָט אַרויסגעקוקט אויף דער גוטער בּשורה פונ'ם „אַקזאַמענט" ווי מען קוקט אַרויס אויף משיח'ן. איהם האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז בנימין קומט צו פאָהרען אַ פאַרטיגער דאָקטער, אַ גרויסער דאָקטער; די גאַנצע שטאָדט לויפט זיך צונויף אָנקוקען „ישׂראל דעם שמש דאָקטאָר"; מע שלאָגט איהם אָב די טהירען, דער מיט אַזאַ בקשה און דער מיט אַזאַ בקשה; איטליכער זוכט זיך אַ צד; אפילו העניזיל דער איינבּינדער, אַ שלים מזל מיט אַ קרום=פּיסיל, אַז ער געהט שפּרינגט ער אונטער, איז אויך געקומען צו שפּרינגען.

— וואָס בּיזט דו דאָ פאַר אַ רב שמעלקע, האַ? פרעגט איהם ישׂראל.

העניזיל דער איינבינדער, געוואוינט ער הינקט אונטער אויף אַ פוס, רעדט ער נאָך שעפּיליאַווע אויך, קאָן ניט אויסרעדען קיין רי"ש.

— סמייטש יב ישׂיאל „איך בּין דאָך איייע איין אייגענעי קיוב".

— וואָס פאַר אַ קרוב בּיזט דו? — פרעגט איהם ישׂראל, האָטש ער ווייסט גאַנץ גוט אַז ער איז אַ קרוב אפילו אַ וויטליכער, נאָר פאָרט אַ קרוב.

— מיין עלטעיע פעטעי יאובן און איייע פינעם מומע ייזיל זענען געווען אייגענע שוועסטעי און בּידעי.

— אודאי' קעדרסט דו זיך אָן מיט מיין זוהן אַ קנעפּיל! — זאָגט צו איהם ישׂראל; נאָר העניזיל דער איינבינדער מאַכט אַזאַ קרום פּנים, אַז ער האָט אויף איהם רחמנות און לאָזט איהם צו.

— נו? — פרעגט איהם ישׂראל בּיים אַרויסגעהן פון בנימין'ען — וואָס הערט זיך, שלים מזל?

— הונדיעט און צוואַנציג יאָהי זאָלט איהי לעבען! — ענטפערט איהם העניזיל, האַלט אַ זשמעגע מיט נאָלד, שפּרינגט אויפ'ן פּיסיל און דאָס פּנים פלאַמט איהם און שוויצט אַזש.

— די משפחה דיינע! — זאגט ישראל צו סימען מיט א שטאך, און בעווייזט איהר מיט די אויגען אויפ'ן שלים־מזל העניזיל דעם איינבינדער.

— נעביך א גרויסער אביון, פערענטפערט איהם סימע.

— דעריבער איז וואס? קארג אריכע לייט פאראן אין שטאדט? —... אזוי זאגט ישראל, נאר מיינען מיינט ער עפיס אנדערש; ער האט מורא אז מע וועט אזוי שלעפען ביי זיין זוהן כסדר, וועט מען איהם מאכען פאר א קבצן.

— גענוג! זאגט ישראל און שליסט צו די טהיר — גענוג איך שוין צו געהן אויף־און־אב! לאזט איהם אברוהען זיך חאטש אביסיל פונ'ם וועג!...

ישראל דער שמש איז אין זיינע לופטיגע גילדענע מחשבות פער־גאנגען אזוי וויט, אז ער האט אנגעהויבען מאנקירען מיט דער שטעלע; ס'איז איהם נמאס געווארען דאס שמשות, זיין איטליכען א משרת, אויסשטעהן יעדענס קאפריז, טראגען אויפ'ן קאפ איטליכענס יאהרצייט, חנפה'נען איטליכען בעזונדער, יוצא זיין פאר קיין עין־הרע אזא עולם מיט יודען, וואס אלע ווילען דוקא דעם אויבען אן איין מזרח, אלע ווילען דוקא שישי; אלע ווילען דוקא דעם ערשטען פסוק פון אתה־הראית; און אז די גבאים צווי־שען זיך קריגען זיך, איז ווער דאס כפרה־הינדיל? דער שמש! אז צווי נגידית'טעס אין שול צושפערען זיך איבער'ן אתרוג וואס מע האט צו איינער געשיקט פריהער ווי צו דער אנדערער, איז וועמען פליהט דעמאלט אין טאטען אריין? — דעם שמש! ווער הארעוועט מעהר פון אלע? ווער קומט אהיים שבת און יום טוב שפעטער פון אלעמען? ווער זעצט זיך צום טיש דעמאלט ווען אלע שלאפען שוין? אליך דער שמש — אז אך און וועה איז איהם! און טאמער ווייסט איהר וואס האט ער דער־פון, מיט עגמת נפש, מיינע שונאים, מיט בזיונות, מיט גריזאטע, אז קיין שכירות נעמט ער ניט, בלייבט נור די הכנסה, דאס וואס עס מאכט; איז ווי באלד עס מאכט זיך מאכט דאס, און אז עס מאכט זיך ניט, מאכט דאס מכות...

— ישראל! וועסט מוחל זיין א לויף טהון צו מיר אהיים — אזוי האט איהם אין יענע צייט א זאי געטהון איין מאל רב הערש דער נגיד און האט זיך בשעת מעשה נעגלעט דאס בייכיל און געגעבען אלע מאל א צווייענ־דיג הוסטיל — טהו א שפרונג אויף איין פוס צו מיר אהיים זיי מוחל און הם... הם... זאג מיין שרה'ן, אז ביי מיר אונטערען קישען הם... הם...

האב איך איבערגעלאזט די שליסעליך; טאמער וועט זי זיי זוכען, זאל זי וויסען המ... המ... וואו זיי צו זוכען.

ישראל דער שמש איז געוואהנט געווארען שטעהן פאר רב הערש דעם נגיד ווי א סאלדאט פאר א גענעראל, און איידער ער לאזט ארויס דאס ווארט „געה" לויפט ער שוין; נאר איצטיגס מאל האט זיך ישראל עפיס נישט אזוי געחאפט און האט געמורקעט אונטער דער נאז.

— שליעסליך... טאטענס משרת... לאז מען געהן אז מע דארף... אבי טרייבען יענעם ווי א הונד...

— וואס מורקעסט דו? — פרעגט איהם רב הערש דער נגיד, וואס איז נית געוואהנט געווארען צו אזעלכע זאכען.

— ווער מורקעט ווער? איך מורקע דען? גלאט איך זאג, לאז מען געהן אז מע דארף דאס הייסט איך געה, אטא געה איך... אטא...

ישראל לאזט זיך לויפען מכח די שליעסליך און שעלט בשעת מעשה רב הערש דעם נגיד מיט אלע נגידים זיי זאלען געהן כף-הקלע. לאז נור גאט העלפען זומער, אז ס'וועט קומען צופאהרען זיין זוהן, — שלאגט ער מיט זיי אלעמען כפרות!..

ו.

נאט האט געהאלפען דער זומער איז געקומען, נאר בנימין איז נישט געקומען. און בריעף האט ער אויך אנגעהויבען שיקען נישט אזוי אפט ווי פריהער, און די בריעף אליין זענען עפיס אויך געווארען וואס ווייטער אלץ קורצער און אומעטיגער. ער האט נור מודיע געווען אז דעמאלט און דעמאלט בעדארף זיין ביי איהם אזא און אזא עקזאמען.

„דער דאזיגער עקזאמען — אזוי האט געשריבען בנימין אין זיין לעצטען
„בריעף, דאס איז ביי מיר דער יום-הדין, ווארום טאמער פעהלט מיר חס ושלום
„איין צעכצעהנטעל וועל איך נישט קענען אריין, און אז איך וועל נית אריין
„איצט, וועל איך מוזען בלייבען אויף איבער איאהר, און ווער ווייסט וואס וועט
„זיין איבער איאהר, טאמער איז איבער איאהר נאך ערגער? וואס זשע וועל
„איך דעמאלט טהון? וואס וועט זיין ווייטער? אויף וואס האב איך בעדארפט
„אזוי פיעל הארעווען, פערשווארצט ווערען? אזוי פיעל לערנען, חזר'ן אויף
„אויסווייניג, הונגערען גאנצע טעג, נית שלאפען קיין נעכט און פריהרען ווי
„א הונד? נישט איך אליין פרעג די דאזיגע קשיא, עס זענען דא נאך א סך

„אַזעלכע וואָס זענען פערבליבען נאָך פון פאַר אַיאָהרען און קאָנען נישט „אַריין, ווייל סע פעהלט זיי צו דער נאָרמע, און אָט שפּרינגט אונטער דער „פּריזיוו, און אויפ'ן עקזאַמען שניידט מען, — ס'איז שלעכט!.. ביטער און „פינסטער!..“

ישראל דער שמש איז אַרומגעגאַנגען אָהן אַ קאָפּ; ער האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, פאַר וואָס זענען עפּיס בנימינ'ס בריוועלעך געוואָרען מיט אַמאָל אַזוי אומעטיג? ער האָט געבעטען ירחמיאל משה, דעם מלמד ער זאָל שרייבען בנימינ'ען, וואָס איז דאָס פאַר נאָרמעס, און וואָס הייסט עס פעהלט אַ זעכצעהנטעל? מע מעסט דען ביים עקזאַמען אויך מיט אַ מאָס אַזוי ווי ביים פּריזיוו? און וואָס הייסט מע שניידט ביים עקזאַמען? ווער שניידט? פאַר וואָס שניידט מען? הכלל ער זאָל איהם אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות און זאָל נאָר ניט זאָרגען, ער זאָל זיך פערלאָזען אויף דעם וואָס לעבט אייביג, ער קאָן אַליץ, און דער עיקר ער זאָל זיין אַ יוד וועט אַלסדינג אם ירצה השם זיין גוט...“

אויף דעם דאָזיגען בריעף און אויף אַלע איבעריגע בריעף האָט שוין אָבער ישראל דער שמש מעהר קיין ענטפער נישט בעקומען. ישראל איז נישט געוואָהנט געוואָרען אַז פון בנימינ'ען זאָל אַזאַ צייט קיין בריעף ניט זיין; ער האָט אַזוי לאַנג איהם געשריבען און געשריבען, ביז ער האָט אויפגעהערט צו שרייבען ;ס'איז איהם געוועזען אַ בזיון פאַר ירחמיאל משה, דעם מלמד...

— וואָס קאָן עס זיין וואָס ס'איז ניטאָ קיין בריעף אַזוי לאַנג? — פרעגט סימע ביי ישראל'ן און בעקומט פון איהם אַ פּסק ווי געוויינטליך.

— כשר'ה בהמה! ער האָט מעהר ניט וואָס צו טהון, נאָר שרייבען בריוועליך? וואַרט אויס אַביסעל, לאָז ער אָבגעבען דעם „אַקזאַמענט“ וועט ער דיר דעמאָלט שרייבען!...

בעקומען איהרס, טריט סימע אָב, ווי אַ הונד בשעת ער חנפה'ט זיך צו צום בעל הבית, דרעהט מיט'ן ווייד'ל און בעקומט אַ „פּשאָל-וואָן!..“

ישראל איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ געשוואָלען האַרץ און מיט אַ שווערער געמיטה, ער האָט זיך גאָר קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. וואָס זיין קאָפּ האָט איבערגעקלערט אין דער צייט — זאָל קיין פאָטער נישט וויסען, און די חלומות וואָס ער האָט געזעהען ביינאַכט זענען געווען מורא'דיגע, שרעקליכע חלומות. איין מאָל חלומט זיך איהם אַז ער פאָהרט צו גאַסט צו זיין זוהן אינ'איינעם מיט סימען. געפאָהרען-געפאָהרען, איבער בערג, איבער טאָהלען, וואַלד אַיין וואַלד אויס, געקומען צופאָהרען צו אַ גרויסען פּאַלאַץ, פרעגט ער: „דאָ זיצט ריטעלמאַן דער דאָקטאָר?“ זאָגט מען: „זיצען זיצט

ער דאָ, נאָר מע קאָן איהם ניט זעהען", פרעגט ער „פאַר וואָס"? זאָגט מען איהם: „דער פאַר ווייל מע לאָזט קיינעם ניט צו." רופט זיך אָב ישׂראל: „געהט זאָגט איהם, זייט מוחל, אַז דער טאַטע איז געקומען". „און די מאַמע"— רופט זיך אָן סימע, „אַט האָסט דו דיר ס'קאָצעל קומט, זי איז אויך דאָ אין מיטען!" — זאָגט צו איהר ישׂראל, און אַזוי ווי זיי רעדען דערזעהט ער פון דער ווייטען אַ „ידנעראַל מיט פאַליעטען"; ער וואָלט געמעגט שווערען, אַז ס'איז בנימין. ישׂראל לאָזט זיך געהן און סימע נאָך איהם, נאָר וויפיעל זיי געהען, קאָנען זיי צו איהם ניט גרייכען. „ביכער אַביסעל! זעה נאָר ווי זי שלעפט זיך? נו, ריהר זיך! ריהר זיך!— שרייט ער צו סימען, און ביידע לאָזען זיי זיך לויפען, לויפען מיט אַלע כחות, און ישׂראל הערט ניט אויף צו שרייען אויף סימען: „ביכער! גיכער! שלעפט זיך ווי אַ טשערעפאַחע! סימע, פערברענט זאָלסט דו ניט ווערען!!..."

— גאָט איז מיט דיר, וואָס שרייסט דו? — זאָגט צו איהם סימע און טאָרעט איהם פונ'ם שלאָף. ישׂראל חאַפּט זיך אויף, שטעלט אויס אַ פּאָר אויגען, שפּייט אויס דריי מאָל, קעהרט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט, ווערט אַנשלאָפען און זעהט אַ נייעם חלום, נאָך אַנ'ערגערען ווי פריהער: אַ שוואַרצע חופּה... שוואַרצע ליכט... אַ שוואַרצע מטה... עמיצער שטעהט מיט אַני־אָבצווייגנגע און וויל איהם אַרויסרייסען אַ צאָהן, לאָזט ער זיך ניט, באָרעט זיך, דערהערט ער בנימינס קול:

— טאַטע... טאַטע... ס'איז פון דיין טובה, וועגען...

. . . .

ז.

פון לעמעל דעם סטאַראָסטע האָט איהר געהערט אַמאָל? צי איהר הערט דאָס ערשטע מאָל לעמעלס נאָמען? ווי קומט דאָס? ער איז דאָך אַ יוד וואָס דאַרף אַ שם אומעדום. אַ חוץ וואָס ער איז אַ סטאַראָסטע אין אופּראַווע און אַ קאָכלעפעל און פיהרט דאָס גאַנצע שטעדטיל ביי דער נאָז, איז ער אַ גאַנצער מאַכער דאָרט אין דער „גובערניע", אויסגעבונדען מיט אַלע גרעסטע. אַז ער קומט צופאָהרען אין דער גובערניע, זאָגט ער, ווייסט ער ניט וואוהין ער זאָל געהן פריהער; איטליכער, זאָגט ער, שלעפּט איהם צו זיך: „פאַני לעמעל! גאָספּאָדין לעמעל! רב לעמעל!" סע טהוט זיך! אַלע מאָל ווען ער קומט צו פאָהרען פון דער „גובערניע" מוז ער ברענגען עפּיס אַ נייס, וואָס

זאל זיין נאכדעם אויף הריי חדשים צו רעדען: א גרויסען אנזעץ פון דריי מאל הונדערט טויזענד, א מורא׳דיגע שרפה, וואס פינף און זיבעציג נפשות זענען פערברענט געווארען, אדער א שרעקליכע הריגה אין מיטען שטאדט, וואס די האר שטעלען זיך קאפויר. און האטש ביי לעמלען זענען די אנזעצען א ביסעל צו אפט, די שרפות מיט די הריגות כמעט אלע וואך, פון דעסטוועגען איז קיינעם ביז אהער נישט איינגעפאלען ער זאל זיך אנידערשטעלען הערויף; אויף קיין מעשה פרעגט מען קיין קשיה ניט, למאי די גאזעטען? די גאזעטען מעגען? איהר דארפט נאך געדענקען מן הסתם די שרעקליכע מעשה, וואס איז געוועזען בעשריבען אנימעלטען אויף אלע גאזעטען. פערלאפען האט זיך דאס אין ביאליסטאק, אין ריגא אדער אין זיטאמיר, איך געדענק שוין ניט אקוראט. אזוי איז געוועזען די מעשה: איין מאל איז געזעסען א פרוי מיט א זויגעדיג קינד אויף די הענד, פלוצים צעוויינט זיך דאס קינד, וויל די פרוי דעם קינד געבען זויגען און צושפיליעט זיך, שפרינגט ארויף א שלאנג צו איהר אויפ׳ן שוים און האפט די ברוסט אין מויל אריין און לאזט ניט ארויס שוין באלד דריי מעת־לעת. אלע דאקטוירים מיט די גרעסטע פראפעסארען קומען צופאהרען און פאהרען אוועק, זיי ווייסען ניט וואס צו טהון: אפרייסען די שלאנג מיט גוואלד האבען זיי מורא, טאמער לאזט זי דעם גיפט, איז די פרוי א פערפאלענע; לאזען זי זאל זויגען, וועט זי פון איהר ארויסציהען דאס דם־התמצית! וואס דער סוף וועט זיין, וועלען מיר מסתמא מודיע זיין אונזערע לעזער... אזוי לאזען אויס די גאזעטען, און שוין מעהר אז דריי יאהר שרייבען מיר אויס און לייענען די גאזעטען און ווייסען נישט עד היום דעם סוף פון דער שרעקליכער מעשה און וואס מאכט די אומגליקליכע פרוי נעבעך? רעכענען אז די שלאנג זויגט נאך, — איז עפים נישט צו גלויבען, עס קומט אויס אביסעל חוץ לדרך הטבע; און ווידער אז די פרוי זאל האבען געשטארבען, װאלטען דאך די גאזעטען געשריבען. לכן מוזען מיר אנקומען דערצו, אז ס׳איז גישט קיין פרוי, נישט קיין ברוסט און נישט קיין שלאנג וואס דען איז דאס? א פנים א ליגען!

אדער נישט לאנג האבען מיר געלייענט אויף די גאזעטען אזא מעשה: אין א קליין שטעדטיל (דאכט זיך אין באברויסק) איז געוועזען א יודישע חתונה. די כלי־זמר האבען געשפיעלט. די מחותנים האבען געטאנצט. די סארווערט מיט די סארוועדקעס זענען ארומגעלאפען פערטארעראמעט, ווי געוויינליך א חתונה. פלוצים זאגט די כלה ס׳איז איהר נישט גוט און לייגט זיך צו אויף א ווייליעטשקע. און אזוי ווי זי האט זיך צוגעלייגט אזוי איז זי אנשלאפען גע־

וואָרען. די כלי-זמר שפּיעלען, די מחותּנים טאַנצען, די סאַרוועֶרס מיט די סאַרוועֶרקעס לויפען אַרום פערטאַרעראַמט — די כלה שלאָפט. מע האָט שוין אָבגעשפּיעלט, אָבגעטאַנצט, אָבגעגעסען די גילדענע-יוך — די כלה שלאָפט. דער עולם איז זיך צוגאַנגען אַהיים, מע פערלעשט די ליכט — די כלה שלאָפט. מע שטעהט אויף אין דער פריה — די כלה שלאָפט. מע לייגט זיך שלאָפען — די כלה שלאָפט. מע שטעהט אויף — די כלה שלאָפט. הקצור, ס'איז שוין דריי וואָכען נאָך דער חתונה — און די כלה שלאָפט! „וואָס מיט איהר איז געשעהען ווֶעלען מיר מסתמא באַלד געבען צו וויסען אונזערע לעזער"... ס'פערשטעהט זיך שוין דאָס אַנדערע יאָהר אַז מיר שרייבען אויס נור דאָס דאָזיגע בלאַט, מיר האָבען מורא טאָמער חאַפּט זיך אויף די כלה און מיר ווֶעלען אַפילו ניט וויסען ווער ס'האָט אונז געשליירט! — עס איז אָבער אַרויסגעוואָרפען די טרחה; אַלע טאָג, אַז עס קומט אָן דאָס בלאַט, איז דאָס ערשטע פרעגט מיך מיין ווייב:

— וואָס הערט זיך מיט דער באַברויסקער כלה?

— נישטאָ גאָרניט, די משמעות אַז זי שלאָפט נאָך — אַזוי ענטפער איך מיין ווייב, און ביי זיך אין האַרצען טראַכט איך מיר: „אוי ווֶעה איך האָב מורא אויב די גאַנצע מעשה איז ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, שקר וכזב?.."

אַזוי איז מיט אונזער לעמלעֶן אויך. דער חלוק איז נאָר, וואָס די גאַזעטען אַז עס מאַכט זיך, זיי האַקען אַריין אַמאָל אַ ליגען טהוען זיי דאָס מיט אַ מיין, זיי מיינען געלד; און אונזער לעמעל דער סטאַראָסטע איז גלאַט אַ שקרן און אַ פלאַפּלער. היינט שטעלט זיך פאָר, וואָס פאַר אַ יום טוב ס'איז געוועֶן פאַר אונזער סטאַראָסטע, אַז ס'איז אָנגעקומען פּלוצים אין דער אופּראַווע פון דער גובערניע אַ פּאַפּיער מע זאָל אויסשליסען פינים יודישען קהל בנימין'ען דעם זוהן פון ישׂראל ריטעלמאַן, מחמת ער האָט אָנגענומען אַנ'אַנדער גלויבען...

לעמעֶל דער סטאַראָסטע, אַז ער האָט נור איבערגעלייענט דאָס פּאַפּיער, האָט ער פערגעסען אַלע געשעפטען מיט דער אופּראַווע, געחאַפּט דאָס פּאַפּיר און איז אַוועקגעלאָפען אין גאַס אַריין, זיך אַלע מאָל אָבגעשטעלט, אַיינגערוימט איטליכען בעזונדער אַ סוד אויפ'ן אויער און צופויקט איבער דער גאַנצער שטאָדט.

פאַראַן צייטען, וואָס מע קאָן זיי אָנרופען די „שטילשווייגענדיגע טעג". דער הימעל איז לויטער, קיין שפּרינקעלע, קיין ווינטעלע, שאַ, שטיל אַרום און אַרום; אַלע שלאָפען, ווי אויסגעשטאָרבען די גאַנצע שטאָדט, פּלוצים, מע ווייסט ניט פון וואַנען, עס פאַלט אַראָב אַ באָמבע און רייסט אויף

די גאנצע וועלט, אלע חאפען זיך אויף און לאזען זיך לויפען: „הא? וואס? וואו? וואס איז געשעהען?“ — עס ווערט לעבעדיג, פריילך אין שטעדטיל.

די מעשה מיט ישראל דעם שמש זוהנדיל איז געווען יענע באמבע, וואס האט אויפגעריסען דאס גאנצע שטעדטיל און אויפגעוועקט אלע יודען. איטליכער בעזונדער איז געווען אזוי צוקאכט און אויפגעטראגען פון דער מעשה, גלייך ווי ס'איז איהם נוגע אין נפש אדער אין פרנסה, גלייך ווי עס געהט איהם מעהר נישט אב, נאר דאס. א סך האבען אוועקגעווארפען געשעפט, דאס עסען אין מיטען, און ארויסגעגאנגען אין מארק „הערען וואס הערט זיך?“ ארום רב הערש דעם נגידס שטוב זענען געשטאנען גאנצע רעד־ליך מענשען, און רב הערש אליין איז געשטאנען אין חאלאט און אין דער יארמעלקע ביים גאניק פון דער שטוב, ארומגערינגעלט מיט זיינע מקורבים און מיט גלאט יודען ווילד פרעמדע, וואס חנפה'נען און לעקען איהם, טאמער וועט הערכון עפים ארויס אמאל א שטיקעל טובה, א קשיה אויף א מעשה?.. רב הערש דרשה'ט און די לעקערס פאדטאקעווען איהם:

— מסתמא! וואס דען? זיי זענען ניט גערעכט? זיי זענען זעהר גע־רעכט!

— א שמש, א פארך, א קבצן, וויל ער זיין קליגער פון דער גאנצער וועלט! — זאגט רב הערש מיט זיין צווייענדיג הוסטיל — המ... המ... א דאקטאר האט זיך איהם גאר פערוואלט מאכען פון זיין זוהנדיל! און אז ער וואלט זיין א שמש ווי דער טאטע, צי חלילה א מלמד, ווייס איך ניט וואס ס'וואלט געווען! איך וואלט א בעלן זיין הערען וואס זאגט דער שמש אונזערער אצונד? צי ער ווייסט נאך ניט פון דער בשורה המ... המ...? עפים זעהט מען איהם ניט דעם שלים־מזל, וואו קען ער זיין?

עס האבען זיך געפונען אזעלכע וואס האבען זיך ניט געפוילט געהן אין שול אריין און צום שמש אהיים — און האבען ישראל'ן נישט געקאנט געפינען אין ערגיץ.

ח.

די וואס זענען געוואהנט געווארען צו די „העכסט אינטערעסאנטע“ ראמאנען וואלטען א בעלן געווען אז ישראל דער שמש זאל זיך שלאגען קאפ אן וואנד, אדער ער זאל לויפען צום טייך זיך טרינקען, אדער ער זאל ארויף אין בית־מדרש אויפ'ן בוידעם און זיך אויפהענגען אויף די באנטענעס,

ווייב און קינדער זאלען יאמערן און קלאגען, די שטאדט זאל זיך וויגען, קאכען ווי אין א קעסעל — הכלל עס זאל דונערען און בליצען! עס קאן זיין אז איצטיגעס מאל וואלט איך זיי צוליעב געטהון. נאר וואס קען איך מאכען, אז ישראל דער שמש ווייסט נאך גאר נישט פון קיין פותר און פון קיין חלום? דעמאלט ווען די גאנצע שטאדט האט זיך ארומגעטראגען מיט'ן „פאפיר" איז גאר ישראל געזעסען ביי זיין איין-און-איינציגען גוטען פריינד און בעל-סוד ירחמיאל משה דעם מלמד. אין דער אייגענער צייט וואס איז אנגעקומען אין דער אופראווע דאס געווי̇סע „פאפיר" האט ישראל דער שמש אָפּגענומען פון דער פאסט א גאנצען פאקעט וואס איז איהם אנגעקומען פון זיין זוהן. ער האט נאך קיינמאל אזא גרויסען, אזא לאנגען בריעף נישט געהאט פון בנימין'ען — א גאנצע מגילה! דורכגעלייענט מיט גרוים מיה א פאר בלעטליך און ניט פערשטאנען כמעט איין ווארט, איז ער אוועק צו ירחמיאל משה דעם מלמד.

— ס'איז דא! — האט ישראל אויסגעשריגען נאך פון דער טהיר מיט א שמחה.

— א בריוויל פון אייער זוהן?

— נאך א מין בריוועל, אויף דריי בויגעליך פאפיר!

דערהערט דריי בויגעליך פאפיר האט דער מלמד אוועקגעלייגט שער און אייזען און די תלמידים האבען זיך דערווייל מחיה געוועזן. א קלייניגקייט מע וועט קענען שפיעלען דערווייל אין „פאטשערליך" און אין „טרעפעניש", און גלאט אזוי זיך אבגרוהען פונ'ם חומש איז אויך עפּיס ווערט! ירחמיאל משה האט אנגעטהון די בעקאנטע ברילען אויף דער נאז און האט זיך גענומען לייענען דעם בריעף בקול רם און מיט א נגון. נאר כל זמן עס האט זיך געלייענט האט זיך געלייענט; וואס ווייטער ווייטער האט ער אנגעהויבען אביסעלע זיך פאראיקען און אבשטעלען זיך, ווי מע גערט אויף שטיינער, וויל ס'איז אוועקגעגאנגען הארבע עברי, מאדנע ווערטער, אזעלכע וואס ער האט זיי אויף זיין לעבען אין ערגיץ ניט בעגעגענט. ער האט אלע מינוט צורעכט געמאכט די בריל אויף דער נאז, צוגעטראגען דאס בריוויל נעהענטער צום פענסטער, געקנייטשט מיט די פלייצעס און געקייעט די ווערטער:

— המ... המ... עפּיס מלאכים שפראך... נאציע... מאנציפאציע... פּצפּציה... לאז מיך אזוי וויסען א בייזע וועטשערע!

ישראל איז געזעסען, געזעסען אנגעשפארט דעם קאפ אויף דער האנד ביים עק טיש, געקוקט ירחמיאל משה'ן אין מויל אריין, זיך צוגע-

הערט מיט מח צו איטליכעס וואָרט, געוואָלט חאַפּען דעם רעכטען געדאַנק— און ניט געקענט בשום אופן. ער האָט ניט פערשטאַנען וואָס בעדייט דאָס, וואָס בנימין פּלוציים פערענטפערט זיך און שווערט זיך מיט שבועות אַז ער איז דער אייגענער מענש וואָס פריהער, אדרבה נאָך מיט מעהר ליעבשאַפט און נאָך מיט מעהר געטריישאַפט... ישׂראל האָט ניט געקענט פערשטעהן פאַר וואָס זאָל ער איצטער ניט זיין דער אייגענער וואָס פריהער? און וואָס בעדייט דאָס דאָזיגע וואָס ער בעט פון איהם ער זאָל איהם מוחל זיין? וואָס זאָל ער איהם מוחל זיין?... „עס האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין, שרייבט ער, ער האָט גענוג געמוטשעט זיך, ווייל ער ווייסט, זאָגט ער, גאַנץ גוט וואָס פאַר אַ וועהטאָג ער טהוט אָן זיינע עלטערן; נאָר דאָס שלאָגען זיך פון קינדווייז אָן צו דער ליכטיגקייט, דאָס רייסען זיך צום וויסענשאַפט איז ביי איהם אַזוי גרויס, אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט גובר געווען".

דאָ דערמאַנט זיך ישׂראל אינ'ם חלום וואָס האָט זיך איהם געחלומ'ט און עס טהוט איהם אַ טיאָכקע דאָס האַרץ, ווי אַ מענש וואָס דערמאַנט זיך אַז מע בעדאַרף איהם מאַכען אַן אָפּעראַציע... ער טהוט זיך אַ חאַפּ.

— וואָס? וואָס? נאָך אַ מאָל, לייענט נאָך אַ מאָל, וואָס שרייבט ער וואָס?...

ירחמיאל משה טהוט אַ ריק די ברילען אַרויף און וויל לייענען נאָך אַמאָל, פּלוציים עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין...

בתיה הינדע די רביצין, ירחמיאל משה'ס ווייב, אַ יודינע ניט אַזאַ גראָבע ווי אַ הויכע און ניט אַזאַ שענע ווי אַ געלע, מיט אַ גרויסען קאָשעק פונ'ם מאַרק. אין קאָשעק האָט זיך געפונען פון כל טוב: קאַרטאָפּלעס און ציבעלעס און צוויי שוואַרצע רעטעכער און אַ שטיקעל לונג און לעבער, וואָס זי האָט קוים אויסגעוויינט ביי שמחה לייב דעם קצב, מחמת לונג און לעבער איז אַזאַ סחורה וואָס אויף דעם איז ברוך השם פאַראַן תמיד הונדערט בעלנים; ווייבער שלאָגען זיך איבער דעם אין מאַרק ווי להבדיל אין שול די מאַנסבילען איבער „אתה הראית", — און ס'איז גאָר קיין חדוש ניט: אַז קאָסטען קאָסט דאָס וואָלוויל און קיין ביינער האָט דאָס ניט. דאָס אַז מע קאָכט מיט קאַרטאָפּלעס און מיט ציבעלעס און מיט גענוג פעפער און סע דושעט זיך גוט איין און ס'איז מאַטקע — איז דאָך עס טעם גן-עדן!..

אַריינקומען און דערזעהען דעם שמש זיצען ביי'ם טיש מיט איהר מאַן און לייענען, האָט בתיה הינדע אַ קוק געטהון אויף זיי ביידען און געוואָלט זעהען, צי דער שלים-מזל ווייסט שוין צי ניין? נאָר פון זייערע פּנים'ער האָט

זי נישט געקאנט ארויסזעהען גאר ניט, האט זי אוועקגעשטעלט דעם קאשעק און א ווינק געטהון צו איהר מאן, בשעת מעשה זיך א וויש געטהון מיט דער האנד איבער'ן פנים פון אונטען ארויף.

— חמיל משה, קום נא אהער! ? האט זי איהם א זאג געטהון. ירחמיאל משה האט זיך געשטויסען, אז בתיה הינדע וויל איהם מסתמא עפּיס זאגען, האט ער אויסגעטהון די ברילען און האט זיך ארויסגעחאפּט אויף א מינוט אין הויז ארויס און דארט, אויף יענער זייט טהיר, איז פארגעקומען צווישען מאן און ווייב שטילערהייט, אונטער פיער אויגען, אזא מין געשפּרעך:

זי: ער ווייסט שוין?

ער: ווער?

זי: דער שלים-מזל.

ער: וואסער שלים-מזל?

זי: דער שמש.

ער: פון וואס?

זי: פונ'ם זוהן.

ער: פון וואסער זוהן?

זי: פון בנימין'ען.

ער: אז וואס?

זי: די גאנצע שטאדט האט צו טהון!

ער: מיט וועמען?

זי: מיט זיין זוהן.

ער: מיט וועמענס זוהן?

זי: מיט'ן שמש זוהן.

ער: אז וואס?

זי: טפו זאלסטו דו ווערען!...

נאמ ווייסט וויפיעל דאס געשפּרעך וואלט זיך נאך געצויגען ווען דער שמש אליין זאל ניט געוועזען אונטערקומען א דערשראקענער און א פרעג טהון:

— הא? וואס? וואס דערצעהלט איהר עפּיס? וואס האט איהר עפּיס געזאגט בנימין — וואס?

בתיה הינדע האט נישט געוואוסט, וואס זאל זי טהון, ווי אזוי דרעהט מען זיך דא אויס? למאי זאל זי זיין דער שליח? א מעהר, וועט זי איהם

בעסער אָבשיקען גלייך צו לעמעל דעם סטאַרעסטע, לאָז ער זיך מיט איהם שלאָגען קאָפּ אָן וואַנד.

— גאָר נישט, וויים איך! — מאַכט בתיה הינדע און ווישט זיך דאָס פּנים מיט דער האַנד אַרויף — עפּיס אַ פּאַפּיר זאָגט מען איז אָנגעקומען מכח אייער זוהן.

— וואָסער אַ פּאַפּיר? — פרעגט ישׂראל טוידט ווי די וואַנד.

— אין דער אופּראַווע דאָרטען — זאָגט בתיה הינדע.

— וואָסער אופּראַווע?

— צום סטאַרעסטע.

— מכח וואָס?

— לעמעל הייסט דאָס.

— אַז וואָס?

— אייער בנימין הייסט דאָס.

— וואָס בנימין? בנימין? — פרעגט שוין ישׂראל מיט כעס.

— איך וויים וואָס? פרעגט מיך בחרם, זייט זיך מטריח אַהין, צו לעמלען הייסט דאָס, ער איז איצטער אין מאַרק, לעמעל הייסט דאָס מיט'ן פּאַפּיר.

„פּאַפּיר... לעמעל... אופּראַווע... בנימין... די גאַנצע שטאָדט... וואָס זאָל דאָס בעדייטען?” — טראַכט זיך ישׂראל און ער פיהלט, אַז עס פּלאַמט איהם אַ באַק און עס פייפט איהם אין אויער, ער רוקט אָן דאָס היטעל, בייגט זיך איין אין דרייען און לאָזט זיך געהן.

ט.

פאַרדאַן מענשען, וואָס האָבען ליעב אָנקוקען יענעם בשעת אומגליק, אַריינקוקען יענעם גלייך אין פּנים אַריין דוקא בשעת ער וויינט, נאָכקוקען יענעם ווי אַזוי ער געהט נאָך דער לויה, זיך צוקוקען ווי יענער ברעכט די הענד, שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט, וכדומה. איך האַלט נישט פון אַזעלכע סצענעס. לאָז מען זאָגען וואָס מען וויל, איך האָב פיינד טרויעריגע בילדער. מיין מוזע טראָגט נישט קיין שוואַרצען שלייער אויפ'ן פּנים; מיין מוזע איז אַן אָרימע נאָר אַ פריילינע... וואוהין האָט זיך געלאָזט לויפען ישׂראל דער שמש? מיט וועמען האָט ער זיך געזעהען? וואָס האָט ער געהערט? וואָס האָט ער געזאָגט? — פרעגט גאָר נישט, איהר וועט דערפון קיין תענוג

נישט האָבען. וואָס וועט אייך אַרויסקומען אַ שטייגער אַז איהר וועט געוואָהר ווערען אַז ס'איז פאַראַן מענשען, וואָס יענעמס צרה איז בײַ זיי נאָר אַ „נייעס“, יענעמס הארץ איז אַ פידעל, יענעמס נערווען זענען סטרונעס, יענעמס וויינען איז אַ נגון און יענעמס נשמה — אַ שפּילעכיל? וואָס וועט אייך אַרויסקומען למשל, אַז איהר וועט שוין געוואָהר ווערען אַז עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע וואָס האָבען דערלעבט אַ נקמה אין ישראל דעם שמש, דערפאַר וואָס ער האָט זיך אַרומגעטראָגען טאָג ווי נאַכט מיט זיין „ווינגרישנע בילעט“?

— אַ מצוה! — האָט געזאָגט הנגיד רב הירש מיט זיין צוויי ענדיג הוסטעל און געגלעט זיך בשעת מעשה דאָס בײַכיל — אַ מצוה לאָז אַ קבצן הם... הם... ניט שפּרינגען אין פּנים אַרײַן! דאָקטוירים נאָר הם... הם!.

אַ סך האָבען געוויינטליך רחמנות געהאַט אויפ'ן שמש נעביך. נאָר איך מיין אַז עס בעדאַרף אייך זײַן קענטליך דאָס וואָרט „נעביך“.

— לאָז אייך גאָט היטען פון אַ יודישער טובה און פון אַ יודישען נעבעך — אַזוי פלעג זאָגען מיין באָבע מינדע עליה השלום — וואָרום פון אַ יודישער טובה קאָן האַרט ווערען דער קאָפּ און פון אַ יודישען נעביך — הייליק די ציין...

ערשט אַרום פאַרנאַכטליך האָט זיך ישראל פערשלעפּט אַהיים, קוים אַ לעבעדיגער, שטיל זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד, אויסגעטהון די שטיוועל, געריסען קריעה און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שעה „שבעה“. דאָס אייגענע האָבען געטהון סימע און אַלע דריי טעכטער, פעסיל סאָסיל און ברכצי, געוויינטליך, געוויינט, גענוג געיאָמערט און גענוג געשלאָגען זיך קאָפּ אָן וואַנט, חאָטש זיי האָבען גענוג איינגעלײַנט די וועלט נאָך פריהער, איידער ישראל איז געקומען...

שפּעטער, אַז ירחמיאל משה דער מלמד איז געקומען זיי מנחם אָבל זײַן, האָט ער געטראָפען אַזאַ מין בילד: ישראל איז געזעסען בעהאַלטען דעם קאָפּ צווישען די קניהעס; סימע האָט זיך פערשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענד און געוויינט שטילערהייד, און פעסיל, סאָסיל מיט ברכצין זענען געזעסען מיט רויטע געשוואָלענע אויגען און געקוקט מיט פערגליווערטע פּנים'ער איטליכע אין אַנ'אַנדער ווינקעל. דער וועדהטיג מיט'ן בזיון איז פאַר זיי אַלעמען געווען אַ פּנים אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען נישט געקאָנט קוקען איינס דאָס אַנדערע אין די אויגען אַרײַן...

אַרײַנגעקומען איז ירחמיאל משה שטיל, אָהן אַ גאָט העלף, ווי געוויינטליך מע קומט אַרײַן צו אַנ'אָבל, זיך אַוועקזעצען פּאַוואָלינקע בײַ דער

זייט אויף אנעקן ביינקיל. א זיפץ געטהון און שא, שטום ווי די וואנט. שפעטער אבנמיל נאך א זיפץ און אנשווינגען געווארען, און ווייטער א זיפץ און ווידער אנשווינגען געווארען. ערשט אין עטליכע מינוט ארום האט ער זיך ארומגעקוקט, אז ס'איז עפּיס נישט קיין תכלית זיצען אזוי און שווייגען, מע בעדארף עפּיס זאגען א גוט ווארט. נאר וואס זאגט מען? מילא נאך א בר-מינן אז עס מאכט זיך חלילה מען זיצט שבעה און מען קומט מנחם-אבל זיין, געפינט זיך נאך ווערטער: „ד' נתן ד' לקח..." אדער: „א מענש איז מ'שטינס-געזאגט געגליכען צו א פליג... אדער „דער טויט—דאס איז אזא זאך וואס אויסדרעהען זיך דערפון קאן מען ניט..." אדער: „עט, הבל הבלים, גלויבט מיר, מיר וועלען אלע שטארבען..." וכדומה אזעלכע ווערטער, וואס שטארק פריילעך אויפ'ן הארצען קאן פון זיי ניט ווערען; נאר דאך איז דאס א שטיקיל רפואה; מענשען רעדען אויס דאס הארץ, ווערט אביסעל גרינגער... אבער וואס קאן מען זאגען דא ביי אזא מין „שבעה" זיצען נאך א לעבעדיגען?... ירחמיאל משה טהוט זיך א דרעה אויפ'ן ביינקיל מיט א הוסטעל. וויל עפּיס א זאג טהון, נאר סע זאגט זיך ניט. ער פרובט זיך עטליכע מאל ביז קוים קוים—ער האט זיך צורעדט, און אז ער האט זיך צורעדט, האט ער נישט געקאנט זיך אבשטעלען, נישט געוואוסט דורך וואנען מע חאפּט זיך ארויס.

— טא, מילא אויך די איינענע מעשה, ס'איז דאך נאר, ווי זאגט ער, א נסיון, מיין איך, פון גאט, ווארום אלסדינג, הערט איהר, איז פון איהם, אהן איהם טהוט זיך ניט קיין זאך, א מינדסטען פינגער הויבט א מענש נישט אויף פון אונטען ביז מע הייסט איהם נישט דארטען פון אויבען... ער איז, וואס טויג מיר מעשיות, א רעכטער בעל הבית, אוי, א בעל הבית!... און איהם פאלגט מען, נאך א מין פאלגען, אוי אוי אוי!... דערימעך איז געדרינגען, הערט איהר, אז עס בעדארף זיין אזוי ווי עס איז; א סימן האט איהר, עס זאל בעדארפען זיין ניט אזוי וואלט געוועזען ניט אזוי, ווארום ווער נויט דאס איהם ס'זאל דוקא זיין אזוי און ניט אזוי? און אז ער זאל וועלען ס'זאל זיין נים אזוי וועט איהם עמיצער זאגען א דעה, ניין לאז בעסער זיין נים אזוי, מיין איך לאז בעסער זיין אזוי און ניט אזוי?...

ירחמיאל משה האט געפיהלט אז ער הויבט עפּיס אן צו רעדען אזעל-כעס וואס ס'איז ניטא וואס צו הערען, האט ער זיך אבגעשטעלט, גענומען א שמעק טאבעק, אנגעבויגען דעם קאפּ אויף א זייט און ארויסגעלאזט א טיפען זיפץ און האט ביי זיך געפועל'ט אז מע בעדארף זיך אויפהויבען

געהן. נאר ס'איז גרינג צו זאגען אויפהויבען זיך; געה הויב זיך אויף, אז מע איז צוגעקוועטש צום בענקיל! גישטא, הערט איהר, קיין ערגערער וויזיט אויף דער וועלט ווי מנחם אבל זיין. וויפיעל מאל מיר מאכט זיך קומען צו יענעם מנחם אבל זיין, קען איך קיין מאל נישט אויפהויבען זיך און אוועקגעהן אהן א זייט געזונד. איך בעט גאט אלע מאל, עס זאל זיך עפים טרעפען א נס מן השמים: אדער דער וואס זיצט זאל אנשלאפען ווערען זיצענדיג, וועל איך מיך פאוואלינקע אויף די שפיץ פינגער ארויס'גנב'ען פון שטוב; אדער ס'זאל זיך מאכען עפים פלוצים אין דרויסען א געשלעג, א שרפה, איין אנגעלויף, וועל איך מיך דערווייל קענען ארויסחאפען פון געפענגעניש...

ירחמיאל משה איז געזעסען נאך אביסיל, ביז ער האט א קוק געטהון פריהער אויף דער סטעליע, און נאכדעם אויף אלע פיער ווענט, געזוכט א פנים א זייגער און א זאג געטהון צו זיך אליין:

— מע בעדארף אנהויבען טראכטען מכח געהן... די ווייסע חברה'ניקעס וועלען איבערקערען דעם חדר מיט דעם קאפ אראב און מיט די פים ארויף.

און נאך עטליכע מאל לאזענדיג זיך צו דער טהיר און אומקעהרענדיג זיך צוריק, האט ער קוים אריבערגעשפאנט מיט איין פוס אויף יענער זייט שוועל און ערשט דא האט ער זיך דערמאנט זיי אויסרעדען דאס הארץ, טרייסטען זיי זאלען אויפהערען זארגען, ווארום גאט איז א פאטער, ער קען... און ער האט זיי אנגעזאגט נאך אמאל, אז על פי דין, דאס הייסט ווי דער מנהג איז בעדארפען זיי זיצען נישט מעהר ווי א שעה, און טאמער חלילה אביסיל מעהר איז אויך אהן א'נ'אומגליק, און אם ירצה השם אויף דער־נאכט נאך מעריב וועט ער זיך ארייןחאפען נאך אמאל אביסיל זיצען, און זארגען זיך זאלען זיי זיך ניט זארגען, מחמת גאט איז א פאטער, וואס ער קען מאכען קען דאס קיין מענשען=פערשטאנד נישט משיג זיין... ובפרט זיי האבען קינדער זאלען געזונד זיין, שוין דערוואקסענע קיין עין הרע...

די שעה איז איבערגעגאנגען און ישראל מיט זיין הויזגעזונד זענען אויפגעשטאנען פון דער ערד שטיל, אהן ווערטער, אנגעטהון די שיך און צוקראכען זיך איטליכער אין א בעזונדער ווינקעל... ישראל (איך זאל ניט מורא האבען פאר א גוזמא וואלט איך געזאגט אז ער האט זיך אין דעם איינעם טאג א רוק געטהון אויף צעהן יאהר!) האט אויף דער גיך אבגעחאפט מנחה, זיך אבגעקלאפט תחנון, אויסגעשפיגען „עלינו" און געלאזט זיך געהן אין בית המדרש אריין ער זאל חאטש פערחאפען צו מעריב. דערווייל איז ער דאך שמש, א פערקויפטער מענש, מוז ער זיין אויפ'ן ארט. פרנסה, הערט

איהר, אוי איז דאס א סגולה, א מיטעל צו פערטרייבען אלע זארגען, פער-געסען אלע צרות!...

— וואס הערט זיך עפים מיט אייער „וויגרישנע בילעט“?—האבען זיך געפונען אזעלכע ליידיגגעהערס וואס האבען איהם א פרעג געטהון — וואס מאכט עפים אייער זוהן?

— עליו השלום, וואו האב איך א זוהן? — ענטפערט ישראל מיט א ביטער שמייכעל...

אין דעם דאזיגען שמייכעל איז געלעגען אזוי פיעל גאל, אז די ליידיג-געהערס איז אזש געווארען איבער דער טבע און זיי זענען אבגעטראגען אויף א זייט. ס'איז געוועזען גענוג מע זאל איהם נור א קוק טהון אין פנים אריין, אז מע זאל מיט איהם שוין מעהר ניט וועלען רעדען פון זיין זוהן.

*   *

*

וואס איז געוועזען ווייטער? וואס איז דער סוף מיט בנימין'ען? צי האט ער געשריבען נאך בריעף? און וואס האט ער געשריבען? און צי האט איהם דער פאטער געענטפערט, צי ניין? און אז ער האט איהם געענטפערט וואס האט ער איהם געענטפערט? — קוועטשט מיך ניט, אצינד וועל איך אייך ניט זאגען גאר נישט. איך בין אייך נור מחויב צו זאגען, אז פאר ישראל דעם שמש איז שוין נישט געוועזען מעהר קיין בנימין. געשטארבען בנימין.

דער „וויגרישנע בילעט“, דאס לאטעריי צעטעל, איז פאר ישראל דעם שמש ארוים אין טיראזש....

דער
יונגסטער פון די „מלכים".

דער יונגסטער פון די „מלכים".

(אַ מעשה לכבוד פסח).

א.

יוזעק!

אַ גליקליך קינד איז דער יוזעק! אַלע האָבען איהם ליעב. איטליכער פיסטשעט איהם, גיט איהם נאָך, קושט איהם, האַלזט איהם.

וואָס איז די מעשה?

יוזעק!

איינענע טאַטע־מאַמע בעדאַרפען אַזוי ניט באַלעווען קיין בן יחיד׳ל, ווי די צוויי שוועסטער שרה און רבקה באַלעווען דאָס קליינע ברידער׳ל זייערס. יוזעק און יוזעק און יוזעק! יוזעק עס, יוזעק טרינק, יוזעק גיה שלאָפען, יוזעק נאַ דיר אַ צוקערקע, יוזעק מע נייט דיר אַ פּאָר נייע הויזלעך אויף יום־טוב, יוזעק מע וועט דיך שיקען ערב פסח אין באָד אַריין, יוזעק וועסט פראַווען פסח דעם סדר — יוזעק און יוזעק, ס׳איז שוין נמאָס און מאוס צו הערען! איהר נעמט אַ קינד, אַ בריליאַנטען קינד, און מאַכט פון דעם אַ תל!

אַזוי זאָגען די שכנה׳טעס וואָס זיצען מיט די שוועסטער אינאיינעם און אַליין רוקען זיי אונטער יוזעקען אַלע מאָל אַ צוקער־לעקיכיל, אַ שטיקעל שטרודעל, אַ געבראָטען לעבעריל, אַביסעל איינגעמאַכטס.

גענומען האָט זיך עס פון רחמנות, פון דעם וואָס אַלע, די גאַנצע וועלט האָט אויף איהם געהאַט רחמנות — געבעך אַ יתום׳ל!

ב.

ס'איז געווען אַ יוד האָט ער געהייסען רפאל און איז געווען כל ימיו איין אָרעמאַן און דערצו נאָך אַ יאַרעשליוועך מיט אַ מאָדנע מוזיקאַלישע ברוסט וואָס פלעג שפּיעלען, דאָס הייסט ביים אַריינציהען און ביים אַרויסלאָזען דעם אָטהעם פלעג זיך הערען אַ מין געזאַנג פון אַ פּידעל וואָס מען פּידרט איבער איהר מיט אַ ניט קיין אָנגעשמירטען סמיטשיק. און געווען איז דער רפאל אַ גאַנץ ערליכער, נאָר לאָז ער מיר מוחל זיין אַ שלים-מזל'ניק, דאָס הייסט מחמת ער איז געווען זעהר איין ערליכער איז ער געווען אַ שלים-מזל'ניק, אָדער פאַרקערט, מחמת ער איז געווען אַ גרויסער שלים-מזל'ניק איז ער געווען אַן ערליכער. אויף איהם האָט מען געזאָגט אין מאַזעפּעווקע, אַז ווען רפאל זאָל ניט זיין קיין שלים-מזל'ניק וואָלט ער איצטער געהאַט אַ סך געלד.

און ער האָט דאָס געהאַט ביד, וואָרום ער איז געווען כל ימיו „נאמן" ביי רב שמחה'לע ווינער אין פּאָדוואַל, און אַ חוץ זיין געהאַלט האָט ער געקאָנט געהן שווערען אַ שבועה דאורייתא, אַז ער האָט ניט נהנה געווען קיין פרעמדע פּרוטה.

רב שמחה'לע ווינער האָט זיך, נישקשה, געקאָנט פאַרלאָזען אויף זיין נאמן. ער האָט איהם טאַקי דערפאַר געהאַלטען בכבוד, געצאָהלט איהם אַקוראַט די זעקס קאַרבען אַ וואָך, אַמאָל אונטער אַ יום-טוב געשענקט אַ צעהנקערבילשטיק, פּסח ארבע כוסות אומזיסט און פּסח'דיגען בראָנפען אַ פלעשיל — פון דעם שמועסט מען ניט. ווי דען? רב שמחה'לע ווינער איז אַ מענש וואָס פערשטעהט דען ניט ווי מע בעדאַרף שעצען אַ מענשען? אַי רפאל דער נאמן האָט בעקומען ביי איהם אין „פּאָדוואַל" פריהער אַ „רעמאַטיז" און נאָכדעם האָט זיך איהם געלעגט אַ קאַטאַר אויף דער לונג און עס האָט איהם אָנגעהויבען פייפען אינווייניג און שפּיעלען און זינגען — ווער איז שולדיג? געזונד — דאָס איז דאָך אַ גאָטס זאַך. דער געזונדעסטער מענש קאָן חלילה געהענדיג שטאַרבען. אונזערע חכמים האָבען שוין לאַנג געזאָגט דערויף, אַז... נאָר איהר ווייסט דאָך שוין מסתמא וואָס אונזערע חכמים האָבען דערויף געזאָגט.

הקצור רפאל האָט אַזוי לאַנג געפייפט, געשפּיעלט און געזונגען, ביז ער האָט זיך איין מאָל חול-המועד פּסח איז דאָס געווען, אַוועקגעלייגט, בעקומען 40 גראַד היץ און איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאַנען.

ג.

רפאל איז געשטאָרבען און אַי־אַי־אַי! וואָס פאַר אַ לויה ער האָט געהאַט! רב שמחה'לע האָט אַיינגעלייגט די וועלט! ער האָט איהם אַליין אַרויסגעטראָגען אויף דער מטה פון שטוב, אַליין געהאָלפען טראָגען מיט זיינע פלייצעס, אַליין נאָכגעגאַנגען ביז'ן היילינגען אָרט, אַליין געזעהען מע זאָל איהם געבען אַ שען אָרט, אַליין אַכטונג געגעבען ווי מע גראָבט די קרקע, אַליין געגעבען דעם ערשטען קלאַפ מיט דער לאָפעטע און בשעת דאָס קינד — יוזעק — האָט געזאָגט אינאיינעם מיט עוזר דעם שמש דעם ערשטען קדיש אויפ'ן פאָטער'ס קבר, האָט רב שמחה'לי געוויינט, סטייטש געוויינט!

— וואָס ווייסט איהר! וואָס ווייסט איהר! האָט ער נאָכהער געזאָגט איטליכען בעזונדער — ס'איז ביי מיר אַזאַ היזק, אַזאַ היזק, וואָס איז גאָר אין לשער!

און צו דער אַלמנה האָט ער געזאָגט:

— וויין ניט, איך וועל דיך מיט דיינע יתומים מסתמא נישט פאַרלאָזען, פריהער גאָט, נאָכהער איך...

און רב שמחה'לע האָט געהאַלטען וואָרט ווי ווייט ער האָט געקאָנט, דאָס הייסט די ערשטע עטליכע וואָכען האָט ער געצאָהלט דער אַלמנה די זעלבע שכירות וואָס רפאל פלעגט נעמען. אמת זי האָט בעדאַרפט נאָך דעם געהן אַלע וואָך און ניט איין מאָל נאָר עטליכע מאָל, און דאָס איז געווען פאַר איהר עפּיס ניט אַזוי אַנגענעהם; נאָר איך בעט אייך, וואָס האָט איהר געוואָלט? מע זאָל איהר אָבשיקען אַהיים? דאַכט זיך מע איז געגוג יוצא, אַז מע צאָהלט אַ מענשען שכירות נאָכ'ן טוידט!

— איהר געהט צו מיר מאָנען געלד — האָט ער צו איהר אַמאָל אַ זאָג געטהון — גלייך ווי עס קומט אייך טאַקי, גלייך ווי איהר האָט עפּיס איינגעלייגט ביי מיר אַ חלק אין פאָרוואַל...

יענעם טאָג האָט די אַלמנה מעהר געוויינט ווי בשעת רפאל איז געלעגען אויף דער ערד, און אַז איהרע צוויי טעכטער, שרה און רבקה, זענען געוואָהר געוואָרען דעם סוד וואָס די מאַמע וויינט, האָבען זיי זי בעשוואָרען זי זאָל שוין מעהר אַהינצו נישט געהן.

— וואָס זשע וועלען מיר טהון?

— דאָס וואָס אַלע טהוען: מיר וועלען געהן דינען, מיר וועלען וואַשען גרעט, מיר וועלען נייען אויף דער מאַשין.

נייען אויף דער מאַשין איז שוין איצט אין מאַזעפּעווקע אַ שטיקעל ענין. מע קאָן שוין פאַרדינען די צוויי גילדען אַ טאָג, אַבי מע זאָל נאָר וועלען

זיצען איבער דער מאשין אזוינע זעכצעהן זיעבצעהן שעה אין מעת-לעת, און מיט ארבייט איז אויך קיין דאגה נישט, מע קריעגט; אז ניט קיין קליידליך איז ליפען, אז ניט קיין ליפען איז העמדער, אז ניט קיין העמדער איז נאָז-טיכלעך אונטערהאקען. שלעכט איז נאָר וואָס מע דארף האָבען א מאשינע, צוויי מאשינעם!

אמת, מע גיעט מאשינעם אויף אויסצאָהלען. וואו זשע נעהמט מען די ערשטע עטליכע קערבלעך?

— געהט זיך דורך צו אייער נגיד — האָבען די שכנים געגעבען אן עצה דער אלמנה — זאָגט איהם אזוי און אזוי, זיי וועלען איהם אָפּארבייטען.

ד.

ס'איז גרינג צו זאָגען: געה צום נגיד! נאָר וואָס טהוט ניט א יוד צוליעב פרנסה? די אלמנה איז דורכגעגאנגען צו רב שמחה'לע ווײנער, געטראָפען איהם אין דער בעסטער צייט, סאמע נאָכ'ן עסען. איהר ווייסט, אז איהר דארפט צו עמיצען אָנקומען מיט א טובה, זאָלט איהר טשאטעווען נאָר נאָכ'ן עסען. נאָכ'ן עסען איז דער ערגסטער מענש ווייכער ווי פאר'ן עסען; פאר'ן עסען איז א מענש — א חיה.

— וואס ווילסט דו זאָגען עפּיס גוטס?

די אלמנה האָט איהם אנידערגעלעגט א צעטיל, אזוי און אזוי — מאַ-שינעם.

רב שמחה'לע האָט אויסגעהערט מיט קאָפּ די גאנצע צייט, געקאלופּעט די ציינער, געוועזען רויט, א ביסעל געשוויצט און עטוואָס געדרימעלט דאָס הייסט חלילה ניט געשלאָפען, נאָר געדרימעלט, געקוקט אויף איהר נאָר מיט איין האַלב אויג, בשעת מעשה געקלערט א ביסעל וועגען געשעפט און א ביסעל וועגען עניני המאָגען. רב שמחה'לע איז א ביסעל א פולער, א ביסעל צו פעטליך, האָבען איהם די דאָקטוירים געהייסען עסען מעהר פלייש און ווינציגער מעהל-שפּייז, און רב שמחה'לע האָט דוקא ליעב מעהלשפּייז, ברויט, לאָקשען קוגעליך וכדומה אזעלכע זאכען וואָס ווערען געמאכט פון מעהל. ער ווייסט אז סע שאדט איהם, נאָר אז ער זעהט דאָס עסט ער, און אז ער עסט אָפּ האָט ער חרטה...

— איז וואָס זשע מאכסט דו הייסט דאָס? — רופט ער זיך אָן צו דער

אַלמנה בשעת יענע װערד אַנשװיגען און ער הערט אויף צו דרימלען, קוקט אויף איהר מיט אַנדערהאַלבען אויגען.

— װאָס זאָל איך מאַכען? — ענטפֿערט איהם די אַלמנה — איהר הערט דאָך שוין װאָס איך מאַך; אויף אַלע שונאים! איז װען איך האָב איצט אויף אַ מאַשינע, אויף צװײ מאַשינעס, חאָטש איין מאַשינע...

— װאָסער מאַשינע? — מאַכט ער צו איהר פֿאַרװאונדערט און קוקט אויף איהר שוין מיט בײדע אויגען.

— איך האָב דאָך אײך דערצעהלט, אַז מײנע טעכטער װילען זיך פֿאַרנעהמען מיט נײען, װערען נײטורענס, נײען אויף דער מאַשינע, איז ניטאָ קײן מאַשינע, צװײ מאַשינעס דאַרפֿען זײ האָבען, מע גיט אויף אויסצאָהלען.

— דאָס איז אַ גוטע זאַך, זעהר אַ גלײכע זאַך נײטורענס, נײען, פֿאַרדינען מהיכתיתי, זעהר גלײך!

נאָר תוך כדי דבור פֿליהט איהם דורך אַ מחשבה: „װאָס איז די מעשה װאָס ס'איז מיר אַזוי אָנגעפֿולט דער מאָגען? איך האָב דאַכט מיר הײנט גאָר אַזוי פֿיעל ניט געגעסען!“ און איין אויג הײבט בײ איהם אָן װערען קלענער, נאָר מחמת די אַלמנה װערד אַנשװיגען, חאַפּט ער זיך אויף און רעדט װײטער צו איהר:

— נו, זעהר פֿײן, נײען, מהכתיתי, פֿאַר װאָס ניט?

— האָב איך אײך געװאָלט בעטען, רב שמחה'לי, איהר האָט שוין אַזוי פֿיעל געטהון פֿון אונזערטװעגען, טאָמער װאָלט געװען אַ סברה, אַז...

רב שמחה'לע דערהערט אַז מע שמעקט מיט אַ בקשה, אַ גמילת חסד, געלד מסתמא, חאַפּט ער זיך אויף.

— אַז װאָס?

— אַז איהר זאָלט אויסלײהען דאָס ערשטע געלד װאָס מע בעדאַרף אויף די מאַשינעס.

— װאָסערע מאַשינעס?

— אָט די װאָס איך זאָג אײך, צװײ מאַשינעס פֿון מײנע טעכטערס װעגען, חאָטש איין מאַשינע.

— װי קומט צו מיר מאַשינעס? װאָס פֿאַר אַ מחותן בין איך מיט מאַשינעס?

— געלד! — זאָגט די אַלמנה — מאַשינעס װעלען זײ אַלײן קויפֿען, מע גיט מאַשינעס אויף אויסצאָהלען, למשל איך צאָהל איין איצט אַ פֿיפֿציגער, און שפּעטער מיט דרײ חדשים אַ פֿינפֿאונצװאַנציגער, און שפּעטער...

— איך ווייס, איך ווייס, דו בעדארפסט מיר ניט דערצעהלען. איך קאן בעשטעהן זיי זאָלען זיך בעגעהן אָהן מאַשינעס. נאַ דיר גאר מאַשינעס!

— ווי אַזוי זשע וועלען זיי נייען? מיט די הענד קאן מען אַזוי פיעל ניט אָננייען; אַלע נייטורינס האָבען היינט מאַשינעס.

— ווילסט זיי מאַכען פאַר נייטורינס? אַז אָך און וועה די יאָהר! דיין מאַן זאָל איצט אויפשטעהן און דערהערען, אַז דו ווילסט מאַכען פון דיינע קינדער נייטורינס, וואָלט ער נאָך אַמאָל געשטאָרבען. דו ווייסט? דיין רפאל איז געוועזען אַנ'עהרליכער, אַ כשר'ער יוד. אַזעלכע ווי רפאל איז נישטאָ! רפאל זאָל הערען נייטורינס וואָלט ער דאָס ניט אויסגעהאַלטען! ער וואָלט זיך איך ווייס אַליין ניט וואָס!

רב שמחה'לע רעדט מיט האַרץ, ער מיינט דאָס ערנסט, און וואָס ווייטער דערכערט זיך ביי איהם דאָס קול.

— נייטורינס? הע! אַ שעהנע עובדא פאַר אַ יודיש מיידעל! הע! מיר וויכען וואָס הייסט אַ נייטורין! און נאָך ביי יודען! הע! רפאַל'ס טעכטער ניי-טורינ'ס! און וואו בין איך? דו ווייסט, אַז דיין רפאל איז ביי מיר אויסגעוואַק-סען, איך האָב איהם געמאַכט פאַר אַ מענשען, פריהער גאָט נאָכדעם איך. און ווער האָט איהם חתונה געמאַכט אַז ניט איך? הע! ווילסט דו אַז איך זאָל דער-לאָזען אַזעלכס? חס וחלילה! וואָס בין איך עפּיס? אַ שטיין? אַ ביין? אַ שייט האָלץ? הע!

די אַלמנה מיט דעם וואָס זי איז געקומען מיט דעם איז זי אַוועקגעגאַנגען.

אַוועקגעגאַנגען און זיך געגעבען דאָס הייליגע וואָרט, געשוואָהרען זיך מיט די האַרבסטע שבועות; אַניט זאָל זי ניט דערלעבען איהרע קינדער מגדל זיין, אַז מעהר זאָל איהר פוס ניט זיין ביי רב שמחה'לען אין שטוב — בעסער געהן דינען!

ה.

נאָר ס'איז גרינג אויסצורעדען „געהן דינען!" רפאל דעם נאמנ'ס ווייב, אַ בעל-הבית'טע גלייך מיט אַלע מאַזעפּעווקער בעל-הבית'טעס וועט זיך שטעלען דינען; שטעהן ביי אַ פרעמדען אויבען? זיצען ביי אַ פרעמדען טיש? איידער אַזאַ לעבען איז שוין גלייכער שטאַרבען! און די אַלמנה האָט געבעטען אויף זיך דעם טויט! און דאָס מאָל האָט גאָט, דער גרויסער אַלמעכטיגער גאָט, דער וואָס איז אַנ'אבי יתומים און אַ דיין אלמנות, דוקא דערבאַרעמט

זיך אויף דער אָרעמער אַלמנה, און האָט זי ניט געלאָזט לאַנג אַרומדרעהען אויף דער וועלט, איהר צוגעשיקט אַ גרינגען טוידט, אַ מין געשוועלעכטס אַזעלכס אינווייניג, געמוטשעט זיך און גוט געמוטשעט זיך סך הכל אַ חדשים דריטהאַלבען און אַוועקגעשטאָרבען, און גראַדע האָט זיך בעדאַרפֿט טרעפֿען אַזוי אַז ס'איז אין מאַזעפּעווקע אין דער צייט אַחוץ קליינע קינדער קיינער נישט געשטאָרבען, האָט מען די אַלמנה בעהאַלטען ניט ווייט פֿון איהר מאַן, כמעט אַ קבר נעבען אַ קבר — באַשערט געווען אַ גליק! — און יוזעק האָט שוין פֿאַר איינס געזאָגט קדיש אי נאָכ'ן טאַטען אי נאָך דער מאַמע — און פֿון דעמאָלט אָן איז דאָס יוזעק געוואָרען אַזוי בעליעבט און טהייער ביי אַלע שכנים און ביי אַלע שכנות און ביי אַלע די וואָס האָבען איהם געהערט זאָגען קדיש אין בית המדרש שטעהענדיג אויף אַ באַנק און הערענדיג איהם קוויטשען אויף זיין קינדערש קול'כעל „יתגדל ויתקדש..." איטליכער, ווער עס האָט געזעהען דאָס דאָזיגע קליינע יונגעל מיט'ן קיילעכדיגען היטעלי מיט די שוואַרצע אויגעליך און מיט די רויטע בעקליך שטעהן אויף דער באַנק אין בית המדרש און געהערט איהם זינגען דעם „יתגדל ויתקדש", איז געבליבען שטעהן צוגעקאָוועט, געזיפֿצט און פֿערטיעפֿט אין געדאַנקען נישט קיין ליכטיגע, אין מחשבות נישט קיין פֿרעהליכע, וואָרום איטליכער מענש קאָן חלילה שטאַרבען, איטליכער מענש האָט קליינע קינדער, וואָס קאָנען חס ושלום בלייבען יתומים, מע זאָל בעהיט און בעוואָרענט ווערען! און מע רוקט אונטער דעם קליינעם יתומ'ל ווער אַ קאָפּיקע און ווער אַנ'עפּיל, אַביסעל פֿאַר רחמנות און אַביסעל פֿאַר „צדקה תציל ממות"...

דעם אמת דאַרף מען זאָגען, אַז יוזעק איז טאַקי געווען אַ געראָטען קינד מיט אַזאַ מין פּנימ'ל, וואָס סע בעט זיך: „האָב מיך ליעב", אוןדערצו האָט ער געהאַט אַ גוט קעפּעל און איז געווען אין דער מאַזעפּעווקער תלמוד תורה דאָס בעסטע יונגעל; נח דער מלמד האָט זיך גאָר ניט געקאָנט אָנלויבען פֿון איהם, און די גאַנצע שטאָדט האָט מיט איידם געקלונגען.

— עפּיס לויבט מען זעהר רפאל דעם נאמנ'ס זוהנדיל.

— יוזעק'ן? מע זאָגט ס'ווערט עפּיס זיין גאָר איין חריפות אין דער וועלט!

— און וואו דאַרף זיך פֿערוואַלגערען אַזאַ איין אַנטיקעל? צווישען אָרעמע לייט אויפ'ן מיסט!

— תמיד אַזוי. ווער לעבט? דער אַלטער משה אַהרון אָהן הענט און אָהן פֿיס, ווער שטאַרבט? רב שמחה'לעם איידים אַ פֿרישער אַ געזונדער,

אַ טאַטע פֿון קינדער און אַ יונגערמאַן מיט געלד נעמט ער און שטאַרבט אַוועק!

— איהר זאָגט רב שמחה׳לעם איידעם? למאי פּייסע דעם נגיד׳ס שנור?

— וואָס מאַכט זי?

— זי מאַכט! מע האָט שוין דריי מאָל אַראָפּגעבראַכט דעם פּראָפֿעסאָר פֿון יעהופּעץ.

— אַזוי? איך זאָל עם פֿערמאָגען וואָס ס׳וועט קאָסטען חאָטש האַלב, רבונו של עולם!

— ס׳איז אַוודאַי אַ וועלט!

— אַ וועלט מיט וועלטעליך!

אַזוי שמועסט מען זיך דורך אין מאַזעפּעווקע און מע קריטיקירט די אַרבייט פֿונ׳ם רבונו של עולם אויף וואָס די וועלט שטעהט: וועמען גאָט גיט יאָהרען און וועמען ניט! וועמען גאָט גיט געלד און וועמען קדחת! וועמען גאָט גיט גראָטעענע קינדער און וועמען דער רוח ווייסט וואָס!.. קיינעם קומט ניט אויף די געדאַנקען זיך פֿערטראַכטען, פֿון וואַנען לעבען די דאָזיגע געראָטענע קינדער? וואָס עסען זיי? ווער קליידט זיי? צי פֿריהרען זיי ניט אויס אין די לאַנגע ווינטערנעכט אין די קאַלטע קעלערס? צי וואַקסען זיי ניט אויס קיין קאַליקעס, הייקערס, פֿאַרטיגע אָרעמע לייט, איבעריגע אומגליקליכע נפשות אויף דער וועלט?..

אַ גליק וואָס די שוועסטער שרה און רבקה האָבען זיך דערשלאָגען צו אַ מאַשינע, און דאָס האָבען זיי צו פֿערדאַנקען זייערע דריי שכנה׳טעס בתיה די רופֿא׳טע פּעסע די שמש׳טע און סאָסע די טענדלערקע, וואָס זיצען מיט זיי אונטער איין דאַך. זיי האָבען זיך צונויפֿגעלייגט אַלע דריי און האָבען אויסגעליהען די ערשטע עטליכע קערבליך און דאָס איבעריגע אויף אויסצאָהלען און ס׳איז געוואָרען אַ מאַשינע, און וואָס איז דער חדוש? מען איז דאָך לעבעדיגע מענשען, וואָס דען זאָלען טהון צוויי מיידליך שוין דערוואַכסענע מיט אַ קליין יונגעל אַ יתומ׳ל אויף די הענד? אַ שלאַנג, זאָגט מען האָט אויך רחמנות אויף די קליינע שלייַנגעליך, ובפֿרט אַ מענש!

איין חסרון נאָר וואָס די מאַשינע קלאָפּט אין קאָפּ אַריין אַ גאַנץ טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט, וואָרום אַרבייט איז דאַנקען גאָט פֿאַראַן אוןביידע שוועסטער נייען אויף דער מאַשינע, מע בייט זיך מיט דער אַרבייט און מע „נעמט זיך איבער די הענט“, דאָס הייסט בשעת איין שוועסטער נייט אויף דער מאַשינע הייצט די אַנדערע איין דעם אויבען און פֿאַרקעהרט, בשעת איינע שטעלט

דעם וואַרמעס נייט די אַנדערע אויף דער מאַשינע, און די מאַשינע הערט ניט אויף צו קלאַפּען און די שכנה׳טעס האַלטען זיך ביים קאָפּ און הערען ניט אויף צו וואָרטשען שטילערהייד:

— נאַ דיר אַ גראַגער!..

ז.

גאָט איז אָבער אַ גוטער גאָט; ער שיקט צו די רפואה פֿאַר דער מכה. די רפואה איז געווען יוזעק. אין יעדער שטוב מאַכט זיך אַז ס׳איז וויסט און פֿינסטער, די צייט איז שלעכט, די געשעפֿטען געהען ניט, ס׳איז ביטער אויפ׳ן האַרצען, ווערד געבאָהרען אַ קליין וועווריקעל און די גאַנצע שטוב בייט זיך איבער. תחלת שרייט דאָס קליינע וועווריקל, קוויטשעט, רייסט זיך אויפ׳ן בייכעל, לאָזט ניט שלאָפֿען קיינעם, נאָר אָט איז דאָס וועווריקיל אַביסעל אונטערגעוואַכסען, עס הערט אויף צו שרייען, עס עפּענט אויף די אייגעליך און סע קוקט, ווי אַ זינדיגער מענש, — זעהט נור ווי סע קוקט מיט אויגען, אַנאַו פּיצעלע... אַנאַו ברעקעלע!״ און דאָס וועווריקיל עפּענט אויף דאָס מיילעכיל שטעלט אַרויס דאָס צינגעל, און סע הויבט אָן צו לאַכען, און עס ווערד ליכטיג אַלעמען אין די אויגען, — זעהט נאָר, זעהט, סע לאַכט איך זאָל אַזוי זיין געזונד סע לאַכט!... אַ גדולה, אַ שמחה, אַ פֿרייד אויף דער נשמה! די גאַנצע שטוב איז פֿול מיט דעם, איטליכער טראָגט זיך מיט דעם אַרום, מע פֿאַרגעסט אָן די צרות, דאָס ביטערקייט פֿונ׳ם לעבען ווערד פֿערצוקערט, ס׳איז נאָר אַ חיות און געגנוג!

דאָס אייגענע איז געווען מיט אונזער יוזעקען. יוזעק איז געווען דאָס ליבע וועווריקיל, וואָס אַלע האָבען איהם ליעב געהאַט און אַרומגעטראָגען זיך מיט איהם, און אַז ס׳איז געקומען ערב פּסח האָט מען איהם אויסגעקליידט בגדי מלכות, אָנגענומען אַ קאַפּאָטקעלע מיט הייזעליך אויף שלייקעס, אויפגענייט אַ פּאָר שטיוועלעך און געקויפט אַ ניי היטעלע, צוגעזאָגט איהם שענקען ניסליך און בעצייטענס איהם געמאַכט אַ סקאָווערעדע לאַטקעס פֿון מצה מעהל, איהם קאַליע געמאַכט דעם מאָגען און שיער ניט איבערגעפּעקעלט איהם אויף יענער וועלט.

— ווער בעט אייך איהר זאָלט איהם האָדעווען מיט דער שוואַרץ יאָהר וויסט וואָס? האָבען די שוועסטער געשריגען אויף די שכנה׳טעס.

— שאַ, שאַ, קוק זי אָן אַביסעל! מע האָט געגעבען דעם קינד אַ לאַטקע מיט שמאַלץ, וואָס סע טהוט זיך דאָ!

אַזוי האָבען די שכנה'טעס פאַרענטפערט זיך און בתיה, די רופאַ'טע, האָט געטהאָן אַלסדינג וואָס זי האָט געקאָנט און האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס קינד, און ס'איז געקומען ערב פסח האָט מען יוזעק'ן מיטגעגעבען אַ העמדה מיט דריי גראָשען און אָפּגעשיקט איהם אין באָד אַריין, און אַז ער איז געקומען פון באָד, האָט מען איהם אָנגעטהון די נייע מלבושים'ליך, און ער האָט געשיינט ווי די זון

— אַ קייזערליך קינד! — האָבען זיי געזאָגט איינס צום אַנדערען.

— קיין עין הרע ניט, קיין ביז אויג זאָל איהם ניט שאַדען!

און יוזעק האָט גענומען דאָס סדור'ל און איז געגאַנגען אין שול אַריין דאַוונען, געזאָגט קדיש און געקומען אַהיים מיט אַ ברייטען גוט יום טוב און געטראָפען דעם טיש גרייט מיט מצות, מיט אַ פלעשיל ראָזינקעס וויין, מיט מרור, חרוסת, קאַרטאָפלים און זאַלץ וואַסער — אַלסדינג איז געווען, אַלץ וואָס מע בעדאַרף, נאָר איין זאַך האָט געפעהלט: ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל אָפּרעכטען דעם סדר.

נישט געווען קיין מלך!

ח.

אַלע דריי שכנה'טעס זענען געווען אַלמנות, דאָס הייסט צוויי זענען געווען אַלמנות און איינע אַ גרושה. קיין קינדער האָבען זיי אויך ניט געהאַט, דאָס הייסט זיי האָבען געהאַט קינדער, נאָר נישט ביי זיך, אין דער פרעמד זענען זיי געווען, צווייט און צושפרייט איבער דער גאָרער וועלט: ווער — אַ בעל-מלאכה, און ווער — אין אַ קלייט, און ווער פערוואָרפען אינ'ם ווייטען-ווייטען אַמעריקאַ. זייער מזל, אָדער זייער שלים-מזל האָט צונויפגעטריבען די דאָזיגע דריי ווייבער אין איין שטוב, ביי בתיה, די רופאַ'טע, וואָס זי איז געווען די בעל-הבית'טע און זי איז געווען צווישען זיי די נגידית.

געזעסען אַלע דריי אונטער איין דאַך, געשטאַנען ביי איין אויבען, געבאַקען ברויט פון איין באַקדייזשע, געשטשינעט חלה פון איין מולטער, האָט זיך יעדע פון זיי געהאַט איהר בעזונדערען טיש, וואָרום ס'איז שווער אַז דריי ווייבער זאָלען קאָנען הויזען, אויסקומען צווישען זיך. אויב איהר זעהט היינטמאָדישע דאַמען לעבען פריינדליך, קושען זיך בשעת מע קומט איינס

צו דאס אנדערע אויף א זשורפיקס זיצען אינאיינעם און קנאקען ניסליך, זאל איך קיין חדוש ניט זיין ס'איז נאר דערפאר וואס מע זיצט ניט אונטער איין דאך און מע שטעהט ניט ביי איין אויבען און מע באקט ניט פון איין באק־דייזשע און מע רעשטשינעט ניט פון איין מולטער.

צווישען די 360 טעג, וואס ס'איז פאראן אין יאהר האבען זיך אונזערע ווייבער אמאל 300 געקריגט; נאר איך וויים ניט וואס ווערד ביי אייך אנגערופען געקריגט? מע האט חלילה איינס ביי דאס אנדערע ניט צוגענומען גארניט, חלילה נישט בעליידיגט, ניט אנגעריהרט אין כבוד, נאר גלאט דריי כאראק־טערען קענען זיך ניט אויסגלייכען. למשל פעסי די שמשיטע האט ליעב פאר־שארען דאס גאנצע פייער אין אויבען און פארשטעלען מיט דער זאסלינקע וואס קומט איהר דערפאר? האט אבער סאסי די טענדלערקע א טבע צו שטע־לען אלע אין דערפריה א קריגעל ציקאריע אויפ'ן פריפעטשאק. איז דאכט מיר אויך ניט קיין עולה; זי וועט דאך ניט קריכען מיט איהר קריגעל צי־קאריע צווישען די פליישיגע טעפליך! זאגט אבער פעסי די שמשיטע, אז ס'איז ניט כדאי אז איבער א קריגעל ציקאריע זאל כפרה ווערען די חלה אין אויבען. זאגט סאסי די טענדלערקע: לאזען איהרע שונאים זיין די כפרה! זאגט איהר פעסי די שמשיטע, אז זי האט אפנים היבשליך שונאים? זאגט סאסי די טענדלערקע: ניט צו פארזינדיגען, איך האב זיי גענוג, מע זאל זיי געדעכט זייען און זאלען שיטער אויפגעהן. זאגט איהר פעסי די שמשיטע: פון ווען אן זענט איהר דאס געווארען אזוי בארעדעוודיג? זאגט איהר סאסי די טענדלערקע: פון זינט איך האב מיך באזעצט אינ'ם דאזיגען וויסטעניש, דאב איך בעקומען שונאים ווי די הינט! רופט זיך אן בתיה, די רופאיטע, די בעל־הבית'טע פון דער שטוב, וואס שטעהט בשעת מעשה ביי דער זייט פערלייגט די פאטשיילע אונטער די אויהרען מיט א קאטשעלקע אין די הענט און קאטשעט א בלאט לאקשען אויף שבת: „איך וויים ניט וואס איז אייך דא אזוי וויסט? די סך דירה געלדען וואס איהר צאהלט זיך אן? זאגט צו איהר סאסי די טענדלעריקע: „גוט איז אייך אז איהר זענט א נגידית'טע און האט קיין עין הרע א סך געלד! זאגט צו איהר בתיה, די רופאיטע: וואס געהט אייך אן צי א סך צי ניט קיין סך? ביי אייך האב איך ניט צוגענומען גארניט? זאגט צו איהר סאסי די טענדלערקע: וואס האט איהר ביי מיר צו נעהמען? דעם דלות? נעהמט אייך איהם! זאגט איהר בתיה די רופאיטע: „האלט זיך מיט איהם געזונדערהייד!..“ רופט זיך אפ פעסי די שמשיטע: „פון דלות איז קיינער ניט בעוואהרענט! מע האט שוין געזעהען פיינע בריה'ס מיט אייגענע

הייזער ליגען פֿון דעסטוועגען גוט אין דער ערד!..“ „און באַקען בייגעל“... העלפֿט איהר אונטער סאָסני די טענדלערקע, ווערט בתיה די רופאיטע אין כעס און פֿאַלט אָן אויף סאָסני די טענדלערקע, שטעלט זיך איין פֿאַר איהר פּעסי די שמשיטע, ווערט אַ געררודעריי צווישען אַלע דריי ווייבער, אַ מישמאַש, אַ צונויפֿגיסעניש פֿון ווערטער, רייד און משלים: „געזעהען אַביסעל אַ מליץ יושרטע!..“ „געפֿעהלט איך אַ השגה פֿון אַ יודענע!..“ „געפֿעהלט איך ניט וועט איהר מיט מיר קיין שדוך ניט טהון...“ „מע זוכט אַ שער רופֿט זיך אָפּ דאָס אויבערשטע פֿון שטייסיל!..“ „אַ משל קאַבאַק!..“ „אויך מיר אַ נגידיתטע איבער אַ קאַטשערע מיט אַ לאָפּעטע“... „לאָז זיין שטיל פּיסקאַטע, וואָרום סע קען פֿליהען אַ קאַטשערע אין קאָפּ אַריין“... „איך וויים ניט וועמען, איהר זענט בילכער...“ „נאַ זשע דיר טאַקי!..“ „נאַ דיר!“..“ „נאַט אייך ביידע!..“

איהר מיינט וואָס איז דאָס געווען? פּעטש? חס וחלילה! — פֿייגען, פֿייגען פֿון צוויי צונויפֿגעדרעהטע פֿינגער, אינמיטען אַ דריטער, און גלייך אין נאָז אַריין.

ט.

האָט קיין פֿאַראיבעל ניט וואָס איך וועל אייך זאָגען: איך האָב מורא, אַז ווען חלילה מע שפּאַנט צונויף דריי הייטמאַדישע דאַמען און מע קוועטשט זיי צונויף אַלע אינאיינעם אונטער איין דאַך ווי מע האָט צונויפֿגעקוועטשט אונזערע דריי ווייבער, בין איך אייך ניט ערב וואָס דערפֿון וואָלט אַרויס; עס קאָן זיין עס וואָלט ניט אַרויס גאָרניט, און עס קאָן זיין אַז עס וואָלט געוועזען מאוס, נאָך מאוסער ווי ביי מיינע דריי שכנהטעס... איך מיין חלילה דערמיט קיינעם ניט בעליידיגען; נאָר גלאַט, מע רעדט רעדט מען.

איך קעהר מיך אום צוריק צו מיינע ווייבער נאָך אַלע מחלוקתין מיט די מאוסע „קאָנפֿליקטען“ וואָס צווישען זיי פֿלעגט פֿאָרקומען, איז מען זיך קיין שונאים חס ושלום ניט געווען, וואָרום וואָס אייגענטליך האָט מען געהאַט איינס צו דאָס אַנדערע? חלילה אָפּגענומען פּרנסה? אָט האָט מען זיך געקריגט און אָט האָט מען זיך איבערגעבעטען. און ווער שמועסט אַז ס'איז געקומען פּסח איז מען גאָר געוואָרען שלום, אַחדות, נפש אַחת, וואָרום אַלע דריי האָבען געבאַקען מצות אין איין טאָג, אַלע האָבען געשטעלט איין דיישקעלע בּאָרשט, אַלע האָבען געהאַנדעלט איין מציאה אַ זעקיל קאַרטאָפֿליעס און אַלע האָבען זיך געזעצט צום סדר ביי איין טיש, טאַקי ביי דער בעל=הביתטע,

בײַ בתיה די רופֿאטע, אינאײנעם מיט איהר געדויבען די שיסעל, איהר נאָכ־געזאָגט שטילערהײד װאָרט בײַ װאָרט די הגדה, װאָס בתיה האָט געלײענט אויף עברי־טײַטש פֿון אַ גראָבען סדור.

נאָר דאָס איז אָבער געװען אַמאָל, בשעת בתיה דער רופֿאטעס מאַן, ישראל דער רופֿא, האָט נאָך געלעבט, פֿלעגט ער אָפּרעכטען דעם סדר. נאָכ־דעם אַז ישראל דער רופֿא איז געשטאָרבען האָט אײנער פֿון די שכנהטעס זיהן, געפּראַװעט דעם סדר. איצט אַז אַלע האָבען זיך צופֿאָהרען דער אַהער און דער אַהין, און אין דער גאַנצער שטוב איז געבליבען אײן מאַנסביל יוזעק, איז געװאָרען צװישען די װײַבער אַ רײד, אפשר װאָלט געװען אַ סברה, אַז יוזעק זאָל הײַנטיגס יאָהר אָפּריכטען דעם סדר? יוזעק איז אַ יונגעל װאָס לערענט שוין חומש, און עברי זאָגט ער װי אַ װאַסער, פֿאַר װאָס זאָל ער ניט זײַן דער מאַנסביל, דער מלך?

— יוזעק, װילסט זײַן אַ מלך?

— אַ מלך? פֿאַר װאָס ניט? װער זאָגט זיך עס אָפּ פֿון מלוכה?

— אַז אַך און װעה איז צו דער מלוכה, אַז יוזעק איז דער מלך! —

אַזוי האָבען געזאָגט די דרײַ װײַבער מיט די צװײ שװעסטער און האָבען אידם אויסגעבעט זעהר אַ שענע „עסע בעט", אַרומגעלעגט מיט קישענס, און יוזעק אַז ער איז געקומען פֿון שול מיט׳ן ברײטען גוט יום טוב האָט ער זיך געזעצט על כסא מלכותו, אין די נײַע יום־טוב׳דיגע בגדימליך, װי אַ אמת׳ער מלך.

י.

דרײַ זאַכען: געניעצען, לאַכען און װײנען — דאָס זענען פֿון די ענינים װעס מע נעמט זיך אָן אײנער פֿונ׳ם אַנדערען. — געניעצען, לאַכען און װײנען איז ניט בײַ אונז אין די הענד.

בײַם סדר װאָס מיר בעשרײַבען אַצונד, סאַמע צום רעכטען שפּיץ, בשעת דער יונגסטער פֿון די מלכים, יוזעק דער יתום, האָט נאָך דעם ברײטען „לפיכך" מיט׳ן שענעם „הלל" אויפֿגעהויבען דעם צװײטען כוס און אָנגעהויבען זאָגען דעם הריני רוצה לקיים מצות כוס שני של ארבע כוסות און געװאָלט צוטראָגען דאָס גלעזעל צום מויל, האָט זיך געלאָזט הערען צװישען די װײַבער אַ יאָמערליך געװײן, װי מע באַװײנט אַ טוידטען.

ווי אַזוי דאָס האָט זיך געטראָפען ווער פון זיי האָט פריהער אָנגעהויבען וויינען, איז שווער צו וויסען. בשעת יוזעק האָט אָפגעמאַכט דעם קדוש און אָנגעהויבען צו זינגען דעם עבדים היינו, האָט איינע פון די צוויי שוועסטער זיך דערמאָהנט, אַז פאַראַיאָהרען אין דער צייט זענען זיי אויך געזעסען ביים סדר; נאָר ס'איז געווען אַן אַנדער סדר. דער טאַטע האָט געלעבט, און די מאַמע האָט געלעבט, און זיי, די צוויי שוועסטער, האָט מען אויפגענייט אויף פסח נייע קליידליך, זיך גאָר נישט געקרעכט, אַז זיי וועלען איצטער בעדאַרפען זיצען ביי אַ פרעמדען טיש מיט פרעמדע ווייבער און יוזעק וועט זיי אָפּרעכטען דעם סדר... און ביי איינער פון די צוויי שוועסטער האָט אָנגעהויבען פינטלען אַנ'אויג, אונטערציטערן די אונטערשטע ליפ, און אויף איהר קוקענדיג האָט זיך ביי דער אַנדערער שוועסטער אָנגעהויבען לאָזען אַ טרעהר נאָך אַ טרעהר, און אויף זיי קוקענדיג האָט זיך איינע פון די דריי שכנה'טעס דערמאַנט אויך אָן זייער אומגליק, אַז נטע דער שמש, איהר מאַן הייסט דאָס, האָט געלעבט איז איהר געווען גוט ווי די וועלט, דאָס הייסט גוט איז איהר קיינמאָל נישט געווען, נאָר בעסער ווי איצטער אַוודאי, אַז זי בעדאַרף זיין אַ פיד'שמש'טע, וואָרום עוזר דער שמש וואָס איז פריהער געווען ביי נטע דעם שמש אַ פיד'שמש, איז היינט געהויכט געוואָרען, אַרויף נאָך איהר נטע'ס טוידט, פון פיד'שמש אויף שמש, און זיין ווייב גנעסי איז געוואָרען אַזוי גרויס, טאַטעניו, אַז מע קאָן שוין גאָר צו איהר ניט צוטרעטען!..

אַזוי האָט זיך געטראַכט פעסי די שמש'טע און האָט געמאַכט בשעת מעשה אַזאַ קרום פנים, אַז סאָסי די טענדלערקע האָט בעדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזען, זי זאָל זיך איינהאַלטען פון טרעהרען. סאָסי האָט זיך דערמאָנט אָן טרויעריגע זאַכען, זיבען און זיבעציג ווייבער, וואָס רייסען פון די הענט, לאָזען נישט פאַרדינען אַ גראָשען, צובאַלעווען די קונה'טעס, מאַכען פון זיי אַ תל, אַ תל! היינט האָט זי זיך דערמאָנט אָן איהר עלטערע טאָכטער וואָס זי איז געשטאָרבען שוין לאַנג, נאָך קינדווייז, ראָסי האָט זי געהייסען; ווען ראָסי זאָל געוועזן ניט שטאַרבען וואָלט זי שוין איצטער געווען אַ מיידיל צו לייטען און אפשר אַ מאַמע פון קינדער. און אויך אָן איהר מאַן האָט זי דערמאַנט, ווי ער איז נעבעך אָפגעקומען כל ימיו, געווען אַ פינסטערער קאַליקע, אַ לא יוצלח לשום מלאכה, אַ קראַנקער נעבעך — און סאָסי די טענדלערקע נאָכזאָגענדיג שטילערהייד בתיה, דער רופא'טע די הגדה און צושאָקלענדיג זיך גלייך מיט איהר צום טאַקט באַוואַשט זי זיך מיט טרעהרען, און אַפילו די פירזאָגערין אַליין, בתיה די רופא'טע, הערט זיך אַליין ניט צו צו די ווערטער פון

דער הגדה וואס גיסען זיך ביי איהר אהן איהר וויסען, דערמאנט זיך אויך אן איהרע אייגענע צרות, און איהרע קינדער וואס זענען אוועק אין דעם ווייטען — ווייטען אמעריקא. זיי שרייבען אפילו פון דארטען גאנץ גוטע בריוולעך, אז זיי מאכען דארטען א גוט לעבען, הייסט זיי ארבייטען זעהר א סך און זענען מענשען גלייך; צו בעווייזען ווי גוט זיי איז, האבען זיי איהר געשיקט זייערע פארטרעטען, וואס דארטען רופט מען דאס „פיקטשערס" און זאגען איהר צו, אז אויב די געשעפטען, אדער ווי ער רופט דאס דארטען די „ביזנעס" וועלען זיך א ביסעל פארבעסערען וועלען זיי איהר צושיקען עטליכע קערבליך אדער ווי מע רופט דאס דארטען „דאללערס" מיט א שיפס קארטע און וועלען די אריבערנעהמען אהינצו אין דעם גרויסען גליקליכען לאנד, וואו אלע מאכען א לעבען, וואו אלע מענשען זענען גלייך, א מענש מעג דארטען אויסציהען זיך אין מיטען גאס פון הונגער, וועט איהם קיינער ניט זאגען קרום געהסט דו... נאר אזוי לאנג קריינקען די שונאים ווי לאנג בתיה וועט ניט פאהרען אהינצו, זי האט דא אויך קינדער. אי ס'איז זיי נעבעך ניט גוט, וואס זאל מען טהון? ס'איז א גאטס זאך, אלסדינג איז פון גאט!

אזוי טראכט זיך בתיה די רופאטע און לייענט די „הגדה" ווי א וואסער, און זי אליין בעמערקט גאר ניט ווי זי וויינט און גיסט מיט טרעהרען, ביז ס'איז געקומען צום צווייטען כוס פון די ארבע כוסות, אז דער יונגסטער פון די מלכים האט זיך אפגעשטעלט אפטרינקען א ביסעל וויין, האבען זיך אלע ווייבער אליין דערשראקען פאר זייער געוויין, און בתיה די רופאטע איז אנגעפאלען אויף זיי מיט א געפילדער, זיך אויסגעווישט די אויגען מיט'ן פארטוך און אויסגעשנייצט די נאז.

— וואס האט איהר זיך צויאחמערט פלוצים אין מיטען דרינען? וואס איז היינט יום כפור? צי תשעה באב? געזעהען א ביסעל!

ערשט דעמאלט האבען זיך די ווייבער בערוהיגט, ווען איינע פון זיי האט אונטערגעטראגען דעם מלך א קווארט וואסער מיט א טאז אויף צו וואשען זיך, די אנדערע האט דערלאנגט די הייסע פיש פונ'ם אויבען, די דריטע האט צוגעטראגען דעם חריין. דער יונגסטער פון די מלכים האט געמאכט א ברכה על אכילת מצה, די ווייבער האבען געענטפערט אמן און די סעודה האט זיך אנגעהויבען שטיל, אהן ווערטער.

דער אורח.

דער אורח.

איך האָב פֿון אייערטוועגען, רב יונה, אַנ'אורח אויף פּסח, האָט איהר נאָך אַזאַ אורח ניִשט געהאַט זינט איהר זייט אַ בעל-הבית.

— דהיינו?

— דהיינו אַנ'אתרוג, ניִשט קיין אורח!

— דהיינו וואָס הייסט אַנ'אתרוג?

— דהיינו אַנ'אתרוג הייסט אַ יוד פֿון סאַמע זייד, און אַ שענער יוד אַ פּאַרשוין; איין חסרון נאָר, וואָס ער פֿערשטעהט ניִשט אונזער לשון.

— וואָסער דען לשון פֿערשטעהט ער?

— לשון הקדש.

— פֿון ירושלים?

— פֿון וואַנען ער איז ווייס איך ניִשט, נאָר אַז ער רעדט, רעדט ער מיט סאַמע פּתח'ן.

אָט אַזאַ געשפּרעך איז פֿאָרגעקומען צווישען טאַטען מיט עזריאל דעם שמש אַ פּאָר טעג פֿאַר פּסח, און איך בין זעהר נייגעריג געווען אָנצוקוקען דעם דאָזיגען „אתרוג", וואָס פֿערשטעהט ניִשט אונזער לשון און רעדט מיט סאַמע פּתח'ן. שוין אין שול האָב איך בעמערקט עפּיס אַ מאָדנע נפש מיט אַ שטריימעל און מיט אַ טערקישען חאַלאַט פֿון געלבע בלויע און רויטע פּאַסען. אַרום דעם דאָזיגען פּאַרשוין האָבען מיר, יונגוואַרג, אַרומגעשטעלט זיך פֿון אַלע זייטען און גענומען איהם בעטראַכטען און האָבען געכאַפּט אַ מאוס'ען פּסק פֿון עזריאל דעם שמש: קינדער זאָלען ניִשט האָבען קיין טבע

קריכען אַ פֿרעמדען מענשען אין פּנים אַריין. נאָכ'ן דאַוונען האָט דער גאַנצער עולם אָבגעשטעקט דעם פּאַרשוין שלום און געזאָגט איהם אַ גוט יום-טוב, און דער פּאַרשוין האָט אַלעמען אָבגעענטפֿערט מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די רויטע בעקלעך פֿערברעמט מיט אַ גרויע בערדעל: „שאַלאָם! שאַלאָם!“ דער „שאַלאָם-שאַלאָם“ האָט אַרויסגערופֿען ביי אונז, קליינוואַרג, זעהר אַ גרויס געלעכטער, און דאָס האָט עוריאל דעם שמש שטאַרק פֿערדראָסען, האָט ער זיך געלאָזט צו חברה מיט אַ פֿאַרטיגע האַנד אויף צו געבען פּעטש. חברה האָט זיך פֿון עוריאל'ס האַנד אויסגעגליטשט, ווידער פֿער'גנב'עט זיך צום פּאַרשוין, הערען ווי ער זאָגט „שאַלאָם-שאַלאָם“, אויסגעשאָסען אַ געלעכטער און ווידער זיך אויסגעגליטשט פֿון עוריאל'ס האַנד... מיט גרויס גדלות לאָז איך מיך געהן נאָכ'ן טאַטען מיט'ן דאָזיגען פּאַרשוין צו אונז אויף יום-טוב און פֿיהל, אַז אַלע חברים זענען מיר מקנא אויף דעם אורח. זיי קוקען אונז נאָך אַלע פֿון דערווייטען און איך דרעה אום צו זיי דעם קאָפּ און שטעל זיי אַרויס אַ צונג. אַ גאַנצען וועג שווייגען מיר אַלע דריי און אַריינגעקומען אין שטוב אַריין זאָגט דער טאַטע צו דער מאַמע: אַ גוט יום טוב! און דער אורח טהוט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ און דאָס שטריימעל טהוט זיך אַ טרייסעל: שאַלאָם! שאַלאָם! איך דערמאָן מיך אָן מיינע חברים און בעהאַלט דאָס פּנים אונטער'ן טיש איך זאָל נישט אויסשיסען קיין געלעכטער. איך כאַפּ אַ קוק אַלע מאָל אויפ'ן אורח און ער געפֿעלט מיר; עס געפֿעלט מיר זיין טירקישער חאַלאַט וואָס מיט די געלבע בלויע און רויטע פּאַסען; עס געפֿעלען מיר די רויטע פֿריש בלוטיגע בעקלעך זיינע, וואָס זענען אַרומגעברעמט מיט אַ שען קיילעכיג גרויע בערדיל, עס געפֿעלען מיר זיינע שוואַרצע שענע אויגען וואָס קוקען אַרויס שמייכלענדיג פֿון אונטער די געדיכטע גרויע ברעמען. אויך דעם טאַטען זעה איך איז ער געפֿעלען, דער טאַטע איז זיך מיט איהם משמח, און די מאַמע קוקט אויף איהם ווי אויף אַ געטליכען מענשען, און קיינער רעדט נישט מיט איהם אַ וואָרט, דער טאַטע אַליין מיט זיין כבוד בעט איהם אום די הסב-בעט. די מאַמע איז פֿערטאַרעראַמט מיט'ן גרייטען צום סדר, און ריקעל די מויד העלפֿט איהר אונטער, ערשט אַז עס קומט צום קדוש מאַכען, שמועסט זיך דורך דער טאַטע מיט'ן אורח אויף לשון קודש, און איך בין מלא גדולה וואָס איך פֿערשטעה כמעט איטליכם וואָרט. איך גיב דאָ איבער זייער לשון קודש'ען שמועס מלה במלה:

דער טאַטע: נו? (אויף אונזער לשון זאָל דאָס הייסען: מאַכט זייט מוחל קדוש).

דער אורח: נו—נו! (אויף אונזער לשון זאָל דאָס הייסען: מאַכט, מאַכט).

דער טאַטע: נו—אָ? (פֿאַר וואָס ניט איהר?)

דער אורח: אָ—נו? (איהר פֿאַר וואָס נישט?)

דער טאַטע: אי—אָ! (פֿריהער איהר!)

דער אורח: אָ—אי! (איהר פֿריהער!)

דער טאַטע: ע—אָ—אי! (איך בעט אייך מאַכט איהר).

דער אורח: אי—אָ—ע! (מאַכט איהר איך בעט אייך).

דער טאַטע: אי—ע—אָ—נו? (וואָס ווערט אייך אַרגען אַז איהר ווערט מאַכען פֿריהער).

דער אורח: אי—אָ—ע—נו—נו. (אַז איהר ווילט דוקא איך, לאָז זיין איך).

און דער אורח נעהמט דעם כוס פֿון'ם טאַטענס הענד און לייגט אַוועק אַ קדוש, נאָר אַזאַ קדוש, וואָס מיר האָבען אַזעלכס נישט געהערט און וועלען שוין נישט הערען קיינמאָל. ערשטענס די עברי — וואָס מיט סאַמע פּתח'ען: „בּרשות מאַראַנאַן ורבּאַנאַן ורבּאַטאַי"... און צווייטענס — דאָס קול, וואָס געהט בּיי איהם נישט פֿון'ם האַלז, נור ווי פֿון'ם טערקישען חאַלאַט, וואָס מיט געלבּע בּלויע און רויטע פּאַסען. איך האָב מיך דערמאָנט אָן מיינע חברים, וואָס פֿאַר אַ געלעכטער דאָ וואָלט אויסגעבּראָכען און וואָס פֿאַר פּעטש דאָ וואָלטען געפֿלויגען, ווען זיי זאָלען אַ שטיקעל זיין בּיי דעם קדוש? נור אַזוי ווי איך בּין דאָ אַליין האַלט איך מיך איין און פֿרעג דעם טאַטען די פֿיער קשיות און מיר זאָגען די הגדה אַלע אינאיינעם, און איך בּין שטאָלץ וואָס דער דאָזיגער פּאַרשוין איז אונזער אורח, נישט קיינעמס.

ב.

דער תנא וואָס האָט געזאָגט אין משיחין בּסעודה — מען זאָל נישט רעדען הייסט עס בּיי'ם עסען, זאָל ער מיר מוחל זיין, האָט נישט געקענט דאָס יודישע לעבּען. איך בּעט אייך, ווען האָט אַ יוד למשל צייט צו ריידען אַז נישט בּיי'ם עסען? ובּפֿרט צום פּסח צום סדר וואָס איז פֿאַראַן אַזוי פֿיעל צו זאָגען פֿאַר דער סעודה און נאָך דער סעודה? ריקעל די מויד האָט דערלאַנגט דאָס וואַסער, מען האָט זיך נאָר געוואַשען, געמאַכט המוציא, געזאָגט על אכילת מצה, און די מאַמע האָט אויסגעטיילט די פֿיש, אַזוי האָט

דער טאַטע פֿערקאַטשעט די אַרבל און האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט׳ן אורח אין אַ לאַנגען שמועס אויף לשון קודש. דאָס ערשטע, וואָס דער טאַטע האָט איהם געפֿרעגט איז געווען די געוועהנליכע שאלה, וואָס איין יוד פֿרעגט ביים אַנדערען יודען.

— מה שמכם?

דערויף האָט איהם דער אורח געענטפֿערט מיט סאַמע פּתחען און אין איין אָטהעם ווי מען זאָגט די עשרת בני המן אין דער מגילה:

— אַיק בכר גלש רמת הנך וסם זען חפף טצץ.

דער טאַטע איז געבליבען זיצען מיט׳ן ביסען אין מויל און געקוקט פֿערוואונדערט אויפ׳ן פּאַרשוין, אַ פּנים דערפֿאַר וואָס ער טראָגט אַזאַ לאַנגען נאָמען און איך האָב מיך פֿערהוסט און געקוקט אַראָב אונטער׳ן טיש, האָט מיר די מאַמע אַ זאָג געטהון. „פּאַמעלי ווי דו עסט פֿיש, קאָנסט זיך וואַרגען חלילה מיט אַ ביינדעל“ און אויפ׳ן פּאַרשוין האָט זי אַ קוק געטהון מיט גרויס רעשפּעקט. ער ווייזט אויס, אַז זי איז פֿונ׳ם נאָמען גאָר נתפּעל געוואָרען, חאָטש זי האָט נישט פֿערשטאַנען וואָס דאָס בעדייט, און אַזוי ווי דער טאַטע האָט יאָ פֿערשטאַנען, האָט ער געפֿונען פֿאַר נויטיג איהר די זאַך אויפֿצוקלעהרען:

— פֿערשטעהסט דו מיך, איק בכר — דאָס איז אונזער איבערגעקעהר-טער אַלף בית, און דאָרט איז ביי זיי אַ פּנים אַזאַ מנהג, אַז איטליכער הייסט ביי זיי על פּי אלף בית.

— אלף בית! אלף בית! חאַפּט אונטער דער פּאַרשוין מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די בלוט רויטע בעקלעך און די שעהנע שוואַרצע אויגען קוקען אויף אונז אַלע און אפילו אויף ריקעל די מויד מיט גרויס פֿריינד-שאַפֿט.

געוואָהר געוואָרען דעם נאָמען זיינעם איז דער טאַטע נייגעריג געווען צו וויסען אויך פֿון וואַנען, פֿון וואָסער אַ לאַנד ער קומט צו פֿאָהרען. דאָס האָב איך פֿערשטאַנען לויט די נעמען פֿון שטעדט און מדינות, וואָס האָבען זיך געלאָזט הערען, און וואָס דער טאַטע האָט דאָס נאָכדעם איבערזעצט פֿאַר דער מאַמע, געגעבען כמעט אויף איטליכעם וואָרט אַ פּירוש, און די מאַמע איז פֿון איטליכם וואָרט געווען נתפּעל און אויך ריקעל די מויד איז געווען נתפּעל, און ס׳איז טאַקי געווען פֿון וואָס נתפּעל צו ווערען: אַ קלייניגקייט, אַ פּאַרשוין קומט צו פֿאָהרען אפשר פֿאַר צעהנטויזענד מייל פֿון אַ מדינה, וואָס איידער מען קומט צו צו איהר מוז מען אַריבערשווימען זיבען ימים מיט אַ מדבר,

און וואס די מדבר, אליין דארף מען צו געהן ניט ווינציגער ווי פערציג טעג מיט פערציג נעכט, און אז מען קומט שוין צו גאר נאהענט, בעדארף מען ארויפקלעטערען אויף אזא הויכען בארג, וואס דער שפיץ גרייכט ביז צו די וואלקענס, און בעדעקט איז ער מיט אייז, און ווינטען, שרעקליכע בלאזען דארטען, וואס ס'איז סכנות נפשות!.. דערפאר אבער אז מען קומט איבער בשלום דעם דאזיגען בארג און מען טרעט אריין אין זייער לאנד, זעהט מען פאר זיך דעם אמת'ן גן־עדן התחתון: בשמים, נעגעלעך, געווירצען, כל המינים פירות, עפעל און בארען און פאמעראנצען, וויינטרויבען טייטלען און איילבערטען, ניס און פייגען לרוב. און די הייזער זענען דארטען געבויט פון סאמע טענענהאלץ און געדעקט מיט ריין זילבער, די כלים זענען פון גינגאלד (בשעת מעשה טהוט דער אורח א קוק אויף די זילבערנע כוסות אונזערע מיט די זילבערנע לעפעלן, גאפלען און מעסערס) און בריליאנטען, פערלן דימאנטען וואלגערען זיך דארטען אויף דער גאס, קיינער וויל זיך ניט געבען די מיה זיך אנבויגען זיי אויפצוהויבען, ווארום זיי האבען דארטען קיין שום ווערט (און בשעת מעשה קוקט דער אורח אויף דער מאמעס דימאנטענע אויהרינגלעך מיט די געלע פערלעך וואס אויף איהר ווייסען האלז).

— דו הערסט? — מאכט דער טאטע צו דער מאמע מיט א גליקליך פנים.

— איך הער — ענטפערט איהם די מאמע און פרעגט א קשיא, למאי ברענגען זיי דאס ניט צופיהרען אהער, זיי וואלטען דאך דא געמאכט דערפון גאלד! אנו, טהו איהם אקארשט אינמיטנע א פרעג, יונה.

דער טאטע פרעגט איהם די דאזיגע קשיא און בעקומט פון איהם א תשובה און גיט איבער דער מאמע אויף אונזער לשון:

— פערשטעהסט דו, ער זאגט אז דו קומסט צופאהרען א היניצי, קאנסטו דיר נעהמען וויפיעל דו ווילסט, פולע קעשעניעס, נאר פאהרסט דו פון דארטען ארויס, מוזט דו אפגעבען אלסדינג צוריק, און טאמער טרייסעלט מען אוים ביי דיר וואס ניט איז, ביזט דו חיב מיתה.

— וואס הייסט דאס? — פרעגט די מאמע, דערשראקען.

— דאס הייסט מע הענגט דיך אויף אויף א בוים, אדער מע פערשטייניגט דיך מיט שטיינער.

ג.

וואס וייטער ווערען די מעשיות פונ'ם דאזיגען פארשוין אלץ מעהר אינטערעסאנט, און אז עס האלט שוין נאך די קניידלעך און מיר נעמען נאך

צו ביסלעך ווײַן, פֿרעגט איהם דער טאַטע: ווען מען געהער דאָס אַלסדינג, און צו ס'איז פֿאַרהאַן דאָרטען אַ מלך? און באַלד בעקומט ער אַ קלאָהרע תשובה און גיט דאָס איבער דער מאַמע מיט גרויס חדוה, אויף אונזער לשון.

— ער זאָגט, אַז געהערען געהער דאָס אײַנגאַנצען צו די דאָרטיגע יו־דען, וואָס מע רופֿט זיי „ספרדים“, און אַ מלך איז ביי זיי פֿאַרהאַן, זאָגט ער, אויך אַ יוד, זעהר אַ פֿרומער יוד מיט אַ שטרײַמעל, זאָגט ער, און רופֿען רופֿט מען איהם יוסף-בן-יוסף. ער איז כהן גדול, זאָגט ער, ביי די „ספרדים“ און פֿאָהרט אַרויס, זאָגט ער, אין אַ גילדענער קאַרעטע מיט זעקס ברענענדיגע פֿערד, און אַז ער קומט, זאָגט ער, אין שוהל אַרײַן געהען איהם, זאָגט ער, אַ קעגען די לוים מיט אַ געזאַנג...

— ביי אײַך זינגען לוים אין שול? — פֿרעגט איהם דער טאַטע פֿערוואונ־דערט און בעקומט באַלד אַ תשובה און גיט דאָס איבער דער מאַמע אויף אונזער לשון, און דאָס פּנים ביי איהם שײַנט ווי די זון.

— וואָס זאָגסט דו דערויף? ער דערצעהלט אַז ביי זיי איז פֿאַרהאַן אַ בית המקדש מיט כהנים מיט לוים מיט אַנ'אָרגעל...

— נו, און אַ מזבח? — טהוט איהם דער טאַטע אַ פֿרעג און בעקומט אַ תשובה און גיט דאָס איבער דער מאַמע אויף אונזער לשון:

— ער זאָגט ס'איז דאָ ביי זיי אַ מזבח מיט קרבנות, זאָגט ער, מיט גילדע־נע כלים, אַלסדינג ווי אַמאָל, זאָגט ער, ביי אונז אין ירושלים.

און ביי די ווערטער לאָזט אַרויס דער טאַטע אַ טיפֿען זיפֿץ און אויף איהם קוקענדיג זיפֿצט אויך די מאַמע, און איך פֿערשטעה איהם ניט, וואָס דאַרף מען דאָ זיפֿצען? אַדרבא מע בעדאַרף זײַן שטאָליץ, מע בעדאַרף זײַן פֿריילידך, וואָס מיר האָבען אַזאַ לאַנד, וואו עס געוועלטיגט אַ יודישער מלך און אַ כהן גדול און וואו עס געפֿינט זיך אַ בית המקדש מיט כהנים, מיט לוים, מיט אַנ'אָרגעל, מיט אַ מזבח, מיט קרבנות... און גוטע, לעכטיגע מחשבות חאַפּען מיך אויף און טראָגען מיך אַוועק גלײַך אַהינצו, אין יענעם גליקליכען יודישען לאַנד, וואו די הײַזער זענען געבויעט פֿון סאַמע טענענ־בוימער געדעקט מיט רײַן זילבער, וואו די כלים זענען פֿון גין-גאָלד, און וואו בריליאַנטען, פּערלען, דימאַנטען וואַלגערן זיך אויף דער גאַס, און עס גנב'ט זיך אַרײַן צו מיר אַ מחשבה, אַז ווען איך זאָל דאָרטען זײַן וואָלט איך שוין געוואוסט וואָס איך האָב צו טהון; איך וואָלט שוין געוואוסט וואו צו בעהאַלטען; ביי מיר וואָלט מען שוין נישט אויסגעטרייסעלט גאַרנישט... איך וואָלט שוין געבראַכט פֿון דאָרטען דער מאַמע אַ שענע מתנה: אוירינגע־

ליך ברילִיאַנטענע און פערל עטליכע שנירלעך, און בשעת מעשה טהו איך א קוק אויף דער מאַמעס דימאַנטענע אויררינגלעך מיט די געלע פערעלעך, וואָס אויף איהר ווייסען האַלז, און איך בעקום אַ שטאַרקען חשק צו זיין אינ׳ם דאָזיגען לאַנד און עס פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, איך זאָל נאָך פסח זיך דורכפאָהרען אַהין מיט׳ן דאָזיגען אורח, געוויינטליך בסוד אַז קיינער זאָל ניט וויסען. איך וועל דעם סוד אַנטפּלעקען פאַר׳ן אורח, אויסגיסען פאַר איהם מיין האַרץ, אויסזאָגען איהם דעם גאַנצען אמת, און בעטען איהם ער זאָל מיך נעמען מיט זיך אַהינצו חאָטש אויף אַ קליינער צייט; ער וועט דאָס מיר געוויס טהון, ער איז זעהר אַ גוטער, אַ צוגעלאָזטער פאַרשוין, ער קוקט אויף איטליכען בעזונדער און אפילו אויף ריקעל די מויד אַזוי פריינדליך, אַזוי פריינדליך!

אַזוי טראַכט איך מיר און קוק אויף אונזער אורח און עס מאָלט זיך מיר אויס, אַז ער טרעפט מיין מחשבה, מחמת ער קוקט אויף מיר מיט זיינע שענע שוואַרצע אויגען, און עס דאַכט זיך מיר אַז ער ווינקט צו מיר און זאָגט צו מיר אויף זיין לשון:

— שווייג, ווייסער חברה׳ניק אייגער, לאָז נאָר איבערגעהן דער פסח, וועט שוין זיין רעכט!...

ד.

אַ גאַנצע נאַכט פלאָנטען זיך מיר חלומות: אַ מדבר, אַ בית המקדש, אַ כהן גדול און אַ באַרג אַ הויכער, און איך קלעטער אַרויף אויפ׳ן באַרג, און דאָרט וואַקסען בריליאַנטען, פערלען, דימאַנטען און מיינע חברים קריכען אַרויף אויף די ביימער און טרייסלען זיי, און עס פאַלען פון דאָרטען אויף דער ערד גוזמי גוזמאות בריליאַנטען, פערלען, דימאַנטען, און איך שטעה פון הינטען און קלויב די בריליאַנטען, פערלען, דימאַנטען און שטופּ אין די קעשענעס, און מערקווירדיג! וויפיל איך שטופּ און עס געהט נאָך! וויפיל איך שטופּ און עס געהט נאָך! לייג איך אַריין די האַנד אין קעשענע און נעם אַרויס פון דאָרטען אַנשטאַט בריליאַנטען, פערלען, דימאַנטען, — נאָר פירות אַלערליי: עפּעל און בארען. און פּאָמעראַנצען און איילבירטען און טייטלען און ניס און פייגען... און איך האָב דערפון גרויסע אַנגסטען, קאַטשע מיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, און עס חלומ׳ט זיך מיר דאָס בית המקדש, און איך הער די כהנים דוכנ׳ען און די לוים זינגען און דעם אָרגעל

שפיעלען, און עס ווילט זיך מיר אריינגעהן אינוויינינג אין בית המקדש, און איך קאן נישט — ריקעל די מויד האלט מיך צו און לאזט מיך ניט, און איך בעט זיך ביי איהר, איך שריי, איך וויין, איך האב דערפון גרויסע אנגסטען, קאטשע מיך פון איין זייט אויף דער אנדערער און חאפ מיך אויף און... דערזעה פאר זיך דעם טאטען מיט דער מאמען שטעהען האלב אנגעטהון, ביידע בלאס ווי דער טויט, דער טאטע אראבגעלאזט דעם קאפ, די מאמע ברעכט די הענד און אויף איהרע שענע אויגען שטעהען טרעהרען, מיין קינדעש הארץ דערפיהלט, אז דא איז עפיס געשעהען ניט קיין גוטען זאך, זעהר נישט קיין גוטע זאך, נאר וואס מיין קינדערש קעפיל האט נישט צוגעטראכט פאר אנ'אומגליק איז דאס געווען א גארנישט קעגען דעם וואס איז געשעהן.

און געשעהן איז אט וואס; אונזער אורח דער פארשוין פון יענער וייטער מדינה, פון יענעם גליקליכען לאנד וואס די הייזער זענען געבויעט פון סאמע טענענבוימער און געדעקט מיט ריין זילבער א. ז. וו. איז נעלם געווארען און איינאיינעם מיט איהם איז נעלם געווארען ביי אונז א סך זאכען: אלע זילבערנע כוסות, אלע זילבערנע ליפעל, נאפלען און מעסערס, דאס גאנצע ביסעל צירונג דער מאמעס און אויך מזומן געלד וויפיל עס האט זיך געפונען ביי אונז אין קאסטען. און אויך ריקעל די מויד איז מיט איהם אנטרונען געווארען...

און עס נעמט מיך אן בייס הארצען, נישט אויף די זילבערנע כוסות מיט די זילבערנע לעפלען נאפלען און מעסערס, וואס זענען נעלם געווארען, און נישט אויף דער מאמעס צירונג, און נישט אויפ'ן מזומן געלד, און נישט אויף ריקעל די מויד—חאפט זי דער רוח—נאר אויף דעם גליקליכען—גליקליכען לאנד, וואס וואלגערען זיך דארטען בריליאנטען, פערלען, דימאנטען, און אויף דעם בית המקדש, מיט די כהנים, מיט די לוים, מיט'ן ארגעל, מיט'ן מזבח, מיט די קרבנות און מיט די אלע איבעריגע גוטע זאכען, וואס מען האט ביי מיר אוועקגערויבט, צוגענומען, צוגענומען.

און איך קעהר מיך אום מיט'ן פנים צום וואנד און וויין, וויין שטילערהייד.

דריי אלמנות.

„שלום-עליכם". באנד II, 5.

דריי אלמנות.

א סיפור המעשה פון איין אלטען בחור א בעל-כעסן.

א.

אלמנה נומער איינס.

איהר האט א טעות, פריץ מיינער, נישט אלע אלטע מיידען זענען אומגליקליך, נישט אלע אלטע בחורים זענען עגאאיסטען. איך דאכט זיך אוים, זיצענדיג אט אין קאבינעט מיט א סיגאר אין מויל און מיט א ביכעל אין האנד, אז איהר ווייסט שוין אלסדינג, אז איהר האט שוין אריינגעדרונגען טיעף אין דער נשמה אריין, און עס איז אייך שוין פערענטפערט אלע קשיות. און ווער שמועסט אז גאט האט אייך געהאלפען איהר האט נאך געפונען דאס ריכטיגע ווארט „פסיחאלאגיע“ — פס! ווער איז צו אייך גלייך? א קלייניגקייט פסי—חא—לא—גיע!... ווייסט איהר וואס איז די טייטש פסיחאלאגיע? פסיחאלאגיע איז פעטרעשקע, עס זעהט אוים שעהן, האט א גוטען ריח, און אז מען שיט דאס ארויף אויף א געקעכטס איז דאס געשמאק. גערהט זשע אבער קייט פעטרעשקע! איהר ווילט נישט? היינט וואס דערצעהלט איהר מיר פסיחאלאגיע? אז איהר ווילט וויסען די אמת'ע פסיחאלאגיע, זעצט מען זיך אוועק און מען הערט אוים מיט קאפ, וואס מען דערצעהלט אייך, און ערשט נאכדעם וועט איהר א ברירה, האבען ארויסצוזאגען אייער מיינונג, פון וואנען עס נעמט זיך אומגליק און וואו ליעגט עגאאיזם. אט בין איך אן אלטער בחור, און אן אלטער בחור וועל איך שוין שטארבען. פאר וואס? א! זעהט איהר, ווייבאלד איהר פרעגט פאר וואס און ווילט מיך אויסהערען, איז דאס די אמת'ע פסיחאלאגיע! דער עיקר איז, איהר זאלט מיך ניט איבערשלאגען מיט קיין קשיות, ווי אזוי און וואס און ווען—איך האב פיינט אז מען שלאגט מיך איבער אין מיטען. אביסעל ווייסט איהר דאך, בין איך א קאפריזנעה

פֿון תמיד אָן, און די לעצטע צייט האָט זיך מיר נאָך צוגעוואָרפֿען נערוועזן אויך... נישט חלילה משוגע, שרעקט אייך ניט! משוגע — דאָס פּאַסט פֿאַר אייך; איהר האָט אַ ווייב, איך טאָר נישט. איך דאַרף זיין קלאָר, איך דאַרף זיין געזונד. דאָס וועט איהר אַליין אויך צוגעבען. מיט איינעם וואָרט, קיין קשיות זאָלט איהר מיך ניט פֿרעגען. אַז איך וועל אייך האָבען דערצעהלט די גאַנצע מעשה, און אייך וועט עפּיס זיין קשה, נישט גלאַטיג, דאַן וועט איהר צו מיר האָבען טענות. נו? שוין? אַלזאָ זעצט איהר זיך גאָר אַוועק אָט דאָ אויף מיין אָרט און איך וועל מיך באַזעצען מחילה אין אייער וויגשטוהל. איך האָב אויך ליעב אַז ס'איז ווייך און בעקוועם, און אַגב איז פֿאַר אייך בעסער אָט דאָ, איהר וועט ניט איינשלאָפֿען...!

אַלזאָ, איך געה גלייך צו דער מעשה, איך האָב פֿיינט הקדמות, איבעריגע רייד. געהייסען האָט זי פּאַיע, און גערופֿען האָט מען זי די „יונגע אלמנה“. — פֿאַר וואָס? הויבט זיך אָן אַ מעשה. פֿאַר וואָס! וואָס פֿערשטעהט איהר ניט? מסתמא אַז מען האָט זי גערופֿען די „יונגע אלמנה“ איז דערפֿאַר וואָס זי איז געווען אַ יונגע און אַן אַלמנה. מאָלט אייך, איך בין געווען יונגער פֿון איהר. אויף וויפֿיל יונגער? וואָס מאַכט דאָס אייך אויס? איך זאָג אייך יונגער איז יונגער! מיט איינעם וואָרט, עס האָבען זיך געפֿונען מענשען, וואָס האָבען אַ צונג און האָבען געזאָגט באשר, איך בין אַ בחור און זי אַ יונגע אלמנה, איהר פֿערשטעהט?... אַנדערע האָבען מיר זאָגאַר אָבגעגעבען מזל-טוב, געווינשען ס'זאָל זיין מיט גליק, איהר מעגט מיר גלויבען, און טאָמער ווילט איהר מיר ניט גלויבען בין איך אויך ניט בדלות, איך דאַרף מיך פֿאַר אייך ניט אויסשטעלען, איך בין איהר געווען אַזאַ פּאָר, אַזוי ווי איהר זייט מיר אַ פּאָר. גאָר ניט, גוטע פֿריינד, מען האָט זיך ליעב געהאַט. און וואָס איז דאָס חידוש? כ'בין נאָך געווען בעקאַנט מיט איהר מאַן. נישט נור בעקאַנט, נור בעפֿריינדעט. דאָס הייסט איך זאָג אייך ניט אַז מיר זענען געווען פֿריינד, איך זאָג, אַז מיר זענען געווען בעפֿריינדעט. ס'איז גאָר צוויי זאַכען: מען קאָן זיין בעפֿריינדעט און ניט זיין קיין פֿריינד און פֿאַרקעהרט, מען קאָן זיין די נאָהענטסטע פֿריינד און ניט זיין בעפֿריינדעט. אַזוי מיין איך. אייער מיינונג פֿרעג איך ניט! אַלזאָ זענען מיר מיט איהר מאַן געווען גוט בעפֿריינדעט, געשפּיעלט אַ פּרעפֿעראַנס, אַמאָל אַ שאַך. מען זאָגט אַז איך בין אַ בערימטער שאַכמאַטיסט. איך שטעל מיך ניט אויס פֿאַר אייך! עס קאָן זיין אַז ס'איז דאָ גרעסערע שפּיעלער פֿון מיר. איך זאָג אייך נור וואָס יענער זאָגט... איז ער געווען דער מאַן איהרער,

א יונגער מאן, א געראטענער, א מושלם, און דערצו טאקי א קענער אויך. א שענער קענער. און דוקא איין אויטאדידאקט, פון זיך אליין הייסט עס, אהן גימנאזיעס, אהן אוניווערזיטעטען, אהן דיפלאמען, נאט אייך א הארטען דרייער פאר אלע דיפלאמען. וואס? איהר ווילט ניט? ווי איהר ווילט אייך, איך האב פיינט איבערשפארען יענעם! און אנ׳עושר איז ער אויך געוועזען, א גרויסער עושר. חאטש איך וויים ניט, וועלכעס הייסט ביי אייך אנ׳עושר? ביי אונז, א יוד, אז ער האט זיך זיין שטוב מיט זיין בעל הבית׳קייט, מיט זיין פאטשאנדעל אויף ארויסצופאהרען אין שטאדט, און נאך גוטע געשעפטען דערצו, הייסט ער אנ׳עושר. מיר טראסקען ניט! מיר קנאקען ניט! מיר פליהען ניט אין הימעל אריין! מיר געהען פאוואלי. — אלזא האט ער געהאט געשעפטען און האט גוט געלעבט. עס איז געוועזען א חיות אהין אריינצוגעהן! ווען איהר זאלט ניט קומען, זייט איהר א ווילקאמענער גאסט. נישט ווי ביי אנדערע, וואס דעם ערשטען מאל אז איהר קומט ווייסט מען ניט, וואו מען זאל אייך אוועקזעצען. דאס אנדערע מאל שוין אביסיל קעלטער. דאס דריטע מאל נעמט מען אייך אויף אזוי קאלט, אז איהר חאפט א פערקיהלונג... איהר האט נישט וואס צו שמייכלען: איך מיין דערמיט חלילה נישט קיין בעקאנטע. זענט איהר אריינגעקומען אהין האט מען אייך ניט אוועקגעלאזט אהן עסען און טרינקען און בעגאנגען האט מען זיך מיט אייך ווי מיט איין איינענעם. וואס דארפט איהר א סך? איהר זאלט מיר הונדערט מאל מוחל זיין — א קנעפעל אז עס האט זיך מיר אבגעריסען ביי דער זשילעט האט דאס געמוזט ווערען צוגענייט אין דער מינוט! איהר לאכט? ביי אייך איז דאס א געלעכטער? א קנעפעל? וואס איז א קנעפעל? א קנעפעל, ליעבער פריינד, ביי א נאש בראט, ביי א בחור, איז עס א גרויסע זאך! א גאנצע וועלט! איבער א קנעפעל האט זיך אמאל געטראפען א מאוס׳ע מעשה: א בחור איז געקומען אנקוקען א מיידעל, האט מען איהם אנגעוויזען מיט א געלעכטער אז עס פעהלט איהם א קנעפעל, איז ער אוועק אהיים און האט זיך געהאנגען... נאר איך שטעל מיך ניט אב דערויף; איך האב פיינט מישען איינס אינ׳ם אנדערען... און געלעבט האבען זיי צווישען זיך, מאן און ווייב, טאקי נאר ווי די טייבעלעך. אבגעגעבען זיך איינס דאס אנדערע כבוד א סך מעהר ווי א סך היינטיגע גאר-גאר פון פון די געהויבענע. איך מיין דא חלילה נישט אנצוגרייפען קיינעם. און טאמער מיינט איהר אנדערש, ארט מיר אויך נישט. איך געה מיר צו מיין דערצעהלונג.

ויהי היום טרעפט זיך א מעשה, אז פיני, פאיעס מאן, אזוי האט מען איהם גערופען, קומט צו פאהרען אהיים, לייגט זיך אוועק אויף פינף טעג, און אויפ'ן זעכסטען — ניטא פיני! בע! מע! וואס? ווי אזוי? פרעגט נישט! א קארבונאק האט ער געהאט אויפ'ן האלז, האט מען איהם בעדארפט שניידען און מען האט איהם ניט געשניטען. פאר וואס? פאר שבת! ס'איז דאך פאראן עפיס דאקטוירים אויף דער וועלט! צוויי דאקטוירים האב איך איהם געבראכט צו פיהרען, האבען זיי זיך גענומען האמפערען צווישען זיך: דער האט געזאגט שניידען, דער האט געזאגט ניט שניידען! דערווייל איז דער חולה אויסגעגאנגען. וואס זאלט איהר קלערען? איהר מעגט איך איבערנעהמען מיט אייערע דאקטוירים! איך זאל אייך אויסרעכענען א צעטעל, וויפיעל די לייט האבען איבערגעפעקעלט מענשען אויף יענער וועלט, וואלט איהר זיך געריסען ביי די האר! מיינע אנ'איינענע שוועסטער האבען זיי גע'סמ'ט! וואס מיינט איהר גע'סמ'ט? גענומען און איינגעגעבען איהר סם? איך בין דאך ניט קיין משוגע'נער איך זאל אייך דערצעהלען אזעלכע בבא-מעשיות! גע'סמ'ט הייסט — נישט געגעבען דאס וואס מען דארף. זיי זאלען איהר געוועזען געגעבען חינין צו דער צייט, וואלט זי אפשר געלעבט... האט קיין יסורים נישט, איך ווייס וואו איך האלט. אלזא האבען מיר גע'פטר'ט מיין פריינד פיני. מילא וואס זאל איך אייך בעשרייבען דעם בראך וואס דאס איז געוועזען פאר מיר? א ברודער! א טאטע בעדארף אזוי נישט באנג טהון! א ווערטעלע פיני? א שטיק לעבען האט מען ביי מיר אוועקגענומען! היינט דער רחמנות! דאס אונגליק, דער צער פון דער אלמנה! מיט א ברעקעל קינד אויף די הענד, א ראזעטשקע, א גאלד! דאס איינציגע שטיקעל טרייסט אונזערס! ווען ניט דאס קינד ווייס איך ניט, צי מיר וואלטען דאס איבערגעטראגען, נישט זי, נישט איך! איך בין נישט קיין יודענע און נישט קיין מאמע איך זאל מיך אוועקזעצען לויבען אין טאג אריין א קינד, נאר אז איך זאג אייך, אז דאס קינד איז געוועזען א זעלטען קינד, מעגט איהר מיר שוין גלויבען אויף נאמנות! דאס איז געוועזען א בילד, אנ'אויסמיש פון צוויי בילד-שענע מענשען. איך ווייס ניט ווער פון די צוויי איז געוועזען שענער: צי ער, צי זי? פיני איז געוועזען שעהן, פאיע איז געוועזען רייצענד. אויגען האט דאס קינד גע'ירש'נט פונ'ם פאטער, פיני האט געהאט בלויע אויגען. ליעב געהאט האבען מיר דאס קינד ביידע, נאר איך ווייס ניט ווער האט דאס ליעב געהאט מעהר: זי צו איך? איהר וועט זאגען, ווי איז דאס מעגליך — זי איז א מוטער,

איך בין א פרעמדער? עס קערט זיך נאר נישט אן. איהר דארפט אריינקוקען א ביסעל טיעפער: מיין צוגעבונדען זיין צו דער שטוב, דער רחמנות צו דער אלמנה און דאס הארץ צום אונשולדיג יתומה׳לע, דאס געראטענקייט פונ׳ם קינד און דאס וואס אליין בין איך עלענד ווי א בוים — דאס אלעס אז איהר וועט נעהמען צוזאמען, וועט זיין אט דאס וואס איהר רופט אן פסיכאלאגיע. נישט קיין פעטרושקע, נאר די ריינע, די אמת׳ע פסיכאלאגיע. און אפשר וועט איהר זאגען דערפאר, ווייל איך האב ליעב געהאט די מאמע? איך לייקען נישט אפ, איך האב זי זעהר ליעב געהאט, ווייסט איהר ווי אזוי ליעב געהאט? טאקע אויסגעגאנגען נאך איהרע טריט און טאקי א מיתה משונה איינגענומען! נאר זי זאל וויסען — דאס לא! גאנצע נעכט ניט שלאפען, ליגען און טראכטען, ווי אזוי זאגט מען איהר? אויפשטעהן אין דער פריה שוין פערטיג אויף צו געהן זאגען איהר: „זייט וויסען, פאיע, אזוי און אזוי; און ווייטער ווי איהר פערשטעהט". געקומען צו געהן — נישטא קיין ווערטער! איהר וועט זאגען איך בין א טרוס? זאגט, וואס ארט מיך, אז איהר וועט זאגען? איהר זאלט אבער נעהמען א ביסעל טיעפער, בעטראכטען, די לאגע, פיני איז געוועזען מיינער אנ׳אמת׳ער פריינד, איך האב איהם ליעב געהאט מעהר ווי א ברודער. איי די קשיא: פאיע? איהר האט דאך נאר וואס געזאגט, אז איהר געהט אויס נאך איהר? איז דער תירוץ: אדרבה, אט ווייל איך האב זי ליעב, ווייל איך געה אויס נאך איהר, ווייל איך בין נאך איהר די כפרה קאן איך נישט! נאר איך האב מורא אז איהר וועט מיך נישט פערשטעהן, איך זאל אייך זאגען פסיכאלאגיע וואלט איהר פערשטאנען, און אז מען דערצעהלט אייך פונ׳ם הארצען, דאס וואס איז אהן קונצען, קומט דאס אויס ווילד. נאר וואס קימערט דאס מיך? דענקט אייך ווי איהר ווילט! איך טהו מיר מיינס, איך דערצעהל ווייטער. דאס קינד איז געוואקסען. עס רעדט זיך אזוי „געוואקסען". א קינד וואקסט, א בוים וואקסט, און א רעטיך וואקסט אויך, ס׳איז א חלוק פון וואקסען ביז וואקסען. איידער מען דערלעבט צו זעהן א קינד זיצען, שטעהן, געהן, לויפען, רעדען! און אז עס זיצט שוין, עס שטעהט שוין, עס געהט שוין, עס לויפט שוין, עס רעדט שוין, זיינט איהר שוין פערטיג? עס וואלט געפאסט פאר מיר, איך זאל מיך אוועקזעצען אויסרעכענען אייך ווי א יודענע: פאקעלאך, מאזעלאך, צייהנדעלאך און אזוי ווייטער. איך בין ניט קיין יודענע און איך וועל אייך מיט קיין נארישקייטען ניט פערנעהמען, קיין חכמות פונ׳ם קינד וועל איך אייך ניט געהן דערצעהלען — ס׳איז געוואקסען און ס׳איז אויסגעוואקסען און אויפגעבליהט, „ווי א צערטליכע רויז" וואלט

איך געזאגט, ווען איך זאל מיך ווילען אויסדריקען אינ'ם לשון פון אייערע ראמאניסטען, וואס האבען אזא ידיעה אין דעם אויפבליהען פון א רויז ווי א טערק אין רבנן קדיש. גרויסע בריות אויף צו זיצען מיט די פיס צום פייער און בעשרייבען די נאטור, מיט'ן גרינעם וואלד, מיט'ן רוישענדען ים, מיט די זאמדיגע בערג, מיט'ן פאר=איאהריגען שנעע, מיט די אבגעשלאגענע הושענות, מיט די נעכטיגע טעג — אנקוקען קען איך זיי ניט אט די בעשרייבעכצען זייערע, וואס שלאגען צו דער גאל! איך לייען זיי גאר ניט! אז איך נעהם א בוך און דערזעה, אז די זון האט געשיינט, די לבנה האט געשפאצירט, די לופט איז געוועזען דופטיג, די פויגעלעך האבען געפישטשעט, טהו איך א שלייַדער דאס בוך אין דער ערד אריין! איהר לאכט? איהר זאגט, איך בין א משוגענער? בין איך א משוגענער! וואס קען זיין מעהר? — אלזא איז זי אויסגעוואכסען אט די ראזע, און ערצויגען געווארען מסתמא ווי עס געהער צו זיין, ווי עס פאסט אין אזא אינטעליגענט הויז. אביסעל האט די מוטער אליין אכטונג געגעבען אויף איהר בילדונג, א ביסעל האב איך געגעבען השגחה, און נישט קיין ביסעל נאר א סך, מען קען זאגען כמעט די גאנצע צייט האב איך מיך אוועקגעגעבען צום קינד, דאס קינד זאל האבען דעם בעסטען לעהרער, דאס קינד זאל ניט פערשפעטיגען אין גימנאזיע, דאס קינד זאל שפילען פיאנא, דאס קינד זאל געהן טאנצען, — אומעדום בין געווען איך, איך אליין, ווער דען? די געשעפטען אויך! אז ניט וואלט מען איהר צוטראגען די ביינער! מען האט זי אזוי אויך גענוג צונומען, אונזערע יודעלעך!.. איך וויים, איהר זענט ברוגז, אז מען זאגט „אונזערע יודעלעך". ווי קען מען אנדערש זאגען, אז ס'איז פארט אזא פאלק? איהר מעגט מיך אנרופען „אנטיסעמיט" און ווי איהר ווילט, איך געה מיר מיט מיין גאנג: אזוי לאנג קריינקען די אנטיסעמיטען ווי לאנג זיי הויבען ניט אן צו וויסען וואס א יוד איז!.. אויף א יודען פרעגט מיך!.. איך אליין האב מיט זיי געהאנדעלט ווינציג, איהר וויים דאך, איך האב מיר מיינע הייזער מיט מיינע קלייטען, וואס טראגען מיר אריין א גרויסען איינקונפט און א סוף. האב איך אויך פונדעסטוועגען צו זינגען און צו זאגען אלע יאהר אז עס קומט צו מאכען קאנטראקטען, רעמאנטירען די הייזער, צונויפנעהמען דירה געלד. מאלט אייך, די גוים זענען אויך ניט בעסער. אזא יאהר אויף זיי! אבער פון א יודען האט מען געקענט ערווארטען ער זאל שטעהן האטש א ביסעלע העכער; פארט ווי זאגט איהר: אתה בחרתנו!.. איהר מיינט, אז איהר מיט אייער „אתה בחרתנו" וואס איהר זינגט איהם איין, טהוט איהר איהם א גרויסע טובה? עס הויבט זיך גארנישט אן!

וואס? איהר קענט דאס נישט ליידען? איך לאז מיך מיט אייך נישט אריין אין קיין דיסקוסיעס. איהר זאגט אזוי, לאז זיין אזוי, יעדער מעג זיך האבען זיין מיינונג. יענעמס מיינונג קימערט מיך נישט. איך וויים מיר מיינס.

אלזא וואו האלטען מיר? ביי „אונזערע יודעלעך". ווי באלד מיין פיני איז געשטארבען און פאיע איז געבליבען אַנ׳אלמנה, האבען זיך מסתמא געגעבען אלאז צו איהר שענע מענשען, בעלי טובות, עצה געבערס, און מען האט אנגעהויבען ביי איהר צונעהמען דאס חדר, געוואלט אויסמאכען אנ׳אויער ווי עס געהער צו זיין. האב איך זיך אונטערגעחאפט בעצייטענס: „קינדערלעך — אזאס!" און איך האב גענומען אקארשט אלע געשעפטען צו זיך אין די הענד אריין. זי האט אפילו געוואלט איך זאל צושטעהן ווי א שותף, האב איך געזאגט: לא! איך וועל מיינע היזער ניט פערקויפען און דעם קאפ זיך ניט פערדרעהען. זאגט זי: ס׳איז ניט נויטהיג די היזער צו פערקויפען, איך קען אזוי זיין א שותף. נו, וואס מיינט איהר האב איך דערויף געענטפערט? איך האב געענטפערט, אז דאס אנדערע מאל זאל מען מיר אזעלכעס ניט פארלייגען, ווארום איך ווער פאר אזעלכע זאכען ברוגז. ער עלי השלום, זאג איך, האט ניט פערדיענט, אז איך זאל אייך הייסען בע־צאהלען פאר מיין טרחה, זאג איך, און פאר מיין צייט, זאג איך, דארף איך קיין געלד נישט נעהמען. איך האב גענוג, זאג איך, צייט, זאג איך,וואס איך שלאג מיך, זאג איך, קאפ אין וואנט... אזוי, זאג איך צו איהר, צו דער אלמנה, און זי שווייגט, אראבגעלאזט די אויגען און שא! אויב איהר זייט א מבין אויף א טשאד, בעדארפט איהר פערשטעהן וואס איך האב מיט די ווערטער געמיינט... אי, פאר וואס האב איך איהר ניט געזאגט גלייך? איהר זאלט קיין מאל נישט פרעגען פאר וואס! מסתמא איז ניט אויסגעקומען. איך קאן אייך נאר פערזיכערען, אז ס׳איז געוועזען אזוי גרינג, ווי צו פערריכערען אט דעם פאפיראס. איין ווארט ווען איך זאג איהר — איז דאס א שידוך. נאר אז איך האב גענומען אויפ׳ן קאפ: „סטייטש, פיני!.. אזעלכע גוטע פריינד ווי מיר זע־נען געוועזען!.." איך וויים וואס איהר ווילט זאגען. איהר ווילט זאגען, אז מסתמא האט דאס צווישען אונז ניט אזוי מסוכן געברענט ס׳זאל זיין אי־אי־אי. האט איהר א גרויסען טעות. אז איך בין געוועזען נאך איהר די כפרה, האב איך אייך שוין געזאגט, און אז זי נאך מיר, דארף איך אייך ניט דערצעהלען קיין מעשיות, ווארום איהר וועט מיינען אז... נאר וואס גערט מיך אן וואס איהר וועט מיינען? איהר הייסט בעסער דערווייל געבען טיי, ווארום ס׳איז מיר שוין טרוקען אין האלדז.

אַלזאָ, ליעבער פריץ מיינער, ביי וואָס האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט, געדענקט איהר? ביי די געשעפטען! נו געשעפטען! איך וועל זיי האָבען צו געדענקען ווייל איך וועל לעבען. עקספּלאָאַטירט אַליין איז ווינציג; אַרומגעשטעקט מיט פעדערן! פרייט זיך ניט! נישט מיך, זיי! מיך שטעקט מען ניט אַרום מיט פעדערן, ווייסט איהר פאַר וואָס? ווייל איך לאָז מיך ניט. נאָר וואָס העלפט דאָ לאָזען זיך, ניט לאָזען זיך, אַז מען האָט צו טהון מיט שווינדלערס, זשוליקעס, באַנדיטען, וואָס ווילען אייך פערדרעהען דעם גרעסטען? זיי האָבען זיך געלעגט אין דער לענג און אין דער ברייט מען זאָל ביי אונז צונעהמען דאָס ביסעל מיניץ. מאָלט אייך, נישט אַזוי גיך נעהמט מען צו ביי מיר געלד. זיי האָבען זיך, מאָלט אייך, גענוג אָנגעמוטשעט, זיי האָבען ביי מיר, אַרוה אין זייער זיידענס טאַטען, געשפּיגען מיט בלוט, ביז זיי האָבען אויסגעמאַכט אַטשעט, אויסגעפּאָמפּעט ביי אונז — איהר ווילט וויסען וויפיעל? וויפיעל זיי האָבען געקאָנט! אַ גליק וואָס איך האָב מיך בעצייטענס אַרומגעקוקט און האָב געזאָגט צו מיין אַלמנה: גענוג! עד כאן אומרים בשבת הגדול! אָבגעשניטען ווי ווייט איך האָב געקאָנט, און ערשט ביים אָבשניידען האָט מען איהר אָבגעשניטען דעם קאָפּ, אָבער אַזוי ווי עס געהער צו זיין. אַי, ווי אַזוי האָב איך דערלאָזט, וועט איהר פרעגען? איך וואָלט אַ בעלן זיין זעהען ווי אַזוי וואָלט זיך אַזאַ חכם ווי איהר אויסגעדרעהט פון אַזעלכע באַנדיטען! און אפשר וואָלט איהר עס געמאַכט בעסער, עס קאָן זיין, איך וועל מיך ניט שפּאַרען. דאָס איינציגע וואָס מען קאָן אויף מיר זאָגען — איך בין נישט קיין סוחר. אומגליקליך בין איך! אַבי ניט קיין באַנדיט! איהר מיינט, אַז דאָס האָט מיך שוין גאָר נישט געקאָסט? נאָר איך דאַרף מיך פאַר אייך ניט אויספייגען. איך וויל אייך נאָר דערצעהלען ווי אַזוי עס האָט זיך ביי מיר געקייטעלט, ווי אַזוי אַלעס האָט געטריבען דערצו, אַז די אַלמנה זאָל נישט פערבלייבען קיין אַלמנה, און איך זאָל נישט פערבלייבען קיין אַלטער בחור. איין וואָרט, נישט מעהר ווי איין איינציג וואָרט וואָלט איך בעדאַרפט זאָגען — און איך האָב עס ניט געזאָגט! פאַר וואָס איך האָב עס ניט געזאָגט? הערסט דו! אָט דאָ שטעהען די אָקסען אונטערן באַרג! און אָט דאָ הויבט זיך אָן די אמת'ע פּסיחאָלאָגיע! אַ נייע סדרה געהט אַצונד פאַר מיר. אַ סדרה, וואָס זי הייסט „ראָזע"!.. איהר הערט נאָר צו מיט קאָפּ און פערליערט ניט קיין וואָרט, וואָרום דאָס איז ניט קיין אויסגעטראַכטער ראָמאַן, פערשטעהט איהר מיך. דאָס איז אַ געשיכטע, אַ לעבעדיגע, אַ צאַפּעלדיגע, אַרויסגעריסען גלייך פונ'ם האַרצען!..

איך ווייס ניט, עס ליעגט עפּיס אַכח אין יעדער מוטער, אַז זי זעהט איהר קינד איז אַרויסגעוואַקסען פֿון די קורצע קליידלעך, אַזוי גלוסט זיך איהר שוין זעהן איהר טעכטערל פֿער׳קנס׳ט. אַ שטיק געזונד קומט איהר צו, אַז זי דערזעהט יונגע לייט דרעהען זיך אַרום איהר טאָכטער. יעדער בחור איז ביי איהר אַ חתן. אַי, טאָמער איז דער בחור אַ גאָר נישט מיט אַ נישט, מיט אַ שאַרלאַטאַן, מיט אַ קאָרטען שפּילער, מיט אַ, דער שוואַרצער יאָהר ווייסט וואָס? דאָס געהט איהר נישט אָן! מאָלט אַייך קיין פּוסטע בחורים מיט קיין שאַרלאַטאַנעס זענען צו אונז נישט געגאַנגען, וואָרום ערשטענס איז ראָזע געווען נישט פֿון די, וואָס קענען זיך מיט יעדען טענצער, וואָס קאָן זיך שעהן דרעהען, אויסבויגען די האַנד ווי אַ בייגעל, שאַרען מיט׳ן פּיסעל און מאַכען אַ באַי בשלום, אַ רעווערעַנסעל פֿון אַנ׳אמת׳ן אָפֿיציער. דאָס האָט איהר אַייך נומער איינס. און צווייטענס, וואו בין איך? איך וועל דערלאָזען אַז אַ פֿייפֿער פֿון די פֿייפֿערס זאָל זיך אָנריהרען, זאָל צוגעהן דריי טריט צו ראָזען?! איך וואָלט איהם, דאַכט מיר פֿריהער אַלע ביינער איבערגעבראָכען! אַש וואָלט איך פֿון איהם געמאַכט! איך בין אַמאָל געווען מיט איהר אויף אַ באַל, אויף אַ יודישען באַל, אין קלוב, צווישען לויטער אַריסטאָקראַטען, אָט די וואָס איהר רופֿט אָן בורזשואַזיע... איז צוגעגאַנגען צו אונז איינער אַ „פֿיינער יונג“ אויסגעבויגען דעם עלענבויגען דאָס ווי אַ „קרענדעל“, איינגעבויגען דאָס „קעפּעניו“ אַביסעל אויף אַ זייט, און אַ שאַר געטהאָן מיט׳ן „פּיסעניו“ און אַ שמייכעל פֿון סאַמע האָניג האָט זיך צוגאָסען ביי איהם אויפ׳ן פּנים׳ל, און מיט אַ „קוויטשעניו“ פֿון אַ מיידעלש קול׳כעל האָט ער אַ זאָג געטהאָן... דער רוח ווייסט וואָס ער האָט אַ זאָג געטהאָן. צום טאַנצען האָט ער זי איינגעלאַדען. נו — נו, האָט ער געחאַפּט פֿון מיר אַ טאַניץ! ער וועט מיך האָבען צו געדענקען! מיר האָבען זיך עס נאָכדעם אָנגעלאַכט פֿונ׳ם שלים-מזל׳דיגען קאַוואַליער! פֿון דעמאָלט אָן האָבען שוין אַלע קאַוואַליערען געוואוסט, אַז מען וויל זיך בעקענען מיט ראָזען, דאַרף מען פֿריהער אָנקומען צו מיר, דורכגעהן אַ שטיק עקזאַמען, און ערשט נאָכדעם נעהמען דעם וועג. זיי האָבען מיר אַ נאָמען געגעבען „צערבער“, אַ הונט, הייסט עס, וואָס ליעגט ביים איינטריט פֿון גן-עדן. בין איך בדלות! ווייסט איהר ווער ס׳איז דערפֿאַר געווען ברוגז? די מוטער! „איך טרייב, זאָגט זי, מענשען פֿון שטוב“. — „וואָסערע מענשען, זאָג איך, ס׳איז הינט, זאָג איך, ניט קיין מענשען!“ איין מאָל, צוויי מאָל, און דריי מאָל, ביז ס׳איז געקומען צו אַ קאַטאַסטראָפֿע. וואָס מיינט איהר, — מיר האָבען זיך צוקריעגט? אַ חכם זיינט

איהר טאקי, נור היינטיגס מאל האט איהר דוקא ניט געטראפען! איידער טרעפען, הערט בעסער וואס מען דערצעהלט אייך.

אלזא איך קום איינמאל צוגעהן צו מיין אלמנה, טרעף איך א גאסט, עפעס א יונגערמאן פון א יאהר 20 אדער 30. פארהאן אזעלכע יונגע לייט, וואס איהר וועט בשום אופן ניט טרעפען ווי פיעל זיי זענען אלט. דער יונגערמאן, למאי זאל איך לייקענען, איז געווען א חנ'עוודיגער יונגער מאן, ווי עס גיט זיך אויס אמאל א מענש מיט סימפאטיע, מיט א גוט פנים, מיט גוטע אויגען — איהר קאנט צו איהם נישט האבען גאר ניט. געפעלען איז מיר דער בחור פונ'ם ערשטען קוק, — ווייסט איהר פאר וואס? דערפאר ווייל איך האב פיינט זיסע מענשעלעך מיט צוקערדיגע פנימ'לעך, מיט האניגדיגע שמייכעלעך. אנקוקען קאן איך ניט גוט די נמאס'דיגע נפשות, וואס קוקען אייך פריינדליך אין די צעהן אריין און באמקען אייך נאך איטליכס ווארט וואס איהר זאגט, און זענען מיט אייך מסכים אז אים תמוז שיט א שניי, און טאמער ווילט איהר האבען אז פיש וואקסען אויף א וואנשעלבוים, האט איהר אויך ביי זיי געפועל'ט... איך, אז איך בעגעגען מיך מיט אזא מין נפש, ווילט זיך מיר זעהר אויסשמירען איהם מיט האניג און לאזען די ביהנען האבען הנאה... ווי אזוי' האט געהייסען דער יונגערמאן, ווילט איהר וויסען? למאי נפקא מינה? לאמיר זאגען אז ער האט געהייסען שאפירא אנ'עק! זענט איהר שוין צופריעדען? און געווען איז דאס מענשעל א בוכהאלטער אין א בראנפען פאבריק, און נישט נאר א בוכהאלטער, נאר א גאנצער בעל=הבית, און אז איהר ווילט, האט ער איין געשעפט געהאט מעהר דעה פונ'ם בעל=הבית, און א בעל=הבית וואס האט ניט קיין צוטרויען צו זיינע מענשען איז ניט ווערטה צו זיין א בעל הבית... איהר מעגט אייך האבען וועגען דעם אנ'אנדער מיינונג, איך פרעג אייך ניט!

אלזא איך בעט אייך, מען שטעלט מיר פאר א יונגען מאן, וואס הייסט שאפירא, און איז א בוכהאלטער, און א בעל=הבית, און אנ'עהרליך מענשעל, און אין שאך שפיעלט ער אויסגעצייכענט, דאס הייסט, ער שפיעלט ניט ערגער פון מיר, איהר מעגט אייך קלעהרען אז בעסער, איך האב דאך אייך געזאגט, אז איך שטעל מיך פאר אייך ניט ארויס פאר קיין שאכשפיעלער — היינט געהט זייט א נביא אז דא פערקייטעלט זיך א ראמאן, און נאך וואס פאר א ראמאן! א געפעהרליכער ראמאן! איך זאל זיין אזא פערד און נישט ארויסזעהען דאס באלד פונ'ם ערשטען אבצוג? שטעלט אייך פאר אז איך אליין מיט מיינע הענד האב אונטערגעלעגט האלץ אויפ'ן פייער, געלויבט

דעם יונגען מאן אין טאג אריין, געמאכט פון איהם א גאנצען צימעס! פערברענט זאל ווערען דער שאך און אנצינדען זאלען זיך אלע שאכשפיעלער פון דער גאנצער וועלט! איך האב געשפיעלט מיט איהם אין שאך, און ער האט געהאט אנ׳אנדער זאך אין דער מחשבה. איך האב ביי איהם גענומען א „קעניגין“ און ער האט ביי מיר אוועקגענומען ראזא׳ן! איך האב איהם געגעבען א „מאט“ אין צעהען „געננ“, און ער האט מיר געגעבען א מאט אין דריי געננ“, ווארום צום „פערטען גאנג“, דאס הייסט אז ער איז געקומען צום פערטען מאל, האט מיך מיין אלמנה אפגערופען אויף א זייט און מיט א מאדנע פייערעל אין די אויגען האט זי מיר אנגעזאגט א בשורה טובה, אז עס האט זיך אנגענומען, און ס׳איז א שדוך, און ראזעטשקע איז א כלה פאר אט דעם שאפירא, און זי איז אויפ׳ן זיבעטען הימעל, און מזל טוב אייך און מיר און אונז ביידען!..

וואס מיט מיר איז געווארען, אז איך האב דערהערט די דאזיגע שעהנע בשורה, וויל איך אייך ניט דערצעהלען. איהר וועט זאגען אז איך בין א גזלן, א מטורף, א משוגענער. זי, די אלמנה הייסט עס, האט אויך געזאגט דאס אייגענע. פריהער האט זי געלאכט, נאכדעם האט זי זיך צושריען אויף מיר און געענדיגט האט זיך די געשיכטע מיט טרעהרען, מיט היסטעריקע, מיט אלע גוטע זאכען — אנ׳אמתר קאנפליקט! עס האט, פערשטעהט איהר מיך, אויסגעזעצט דער בלאטער און ס׳איז פארגעקומען צווישען אונז א הארטער געשפרעך, מיר האבען זיך ניט געשאנעוועט איינס דאס אנדערע, און מיר האבען אין איין האלבע שעה ארויסגעזאגט ביידע אזוי פיעל אמת, וויפיעל מיר האבען נישט ארויסגערעדט אין אלע צוואנציג יאהר פון אונזער בעקאנטשאפט: איך האב איהר גאנץ אפען ערקלערט, אז זי איז מיין מלאך המות, אז זי האט מיך געקוילעט אהן א מעסער, אז זי האט צוגענומען ביי מיר מיין איינציגען טרייסט, ארויסגעריסען מיין נשמה ראזא׳ן און אוועקגעגעבען אנ׳אנדערען; דארויף האט זי מיר געענטפערט, אז אויב עמיצער פון אונז ביידע איז א מלאך־המות — בין איך דאס, ניט קיין אנדערער, און אז אויב איינמיצער פון אונז ביידע האט ארויסגעריסען ביי יענעם די נשמה — האב איך דאס געטהאן מיט איהר נשמה. און נישט מיט אמאל, נאר פאוואלינקע, אין פערלויף פון מעהר אלס אכטצעהן יאהר!.. וואס דאס האט בעדייטעט — דארף איך אייך נישט ערקלעהרען; דאס פערשטעהט אפילו א נאר אויך. און וואס איך האב איהר דערויף געזאגט, בין איך אייך נישט מחויב צו דערצעהלען, אז איך בין מיך בעגאנגען מיט איהר נישט ווי א דזשענטעלמען, דאס הייסט

איהר קענט דאס אנרופען גראב, זעהר גראב! איך האב געכאפט דאס היטעל און האב געגעבען א האק מיט דער טהיר און ארויסגעלאפען ווי א נ'אמת'ר משוגענער און האב מיר געגעבען דאס ווארט, אז מיין פוס זאל איהר שוועל נישט אריינטרעטען ווייל איך וועל לעבען!.. נו, ווי מיינט איהר? איהר זיינט דאך עפעס א שטיקעל הקרן. וואס זאגט עפעס דערויף אייער פסיחאלאגיע? וואס האב איך בעדארפט ווייטער טהאן? לויפען טרינקען זיך? ציי קויפען א רעוואלווער? אדער הייננגען זיך ערגיץ אויף א בארנבוים? אז איך האב זיך נישט געטרונקען, ניט געשאסען און ניט געהאנגען, דאס זעהט איהר ברוך השם ארויס אליין. און וואס איז געווען ווייטער — דאס קען איך בעשטעהן אפלייגען אויף אנ'אנדערס מאל. דער גוטער יאהר וועט אייך ניט נעהמען, אז איהר וועט מיר א ביסעל אפווארטען. מען דארף געהן צו מיינע אלמנות. זיי ווארטען אויף מיר מיט'ן עסען.

עד כאן אלמנה נומער איינס.

ב.

אלמנה נומער צוויי.

פאר וואס איך האב אייך געלאזט אזוי לאנג ווארטען? — דערפאר וואס איך האב געוואלט. איך, אז איך דערצעהל עפיס א זאך, דערצעהל איך דעמאלט ווען מיר ווילט זיך, נישט ווען א יהר ווילט.... און אז איהר ווילט — דאס זעהט מען; אויף א געשיכטע און א שעהנע דערצו איז יעהער א בעלן; ווארום, וואס ארט דאס מיך למשל אז איך זיץ מיר נאכ'ן עסען אויף מיין שטוהל אין מיין צימער מיט א ציגאר אין מיין מויל און איהר רייסט זיך איין דאס געזונד דערצעהלענדיג? אי דעם דערצעהלער קאסט עס אפשר בלוט, — וואס געהט עס אייך אן? אבי מע דערצעהלט אייך א שעהנע מעשה! איך מיין נישט דוקא אייך, שרעקט אייך ניט! איהר הערט נאר מיט קאפ וואס מען דערצעהלט אייך, און חאטש דאס, וואס איך דערצעהל אייך איצט איז א גאנץ בעזונדערע זאך, וואס קעהר זיך מיט מיין פריהעריגער מעשה נישט אן גארנישט, פון דעסטוועגען וואלט איך וועלען איהר זאלט געדענקען וואס איך האב אייך דעמאלט דערצעהלט, ווייל א שטיקעל שייכות האט דאס דאך, און ניט קיין שטיקעל, נאר א שטיק! און טאמער האט איהר עפעס פער־געסען, וועל איך אייך דערמאנען. איך וועל אייך אין דריי ווערטער איבער'חזר'ן די פריהערדיגע געשיכטע און וועל אייך געבען א קצור המעשה, אויף איין פוס:

איך האב געהאט א חבר פיני, האט ער געהאט א פרוי פאיע, האבען זיי געהאט א קינד ראזע. מיין חבר איז געשטארבען און פאיע איז געבליעבען א יונגע אלמנה. איך בין געוועזען ביי איהר א בן־בית, א פריינד, א סעקרעטאר און א ברודער און בין געוועזען נאך איהר די כפרה, נאר זאגען איהר האב איך נישט געהאט קיין מוטה, און אזוי זענען אוועק אלע בעסטע יאהרען, די טאכטער איז אויסגעוואקסען, די רויז האט אויפגעבליהט און איך האב מיך פערלארען, אין גאנצען פערלארען! האט דער גוטער יאהר אנגעטראגען א בחור׳ל, א בוכהאלטער שאפירא, וואס שפיעלט ניט שלעכט אין שאך, און די ראזע האט זיך אין איהם פערקאכט, האב איך אויסגעלאזט מיין גאנץ ביטער הארץ צו דער מוטער, זיך צוקריעגט, געגעבען א זעץ מיט דער טהיר און געשווארען, אז מיין פוס זאל דארט ניט זיין ווייל איך וועל לעבען! — נו, זענט איהר צופריעדען?..

אצינד פערשטעה איך, אז איהר זענט נייגעריג צו וויסען נאר איין זאך: אויב איך האב געהאלטעןווארט אדער ניט? נו, איהר זענט דאך עפעס ווי אזוי רופט איהר דאס, א פסיכאלאג? אדרבה, זאגט איהר צו האב איך בעדארפט האלטען ווארט צו ניין? איא, איהר שווייגט? ווייסט איהר פאר וואס? ווייל איהר ווייסט נישט!... אט וואס ס׳איז געוועזען:

די גאנצע נאכט האב איך ארומגעשפאנט איבער דער שטאדט ווי א גוטער משוגענער, אויסגעמאסטען אמאל דריי אלע גאסען אין הער לענג און אין דער בריוט, געקומען אהיים שוין מיט׳ן טאג גלייך, איבערגעקוקט אלע מיינע פאפיערען, א סך צוריסען, איך האב פיינט אלטע פאפיערען, איינגעפאקט די זאכען, אוועקגעשריעבען בריעף צו א פאר בעקאנטע, קיין פריינד, קיין קרובים ברוך השם האב איך ניט, עלענד ווי א בוים, איבערגעלאזט איין פעראָרדנונג איבער מיינע הייזער און קלייטען, און אז איך האב אט דאס אלעם אפגעטהאן, האב איך מיך אוועקגעזעצט אויף מיין בעטעל דעם קאפ אין די הענט און געטראכט, און געטראכט און געטראכד, — ביז ס׳איז געווארען טאג, האב איך מיך גאנץ שעהן איינגעוואשען, אנגעטהאן זיך, און בין אוועק צו מיין אלמנה, אנגעקלונגען אין דער טהיר, אריינגעקומען, געהייסען געבען קאפע ביז מיין אלמנה וועט אויפשטעהן. מיין אלמנה איז אויפגעשטאנען, מיך דערזעהען איז זי א ווילע געבליעבען שטעהן, די אויגען זענען ביי איהר געווען ווי אונטער געשוואלען, דאס פנים בלאס. א פנים זי איז אויך ניט געשלאפען די נאכט?.. דאס ערשטע, וואס איך האב איהר געזאגט איז געווען די דאזיגע געצעהלטע ווערטער:

— וואָס טהוט ראָזאַ?

אין די ווערטער קומט אָן מסתמא ראָזאַ אַליין. שעהן ווי דער טאָג, ליכטיג ווי די זון און גוט ווי גאָט אַליין. דערזעהען מיך, איז זי געוואָרען אַ ביסעל רויטליך, נאָכדעם איז זי צוגעגאַנגען צו מיר, מיך אַ גלעט געטהון מיט'ן הענטעל איבער'ן קאָפּ פונ'ם שטערען אַרויף, ווי מען גלעט אַ קליין קינד, אַריינגעקוקט מיר אין די אויגען אַריין און האָט זיך צולאַכט. ווי אַזוי מיינט איהר צולאַכט? חלילה נישט אויף צו בעליידיגען אייך, נאָר צו פערגיפטען אייך אַזוי, אַז איהר זאָלט אויך אָנהויבען לאַכען, און אַלע זאָלען לאַכען, און די ווענט זאָלען לאַכען! יאָ, מיין ליעבער פריץ לעבען, אָט אַזאַ מין כח האָט זי אין זיך, אָט די ראָזע נאָך עד היום! איך וועל פאַר איהר געלעכטער נאָך איצט אַוועקגעבען אַלעס וואָס איך האָב. דער חסרון איז, וואָס איצט לאַכט זי שוין מעהר נישט; זי איז נעבעך אויף צרות, אַז אָך און וועה איז מיר, עס לאַכט זיך ניט! נאָר איך האָב פיינט אַז מען חאַפּט איינס פאַר דאָס אַנדערע. איך האָב ליעב, אַז מען הויבט אָן אַ זאַך זאָל מען געהן כסדר. אַלזאָ איך געה כסדר.

דעם טעם פון חתונה מאַכען אַ טאָכטער ווייסט איהר? ניין? איהר ווייסט ניט? זאָלט איהר טאַקי ניט וויסען! איך האָב דעם טעם פערזוכט און גוט פערזוכט, חאָטש אַפילו אַ פרעמדע טאָכטער, נאָר פערזוכט האָב איך דאָס. איך וועל דאָס געדענקען לאַנג=לאַנג. וואָס האָב איך געזאָלט טהון, איך בעט אייך, אַז מיין אַלמנה פאַיע הייסט עס, איז אַזאַ מענש, וואָס איז געוואָהנט געוואָרען מען זאָל איהר אַריינטראָגען אין שטוב אַריין פונ'ם גרייטען. און וועה איז שולדיג אין דעם ווען ניט איך אַליין? איך אַליין האָב זיי אויסגעלערענט, סאַי די מאַמע סאַי די טאָכטער, אַז טאָמער דאַרף מען עפּעס אין שטוב, זאָל געזאָגט ווערען מיר, — און עס זאָל זיך איבערקעהרען די וועלט, מוז דאָס צוגעשטעלט ווערען, און ניט שפּעטער ווי אין 2 שעה! מען דאַרף געלד — איז צו מיר. דעם דאָקטאָר — צו מיר. אַ קעכין בעשטעלען — צו מיר. אַ לעהרער אויף טאַנצען — צו מיר. אַ מלבוש, אַ שוך, אַ שניידער, אַ קצב, אַ פּעדער, אַ הושענה, אַ קליאַמקע — צו מיר, צו מיר און צו מיר! איהר מיינט איך האָב זיי ניט געזאָגט: „וואָס וועט פון אייך ווערען? אַ האַנשירקע, אַ שמאַטע וועט פון אייך ווערען!" אַזוי טענה איך צו זיי און זיי לאַכען. אַלסדינג איז ביי זיי אַ געלעכטער! דאָס גאַנצע לעבען איז אַ געלעכטער. פאַראַן אַזעלכע מענשען אויף דער וועלט. נישט קיין סך, נאָר ס'איז פאַראַן. און וועמען דאַרף עס טרעפען? — מיך! ווער דאַרף זיך ניאַנטשען מיט פרעמדע קינדער?

— איך! ווער דאַרף אויסגעריסען ווערען פֿאַר פֿרעמדע צרות? — איך! ווער דאַרף טאַנצען אויף פֿרעמדע חתונות? — איך! ווער דאַרף וויינען אויף פֿרעמדע קברים? — איך! איהר וועט פֿרעגען: ווער הייסט מיר? וועל איך אייך דערויף ענטפֿערען אָט וואָס: ווער הייסט אייך לויפֿען אין פֿייער אַריין ראַטעווען אַ פֿרעמד קינד? ווער הייסט אייך שפּרינגען אין וואַסער אַריין, אַז יענער טרינקט זיך? ווער הייסט אייך קרימען זיך, אַז יענעם טהוט וועה? איהר וועט מיר זאָגען, אַז איהר לויפֿט ניט און שפּרינגט ניט און קרימט זיך ניט? זענט איהר אַ חיה! איך בין נישט קיין חיה; איך בין אַ מענש. איך שטעל מיך ניט אַרויס פֿאַר אַ אידעאַליסט, איך בין אַ פּשוט׳ער, אַ געוועהנליכער מענש און נאָך אַנ׳אַלטער בחור דערצו, האָטש אייער פּסיהאָלאָגיע זאָגט, אַז אַנ׳אַלטער בחור איז אַנ׳עגאָאיסט. און אפשר איז דאָס גופא אויך אַ מין עגאָאיזמוס? וואָס? איהר האָט פֿיינט, זאָגט איהר, חקירה? פֿילאָזאָפֿיע? איך האָב עס אויך פֿיינט!

אַלזאָ דאַרף מען חתונה מאַכען מיין אַלמנה׳ס טעכטעריל, ראָזאַ׳ן, און מען דאַרף זיך פֿערשטעלען פֿאַר אַ מחותן. איהר האָט אַנ׳אַנדער ברירה? און איהר דאַרפֿט פֿערשטעהן, לויט איהר קענט מיך שוין אַ ביסעל מיט מיין קאַפּריז, ווי איך האָב דאָס ליעב! דאָס וואָרט מחותן שלאָגט מיר צו דער גאַל! רופֿט מיך „מענש", רופֿט מיך לאָקיי, רופֿט מיך משרת, רופֿט מיך קנאַקניסעל — אַבי ניט מחותן! זי אָבער, מיין אַלמנה הייסט עס, איז דוקא צופֿריעדען פֿונ׳ם נייעם נאָמען וואָס מע האָט זי געקרוינט: „מחותנת׳טע". אַז מען זאָגט איהר מחותנת׳טע ווערט זי ברייטער ווי לייננער. „אָט באַלד ווערט איהר אַ שוויגער!" — אַזוי זאָג איך צו איהר. קוועלט זי ווי אַ באָקסער: „הלואי, זאָגט זי, ווי דערלעב איך דאָס שוין"!.. אַ שעהנע שוויגער! איהר זאָלט זי געזעהן זעהן צו דער חתונה, אונטער דער טאָכטער׳ס חופּה: אַ בילד! אַ פּאַרשוין! אַ יוגענד! איהר וואָלט אין לעבען נישט זאָגען, אַז ס׳איז אַ טאָכטער מיט אַ מוטער, נאָר אַ שוועסטער מיט אַ שוועסטער! איך האָב מיך, הערט איהר, פֿערקוקט אויף איהר שטעהענדיג מיט די קינדער אונטער דער חופּה און האָב צו מיר אַליין געזאָגט:

— שוטה וואָס דו ביזט! עלענדער שטיין וואָס דו ביזט! אַצינד איז פֿאַר דיר אַ מאָמענט... איין וואָרט ווען דו זאָגסט, איין קוק ווען דו טהוסט, ווערסט דו אויס עלענדער שטיין... בויעסט דיר דיין הויז... פֿלאַנצסט דיר דיין ווייגאָרטען... טרעטסט אַריין אין דיין גן-עדן... לעבסט דיר דיין רוהיגען לעבען, צווישען איינענע, ליעבע און געטרייע... שלאָג דיר אַרויס פֿון קאָפּ

ראזא'ן... ראזא איז ניט פאר דיר... ראזע פאסט צו דיר ווי א קינד... זיי ניט געגארט... קוק אויף דער מוטער! זאג איהר דאס ווארט, דו ווילדע חיה וואס דו ביזט!.. איהר זאלסט דו זאגען ניט קיינעם! וואס ציהסטו די נשמה? זעהסטו דען ניט, ווי זי קוקט אויף דיר, מיט וועלכע אויגען??..

אט אזוי זאג איך צו מיר אליין און בעגעגען זיך מיט פאיע'ס אויגען, און עס רייסט מיר אויס א שטיק הארץ — פאר רחמנות צו איהר... איהר הערט? — רחמנות! שוין נישט מעהר ווי רחמנות... פריהער, געדענק איך, איז געוועזען אנ'אנדער געפיהל ביי מיר... איצט איז פערבליעבען בלויז רחמנות... און ווי באלד רחמנות, איז אויף מיר אפשר אויך א רחמנות? און אפשר נאך א גרעסערער? און ווער איז איהר שולדיג? למאי האט זי געשוויגען ביז אהער? וואס שווייגט זי איצט? וואו שטעהט דאס געשריעבען, אז איך איהר מעג זאגען, און זי מיר ניט?.. בושה וועט איהר זאגען? מנהג העולם? די וועלט פיהרט זיך אזוי? איך לאך פון אייער וועלט! ביי מיר איז ניטא קיין אונטערשיעד: „ער" זאל זאגען פריהער, „זי" זאל זאגען פריהער, מענשען זענען מענשען! אז זי שווייגט, שווייג איך אויך! איהר ווילט דאס אנרופען עקשנות? אמביציע? משוגעת? רופט דאס וואס איהר ווילט! איך האב דאך אייך געזאגט שוין, אז מיר איז דאס אלץ איינס... נישט מעהר, איך רעד מיר אויס פאר אייך דאס הארץ און מיט אייך צוזאמען וויל איך אנאליזירען, אויסגעפינען, וואו איז דא דער ווארם? אפשר איז דאס דערפאר, וואס מיר זענען מיט פאיען קיינמאל נישט געוועזען פאר זיך אליין קיין צוויי מינוט. שטענדיג איז געוועזען אין מיטען א נפש, וואס האט פערנומען אין גאנצען אונזער צייט, אונזערע געדאנקען, אונזערע געפיהלען, אונזערע צרות און פערגניגען — אלעס האט געהערט צו יענעם, ניט צו אונז. פאר זיך אליין א מינוט א פרייע — דאס פע! דער רוח זאל דאס וויסען! מיר ביידע זענען ווי בעשאפען געווארען ספעציעל נור פון יענעם'ס וועגען! פריהער איז געוועזען פיני. נאכדעם האט גאט געהאלפען א ראזעטשקע. איצט האט אונז דער אויבערשטער צוגעשיקט א בייעם נחת: אנ'איידים'ל אויף קעסט! מאלט אייך עס איז שוין געוועזען דאס רעכטע איידים'ל! אזעלכע איידים'ס מעגען זיך ווינשען אלע יודען. איהר ווייסט גאנץ גוט אז איך בין ניט פון די מענשען, וואס ווערען אזוי גיך נתפעל און וואס האבען א טבע יענעם אפלויבען אין טאג אריין. איך וועל אייך נישט דערצעהלען קיין פוסטע דבורים, פזמונות, איבערטריעבענע קאמפלימענטען וכדומה, איך וועל אייך נאר זאגען, אז דאס ווארט „ענגעל" איז א בעליידיגונג פאר דעם דאזיגען מענשעל. נעגוג פאר אייך? אויב ס'איז דא א הימעל, אויב

מלאָכים שוועבען דאָרט אַרום, און אויב די מלאָכים זענען ניט ערגער פון אָט דעם שאַפּירא, זאָג איך אייך, אַז ס'איז כדאי צו שטאַרבען און בעסער דאַן מיט זיי, אַלס מיט אַלע איבעריגע צוויי־פיסיגע חיות וואָס דרעהען זיך דאָ אַרום אונטער גאָט'ס הימעל און פאַרפּאַסקודיגען די ערד. איהר וועט זאָגען, איך בין אַ מיזאַנטראָפּ, אַ מענשענפיינד? איהר זאָלט האָבען פון אַ מענשען דאָס וואָס מיר האָבען געהאַט; אייך זאָלען מענשען טהאָן דאָס וואָס מען האָט אונז געטהאָן, וואָלט איהר געווען ניט אַ מיזאַנטראָפּ, נאָר אַ גזלן. איהר וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ מעסער אין מיטען גאַס און איהר וואָלט גע־קוילעט מענשען אַזוי ווי שאָף!.. וואָס איז ביי אייך פאַר אַ מאָדע לאָזען אַ מענשען ריידען שטונדען לאַנג און נישט פרעגען, צו וויל יענער אַ גלאָז וואַסער? הייסט געבען טהעע!

אַלזאָ וואו האַלטען מיר? ביי אונזער נחת, ביי אונזער איידים׳ל שאַפּירא.

עס דאַכט זיך מיר אַז איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז ער איז געוועזען דער גאַנצער פיהרער פון אַ גוראַלניע, אַ בראָנפען פאַבריק, און ניט נור דער גאַנצער פיהרער, נאָר דער גאַנצער בעל־הבית איבער'ן גאַנצען געשעפט. אַלעס איז געוועזען ביי איהם אין די הענד. אויף זיין נאָמען. דאָס צוטרויען וואָס זיי האָבען געהאַט צו איהם איז אין לשער און ליעב געהאַט האָבען זיי איהם ווי אַ קינד. איהר קענט פערשטעהן, אַז אויף דער חתונה זענען זיינע בעלי־בתים, צוויי שותפים, גנבים (זיי זאָלען מיר מוחל זיין, זיי זענען שוין לאַנג אויף דער אמת'ער וועלט אין אַמעריקאַ). געווען די מחותנים, געשענקט דעם חתן אַ קאַסטען מיט זילבער און האָבען זיך אויסגעשטעלט ברייט און מילד, ווי די אמת'ע פילאַנטראָפּען. און איך האָב טאַקי ליעב אַ פילאַנטראָפּ און נאָך אַ בעל־הבית אַ פילאַנטראָפּ, אַז ער קומט מיר אויף אַ שמחה און שטעלט זיך אַרויס מיט זיין פילאַנטראָפּיע, אַז אַלע זאָלען זעהען און זאָלען וויסען, אַז ער איז אַ בעל־הבית אַ פילאַנטראָפּ וואָס ווייסט ווי צו שעצען אַ „מענשען!“.. אַי דער „מענש“ האָט איהם אפשר געמאַכט אַ פערמעגען? און ווען נישט דער „מענש“, וואָלט ער אפשר איצטער ניט געווען קיין בעל־הבית און קיין פילאַנטראָפּ?.. אייער שמייכלען וואָס איהר שמייכעלט איז אומזיסט! מיין ליעבער פריינד, איך שטעל מיך ניט אַרויס פאַר קיין סאָציאַליסט, נאָר אַ בעל־הבית אַ פילאַנטראָפּ האָב איך פיינט! וואָס קומט מיר דערפאַר? והראיה? אָט וועט איהר הערען, וואָס אַ בעל הבית אַ פילאַנטראָפּ קען!

דאכט זיך מיר, אז גאט העלפט מען האט א געשעפט, וואס טראגט אריין שעהנע עטליכע טויזענדער א יאהר און א מענשען האט מען אזעלכען, וואס מען קען זיך אויף איהם פערלאזען, קען מען שלאפען רוהיג אין דערהיים, און אפילו אוועקפאהרען קיין אויסלאנד און לעבען א גוטען טאג; איז דאך אבער „אונזערע יודעלעך“. איך ווייס, אז איהר האט פיינט, נאר איך זאג נאך אמאל „אונזערע יודעלעך“. ס'איז זיי קארג די וועלט! א יוד האט ליעב געשעפטען, פליהען, הרעהען, קנאקען, טראסקען — מען זאל זעהען! מען זאל הערען! וואס טויג אייך, מיין שאפיראס בעלי=בתים האבען זיך נישט בענוגענט מיט דעם, וואס האבען אזא גאלדען געשעפט אין אזעלכע זיכערע הענד. זיי זענען אריין אין וועלדער און אין פעלדער, אין „טארגעס“ און אין טאקסעס, אין ווייץ און אין קלייען, און אין הייזער האט זיך זיי פערגלוסט אריינקריכען, ס'איז געווארען א היץ אויף הייזער, הייזער האבען געברענט און זיי האבען געברענט ביז זיי זענען פערברענט געווארען, אריינגעשלעפט אונזער שאפיראן מיט וועקסעלעך, פערהאפט וויפיעל ס'איז געווען מזומנים און אוועק קיין אמעריקא און ס'איז א סברה, אז זיי זענען דארטען, ווי מען זאגט אויף דעם אמעריקאנער לשון „אלל=רייט“, און איהם, שאפיראן הייסט עס, האבען זיי געלאזט זיצען ביז'ן האלז אין חובות, פערבאדען און פער'חתמ'עט מיט וועקסלען פון אויבען ביז אראפ, ס'איז געווען א גרויסער סקאנדאל און ס'איז דערגאנגען דערצו, אז מען האט גארנישט געוואלט קוקען צו איז ער א „מענש“, צו איז ער א בעל=הבית, ער מוז צאהלען די וועכסלען, און אזוי ווי ער האט ניט מיט וואס איז ער באנקראט, און אזוי ווי ער קען ניט בעווייזען, אז דער באנקראט האט זיך צו זיי גענומען פון אן'אונגליק, ווערט דאס אנגערופען ביי אונז, ווי איהר ווייסט, און אפשר ווייסט איהר ניט, „זאלאסטנע באנקראט“, דאס הייסט אן'אנזעצער א פארך, און א פארך אן'אנזעצער זעצט מען איין אין טורמע, ווארום א פארך האט די וועלט פיינט! איהר קענט אייך זיין צעהען מאל אן'אנזעצער, צעהן מאל איבער'חזר'ן דעם פסוק, און אבי איהר מאכט דאס אפ קיילעכדיג מיט'ן „כבקרת“ ווי עס געהער צו זיין, שטעלט איהר ארוים דער וועלט מחילה א פייג, און קויפט א הויז מיט א „מפטיר“, און איהר ווערט א שעהנער מענש, און איהר טהוט די גרעסטע שדוכים, און איהר זאגט דעות אין שטאדט, און איהר טרעט אויף קעפ, און איהר שטופט אייך צו די גרויסע, צו די למד וואו גדולים, וואס פיהרען די גאנצע שטאדט ביי דער נאז, און עס דאכט זיך אייך אז איהר זייט א גרויסער, און איהר שפריצט, און איהר בלאזט זיך ווי אן'אינדיק, און איהר דערקענט ניט

קיין מענשען, און איהר רעדט זיך איין אַז דער רוח חאַפּט אייך אָקאָרשט ניט אַוועק!.. האָט קיין פּאַראיבעל ניט, איהר פֿערשטעהט דאָך אַז ניט אייך מיין איך, די וואַנט מיין איך... וואָס נוצט אייך, מיין בחור, מיין שאַפּיראָ האָט ניט געקענט אַריבערטראָגען דעם בזיון, און אַגב האָט איהם וועה געטהאָן דאָס האַרץ אויף אָרימע אַלמנות און יתומים (זיינע בעלי־בתים האָבען ניט געשאַנעוועט קיינעם, זיי האָבען גענומען וואו זיי האָבען געקענט) — ער האָט זיך געס'ם'ט!..

איך דענק, אַז עס איז אייך ניט וויכטיג ווי אַזוי און מיט וואָס ער האָט זיך געס'ם'ט, און וואו האָט ער גענומען סם? און וואָס עפּיס סם? און וואָס האָט ער געשריבען פֿאַר אַ בריעף צו מיר? און וואָס האָט ער מיר געזאָגט? און ווי אַזוי האָט ער זיך געזעגענט מיט ראָזאַ'ן? און מיט דער מוטער, און מיט מיר? — דאָס אַלעס איז ניט מעהר ווי סענטימענטען, וואָס די ראָמאַניסטען בענוצען זיך מיט זיי, אום אויסצוקוועטשען ביים נאַרישען לעזער אַ טרעהר. איך וויל אייך נאָר זאָגען אין דריי ווערטער: נישט זיך האָט דער מענש געס'ם'ט, ער האָט גענומען און האָט אַוועקגעס'ם'ט אונז אַלעמען! דער בראָך איז געווען אַזוי גרויס; דער שמערץ איז געווען אַזוי טיעף; דער וועהטאָג איז געווען אַזוי גרויליך, אַז ביי אונז אַלע דריי האָט זיך ניט געפֿונען קיין איינציגע טרעהר! מיר זענען פֿערגליווערט, פֿערשטיינערט, פֿערשטאָרבען געוואָרען, געפֿאַלען מיט'ן פּנים צו דער ערד און וואָלטען געוועזען די גליקליכסטע פֿון די גליקליכסטע, ווען איינער קומט און האַקט אונז אַראָפּ אַלעמען די קעפּ מיט איין מעסער!.. הערט איהר, איהר מעגט אייך זאָגען וואָס איהר ווילט, אָנקוקען קען איך ניט אָט די אַלע וואָס קומען אייך טרייסטען חלילה ביי אַנ'אונגליק. זייערע צוגעגרייטע כלומרש'ט טרויעריגע פּנים'ער, וואָס אויף יעדען שטעהט אויפֿגעשריבען: „אַ דאַנק גאָט וואָס ניט איך"... זייערע הילצערנע רייד, וואָס קלעפּען זיך ניט, זייערע פֿאַלשע שבחים, זייער אַוועקגעהן אומגעזעגענט מיט אַ מורקע אונטער דער נאָז, — וואָס דאַרפֿט איהר מעהר? אַפילו אָט דער איוב, וואָס ס'איז אַ מנהג אַז יעדער גראָבער יונג זאָל אין איהם אַריינקוקען ווי אַ האָהן אין בני אָדם, איז מיר גמאָס! וואָס? אַפּקורסות זאָגט איהר? דאָס הייסט ביי אייך אַפּיקורסות? נו, און נעהמען אונטערשטעלען אַ פּיסעל אַנ'אונשולדיגען מענשען, הייסען איהם חתמ'ענען וועכסלען און אַליין אַוועק מיט געלד קיין אַמעריקאַ און דעם „מענשען" לאָזען ער זאָל געהמען און אַוועקס'ם'ען אי זיך אַליין אי נאָך דריי אונשולדיגע נפשות — דאָס וועט ביי אייך הייסען ווי אַזוי? וואָס פֿאַר אַ נאָמען וועט איהר דעם געבען?

נישט אפיקורסות? א יא, ניין? און פון גאט אליין וועט איהר זאגען אז ס'איז ניט קיין אונרעכט? וואָרום ווי טאָר מען ריידען אויף גאט? טהוט אלע זשע א קוק וואס זאגט דערויף איוב? אט דער זעלבער הייליגער איוב, וואס ס'איז א מנהג איהר זאלט אין איהם אריינקוקען ווי א האָהן אין בני אדם? א יא, איהר שווייגט? איך שווייג אויך, וואָרום איהר קענט רעדען צוזעצטערהייד, וועט איך קיינער ניט ענטפערען! איהר וועט איבערקייען נאך אמאל די שוין לאנג איבערגעקייטע ווערטער: „ה' נתן וה' לקח“ — און דערביי וועט איהר בלייבען... וואס זאגט איהר? פילאָזאָפירען הייסט קייען שטרוי? איך זאג אויך דאס אייגענע.

אלזא איך קעהר מיך אום צוריק צו מיין אלמנה... וואס זאג איך אלמנה? צו מיינע צוויי אלמנות! ראָזע אויך אנ'אלמנה! חא=חא=חא! עס איז אזוי טרויעריג, עס איז אזא בעליידיגונג פון דער נאטור, אז נור לאכען דארף מען! ראָזע אנ'אלמנה! איהר זאלט זי געוועזען זעהען א קינד פון פינפצעהן יאָהר קען ניט אויסזעהען יונגער, ראָזע אנ'אלמנה! אנ'אלמנה אליין איז נאך גאר ניט! ראָזע — א מאמע! א מוטער פון א קינד! אין א חדשים דריי נאך שאפיראָ'ס טויט האט זיך געלאָזט הערען א קול פון א בעשעפעניש און די שטוב איז געוואָרען פול מיט דעם בעשעפענישעל — פייגעלע האָבען זיי דעם א נאָמען געגעבען — און אין שטוב האט געוועלטיגט נאָר איין פייגעלע, און אלעס איז געווען נאָר צוליעב דער איינער „פייגעלע“, און וואו איהר זענט געשטאנען, און וואו איהר זענט געזעסען, און וואס איהר האָט ניט געטהאָן, האט איהר געקענט הערען נאָר פייגעלע און פייגעלע און ווידער פייגעלע! אויב מען זאָל וועלען זיין א מאמין און גלויבען אין „השגחה פרטית“ ווי איהר רופט דאס אָן, וואָלט איך געזאָגט אויף דער פייגעלע, אז דאס האט גאָט בעלוינט אונז פאר אונזערע גרויסע ליידען און האט אונז געשיקט א טרייסט. איהר ווייסט אָבער, אז איך בין א קנאפער מאמין און איך בין שטארק מסופק אין אייך אויך... וואס? איהר ווילט מיר איינריידען אז איהר גלויבט יא, — געזונדערהייד! איך האָב צו אייך גארנישט ניט; אבי איהר אליין זאָלט זיין איבערצייגט, אז איהר זיינט ניט קיין צבועק, קיין היפאָקריט. הערט איהר, יודען, האָב איך פיינט היפאָקריטען, טאקי נאָר ווי א יוד האט פיינט חזיר! זייט אייך פרום ווי צעהן טויזענד רוחות, אבי מיט אנ'אמת! טאָמער זשע זייט איהר גלאט א גנב, א פארמאסקירטער „וצדקתך“, זיינט איהר ניט פון מיינע לייט און איך הארף אייך אויף תשעה ניינציג כפרות. אט אזא מענשיל בין איך מיר!

הכלל וואָסער אַ סדרה גערעט הייַנט? — פֿייגעלע! פֿון דער ערשטער מינוט וואָס די פֿייגעלע האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט, האָט אַלעס ווי אויפֿגעלעבט, אַלע און אַלעס האָבן געשמייכלט און געפֿרייט זיך. אַלע פּנים׳ער האָבן געשייַנט. אַלעמענס אויגן האָבן אָנגעהויבן צו לייַכטן און גלאַנצן. אינאיינעם מיט דעם קינד זענען מיר אַלע אויפֿ׳ס ניי געבוירן געוואָרן.
איך וועל אייַך זאָגן אַ שעהנס: ראָזע, וואָס האָט זיך נישט באַוויזן אויף איהר פּנים קיין שמייכעל שוין אַזאַ צייַט, האָט פּלוצים אָנגעהויבן ווידער צו לאַכען מיט איהר פֿריהעריגען מאָדנעם געלעכטער, וואָס פֿערגיפֿטעט אייַך און צווינגט אייַך, אַז איהר זאָלט אויך לאַכען, חאָטש עס ווילט זיך אייַך גאָר וויינען. אָט אַזאַ מין כח ליגט אין איהר געלעכטער און אָט אַזאַ מין כח האָט באַוויזן די קליינע פֿייגעלע, אַז זי האָט אויפֿגעעפֿענט איהרע קליינע אייגעלעך און האָט גענומען דאָס ערשטע מאָל מיט אַ פֿונק פֿון פֿערשטאַנד באַטראַכטען אונז אַלע דרייַ. און ווער שמועסט, אַז אויף פֿייגעלעס ליפּעלעך האָט זיך באַוויזן דאָס ערשטע שמייכעלע, זענען ביידע אַלמנות שעור ניט משוגע געוואָרען פֿאַר ענטהוזיאַזם און התפּעלות. זיי האָבן מיך באַגעגענט מיט אַזאַ אימפּעט אַז איך האָב מיך פֿאַר זיי דערשראָקען:
— גוואַלד וואו זענט איהר געווען פֿריהער מיט איין מינוט?
אַזוי זענען אָנגעפֿאַלען אויף מיר ביידע אַלמנות.
— וואָס איז דען? וואָס האָט זיך געטראָפֿען? — פֿרעג איך אַ דערשראָקענער און באַקום פֿון זיי אַ ניעטפֿער:
— סטייטש, פֿייגעלע האָט אָט ערשט מיט אַנדערהאַלבען מינוט פֿריהער אַ לאַך געטהון! דעם ערשטען לאַך!
— אָט דאָס איז גאָר? — זאָג איך גאַנץ קאַלט און אינווענדיג דאָס האַרץ פֿרעהט זיך, געוועהנליך ניט אַזוי אויף דעם, וואָס פֿייגעלע האָט אַ לאַך געטהון, ווי אויף דעם, וואָס מייַנע צוויי אַלמנות זענען אַזוי ששון ושמחהדיג. נו, הייַנט קענט איהר שוין פֿערשטעהן וואָס עס האָט זיך אָבגעטהון בייַם ערשטען ציינדעל! די ערשטע האָט דערפֿיהלט נאַטירליך די יונגערע אַלמנה, די מוטער. האָט זי צוגערופֿען די עלטערע אַלמנה, פֿאַיען, הייסט עס, און ביידע אַלמנות האָבן גענומען פּראָבירען מיט אַ גלאָז און אַז זיי האָבן דערהערט אַז עס קלינגט אַ ציינדעל, האָבן זיי געמאַכט אַזאַ גוואַלד, אַז איך בין אַריין פֿון צווייטען צימער ניט טויט ניט לעבעדיג.
— וואָס איז דאָ?
— אַ ציינדעל!

— עס ווייזט זיך אייך אויס! — זאג איך צו זיי בכיון, עס זאל זיי אביסעל רייצען — און ביידע אלמנות נעהמען מיין פינגער און טאפען אן ביי פינגעלען אין הייסען מיילכעל עפּיס א שארף שפּיציקעל, וואס קען זיין ס'איז א ציינדעל.

— נו? — פרעגען זיי מיך ביידע און ווארטען איך זאל זיי שוין אבגעבען א גערוס פונ'ם ציינדעל. איך מאך זיך תמ'עוואטע. איך האב ליעב זיי צו רייצען, פרעג איך זיי איבער:

— וואס נו?

— אבער איא א ציינדעל?

— א ציינדעל, וואס דען זאל דאס זיין?

און דאס פערשטעהט איהר דאך, אז ווי באלד א ציינדעל, איז דאך פינגעלע א חכמה, וואס מען קריגט ניט די צווייטע אין דער גאנצער וועלט! און ווי באלד, אז פינגעלע איז אזא חכמה, קומט דאך איהר מען זאל זי אזוי לאנג קושען ביז דאס קינד הויבט אן צו וויינען, און איך רייס עס ארויס ביי זיי פון די הענד און שטיל דאס איין, ווארום ביי קיינעם שווייגט ניט אזוי דאס קינד ווי ביי מיר, און מען קען זאגען אז קיינעמ'ס האר האט פינגעלע ניט אזוי ליעב ווי מיינע האר, און קיינעמ'ס נאז ווערט ניט אזוי געריסען פון איהרע ברעקעלעך פינגערלעך, ווי מיין נאז, און פיהלען אויף זיך די דאזיגע ברעקלעך פינגערלעך איז א גן-עדן! עס גלוסט זיך אויסקושען 1000 מאל איטליכעם גליעד פון די דאזיגע קליינטשינקע, גלאטינקע, ווייסינקע און ווייכינקע פינגערלעך! איהר קוקט אויף מיר און איהר טראכט זיך: „אט דער מענש האט א ווייבערשע נשמה, א ניט וואלט ער אזוי ניט ליעב געהאט קיין קינדער"... אבער איא איך האב געטראפען, וואס איהר טראכט? ס'איז אזוי די מעשה: וואס פאר א נשמה איך האב ווייס איך ניט, נאר אז איך האב ליעב קינדער — דאס איז א פאקט! וועמען דען זאל מען ליעב האבען אז ניט קיין קליינע קינדער! אייערע גרויסע ווילט איהר זאל איך ליעב האבען? אט די גלאטע מארדעס מיט די געפאקטע בייכלעך, וואס זייער גאנץ לעבען איז א געשמאקער מיטאג מיט א גוטען ציגאר מיט א פרעפעראנסעל? צי אט יענע שעהנע מענשען ווילט איהר זאל איך ליעב האבען, די וואס קהל'ען זיך און לעבען פון דער קהל'שע שיסעל און שרייען און ליארמען און פויקען איבער דער גאנצער וועלט אז זייער גאנצער מיין איז טובת הכלל?.. אדער איהר זענט א בעלן איך זאל ליעב האבען אט די יונגע צוצעקעס, וואס ווילען מתקן זיין די וועלט, רופען מיר בורזשוק און ווילען מיך צווינגען איך

זאל פערקויפען מיינע הייזער און צוטהיילען זיך מיט זיי לשם עקספראפריאציע? אדער איהר וועט מיר אפשר הייסען איך זאל ליעב האבען די גראבע ווייבער, די פרות הבשן, וואס זייער איינציגער אידעאל איז פרעסען, קליידער, בריליאנטען, טהעאטער און געפעלען פרעמדע מאנסבילען? צו גאר די אונטערגעשארענע אלטע מוידען, וואס אמאל אין מיינע יונגע יאהרען האבען זיי געהייסען „ניהיליסטקעס“, היינט הייסען זיי „עס־עסאווקעס“, „עס־עראווציס“, „קאדעטניצעס“ וכדומה, אזעלכע שעהנע נעמען?.. איהר זאגט, וויל איך בין אן אלטער בחור בין איך א בעל כעסן און א מיזאנטראפ און מיר געפעלט ניט קיינער? זאגט אייך, וואס ארט מיך וואס איהר זאגט? איך טהו מיר מיינס: איך דערצעהל, וואו זשע האלט איך? ביים קינד, ביי פייגעלען, ווי מיר האבען דאס ליעב געהאט? דאס גאנצע לעבען האבען מיר אוועקגעשענקט דעם קינד, מיר אלע דריי, דערפאר וויל דאס קינד האט אונז פערזיסט דאס ביטערקייט פון דאס לעבען, צוגעגעבען אונז אלעמען פרישע ענערגיע צו טראגען דעם שווערען יאך פון דער נארישער פערדארבענער וועלט, און פאר מיר עקסטרא איז אין דעם קינד געווען א גאנצער סוד. איהר וועט דעם סוד לייכט פערשטעהן, אויב איהר וועט זיך דערמאהנען, — וואס איז געווען פאר מיר ראזע?.. וואס מעהר דאס קינד האט געוואקסען, דעסטא מעהר האט געבליהט די האפנונג ביי מיר אין הארצען, אז מיין עלענד זאל ענדליך פערשווינדען און איך זאל אמאל אויך וויסען פון א לעבען אויף דער וועלט... און ניט נאר איך אליין האב זיך ארומגעטראגען מיט דער מחשבה; די זעלבע האפנונג האט געלעבט אויך ביי פאיען אין הארצען, און חאטש מיר האבען דערפון ניט גערעדט קיינמאל, נאר פאר אונז אלע דריי, איז דאס געווען קלאהר ווי דער טאג, אז עס וועט מוזען אמאל אזוי זיין... איהר וועט אפשר פרעגען: ווי אזוי קענען זיך דאס מענשען פערשטעהן אומגערעדט? איז א סימן אז איהר קענט פסיכאלאגיע, נאר ניט קיין מענשען... למשל, אט וועל איך אייך מאלען א בילד, וועט איהר זעהען, ווי אזוי מענשען שמועסען זיך אוים כמעט אהן ווערטער. פערשטעהען זיי אויפ'ן וואונק. אט האט איהר אייך א בילד:

א זומער נאכט. דער הימעל איז פערשמיסען מיט ווייסע מילך־פאסען. איך האב געוואלט זאגען: די שטערען בלישצען, פינקלען, שעמערירען, האב איך מיך דערמאהנט, אז אזוי שטעהט ערגעץ געשריבען אין א ביכעל, וויל איך ניט איבערקייען יענעמס ווערטער. איך האב אייך שוין געזאגט, אז איך האב פיינט זייערע בעשרייבענישען פון דער נאטור, וואס זענען אזוי עהנליך מיט דער נאטור, ווי איך בין עהנליך מיט א טירקישען פאשא.

הכלל ס'איז געווען אַ זומער נאַכט, איינע פֿון די זעלטענע וואַרימע, לויטערע, פֿרעכטיגע נעכט, וואָס דער טרוקענסטער מענש אין דער וועלט ווערט פֿול מיט פּאָעזיע און עס בענקט זיך איהם ערגיץ אַהין, ווייט, ער ווייסט אַליין ניט וואוהין. עס חאַפּט איהם אַרום פֿון אַלע זייטען אַ מאָדנער שטראָם פֿון רוח הקודש און ער זינקט אין אַ הייליגע שטילע רוהיגקייט, און ער פֿערקוקט זיך אין דער טיעפֿער בלויער יאַרמולקע, וואָס מיר רופֿען דאָס הימעל, און ער פֿיהלט, אַז דער הימעל סוד'עט זיך עפּעס מיט דער ערד, פֿיהרען אַ שטילען שמועס צווישען זיך, אַ שמועס פֿון אייביגקייט, פֿון אונענדליכקייט און פֿון דעם, וואָס מענשען רופֿען גאָטהייט...

נו? וואָס וועט איהר זאָגען אויף מיין בעשרייבען די נאַטור? ניט געפֿעלען? בין איך אויסגעשטעלט! האָט צייט, איהר זענט נאָך ניט פֿערטיג. איך האָב אייך פֿערגעסען דערצעהלען פֿון די זשוקעס, מאָדנע, שווערע, ברוין פֿאַרביגע זשוקעס, וואָס טראָגען זיך אין דער פֿינסטער, צולאָזט די פֿליגעל, זשומען און הודען און טהוען זיך אַלע מאָל אַ זעץ אָן וואַנט אָדער אָן פֿענסטער, און טהוען אַ פֿאַל אַנידער אויף דער ערד מיט האַלב צולאָזטע פֿאַלעס און ווערען אַנשוויגען. איהר זאָלט נאָר נישט האָבען קיין יסורים — זיי וועלען אַביסעל אַרומפּויזען אויף דער ערד, זיך אויפֿהויבען, צולאָזען די פֿאָלעס און וועלען זיך ווידער דרעהען אַרום דער שיין פֿון דער ליכט מיט אַ זשומען און מיט אַ הודען, און ווידער געבען זיך אַ זעץ אין פֿענסטער אַריין און אַ פֿאַל אַנידער אויף דער ערד... מיר זיצען אויפֿ'ן גאַניק, וואָס געהט אין גאָרטען אַריין, אַלע פֿיער: איך, און פּאַיע, און ראָזע, און פֿייגעלע. פֿייגעלע איז שוין אַ גרויסע; פֿיער יאָהר ווערט איהר ראש חודש אלול און ריידען רעדט זי ווי אַן אַלטער. זי רעדט און פֿרעגט קשיות. טויזענדער קשיות: פֿאַר וואָס איז הימעל — הימעל און ערד — ערד? ווען איז טאָג און ווען איז נאַכט? פֿאַר וואָס איז ביינאַכט נאַכט און בייטאָג טאָג? פֿאַר וואָס רופֿט די מאַמע די באָבעניו מאַמע און די באָבעניו רופֿט די מאַמע ניט מאַמאַ נאָר ראָזע? פֿאַר וואָס בין איך איהר דיאַדיאַ, אַ דיאַדיאַ און ניט קיין פּאַפּאַ?.. פֿאַר וואָס קוקט דער דיאַדיאַ אויף דער באָבעניו, און די באָבעניו קוקט אויף דער מאַמאַ, און פֿאַר וואָס איז די מאַמע אַזוי רויט געוואָרען?.. איהר פֿערשטעהט דאָך שוין, אַז דאָס רופֿט אַרויס ביי אונז אַלע דריי אַ געלעכטער, פֿרעגט פֿייגעלע וואָס לאַכט מען, ווערט דער געלעכטער נאָך גרעסער און ענדיגען ענדיגט ער זיך מיט דעם, וואָס מיר קוקען זיך איבער אַלע דריי, און אַלע דריי פֿערשטעהען מיר זיך גאַנץ גוט וואָס דער קוק בעדייט. מען דאַרף

שוין ניט קיין ווערטער. ווערטער זענען איבעריג. ווערטער זענען בעשאפען געווארען נאר פאר פלאפלערס, ווייבער און אדוואקאטען. אדער ווי ביסמארק האט זיך אמאל אויסגעדריקט: ווערטער זענען אונז געגעבען געווארען אום צו פערמאסקירען אונזערע געדאנקען. אט בעגעדען זיך דאך חיות און עופות און אלע איבעריגע בעשעפענישען אהן ווערטער! אט וואקסט דער בוים, אט בליהט די בלום, אט שפראצט א גרעזעל, האלט זיך צו צו דער ערד, קושט זיך מיט'ן שטראהל פון דער זון — וואו איז זייער שפראך? אויגען. מיין ליעבער פריינד, אויגען ביי מענשען זענען א גרויסע זאך! וואס א מענשענס אויגען קענען אייך אמאל זאגען אין איין מינוט וועט אייך דאס מויל ניט אויסרעדען אין קיין טאג! אונזער איבערקוקען זיך אין יענער נאכט מיט מיינע צוויי אלמנות איז געווען א בלעטעל, א קאפיטעל פון אונזער אלעמענס לעבענס געשיכטע, א גאנצע פאעמע אויב איהר ווילט, א ליעד, א טרויעריגעס ליעד פון דריי פערלארענע לעבענס, פון דריי פערקריפעלטע נשמות, וואס פערשיידענע פערפלאנטענישען האבען ניט דערלאזט זיי זאלען טרינקען פון דעם קוואל וואס הייסט גליק, זיי זאלען געניסען פון דעם פאנטאן וואס הייסט ליעבע... איך האב מיך ארויסגעכאפט פאר אייך מיט דעם ווארט „ליעבע" אומגעדרעהען. גלויבט מיר אז עס עקעלט מיך! ווייסט איהר פאר וואס? דערפאר ווייל אייערע שרייבער בענוצען שוין צו אפט דאס דאזיגע הייליגע ווארט און מאכען פון דעם שוין צו א וואכעדיגער מאכל. דאס ווארט „ליעבע" אז מען רעדט דאס ארויס אויף דער שפראך פון אייערע שרייבערס, איז א חלול השם. דאס ווארט „ליעבע" דארף ארויסגעגאסען ווערען, ווי עס גיסט זיך אויס א תפלה צו גאט, אדער עס דארף זיך אויסגיסען אין א ליעד אהן ווערטער, אין א געזאנג פון עכטער פאעזיע, עס מעג זיך זיין אהן ריימען: לויפען-קויפען, האפען-טאפען, יאגען-שלאגען, גראזען-בלאזען וכדומה אזעלכע גראמען פון אייערע פאעטען, וואס אז איך לייען זיי אמאל מאלט זיך מיר אויס אז איך שלינג ארבעס און פערבייס מיט פאפיר... דער משל מעג אייך ניט געפעלען, נאר דרעהען מיט דער נאז בעדארפט איהר ניט, איך ענדיג אייך שוין די געשיכטע מיט מיין אלמנה נומער צוויי און איך מאך דאס בקצור, ווארום איך האב פיינט אז מען גענעצט... זאגט נור, איהר האט אמאל פערזוכט דעם טעם עס זאל אייך רייסען א צאהן, וואס איהר מוזט איהם ארויסציהען, נור איהר לייגט דאס אב אויף מארגען, פון מארגען אויף איבערמארגען, ביז איהר נעמט אייך אן מיט הארץ און געהט צום דאקטאר, איהר קומט צו צו דער טהיר, איהר לייענט איבער אויף זיין בלעטעל: דענטיסט אזעלכער און אזעלכער, נעמט צו פון 8 ביז 1

און פון 1 ביז 8...״ חאפט איהר א קוק אויפ׳ן זייגער און א זאג צו זיך אליין:

— פון 8 ביז 1 און פון 1 ביז 8; הייסט וואס האב איך קיין צייט ניט?..

און איהר קעהרט זיך אום צוריק אהיים און איהר רייסט זיך אויף די צייהן... אט דאס איינענע איז געווען מיט מיר און מיט ראזע׳ן. ארויסגעגאנגען בין איך פון דערהיים אלע אין דער פריה מיט א בעשטימטען געדאנק, אז היינט מוז דאס געשעהן גאר אהן א שום תירוץ: פריהער וועל איך איבעררעדען מיט מיין אלמנה נומער איינס, מיט דער מוטער הייסט עס, אזוי און אזוי... וועט זי ווערען רויטליך, אראבלאזען די אויגען און א זאג טהון: „ביי מיר האט איהר גע׳פועל׳ט, רעדט איבער מיט ראזען...״ וועל איך אוועקגעהן פון דער אלמנה נומער איינס צו דער אלמנה נומער צוויי און וועל איהר זאגען: „הער נאר אויס, ראזע, ס׳איז אזוי און אזוי...״ און איך חאפ דאס היטעל און קום צו געהן צו מיינע צוויי אלמנות, לויפט מיר אקעגען פיינעלע, ווארפט זיך מיר אויף די הענד, חאפט מיך ארום ביים האלז, קושט מיך אין די ברילען און בעט זיך ביי מיר, אז „היינטיגען טאג, נאר היינטיגען טאג זאל איך זאגען דער מאמעניו און דער באבעניו, מיך וועט מען פאלגען, זי זאל זיין פריי, ניט לערנען, ניט שפיעלען, ניט טאנצען, נאר געהן מיט׳ן דיאדיא אין זאאלאגישען גארטען, מען האט געבראכט, זאגט מען, צו פיהרען אזעלכע מאלפעס, אזעלכע מאלפעס, וואס מען קען פלאצען פאר געלעכטער!...״ נו, אדרבה, זייט א בריה און נעמט ניט דאס קינד, און געהט ניט מיט דעם אין זאאלאגישען גארטען אנקוקען די נייע מאלפעס, וואס מען קען פלאצען פאר געלעכטער?...

— וואס וועט זיין פונ׳ם קינד? — ווארטשעט די אלמנה נומער איינס.

— ער מאכט א תל פונ׳ם קינד? — האלט זי אונטער די אלמנה נומער צוויי, און דער דיאדיא הערט זיי ווי דעם פאר-א-יאהריגען שניי, ביידע אלמנות, נעמט דאס קינד און געהט מיט דעם אין גארטען זיך בעקענען מיט די נייע מאלפעס, וואס מען קען פלאצען פאר געלעכטער — און אט אזוי ווי איך דערצעהל אייך, אלע מאל א נייער תירוץ, עס געהט אוועק א טאג און א טאג, א וואך און א וואך, א יאהר און א יאהר, דאס קינד וואקסט, הויבט אן פערשטעהן אזעלכע זאכען, וואס מען קען פון זיי ניט רעדען, און עס בלייבט ביי אונז אלע דריי דער הסכם, אליין אהן ווערטער, אז לאז דאס קינד אונטער וואקסען שוין, אז פיינעלע זאל אויסוואקסען, ווערען א מענש און אויסקלייבען זיך איהר באשערטען, דאן ווערען אונז אויפגעבונדען די הענד, דאן רעפארמירען מיר אונזער לעבען, פיהרען אויף א נייע שטוב, און מען בויט פלאנען, יעדער

ביי זיך אין הארצען, ווי אזוי מען וועט לעבען אלע צוזאמען, דאס יונגע פאר — פייגעלע מיט איהר באשערטען, דאס אלטע פאר — איך מיט ראזען, און די אלמנה באבע (פאיע) וועט געוועלטיגען איבער אונז אלעמען, — דאס וועט זיין א לעבען! די גאנצע זאך איז נאר: ווי דערלעבט מען שוין? ווי דערלעבט מען שוין, אז פייגעלע זאל אויסוואקסען, ווערען א מענש און אויסקלייבען זיך איהר בעשערטען? נאר אז מען לעבט דערלעבט מען זיך. אזוי דאכט זיך זאגט דאס שפריכווארט? איך האב פיינט שאבלאנע שפריכווערטער; איהר האט זיי ליעב? זעהר שעהן, איך פערגין אייך. אלזא אז מען לעבט דערלעבט מען זיך: פייגעלע איז אויסגעוואקסען געווארען א מענש און האט אויסגעקליבען זיך איהר באשערטען — און אט דא ליעגט דער הונד בעגראבען! אט דא ערשט הויבט זיך אן די רעכטע פסיכאלאגיע, ווי איהר רופט דאס אן! איהר ווייסט? דאס וואס איהר קוקט אויפ'ן זייגער איז איבעריג. איך וועל אייך סיי ווי סיי היינט מעהר ניט דערצעהלען, איך דארף געהן; מיינע אלמנות וועלען נישט וויסען וואס איבערצוטראכטען. איך קען בעשטעהן, אז אויב איהר האט חשק אויס־צוהערען די געשיכטע פון מיין „אלמנה נומער דריי“, זאלט איהר זיך מטריח זיין צו מיר אהיים. א ניט ווי איהר ווילט אייך! פאר די פאלעס וועל איך אייך ניט שלעפען. איהר וועט אליין קומען... אדיע!

עד כאן אלמנה נומער צוויי.

ג.

אלמנה נומער דריי.

— גוט וואס איהר זענט געקומען צו מיר אין אזא שעה וואס איך בין גראָד אין דערהיים, דאס הייסט אין דערהיים בין איך שטענדיג, נאר פאר מיר, ניט פאר יענעם. יעדער מענש האט זיך זיינע געוואהנהייטען. למשל, איך בין גע־וואהנט אז איך עס זאל מיר זיצען אקעגען די קאץ. אהן דער קאץ וועל איך ניט עסען. קיץ־קיץ־קיץ! וואס זאגט איהר אויף דער קאץ? קלוג — א חכמה! זי וועט אייך אליין ניט נעמען — עס מעג ליגען גאלד! איהר זייט א מבין אויף איהר פעל? וואס? איהר האט פיינט א קאץ? אנאיינבילדונג פונ'ם חדר! מען ווייסט די מעשיות! איהר דארפט זיך ניט פערענטפערן! ווי אזוי טרינקט איהר טיי? — מיט מילך? צי אזוי? איך טרינק מיט מילך... א קאטא! טפרוס! אין דער ערד אריין!... קיין זאך האט זי אזוי ניט ליעב ווי מילך. פוטער וועט שטעהן וועט זי ניט טשעפען, און דערזעהט זי מילך מוז זי טהון א לעק...

איהר ווייסט דאך אז איך האלט ניט פון הקדמות, נור דא מוז איך אייך זאגען א הקדמה: איך האב פיינט אז מען שמייכעלט. לאכען קענט איהר וויפיעל איהר ווילט, נאר ניט שמייכלען. געדענקט איהר זשע אלסדינג וואס איך האב אייך דערצעהלט? טאמער האט איהר פערגעסען, זאגט, שעמט זיך ניט, גרעסערע פון אונז מאכטו זיך, פערגעסען אויך אמאל. איך וועל אייך מוזען, האב איך מורא, איבער׳חזר׳ן אין קורצען נאך אמאל און געבען אייך איין אויסצוג, א קצור המעשה:

איך האב געהאט א חבר פיני, האט ער געהאט א פרוי פאיע, האבען זיי געהאט א קינד ראזע. איז מיין חבר פיני געשטארבען און פאיע איז געבליבען אנ׳אלמנה. און איך בין ביי איהר געוועזען א בן=בית. און זי איז מיר געוועזען צום הארצען און איך איהר אויך. נאר רעדען האבען מיר דערפון ניט גערעדט. געהאלטען אין זיך. און אזוי זענען אוועק די בעסטע יאהרען. דערוויל איז איהר טעכטעריל (ראזע) אויסגעוואקסען און איך בין געוועזען נאך איהר די כפרה. האט זיך אונטערגעחאפט א בחור׳ל שאפירא, א גוטער בוכהאלטער און א שענער שאכשפילער, און די ראזע האט זיך אן איהם פערברענט, האב איך זיך צוקריעגט מיט דער מוטער און בין אוועק מיט דעם געדאנק, אז וויל איך וועל לעבען, זאל מיין פוס דארט ניט זיין! און איך האב דאסווארט נישט אויסגעהאלטען און בין באלד אויפ׳ן צווייטען טאג געקומען און בין געווארען דער זעלבער היימישער וואס פריהער, און האב מיך פערשטעלט פאר א מחותן און האב געפראוועט א חתונה צווישען דער ראזע מיט דעם שאפירא, וואס איז געווען דער גאנצער בעל הבית איבער זיינע פרינציפאלס געשעפטען, גע׳חתמ׳עט פאר זיי וועקסלען, און זיי האבען זיך פערדהערט און זענען אוועק קיין אמעריקא און איהם האבען זיי געלאזט מיט די חובות, האט ער זיך גענומען דאס לעבען— און ראזא איז געבליעבען אנ׳אלמנה. האט איהר אלזא צוויי אלמנות. און פונקט אזוי ווי איהר מוטער פאיע, די אלמנה נומער איינס, איז געבליבען נאך מיין חבר פיני׳ס טויט מיט א קליין קינד ראזעטשקע, אזוי איז איהר טאכטער ראזע, די אלמנה נומער צוויי, געבליבען נאך שאפירא׳ס טויט מיט א קליין קינד פייגעלע, וועלכע איז געבארען געווארען אין דריי חדשים ארום נאך שאפירא׳ס טויט,— און מיר אלע דריי האבען די פייגעלע ליעב געהאט דאס חיות מיט׳ן לעבען און מיר אלע דריי, איך און פאיע און ראזע, האבען זיך איינגאנצען איבערגעגעבען צום דאזיגען קינד, ניט צייט געהאט צו קלעהרען וועגען זיך און וועגען מיין ראמאן מיט דער אלמנה נומער צוויי, מיט ראזען, וועלכע האט זיך דערוויל פערצויגען ביז פייגעלע וועט אונטערוואקסען און ווערען א מענש,

און אז פייגעלע איז אונטערגעוואקסען און געווארען א מענש... איך וועל אייך בעטען, אז איך דערצעהל אייך עפּיס, זאלט איהר ניט קוקען אין קיין בוך אריין, ס'איז א מאוס'ע טבע, און בעסער הארכען וואס מען דערצעהלט אייך, ווארום דא פאנגט זיך אן א נייע געשיכטע.

וואס איהר ווילט קענט איהר אויף מיר זאגען, נאר קיין פאנאטיקער, קיין עקשן בין איך קיינמאל ניט געווען. איך בין תמיד געגאנגען גלייך מיט דער צייט. איך בין קיינמאל ניט אפגעשטאנען, צוריקגעצויגען, ווי אנדערע וואס בעקלאגען זיך אויפ'ן נייעם דור מיט זייערע נייע אידעען.

אנקוקען קען איך ניט אט די אלטע חכמים מיט זייער אייביגע פרעטענזיע: סטייטש, למאי זאל דאס איי וועלען לערנען א הוהן? ווער איז עלטער, דאס איי צי דאס הוהן?.. בהמות וואס איהר זייט! אדרבה, ווייל דאס איי איז יונגער, איז דאס בילכער! איז דאס פעהיגער! איז דאס קלוגער! אודאי דארפען מיר, דער עלטערער דור, זיך גוט צוהערען, וואס זיי, די יונגערע גענעראציאן, האבען אונז צו זאגען, ווארום זיי זענען יונג, זיי זענען פריש, זיי לערנען, זיי פארשען, זיי זוכען, זיי געפונען, זיי טהון אויף. וואס דען? אזוי ווי איהר, פערשימעלטע חכמים, וואס איהר האט זיך אנידערגעזעצט אויף די אלטע ספרים און ביכער און ווילט זיך ניט ריהרען פונ'ם ארט?.. אין כעס בין איך נאר אויף זיי, אויף די יונגע, אויף די נייע, וואס זיי לייקענען אונז אב שוין גאר אין גאנצען, זענען אונז מבטל, מאכען אונז צו קליין געלד, זאגען אויף אונז אז מיר זענען ניט נאר בהמות אדער פערד, מיר זענען קיין פערד אויך ניט, מיר זענען גאר ניט! מיר עקזיסטירען ניט! מיר זענען ניטא! נישטא און א סוף!.. שטעלט אייך פאר עם קומען אריין צו אונז, צו מיינע צוויי אלמנות מיין איך, און ניט צו מיינע אלמנות, נאר צו אונזער פייגעלע, צום אייניקעל, דריי יונגע ציאצקעס, צי סטודענטלעך, צי ניט קיין סטודענטלעך, דער שווארץ יאהר ווייסט דעם טאטען זייערען, שווארצע העמדלעך טראגען זיי, שערען שערען זיי זיך ניט, ווער זיי זענען זאגען זיי ניט, שארפע צינגלעך האבען זיי, און קארל מארקס איז זייער גאט, ניט משה רבינו, נאר גאט, גאט אליין! מילא גאט — לאז זיין גאט, דאס לעבען וועל איך מיר דערפאר נישט נעמען! ובפרט אז איך אליין בין אויך ניט וויט פונ'ם סאציאליסטישען אידעאל, איך אליין וויים אויך וואס קאפיטאל בעדייט, וואס איז פראלעטאריאט, עקאנאמישער קאמפף, וכדומה אזעלכע זאכען, און איהר ווילט וויסען בין איך אליין אויך... פריידט זיך ניט, נישט קיין בונדיסט חלילה, נאר קיין הינקעדיגער שניידער אודאי נישט!

אלזא קומען זיי אריין צו אונז אלע טאג, אט די דריי פערשוינלעך וואס איך זאג אייך; איינער הייסט פינקעל, דער אנדערער — באמשטיין, דער דריטער — גרוזעוויטש, און געהן געהט מען צו אונז, ווי צו זיך אהיים, ווארום מיינע צוויי אלמנות, די באבע און די מאמע, האבען א טבע, אז עס קומט אריין צו זיי א מענש, ווייסען זיי ניט וואו אידם אוועקצוזעצען, וואלטען אידם אוועקגעגעבען די נשמה, ובפרט נאך אזעלכע דריי אנטיקען וואס איינער פון זיי איז געווים א קאנדידאט פאר פינגעלען, דאס הייסט קאנדידאטען זענען זיי אלע דריי, נאר קיין דריי חתנים קען זי דאך ניט האבען, עס מוז דאך זיין איינער, הייגט געה טרעף ווער דער איינער איז, אז רעדען רעדט מען נישט דערפון, חיות ניט זיכער! און פרעגען פרעגט מען אויך ניט, ביי וועמען וועט מען פרעגען? ביי דער מוטער? וואס איז ביי זיי די מוטער? א יונגע פרוי מיט א שעהן פנים און א סוף! ביי דער באבע? וואס איז פאר זיי די באבע? די באבע איז פאר זיי נישט מעהר ווי א ווירטהין, וואס דארף זעהן עס זאל זיין עסען און טרינקען אז זיי קומען צו געהן, און נישט נור עסען און טרינקען נאר פרעסען און זויפען... נו, און פון מיר שמועסט מען נישט, ווארום וואס בין איך ביי זיי? נאך א שטוהל ביים טיש און ווייטער גארניט. זיי זאלען דאס אויסרעדען צו מיר א ווארט! סיידען דאס זאלץ=מעסטעל ביים טיש, די צוקער=פושקע, א שוועבעלע אמאל, איז דאס אהן א ביטע, אהן א „פאזשאלאיסטא", נאר א מאך מיט דער האנד איבער'ן זשילעט, ווי מען רעדט מיט א שטומען, אדער א טראג אונטער צו אייך די ליפען בשעת איהר פערוויכערט א סיגאר — און ווייטער נישט א ווארט! אמאל מאכט זיך זיי קומען און טרעפען מיך אליין, זעצט מען זיך אוועק אלע דריי און מען שמועסט, אדער מען צולייגט זיך מיט די פים אויף די סאפעס און מען שפייט, זיי זאלען דאס אויסרעדען צו מיר א ווארט, חאטש אזוי פון איידעלקייט וועגען. גארניט! גלייך ווי איך בין ניטא! נו, און דאס דארפט איהר וויסען, אז איך צו זיי וועל אודאי נישט אנהויבען צו רעדען פריהער, איך וועל מיר ניט אונטערלייגען ווי אנדערע מיט צוואנציג טויזענד חנפה'לעך און זיסע ריידעלעך, און צוקערדיגע שמייכעלעך. עס איז נאך נישט געבוירען געווארען יענער מענש אויף דער וועלט, פאר וועלכען איך זאל אנבויגען מיין קאפ, נישט מחמת איך בין א גדלן... און לאמיר זאגען יא א גדלן, רופט דאס אן ווי אזוי איהר ווילט, אייער מיינונג קענט איהר האלטען ביי זיך! נאר איך האב פיינט אז מען רעדט פון זיך. איך דערצעהל אייך פון די דריי קלאפערס, וואס פאר מינים חיות דאס איז, אז איך האב מיך איין מאל ארויסגעחאפט און א פרעג געטהון ביי זיי, ווער פון זיי

אַלע דריי שפּיעלט אין שאַך, — האָט איהר בעדאַרפט אָנקוקען פּנים'ער! האָט איהר בעדאַרפט הערען אַ געלעכטער! דאַכט זיך מיר וואָס קען דאָ זיין פאַר אַן אונגליק, אַז מען איז טאַקי אַ סאָציאַליסט, און מען שפּיעלט פון דעסטוועגען אַ שאך אויך? קאַרל מאַרקס, נישקשה, וועט קיין פּאַראיבעל ניט האָבען! שמועסט אָבער מיט זיי — ניין! זיי אַליין אַרט מיך ניט. זיי האָב איך אין דער ערד! ברענען ברענט מיך אויף איהר, אויף אונזער פייגעלען, למאי לאַכט זי מיט זיי? פאַר וואָס זאָל ביי איהר זיין אַלסדינג וואָס זיי זאָגען קודש קדשים, הייליג, גלייך ווי גאָט אַליין האָט דאָס געזאָגט אויפ'ן באַרג סיני? וואָס איז דאָס געוואָרען פאַר אַ מין עבודה זרה ביי די היינטיגע יונגע לייט, אַ מין פאַנאַטיזם, אַ מין נייע חסידות, קאַרל מאַרקס איז דער רבי און מיר זענען זיינע חסידים! און אויסער קאַרל מאַרקס איז אַן עק, אַ סוף, אויס וועלט? וואו איז קאַנט, וואו איז שפּינאָזאַ, וואו איז שאָפּענהויער, וואו זענען שעקספּיר, היינע, געטהע, שיללער, ספּענסער און נאָך הונדערטער גרויסע מענשען, וואָס האָבען אויך אַמאָל כ'לעבען געזאָגט אַ קלוג וואָרט? נישט אַזוי קלוג ווי קאַרל מאַרקס, אָבער קיין גאָר גרויסע נאַרישקייטען האָבען זיי דאָך אויך ניט געזאָגט! איך בין, דאַרף איך אייך זאָגען, פון די וואָס לאָזען זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע און האָבען פיינט, אַז יענער פערדרייסט די נאָז, און דערפאַר האָב איך ליעב צו טהון אַמאָל יענעם אויף צו להכעיס. דו זאָגסט אַזוי, זאָג איך אַזוי. דו זאָגסט גאָר אַזוי, זאָג איך דוקא אַזוי — און טהו מיר עפּיס! איך האָב דערהערט איין מאָל פון זיי אַ שמועס, אַז גראַף טאָלסטאָי איז גאָרנישט. איך בין ניט פון גראַף טאָלסטאָי'ס חסידים, איך זאָל איהם פערגעטערן מיט זיין פילאָזאָפיע און מיט זיין נייער תורה פון יעזוס קריסטוס, וואָס ער מאַכט פון איהם דאָס וואָס ער איז קיין מאָל ניט געוועזען, נאָר אַלס קינסטלער שטעהט ביי מיר טאָלסטאָי ניט נידעריגער פון שעקספּיר; אַי טאָמער זענט איהר מיט מיר ניט מסכים, עס איך מיר ניט אָב דאָס האַרץ. איהר ווייסט דאָך שוין מיין טבע. ברענג איך דאָך צו טראָגען אויף צו להכעיס טאָלסטאָי'ס אַ בוך און גיעב דאָס פייגעלען זי זאָל האָבען וואָס צו לייענען. האָט איהר בעדאַרפט זעהן מיט וואָס פאַר אַ גרימאַסע מיין פייגעלע האָט נעגעבען אַ שטויס אַוועק דעם גראַף טאָלסטאָי! וואָס איז? ניט פינקעל, ניט באָמשטיין, ניט גרוזעוויטש האַלטען פון טאָלסטאָי.

בין איך שוין מסתמא אַרויס פון די כלים (אַז מען דאַרף קען איך זיין אַ שיינער אויך!) און האָב זיי געמאַכט אַלע דריי מיט דער בלאָטע גלייך! איך האָב זיי געזאָגט, אַז קאַרל מאַרקס איז אַ טעאָריע, און אַ טעאָריע בייט זיך;

היינט אַזאַ טעאַטער, מאָרגען אַזאַ טעאַטער; און גראַף טאָלסטאָי איז אַ גרויסער קינסטלער, — און קונסט בלייבט אייביג.

נו=נו! האָט איהר בעדאַרפט זעהן, ווי מענשען האָבען זיך עס אַביסעל צופלאַקערט! דעם סאַדעגורער צדיק ווען איהר זאָלט זאַטשעפען, וואָלטען זיינע חסידים ניט בעדאַרפט אַזוי פייערן אויף אייך!..

וואָס טויג אייך, ווען עס מישען זיך ניט אַריין מיינע צוויי אלמנות וואָלט געקענט אַרויס צווישען אונז אַ מאוס'ער סקאַנדאַל! איך האָב אָבער אַרויסגע= זעהן נאָכדעם אַז איך בין געווען אַ נאַר, וואָרום סוף כל סוף האָב איך דאָך גע= מוזט ז...י איבערבעטען, ווייסט איהר פאַר וואָס? ווייל פייגעלע האָט אַזוי געוואָלט! און אַז פייגעלע וויל אַזוי, דאַרף זיין אַזוי, און לאָז זי מיר זאָגען היינטיגען טאָג למשל אַז זי וויל איך זאָל די שטוב איבערטראָגען אויף אַנ= אַנדער אָרט איז עפּיס אַ תירוץ?

נישט נאָר בעצויבערט האָט מיך אָט דאָס מיידעל, נאָר גאַנץ איינפאַך פערקנעכטעט, מיין אייגענעם ווילען האָט זי געטוידט און האָט געמאַכט מיך פאַר אַ שקלאַף, פאַר איין אויטאָמאַט... נישט נאָר מיך, אונז אַלעמען האָט זי פערדרעהט דעם קאָפּ מיט דעם שענעם שידוך, וואָס זי האָט געטהון — גרוזע= וויטש איז געווען איהר באַשערטער, אַ כעמיקער פון דריטען קורס, אַ בחור'ל קיין מעשה ניט, דאָס הייסט ניט קיין אַי=אַי=אַי, גאָרנישט! פאַרהאַן אַ סך ערגערע! ער איז געווען ערשטענס „אַ טאַטענס אַ קינד“. דאָס איז אַ גרויסע זאַך, איהר מעגט אייך זאָגען וואָס איהר ווילט, דאָס שפּיעלט אַ ראָלע. חאַפּט אייך נישט, איך זאָג נישט קיין יחוס, איך זאָג נאָר אַז דער שורש האָט אויך אַ שטיקעל ווערטה; זייט איהר פון אַ גראָבען שורש, מעגט איהר זיין געביל= דעט ווי גאָט אַליין בלייבט איהר אַלץ אַ גראָבער יונג. פון די איבעריגע מעלות זיינע רעד איך נישט. די חברה מוז מען זאָגען דעם אמת, כל זמן זיי האַלטען זיך אין דער מורא זענען זיי עהרליך און פיין און נאָבעל, קוים אָבער חאַפּען זיי זיך אַרויס אויף דער וועלט פאַר זיך און ווערען „געוועזענע“— זאָל אייך גאָט היטען — טויזענד מאָל ערגער פון אַ געוועהנליכען בשר ודם, וואָרום אַ געוועהנליכער בשר ודם, אַז ער וויל נישט אייך אָבדרעהען דעם קאָפּ וועט ער זיך בעהאַלטען, און אַ „געוועזענער“ אַז ער וועט אייך בעשווינדלען, וועט ער אייך אויפווייזען על פּי חקירה, אַז אַ שווינדלער זענט איהר ניט ער... נאָר למאי זאָלען מיר פערלירען צייט אויף פוסטע פילאָזאָפיע? אונזער פייגעלע איז געוואָרען מאדאם גרוזעוויטש צו זיבצעהן יאָהר, און איך וועל אייך ניט דולען מיט קיין לאַנגע ספורים, וואָס פאַר אַ חתונה דאָס איז געווען, ווער

האט די חתונה געפראוועט, ווען מען האט דאס געקאסט געלד, און וואס פאר א גדולה עס איז געוועזן ביי די אלמנות אין שטוב. די מוטער ראזע האט דערלעבט פירען צו דער חופה איהר טרייסט, די באבע פייגע האט דערלעבט א נחת — חתונה געמאכט אנ'אייניקעל, און איך טפוש? וואס איז מיט מיר געוועזן די שמחה אזוי גרויס? די מוזינקע אויסגעגעבען?... מאלט אייך די שמחה האט לאנג געדויערט — פון אסתר תענית ביז פורים. מען האט אונזער גרוזעוויטשען אויפ'ן דריטען טאג נאך דער חופה געבעטען איין חדר אריין גאר פאר א קלייניגקייט: מען האט געפונען א גאנצען אוצר פון באמבעס און פון דינאמיט, און אזוי ווי דער בחור איז געוועזן א כעמיקער און א בעריהמטער כעמיקער דערצו, איז געפאלען אויף איהם דער חשד, און אגב האט מען געפונען א פאר בריוולעך פון איהם, און וואס טויג אייך גרויס, מען האט איהם צוגענומען און אוועקגעפיהרט...

און דא האט זיך אנגעהויבען פאר מיר א שטיקעל ארבייט, א לויפעניש, א דרעהעניש, א שמירעניש, א דולעניש — נעכטיגע טעג! חאפט מען זיך אריין און נאך פאר אזא מאוס'ער מעשה — איז זייט געזונד און שרייבט בריוולעך! דיינט צו זעהן דעם צער פון דעם יונגען צוויגעלע, משטיינס געזאגט פון זיבעצעהן יאהר! און די יסורים פון דער מוטער ראזע! און פון דער באבע פייגע! א נאטעם שטראף, אנ'אויסגאס האט זיך גענומען אויף דער שטוב! היינט דארפט איהר וויסען, אז די געשעפטען זענען אויך נישט פויגעלדיג; אין קעשענע האט אנגעהויבען טאגען, איך האב אנגעהויבען פלוטעווען, מאכען שווינדעל, פארזעצט מיינע הייזער, אונטערגעשמאלצען די קאסע; אויסגעגאנגען דאס געלד אויך, האב איך פערקויפט א פאר קלייטלעך פון מיינע מאיאנטקעס... איך דערצעהל אייך ניט קיין חריפות פון זיך און שטעל מיך פאר אייך ניט אויס! איך וויל אייך נאר איבערגעבען א כאראקטעריסטיק פון מיינע אלמנות, זיי זאלען זיך דאס אינטערעסירען אויף אט אזוי פיעל, פון וואנען מען לעבט, פון וואס מען לעבט און מיט וואס וועט מען לעבען וויטער? גארנישט, ס'איז ניט זייער עסק! איך דארף זארגען פאר אלעם. איך דארף טראגען אלעם אויפ'ן קאפ. איך דארף קריכען אין דער ערד אריין! ווער הייסט מיר? איך וויים ווער עס הייסט מיר? עס הייסט זיך אליין! איך וואלט וועלען זעדן אייך אויף מיין ארט אין אזא מין לאנגע צווישען מענשען, וואס איהר ווייסט ניט ווער פון זיי איז מעהר בריליאנט! איהר קאנט אויף זיי קיין מאל ניט האבען קיין פאראיבעל, קיין מאל ניט טראגען קיין שנאה, קיין פארדבאס; און טאמער מאכט זיך אמאל יא עפיס עס פערקלויבט זיך א

רוח אין הארצען און איהר געדט אוועק אהיים איין אנגעשטויסענער,—איז געגוג איהר זאלט קומען צו געהן און בעגעגענען זיך מיט זייער א בליק, הערען פון זיי דאס ערשטע ווארט, געדט אלעס אוועק מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך און איהר פערגעסט אין איין אויגענבליק צו איהר האט ווען עפיס געהאט געגען זיי, און איהר זענט גרייט פאר זיי צו קריכען אין דער ערד אריין, אט אזעלכע מינים בעשעפעניסען זענען דאס, נו געדט טהוט עפיס! און ווער שמועסט אט די פייגעלע? דאס איז גאר איין אנשיקעניש פון זיין ליעבען נאמען! עס איז גענוג, זי זאל געבען איין קוק אויף אייך מיט איהרע שענע, טיעפע קורצזיכטיגע אויגען — זאלט איהר שוין איינגעמען א מיתה משונה! האט קיין פאראיבעל ניט, איך זאג עס ניט אייך, איך זאג עס מיר אליין, ווארום זי האט מיך גאר משוגע געמאכט מיט איהר חתונה האבען פאר אט דעם גרוזעוויטשען, מישא האט ער געהייסען, — און ס'איז געווארען פול די שטוב מיט מישא! קיינער דארף ניט עסען, קיינער דארף ניט שלאפען, קיינער דארף ניט לעבען, וואס איז? מישא! מען האט צוגענומען מישא'ן! מען האט איינגעזעצט מישא'ן! מען וועט משפט'ן מישא'ן! מען דארף ראטעווען מישא'ן! קאלטע פריפארקעס — מען לאזט ניט צו! נישט מיך, נישט זי, נישט קיינעם! איך האב געזעהן אז דא שמעקט מיט „המצא מנוחה“, אז די גרינגסטע שטראף, אויב ער וועט זיין א מוצלח, קאן איהם אריינפליהען אין די אייביגע קאטארגע, אז ניט איז הענגען!... איך זעה, אייך איז ניט גוט דא צו זיצען, זעצט זיך אוועק אט דא צום פענסטער; און אפשר האב איך מיר אייך אביסעל צוגעגעסען, איז אהן איין אונגליק: איך טראג איבער מעהר פון אייך, אייך איז וועט זיך געהן אהיים, און ביי מיר איז דאס א באמבע אויף אייביג!

וואו-זשע האלטען מיר? ביי הענגען... ווארשיינליך האט איהר ניט איין מאל געלעזען אויף די בלעטער, אז היינט האט מען געהאנגען דארט און דארט צוויי מענשען, נעכטען האט מען געהאנגען דארט און דארט דריי מענשען. (הענגען מענשען און קוילען היהנער איז היינט געווארען אלץ איין נייעס.) און איהר בשעת מעשה, וואס טהוט? אדער איהר זיצט און וויגט זיך און רויכערט זיך א געשמאקען האוואנער ציגאר, אדער איהר טרינקט גאר בעת מעשה א גוטע גלאז קאווע מיט פרישע זעמעלעך מיט פוטער. אי דארטען הענגט א מענש, עס ווארפט זיך און עס צאפעלט זיך אין די לעצטע סעקונדען פון זיין אגאניע אייערער א בעקאנטער, איין אייגענער, א היימישער, וואס איהר האט איהם ניט לאנג געזעהען פול מיט לעבען אזוי ווי איהר אצונד? אי דארטען ליגט נאך א ווארעמער גוף, וואס תלינים האבען מיט גוואלד ארויסגעריי-

סען פון איהם די נשמה? אי דארטען מוטשעט זיך א מענש, ער וואלט וועלען וואס גיכער שטארבען, נאר עס שטארבט זיך ניט, ווארום דער תליון האט ניט גוט אויפגעצויגען דעם שטריק, אדער ער האט זיך גאר אבגעריסען און אראבגעפאלען צווישען טוידט און לעבען, און ער בעט זיך נעבעך ביי די הינריכטער מיט א קוק פון זיינע האלב אבגעשטארבענע אויגען, מען זאל איהם טהון זיין רעכט וואס גיכער?... וואס? איהר קאנט ניט ליידען אז מען רעדט הערפון? איהר זענט א מפונק? איך בין אזא מפונק ווי איהר. און שטעלט אייך פאר, אז איך בין אליין געקראכען אומעדום, געוואוסט די מינוט, די רגע וואס מען וועט איהם הינריכטען, און געלייענט נאכדעם אין די צייטונגען די בעשרייבונג, ווי אזוי איינער פון די דריי (געהאנגען האט מען זיי אלע דריי) האט זיך לאנג געראנגעלט מיט'ן טויט, מחמת ער איז געווען א שווערער (דאס איז געווען באמשטיין), האט מען איהם צוויי מאל געמוזט הענגען... אזוי האט מען געשריבען נאכדעם אין די צייטונגען, און מיר האבען עס געלייענט, דאס הייסט ניט מיר אלע, געלייענט האבען דאס נאר איך און ראזע: פאר דער באבע מיט'ן אייניקעל האבען מיר די בלעטער בעהאלטען, — און אזוי האט זיך די שטוב בעדייכט מיט נאך א יונגע אלמנה, אלמנה נומער דריי!... און א טרויער האט זיך געלעגט אויף דער שטוב, א שטילער, א טויטער טרויער, אזא טרויער וואס עס עקזיסטירט ניט פאר איהם ניט קיין פארב ניט קיין ווערטער; אזא טרויער וואס בעשרייבען איהם טאר מען ניט, ווארום בעשרייבען איהם הייסט פראפאנירען; אזא טרויער וואס ווען א שרייבער פון אייערע שרייבער רידרט זיך צו צו דעם, וואלט איך איהם איבערגעבראכען די פינגער!... אזא טרויער וואס מען דארף ניט, מען קען ניט און מען טאר ניט פון איהם רעדען... אלעס לעבט נאר אין דער פערגאנגענהייט, אין די ערינערונגען. דריי אלמנות — דריי לעבענס. נישט קיין גאנצע לעבענס, נור האלבע לעבענס, און נישט קיין האלבע אויך, נאר שטיקלעך לעבענס, אנפאנגס פון לעבען, איטליכס פון די דריי לעבענס האט זיך אנגעהויבען אזוי גוט, אזוי פאעטיש, א שיין געטהון אויף א מינוט, און פערשוואונדען!.. פון מיר רעד איך נישט, איך בין נישטא. דאס הייסט גערן גערה איך אהין אלע טאג, זיץ אוים מיט זיי גאנצע נעכט, רעדען פון אמאליגע גליקליכע טעג, דערמאנען זאכען מיט מעשיות מיט געשיכטען פון מיין טהייערען פריינד פיני, פון דעם גוטען ערהליכען שאפירא, פונ'ם העלד מישא גרוזעוויטש, וואס די צייטונגען האבען נאכדעם אויף איהם געשריבען, אז אין זיין פאך (כעמיע) איז ער געווען א זשעני... און אוועקגעהן גערה איך אוועק פון דארט אלע מאל מיט א צוויטאנט הארץ, מיט א פער-

דראָם, און איך פרעג מיך אַליין: פאַר וואָס האָב איך פערשפּיעלט מיין לעבען אַזוי נאַריש? וואו הויבט זיך אָן מיין ערשטער פעהלער און ווען ווערט זיין דער לעצטער? אַז ליעב האָב איך זיי אַלע דריי, און טהייער זענען זיי מיר אַלע דריי, און יעדע פון די דריי האָט געקאָנט זיין מיינע און אפשר נאָך איצט אויך... און איטליכער פון די דריי בין איך אי ליעב, אי איבעריג, אי נייטיג, אי אָנגעוואָרפען, און לאָם איך איין טאָג ניט קומען טהוט זיך חשך, און לאָם איך זיצען איין איבעריגע האַלבע שעה זענען זיי מיך משלח, פשוט הייסען מיר נעמען דעם וועג, טהוען נישט פון האַנען אַהין זיי זאָלען מיך ניט פרעגען. לאָם איך זיי עפּים פירהאַלטען, זאָגען זיי, אַז איך האָב ליעב אומעדום זיך אַריינמישען, ווער איך אין כעס און לויף אַוועק אַהיים און פערשלים מיך מיט דער קאַץ און זאָג אָן דער דיענסט, אַז טאָמער ווערט מען צו מיר קלינגען זאָל זי זאָגען, אַז איך בין ניטאָ, און נעם מיך צו מיין טאַגע בוך. איך פיהר אַ טאַגע בוך שוין זעכס און דרייסיג יאָהר, אַ אינטערעסאַנטעם בוך; אירהר קאָנט שוין זיכער זיין! פאַר מיר אַליין פיהר איך דאָם בוך, נישט פאַר קיינעם, אַזוי לאַנג קרענקט די ליטעראַטור אַייערע ווי לאַנג זי איז ווערטה צו האָבען אַזאַ בוך, ווי מיין טאַגעבוך! אַיך, קען זיין, וועל איך דאָם אַמאָל ווייזען, קיין אַנדערען פאַר קיין געלד נישט... און וואָם טויג אַייך, עם געהט ניט אַוועק קיין האַלבע שעה, קלאַפּט מען מיר אָן אין טהיר. ווער איז עם? דאָם מיידעל פון די אלמנות איז געקומען אַייך רופען צום מיטאָג. וואָם זאָל מען אירהר זאָגען?—„זאָגט אַז איך קום באַלד צו געהן“.

נו? וואָם ווערט אירהר עפּים איצטער זאָגען, מיין ליבער פריץ? וואָם הערט זיך עפּים מיט אַייער פּסיכאָלאָגיע?.. אירהר האַפּט זיך געהן? קומט, איך געה אויך מיט אַייך, איך דאַרף זיין ביי מיינע דריי אלמנות. איין מאָמענט נאָר, איך וועל אָנזאָגען, מען זאָל דאָ געבען דער קאַץ עסען, וואָרום איך קאָן מיך דאָרט פאַרזיצען ביז טאָג אויך אַמאָל. מיר שפּיעלען אין „יערעלאַש“ אַמאָל אין פּרעפּעראַנס, אין געלד שפּיעלען מיר, און אירהר זאָלט זעהן ווי יעדע וויל געווינען! און אַז מען מאַכט אַ שלעכטען גאַנג, לייגט מען נישט קיין כבוד, נישט זיי אויף מיר, נישט איך אויף זיי. ביי מיר, אַז עמיצער מאַכט אַ שלעכטען גאַנג אין קאָרטען, בין איך קאַפּאַבעל יענעם דורס זיין, צורייסען! וואָם בעדייט, למשל, אַייער שמייכעל? איך וויים, גלויבט מיר, וואָם אירהר טראַכט אַצינד, איך קען אַייך דורך און לאַך פון אַייער באַבע! אירהר טראַכט אַצינד אויף מיר: „אַן אַלטער בחור, אַ בעל כעס'ן...“

עד כאן אַלע דריי אלמנות.

יעדער פֿאַר אונז.

יעדער פֿאַר אונז.

(אַ מאָנאָלאָג).

זאָגט איהר, אַז יודען האָט מען אומעדום פֿיינט, מען יאָגט זיי
און מען טרייבט זיי און מען רודפֿ'ט זיי? און איך זאָג אייך,
אדרבה פֿאַרקעהרט: פֿאַר אַ יודען שטעלט זיך יעדען איין,
והא ראיה, אָט וועל איך אייך אויב איהר ווילט, דערצעהלען
אַ מעשה מיט צוויי ברידער וועלען מיר האָרכען, וואָס וועט
איהר נאָכדעם זאָגען.

— געוועזען זענען צוויי ברידער, איינער האָט געהייסען... וואָס איז אייך
די נפקא מינה ווי אַזוי ער האָט געהייסען? לאָז זיך אייך דאַכטען, אַז איינער
האָט געהייסען מאיר, און דער אַנדערער שניאור און געטראָפֿען האָט זיך עס
ערגיץ אין זאמוט אָדער אין פּוילען, אין וואָלין אָדער אין דער ליטא, און
געוועזען איז דאָס תחלת בשעת עס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבען די רעוואָ-
לוציעם מיט די בהלות אויף דער וועלט, און געשמועסט האָט מען וועגען
אַ פּאָגראָם, וועגען אַ גאַנץ געוויינטליכען יודישען פּאָגראָם וואָס האָט געזאָלט
זיין אין ניכען... און כאָטש אונזערע צוויי ברידער האָבען אַ חוץ זייערע נפשות
נישט געהאַט וואָס איינצושטעלען גאָר נישט, מחמת קיין הייזער מיט קיין
קלייטען מיט קיין פֿאַרמעגען האָבען זיי נישט געהאַט, און אפילו קיין ווייב
און קיין קינדער אויך נישט, פֿונדעסטוועגען האָבען זיי מורא געהאַט איינצו-
שטעלען זייער לעבען, זענען זיי אויפֿגעשטאַנען אין אַ שענעם פֿריהמאָרגען
און האָבען זיך געלאָזט אין וועג אַריין, וואו די אויגען וועלען טראָגען, „בחפזון“
הייסט עס, מיט גרוים אַיילעניש. אַי וואָס איז דאָס אַיילעניש? אַז מע רעדט
פֿון אַ פּאָגראָם דאַרף מען שוין לויפֿען? איז דער תירוץ: מסתמא איז אין שטעד-
טיל שוין געוועזען פֿרעהליך, מחמת קאָזאַקען זענען שוין אַרומגעפֿאָהרען מיט
די נאַגייקעס איבער אַלע גאַסען... וואָס האָבען צו טהון קאָזאַקען אין אַ שטיילער

שטאָדט, אַ יודישער שטאָדט, פֿאַר צוויי טויזענד מייל פֿון מאַנדזשוריע?... הקצור לאָז זיך אייך דאכטען אַז ס'איז געווען אַ פּאָגראָם, און אונזערע צוויי גבורים, מאיר און שניאור זענען געפֿלויגען פֿייל אויסען בוינען, און מחמת גרוים איילעניש אַ פּנים האָבען זיי פֿערגעסען מיטצונעהמען מיט זיך אין וועג אַריין צדה לדרך, אַנ'איבעריג העמד, אַ מלבוש, א קאָפּעטקישעלע, וכדומה, אַזעלכע זאַכען וואָס אַ לעבעדיגער מענש בעדאַרף האָבען אין וועג אַריין, למשל ברויט. איך רעד שוין ניט פֿון אַנדערע שפּייזען, דאַרע קישקע, געראייכערטע ציננער, פּידעלעך סערדעלן, — ניין, איך שמועס פֿון אַ פּראָסט שטיקעל ברויט, „המוציא לחם מן הארץ", וואָס אָהן דעם קאָן זיך נישט בעגעהן קיין שום בן אדם, ער זאָל לויפֿען אפילו אין עק וועלט אַריין. אַז עס קומט די צייט, הערט איהר, ווען דער מאָגען הייבט אָן מאָנען מזונות, מעגט איהר זיין דער גרעסטער חכם, דער ערשטער פֿילאָזאָף, וועט איהר זיך נישט אויסדרעהען ביז איהר וועט נישט אָנשטופּען, איך בעט איבער אייער כבוד, די נאַרישע קישקע, אָט אַזוי האָט דער אייבערשטער באַשאַפֿען דאָס מענשעל, — אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך. וואָס זאָגט איהר, ניט אַזוי?

הכלל, וואו זשע האַלטען מיר? ביי די צוויי ברידער. זענען זיי געגאַנגען, מאיר און שניאור הייסט עס, אָהן אַ נשמה, פֿון גאַנץ פֿריה אָן, געגאַנגען געגאַנגען און אָבגעשטעלט זיך, איבערגעכאַפּט דעם אָטהעם און ווידער גענומען געהן, ווידער אָבגעשטעלט זיך און ווידער געשפּאַנט משוגע'נערווייז, גלייך ווי מע וואָלט זיי געיאָגט מי יודע וויפֿיל גזלנים, אָדער גלייך ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט פֿאַרשפּעטיגען אַ יריד, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז... אַרום פֿאַרנאַכטליך איז דאָס געווען, האָט מען אָנגעהויבען געהן פּאַוואָלי און אָבגעשטעלט זיך.

אָבגעשטעלט זיך, רופט זיך אָן דער עלטערער צום קלענערען:

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען, משולם?

— דהיינו, וואָס, מאיר?

— דהיינו... איך בין נישט אַזוי מיעד פֿונ'ם געהען, ווי עס חלש'ט מיר דאָס האַרץ.

— און מיר אויך דאָס נעמליכע.

אַזוי האָבען זיך דורכגעשמועסט די צוויי ברידער און דערזעהען פֿון דערווייטען... וואָס מיינט איהר האָבען זיי דערזעהען? אַוודאי אַ טייכעל אַ פֿליסענדיגס מיט קאַלט וואַסער לויטער ווי קרישטאָל? אָדער פֿרישע חלה, שמעקענדיגע נור וואָס פֿונ'ם אויווען? אָדער פֿיש הייסע געפּרעגעלטע אין פּוטער?

צו אפשר א ראסעל פלייש מיט קארטאפעל פאדפראוועט מיט צוריבענעם קנאבעל וואס דער ריח זעצט גלייך אין נאז אריין? ווייס איך וואס, עס הייבט זיך גאר נישט אן. זיי האבען דערזעהען אין מיטען פעלד אויף דער הוילער ערד זיצען צוויי קאזאקען, פשוט'ע קאזאקען, אט די וואס מיט די לאנגע פיקעס און מיט קורצע בייטשליך, די נאגייקעס מיין איך, און מיט די רויטע לאמפאסען אויף די הויזען. געזעסען זענען די קאזאקען האלב-ליגענדיג אויף דער ערד, אנגעשפארט אויף די עלענבויגענס, די היטעלעך אויף א זייט, די פאטלעס רעכט פערקעמט און די גלאנצענדיגע האר פערקאקאטשעט אויף יענער זייט אויהער, און אין אויהער א זילבערען אויהר-רינגעל, דאס פנים רויט, שטארק פערברענט, די ציינער ווייס ווי מילך, און שטרויעלעך האבען זיי געהאלטען אין מויל, און די פערדליך ביי דער זייט שטעהען אראבגעלאזט די קעפ און שטשיפען גראז, און א קעסעלע אנ'אייזערנעם הענגט אויף דריי פיסליך איבער א פייער'ל און עס קאכט זיך עפיס אין קעסעל, וואס — ווייסט מען נישט: צי פיש, צי פלייש, צי בארשט, צי קאשע, — שלעכט איז דאס געוויס נישט, — דאס פיהלט מען נאך'ן ריח, — ס'איז נור א שאלה, צו ס'איז כשר...

— ווייסט דו וואס איך וועל דיר זאגען, שניאור?

— דהיינו וואס, מאיר?

— דהיינו... וואס האבען מיר איינצושטעלען? לאמיר בעסער צו געהן צו זיי, איידער זיי זאלען צו געהן צו אונז.

— איך מיין אויך דאס נעמליכע.

אזוי האבען זיך דורכגעשמועסט די צוויי ברידער און האבען זיך איינגעשטעלט און זענען צוגעגאנגען צו די קאזאקען, מחמת זיי זאלען נישט געווען צו געהן מיט גוטען, וואלטען זיי צוגעגאנגען מיט בייזען, ווארום ס'איז גאר א סברה, אז די קאזאקען, ווי באלד זיי האבען דערזעהען די צוויי יודען, האבען זיי זיך אויפגעזעצט פון דער ערד און האבען א ווינק געטהון צו זיי און א זאג געטהון אויף יוניש-יודיש:

— עי, איצקא! חיים „א קום אהער“.

א טאטעלע, א מאמעלע, א האמענע-אוך.

און עס האט זיך אנגעהויבען צווישעןביידע פאר, צווישען די צוויי קאזאקען הייסט עס און צווישען די צוויי ברידער, א מין געשפרעך, וואס אז מען זאל זיין מיט אכצעהן קעפ קאן מען דאס ניט איבערגעבען! וואס משטיינס געזאגט, אז די צוויי יונים האט זיך געגליסט רעדען דוקא אויף יודיש און

האָבען אַזוי געקענט רעדען יודיש, ווי די צוויי ברידער האָבען געקאָנט יוניש; געוואוסט האָבען די צוויי ברידער נאָר איין וואָרט „סקודעווע“ (פֿון וואַנען?) און פֿאַר דעם וואָרט האָבען זיי מורא געהאַט מעהר ווי פֿאַר אַלע אַנדערע ווערטער, און ווי אויף צו להכעיס איז דאָס וואָרט „סקודעווע“ געווען דאָס ערשטע וואָרט וואָס זיי האָבען דערהערט פֿון די קאָזאַקען. ס'פֿאַרשטעהט זיך אַז ס'איז געווען פרחה נשמתם, געה דערצעהל דעם קאָזאַק אַ מעשה, אַז זיי לויפֿען פֿון אַ פּאָגראָם! וואָס ווייס אַ קאָזאַק פֿון פּאָגראָם?.. האָבען זיך אונ-זערע צוויי ברידער מישב געווען און האָבען זיך געמאַכט תמ'עוואַטע, כלא ידע הייסט עס גלייך זיי פֿערשטעהען נישט אַ וואָרט רוסיש, און אַנשטאַט דעם זיי זאָלען זאָגען פֿון וואַנען זיי געהען, האָבען זיי אָנגעוויזען מיט די הענד אויפ'ן אייזערנעם קעסעלי און אויפ'ן מאַכל וואָס האָט זיך געקאָכט, געשלונגען בשעת מעשה די שליים, ווי איינער רעדט: „מיר זענען הונגעריג, מיר ווילען עסען, און איהר דולט אונז אַ קאָפּ — סקודעווע!...“ ווייזען ווייזט אויס אַז די קאָזאַקען האָבען פֿערשטאַנען, אַז די יודען ווילען עסען, האָבען זיי אָבגעלייגט דעם „סקודעווע“ אויף אַנ'אַנדערען מאָל און האָבען זיך גענומען מקיים זיין די מצוה פֿון הכנסת=אורחים, נאָר אויפ'ן יונישען שטייגער, דהיינו ווי אַזוי? תחילת האָבען זיי זיך געמאַכט אַביסעל לוסטיג איבער די יודישע קאַ-פּאָטעס מיט די געקרייזעלטע פּאָה'לעך, נאָכדעם האָט זיך זיי פֿאַרוואָלט דוקא אַז איינער זאָל הייסען איצקא און דער אַנדערער חיים, און מע זאָל זיי מכבד זיין מיט קאַשע, אָנהאָדעווען מיט חזיר, און מחמת אָנהאָדעווען אַ יודען מיט חזיר ווי אַייך איז ידוע, איז דאָך אַ גרויסע מצוה, לכן איז געבליבען מע זאָל זיך מיט די צוויי יודען איינטיילען אויף דערהאַלב, דאָס הייסט איינער האָט גענומען אויף זיך איצקא'ן, דער אַנדערער — חיים'ן און מע האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט זיי אויף דער ערד און מע האָט זיי אָנגעגאָסען אַ שי-סעלע מיט הייסע קאַשע גאַנץ פֿעטע, און געגעבען זיי אין די הענד אַריין צוויי הילצערנע לעפֿעל און אַ קאָמאַנדעווע געטהון אויף יונישען שטייגער: „יעשטיע זשידי!“ אויף אונזער לשון הייסט עס: „ברוכים היושבים, קומט עסען, עסען געזונד“... אַזוי איז געווען דער פּראָסטער פשט; דער נוסח אָבער פֿון די ווערטער „יעשטיע זשידי“ איז געווען אַזאַ מין נוסח, וואָס מע האָט בעדאַרפֿט דערפֿון פֿערשטעהען דאָס דאָזיגע: „ווילסט יאָ עסען ניט עסען — עסען וועסט דו שוין!“ דערצו דאַרף מען ניט פֿערגעסען דאָס אויך, אַז די צוויי ברידער זענען געווען נעבעך טוידט — הונגעריג, ממש מיט יציאת=הנפש, דאָס הייסט מען איז אויסגעגאַנגען פֿאַר הונגער!

און זיי זענען אַ מינוט געזעסען נישט צו רירהען מיט קיין אבר האָטש דער ריח פֿון דער הייסער פֿעטער קאַשע האָט געזעצט אין נאָז אַריין, און דאָס האַרץ האָט געצויגען ווי מיט צוואַנגען... אַ פּנים אַז די קאָזאַקען האָבען אַרויסגעזעהען אַז די יהודים זענען ניט פֿאַרטיג מיט'ן פּסוק, פֿערשטאַנען וואָס דאָ קוועטשט זיי, האָבען זיי אַ קאָמאַנדעווע געטהון שוין צום לעצטען מאָל: „יעשטיע זשידי!" מיט אַזאַ קול, אַז עס האָט זיך זיי אָבגעריסען אין האַרצען, און דער עלטערער האָט אַ זאָג געטהון צום קלענערען:

— ווייסט דו וואָס איך וועל דיר זאָגען, שניאור?

— דהיינו וואָס, מאיר?

— דהיינו... מע מוז אָנהויבען עסען... פּקוח נפש...

און מע האָט זיך גענומען אַרבייטען מיט די לעפֿעל גאַנץ ערנסט, גע־ חאַפּט די הייסע קאַשע ווי ערב־יום־טוב'דיגע לאָקשען, געבריהט זיך די לי־ פּען מיט דער צונג און געשלונגען ווי די גענז, נאָר פֿערגעסען בשעת מעשה, אַז זיי זענען אורחים און ס'איז ניט רעכט כשר...

איך האָב מורא אַז זיי האָבען געפֿיהלט אין דער קאַשע אַ טעם גן־עדן, וואָרום זייער האַפּען מיט זייער שלינגען איז געווען כמעט חוץ לדרך הטבע. אַזוי אַז די קאָזאַקען האָבען זיך גע'חדוש'ט, אָנגעהויבען זיך דורכשמועסען צווי־ שען זיך אויף זייער לשון:

— וואָס זאָגסט דו, וואַניושאַ, אויף דיין חיים'ן, ווי ער האַפּט דאָס אַביסעל?

— ניין, פּאַוולושאַ, האָסט אַ טעות, האַפּען האַפּט דיין איצקאַ.

און די צוויי ברידער האָבען זיך געמאַכט כלא ידע און האָבען געאַרבייט מיט די לעפֿעל אויף וואָס די וועלט שטעהט.

וואַניושאַ! זאָג דיין חיים'ן ער זאָל אַזוי נישט האַפּען, וואָרום איך וועל איהם געבען אַ האַפּ, וועט איהם אַוועקהאַפּען דער רוח!

— אַנו, פּרוב זיך נאָר, צורירהען פּאַוולושאַ, צו מיין חיים'ן מאַך איך פֿון דיין איצקאַ'ן אַ פּרעזשעניצע!

און נישט לאַנג געטראַכט האָט פּאַוולושאַ אַרויסגעריסען ביי וואַ־ ניושעס יודען דעם לעפֿעל און האָט איהם דערלאַנגט אַ רוק אין זייט אַריין, אַז ער האָט זיך איבערגעקעהרט דריי מאָל. האָט דאָס וואַניושען געוועהנטליך זעהר פֿערדראָסען, האָט ער זיך אויפֿגעחאַפּט און האָט דערלאַנגט פּאַוולו־ שעס יודען גלייך אין די צעהן אַריין אַזוי אַז פֿונקען זענען געפֿלויגען פֿון די אויגען... האָט דאָס פּאַוולושען געוועהנטליך געבערענט, האָט ער אָבגע־

שטעקט וואַניושעס יודען דריי פלאַם=פייערדיגע פעטש. איז וואַניושע אויפ= געשטאַנען מלא רציחה, און האָט זיך אָנגערופען צו פּאַוולושאַ'ן: „דערפאַר וואָס דו שלאָגסט מיין יודען וועל איך דיין יודען מאַכען ברוין און בלוי!“

און וואַניושע מיט פּאַוולושע'ן האָבען זיך אָנגענומען די קריוודע פון זייערע יודען און האָבען זיי געה'רג'ט געשלאָגען מכות רצח, אַזוי אַז דאָס ביסעל טרפה'ס איז זיי אויסגעפאַלען באָקאָם... אַ גליק וואָס די יודען האָבען זיך געשטויסען נעהמען די פיס אויף די פלייצעס און מאַכען פלטה...

ווי פון אַ בייזען חלום האָבען זיי זיך געלאָזט לויפען אָהן אַנ'אָטהעם, וואו די אויגען טראָגען, מורא געהאַט זיך אַרומקוקען צוריק, טאָמער יאָגט מען זיי...

געלאָפען-געלאָפען האָבען זיי זיך איינגעמידט, אָנגעהויבען געהן פּאַ= וואָלי און האָבען זיך אויף אַ ווייַלע אָבגעשטעלט און צוגעזעצט זיך. צוגע= זעצט זיך, האָבען זיי אָנגעהויבען אַביסעל קומען צו זיך און בעטראַכטען וואָס איז דאָ געווען; דריי מאָל אַ פּסק: אי פונ'ם פּאָגראָם אַנטלאָפען, אי חזיר געפרעסען, אי קלעפּ געחאַפּט... און מע האָט אָנגעהויבען זיך דורכשמו= עסען צווישען זיך מיט האַלבע ווערטער, ווי געוויינטליך:

— ווייסטו דו, וואָס איך וועל דיר זאָגען שניאור?

— דהיינו וואָס, מאיר?

— דהיינו... אַ יוד איז דיר קיין קאַטאָוועס ניט. דאַכט זיך אַ קאָזאַק, און קאָן ניט ליידען אַז מע שלאָגט אַ יודען... אַלע נעהמען זיך אָן אונזער קריוודע, הערסט דו? איטליכער שטעלט זיך איין פאַר אַ יודען!..

דער דײַטש.



דֶער דֵייטש.

ב׳ין איך אַלֵיין ווי איך האָב אײַך געזאָגט, אַ דראַזשנער, פון דראַזשנע הייסט דאָס, אַ קליין שטעדטיל אין פּאָדאָליער גובערניע, גאָר אַ קליין שטעדטיל; היינט איז שוין דראַזשנע כלומר׳שט אַ שטאָדט מיט אַ באַהן מיט אַ סטאַנציע מיט אַ וואָקזאַל... אַז דראַזשנע איז געוואָרען אַ סטאַנציע האָט אונז די גאַנצע וועלט מקנא געווען, אַ קלייניגקייט אַ באַהן! מע האָט געמיינט דאָס וועט ווערען אַ מחיה, אַ מקום פּרנסה, מע וועט זשעבּרען פּולע זשמעניעם מיט גאָלד, מע וועט גליקליך ווערען! יודען זענען זיך צונויפגעפאָהרען פון די דערפער אַרוים אין שטאָדט אַריין; בעלי בתים האָבען גענומען איבערבויען די הייזער, שטעלען נייע קלייטען; די טאַקסע פון פליישׁ האָט מען געהעכערט; מע האָט שוין אָנגעהויבען קלערען מכח אַ נייעם שוחט, מכח נאָך אַ בית המדרש און מכח אָפּנעמען פעלד אויף צו פערברייטערען דאָס אַלטע בית עולם — בקצור ס׳איז געוואָרען „ליהודים“. אַ ווערטעל? אַ באַהן, אַ סטאַנציע, אַ וואָקזאַל! בעלי עגלות האָבען זיך אפילו תחילת אַביסעל געבונטעוועט, געווען שטאַרק ניט צופריעדען פונ׳ם עסק, נאָר ווער פרעגט זיי? מע האָט אויסגעלייגט רעלסען, אַראָפּגעבראַכט וואַגאָנעס, אַנידערגעשטעלט אַ וואָקזאַל, אויפגעהאַנגען אַ גלעקעל, צוגעשלאָגען אַ ברעטיל: „ס ט אַ נ צ י אַ ד ר אַ ז ש נ אַ“ — און רעדט צו דער וואַנד!

אַז ס׳האָט אָנגעהויבען געהן די באַהן, רופט זיך אָן צו מיר מיינע: „וואָס רעכענסט דו צו טהון, יונה׳לי?“ (יונה רופט מען מיך). „וואָס זאָל איך, זאָג איך, טהון? דאָס וואָס אַלע יודען טהוען; אַלע דראַזשנער יודען דרעהען זיך ביי דער באַהן, וועל איך מיך אויך דרעהען ביי דער באַהן!..“ און האָב

„שלום=עליכם“. באנד II. 8.

געגומען דאס שטעקעל און בין ארוים אויפ'ן וואגזאל און בין געווארען מיט גאט זיינער דילך א „פראוויטעל“. וואס הייסט א פראוויטעל? א פראוויטעל הייסט: יענער האנדעלט א וואגאן תבואה און בעדארף דעם וואגאן תבואה אנגרוזען און אוועקשיקען, איז דערויף געשטעלט געווארען א „פראוויטעל“. נאר אזוי ווי כמעט אלע דראזשנער יודען זענען געווארען פראוויטעלעס, איז נישט גוט, מוטשעט מען זיך, דרעהט מען זיך; אמאל קויפט מען ביים גוי א זעקעל תבואה און מע פערקויפט דאס מיד ליד; איז אדער מע פארדיענט, אדער מע הערלייגט; און אמאל טהוט מען א חאפ פון דער זייט א מעקלע־ריי, אבי סע לאזט זיך, א דאס, א יענץ — שלעכט, ניטא וואס צו טהון! אי ס'איז פריהער אויך נישט געווען וואס צו טהון? איז חאטש ניט געווען קיין באהן, איז דער פארדרוס, ווי זאגט איהר, ניט געווען אזוי גרויס; צו וואס האט אונז געטויגט די סטאנציע מיט'ן וואגזאל מיט'ן גלעקיל, מיט'ן גאנצען טארעראם?

טרעפט זיך א מעשה — איך שטעה מיר אזוי איינמאל אויפ'ן וואגזאל אביסעל פערווארגט און בעגלייט ארוים דעם „פאטשטאווע פאיעזד“, ס'איז שוין נאכ'ן דריטען קלינג, דער לאקאמאטיוו האט שוין גוט אנגעפייפט און פונ'ם קוימען זעצט ארויך, איך טהו א קוק אויף דער פלאצפארמע שטעהט א פריצ'ל, א הויכס און א דארס מיט קעסטעלדיגע הויזען, מיט א הויכען קאפעלוש און מיט א סך טשעמאדאנעס; ער שטעהט אויסגעצויגען דעם האלז און קוקט זיך ארום ווי א זינדיגער מענש אויף אלע זייטען. „אט דאס פריצ'ל קעהר עפים באדארפען האבען“ — טראכט איך מיר און פיהל, עס האט מיך ווי עמיצער א טארע געטהון פון אונטען: „יהודי, געה צו צו איהם און טהו איהם א פרעג, אפשר דארף ער עפים?“ און אזוי ווי איך האב מיר נור גערידהרט פון ארט, אז ער טהוט זיך ניט צו מיר א לאז, הויבט אויף דעם קאפעלוש און מאכט צו מיר אויף דייטש, ציהט אויס מיט א נגון:

— גוט מא—יען, מיין הערר!

— א גוט יאהר זאל אייך זיין! — זאג איך צו איהם אויך אויף דייטש און א ביסעל אויף יודיש, און דאס איבעריגע מיט די הענד. און איך פרעג איהם פון וואנען ער פאהרט? מאכט ער צו מיר: צי וויים איך ניט עפים א רעכטע קווארטיר, א „שטאנציאן“ פון זיינעטוועגען?

— אוודאי! — זאג איך — פאר וואס זאל איך ניט וויסען? און אין הארצען טראכט איך מיר: „או—ווא! איין עברה וואס ס'איז ביי מיר ניט

קיין אכסניה, ס'זאל אבער זיין ביי מיר איין אכסניה, וואלט איך דאך איהם פארפיהרט צו זיך, ס'איז א וואהלער דייטש, מע וואלט געקאנט ארום איהם עפּיס פארדינען"... און באלד פליהט מיר דורך צוריק א מחשבה: „טפש! עס שטעהט דען אנגעצייכענט ביי דיר אויפ'ן שטערען, אז ס'איז ביי דיר ניט קיין אכסניה? עלעהיי לאז זיך דיר דאכטען, אז ס'איז ביי דיר יא אנ'אכסניה!" און איך רוף מיך אן צו איהם אביסעל אויף יודיש, אביסעל אויף דייטש און דאס איבעריגע דערמאך איך מיט די הענד:

— אויב זיי וואולען מיין הארר, לאזען זיי הייסען נעמען א בעל עגלה, וועל איך זיי טהון דערפיהרען אויף דער בעסטער אכסניה, שטאנציאן הייסט דאס פערוויסארט!

דערהערט פון מיר אזעלכע דבורים, ווערט דער דייטש מלא גדולה און מאכט צו מיר, בעוויזט מיט דער האנד אויפ'ן מויל:

— האבען זיי וואס צו עסען? שפייזען?

— די בעסטע שפייזען! — זאג איך צו איהם — זיי וועלען אם ירצה השם האבען האנאווע (הנאה) הערר דייטש, ווארום מיין פלונית, מיין פרוי הייסט עס, איז א זעלטענע באלאבאסטא (בעל־הבית'טע); איהר באקען און איהר קאכען האט א שם, איהרע פיש מעג עסען דער מלכות, דער קעניג אחשורש הייסט דאס...

— יא וואהל! — מאכט ער צו מיר מיט א שמחה און די אויגען בשעת מעשה לויכטען איהם און דאס גאנצע פנים שיינט איהם ווי די זון.

„א חכם א דייטש!" — טראכט איך מיר און מאך נישט קיין לאנגע מחזקות און בעשטעל א בויד און איך פארפיהר איהם גלייך צו מיר א היים.

געקומען אהיים, געב איך איבער באלד מיין וויב אלסדינג, אז גאט האט מיר צוגעשיקט אנ'אורח א דייטש גאר אנ'אנטיק; נאר א יודינע פערשטעהט דען עפּיס? הויבט זי דאך אן מסתמא מיך באגראבען, ווארום איך האב אנגעטראפען פונקט אויף דער בייזער שעה, ווען מען ראמט אין שטוב: „וואס פאר אורחים, וואס פאר געסט פלוצים אין מיטען דרינען?.." „יודינע בלא, זאג איך צו איהר, דבר ניט אויף אונזער צונג מחמת דער אדון איז מבין בלשון אשכנז!" הערט זי מיך עפּיס, אז זי האלט סאמע אין מיטען ראָ־מען? קערט זי מיט'ן בעזעם גלייך אין פנים אריין און וואָרטשעט. זי וואָר־טשעט און איך מיט'ן דייטש שטעהען ביי דער טהיר, ניט אהין ניט אהער, קוים מיט צרות איך האב איהר איינגערעדט, אז ס'איז ניט קיין אומזיסטער אורח, ס'איז — פאר געלד, און מע קאן נאך אדרבה ארום איהם עפּיס חאפּען,

אפלעקען א ביינדיל... זענט איהר שוין פארטיג? אז איך האב זי שוין גוט איבערגערעדט, מאכט זי צו מיר: „וואו זשע וועל איך איהם באלייגען — אין דער ערד?" — „שטיל זאל זיין — זאג איך צו איהר — נארישע יודענע, מע זאגט דאך דיר זאלסט ניט דבר'ן, ווארום דער אדון איז מבין כל דבור!" ערשטדעמאלט האט זי פארשטאנען וואס מע מיינט, און מיר האבען איהם אבגעטרעטען אונזער אלקער, און מיין ווייב האט גענומען אין איין כהרף עין צובלאזען דעם סאמאוואר און געשטעלט זיך קאכען וועטשערע. תחילת, אז מיין דייטש האט דערזעהען דעם אלקער האט ער אפילו אביסעל פארדרעהט מיט דער נאז, ווי איינער רעדט: „עס וואלט געמעגט זיין אביסעל בעסער!" נאר וואס פארשטעהט קירה דייטש? אבי מע האט נאר אריינגעטראגען דעם סאמאוואר, פערפארעט טיי און דערצו האט ער ארויסגענומען א גוט פלעשיל ראם און געמאכט א שנאפס (און מיר אויך געגעבען א שנעפסיל), איז שוין געווארען רעכט און ער האט זיך צולייגט מיט די טשעמאדאנעס ווי ביי זיין טאטען אין ווייגארטען, און מיר זענען געווארען חבר.

נאך דער טיי מאך איך מיט איהם א רעד, אהין אהער, וואס טהוט ער היע? מיט וואס האנדעלט ער? טאמער דארף ער עפיס קויפען, פארקויפען? לאזט זיך אויס, אז דארפען דארף ער גארנישט, עפיס מאשינעס, זאגט ער, בעדארפען דורכגעהן, ווייס איך, א נעכטיגער טאג, און בשעת מעשה האפט ער אלע מאל א קוק אין אויבען אריין און פרעגט זיך נאך אלע מינוט צי ס'איז נאך נישט פארטיג דאס עסען? „אפנים, זאג איך צו איהם, העררר דייטש, זיי האלטען גוט פון דער אכילה!" ענטפערט ער דאך מיר מסתמא פדרוך, ווארום א דייטש פערשטעהט דען וואס מע רעדט צו איהם? אזוי לאנג אזוי ברייט ביז מע האט איהם געגרייט צו טיש און דערלאנגט די וועטשערע — א פרישע יויך א מהיה'דיגע מיט מאנדלען, מיט א גאנץ עוף מיט מאנעגרייפלעך און מיט מערעלעך און מיט פעטרישקע און מיט... מיט... מיט... (מיינע, אז זי וויל נאר, קאן זי!) „ברוכים היושבים!" זאג איך צו איהם און ער ענטפערט מיר נישט קיין חצי דבור, זיך צוגעהאפט צום עוף ווי נאך א תענית. „ברוכים-היושבים-קומט-ניט-עסען-עסט-געזונד!" מאך איך צו איהם ווידער א מאל און ער זופט די יויך געשמאק, ער זאל דאס אפילו ענטפערען דאס צווייטע ווארט, חאטש זאגען א דאנק, — ווער? וואס? „א גראבער נפש, טראכט איך מיר, און א גרויסער זולל וסובא'ניק!"

הכלל ער האט אפגעגעסען, פערדרויכערט א לאנגע פיפקע און זיצט און שמייכעלט. איך זעה מיין דייטש קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען, זוכט א פנים

אנאָרט אויף דעם קאָפּ אָנצושפּארען און די אויגען ביי איהם קלעפּען זיך, טראכטען מכח נאכטלעגער. האָב איך א ווינק געטהון צו מיינער: „וואו מאכט מען איהם א געלעגער?“ זאָגט צו מיר מיינע: „וואָס הייסט וואו? טאקי אין מיין בעט“. און זי מאכט נישט קיין לאנגע שהיות און געהט צו צום בעט און הויבט איהם אָן מאכען א געלעגער, פאנאנדערגעשלאָגען דאָס בעטגעוואנד, ווי עס געהער צו זיין (מיינע אז זי וויל קאָן זי) — איך טהו א קוק — מיין דייטש איז עפּיס נישט צופריעדען, עס געפעהלט איהם ניט אפּנים, וואָס סע פליהען פעדערן, מחמת ער פארדרעהט מיט דער נאָז און הויבט אָן ניסען מיט סכנת נפשות. מאך איך צו איהם: „וואכסען זאָלט איהר, העררר דייטש!“ מיינט איהר אז ער ענטפערט מיר: א דאנק? ווער — וואָס? א גראָבער גפש, טראכט איך מיר, און א ווילדער מענש. מיינע האָט איהם געמאכט א געלעגער ביז דער סטעליע, סע מעג ליגען דער קיסר, (מיינע אז זי וויל נאָר, קאָן זי!) א גאנצע „העסע־בעט“, און מיר האָבען זיך מיט איהם גאנץ פיין אָבגעזעגענט, געווינשט איהם א גוטע נאכט און געגאנגען שלאָפען.

תחילת, אז מיר האָבען זיך געלעגט שלאָפען, הער איך מיין דייטש שלאָפט קיין עין הרע גאנץ געשמאק, חראָפּעט מיט א מאָדנע שטימע, סאָפּעט ווי א לאָקאָמאָטיוו, פייפט און חאָרכעלט ווי א געקוילעטער אָקס, און פּלוצים חאפּט ער זיך אויף און קרעכצט און איקעט און פאָרשקעט און קראצט זיך און שפייט און וואָרטשעט, און קערט זיך איבער אויף דער אנדערער זייט, טהוט א ביסעל א חראָפּע און א סאפּע און א פייף און א חאָרכעל און האפּט זיך ווידער אויף מיט א קרעכץ און מיט אַנ'אוי און מיט א פאָרשקע און מיט א קראצען זיך און מיט א שפייען און מיט א וואָרטשען, און אָט אזוי עטליכע מאָל, ביז ער שפּרינגט אראָפּ פונ'ם געלעגער און איך הער ווי עס פליהט דאָס בעטגעוואנד אין דער ערד אריין, איין קישען נאָכ'ן אנדערען מיט א מין כעס און מיט משונה מאָדנע ווילדע ווערטער: „צום טייוועל! סאקראמענטאָ! דאָנגערדר וועטעררר!“ איך לויף צו, איך טהו א קוק דורך א שפּארינקע אין דער טיר — מייט דייטש שטעהט אויף דער ערד אָרם נאקעט, וואָרפט דאָס בעטגעוואנד פונ'ם בעט, שפייט קלעק און שעלט זיך אויף זיין שפּראך, מע זאָל נאָר בעהיט ווערען. „וואָס איז די מעשה, זאָג איך העררר דייטש?“ און עפען אויף די טהיר, ווערט ער מלא רציחה און פאלט אָן אויף מיר מיט קולאקעס, וויל מיך דורס זיין, חאפּט מיך פאר א האנד און פיהרט מיך צו צום פענסטער און ווייזט מיר ווי ס'האָט איהם צוביסען דאָס גאנצע לייב און טרייבט מיך ארויס און פארמאכט די טיר. „א משוגע'נער דייטש, — רוף איך

מיך אָן צו מיינער — און אַ גרויסער מפונק! ס'האָט זיך איהם אויסגעוויזען, זאָג איך, אַז עס בייסט איהם, איז הימעל עפען זיך!..“ „ווי קומט דאָס? ס'איז מיר אַ חדוש! — זאָגט מיינע — ערשט אויף פסח געריינינגט דאָס בעטגעוואַנד און געפּאַרעט דאָס בעט מיט קעראָסין“...

אין דער פריה, איך האָב געמיינט מיין דייטש וועט דאָ ווערען ברוגז און וועט אַנטלויפען פון אונז וואו דער שוואַרצער פעפער וואַכסט, צום סוף — ווער וואָס? ווידער אַ „גוט מאָ—יען“ און ווידער געשמייכעלט, און ווידער געפּיפּקעט מיט דער פּיפּקע, און ווידער געהייסען זיך קאָכען עסען, און דערווייל צו דער טיי געהייסען זיך אָפּקאָכען ווייכע אייער, מאָצינקעס, וויפיל מיינט איהר אייער? כמעט אַ צעהנדליג! און צום עסען גענומען אַ רעכטען שנאַפּס און מיר אַ שנעפּסיל און הי — געלעבט! געקומען ביינאַכט — ווידער די אייגענע שפּיעל: פריהער געחראַפּעט, געפּייפט און געסאָפּעט און געהאָרכעלט, און נאָכדעם געקרעכצט און געאויקעט, געפאָרשקעט און געקראַצט זיך און געשפּיגען און געוואָרטשעט, און אויפגעחאַפּט זיך און אַראָפּגעוואָרפען דאָס גאַנצע בעטגעוואַנד און געשפּיגען קלעק און געביזערט זיך און געשאָלטען אויף זיין לשון. „צום טייוועל! סאַקראַמענטאָ! דאָננערדר וועטעררר!..“ און אויפגעשטאַנען אין דער פריה ווידער „גוט מאָ—יען“, ווידער געפּיפּקעט מיט דער פּיפּקע, און ווידער געשמייכעלט, און ווידער געגעסען, און ווידער געמאַכט אַ שנאַפּס און מיר אַ שנעפּסיל — אַזוי עטליכע טעג כסדר, ביז ס'איז געקומען די צייט, די מאַשינעס זענען למזל דורכגעגאַנגען און ער האָט באַדאַרפט אַוועקפאָהרען.

אַז ס'איז געקומען די צייט פון זיין אַוועקפאָהרען און דער דייטש האָט גענומען זיך פּאַקעווען אין וועג אַריין, מאַכט ער צו מיר, איך זאָל איהם דערלאַנגען אַ רעכענונג. זאָג איך: „וואָס האָבען מיר זיך דאָ צו רעכענען? ס'איז, זאָג איך, אַ קורצער חשבון, הערר דייטש, עס קומט פון אייך פינקט אַ כף־הייער...“ שטעלט ער אויס אַ פּאָר אויגען, ווי איינער רעדט: „האַ? איך פערשטעה ניט!..“ מאַך איך צו איהם אויף דייטש: „זיי וועלען מוחל זיין באַצאָהלען אַ פינפאונדצוואַנציגער, פינף און צוואַנציג קערבלעך, רובעל הייסט דאָס!“ און בעוויי איהם אויף די פינגער צעהען און פינף. מיינט איהר דאָך אַז ער ווערד נתפּעל? הס מלהזכיר! ער פּיפּקעט מיט דער פּיפּקע און שמייכעלט און זאָגט צו מיר, אַז ער וואָלט נאָר וועלען וויסען פ אַ ר ו ו אָ ס קומט פון איהם פינף און צוואַנציג רובעל? און ער נעמט אַ שטיפטעל מיט

א שטיקעל פאפיער און בעט מיך, איך זאל איהם אויסרעכענען יעדער זאך בעזונדער. „ביזט טאקי אודאי א חכם א דייטש — טראכט איך מיר — נאר שכל האב איך מעהר פון דיר; וואס איך האב אין פיאטע פארמאנסט דו ניט אין קאפ!..“ „שטעלט זייט מוחל, זאג איך צו איהם, העדר דייטש, פאר דער אכסניה, שטאנציאן הייסט דאס, זעכס טעג, זעכס מאל אנדערהאלבען, איז ניין קארבען; זעכס מאל צוויי, איז צוועלף סאמאווארען, צוועלף האלבע גילדען איז זעכציג קאפיקעס; זעכס מאל כמעט צעהן אייער אין דער פריה און צעהן אייער אויף דער נאכט, איז 120, צוויי שאק אייער, א קערביל א שאק, איז צוויי קארבען, זעכס יויכען, זעכס עופות, צו פינף גילדען אנ'עוף, א חוץ גרייפליך, מאנדלען, פעטרישקע, דאס, יענץ, לאקש, בוידעם, ציבעלי, איז א גלייכער חשבון זעכס קארבען; זעכס נעכט, זעכס לאמפען — זעכציג קאפיקעס. שנאפס האט איהר געטרונקען אייגענעם — צוויי קארבען, קיין טיי און צוקער האט איהר ניט גענומען — א קערבעל, איז דריי קארבען, קיין ווין האט איהר ניט באגערט — איין קארב, איז פיער קארבען; קיין ביער איז ניט געווען — זיבעציג קאפיקעס. האט איהר אינאיינעם א קימאלן אזוי גרויס ווי כמעט פינף קארבען. נאר בכדי ס'זאל אויסקומען צו א גלייכען חשבון, שטעלט פינף מיט פופציג. נו, רב דייטש, איז אינאיינעם ניט קיין פינף און צוואנציגער?“ אזוי מאך איך צו איהם גאנץ ערנסט, און איהר מיינט ער האט מיר געזאגט א קרום ווארט? הם ושלום! געפיפקעט מיט דער פיפקע און געשמייכעלט און ארויסגענומען א כף־הייער און א ווארף געטהון, ווי מע ווארפט ארויס א דרייערל, זיך גאנץ פיין אבגעזעגנט און אוועק מיט'ן באהן. „וואס זאגסט דו עפים מיין ווייב, אויף אזא מין דייטש?“ — „גאט זאל צושיקען, זאגט זי, אלע וואך אזעלכע דייטשען, וואלט געווען דוקא נישקשה'דיג...“

דער דייטש איז אוועקגעפאהרען. ס'איז נישט אוועקגעגאנגען קיין דריי טעג, קומט צוגעהן דער בריפטרעגער און דערלאנגט מיר א בריעף, נאר ער הייסט זיך פריהער בעצאהלען 14 קאפיקעס. פאר וואס איז 14 קאפיקעס? — מע האט פערגעסען, זאגט ער, אנקלעפען א מארקע. בעצאהלט די 14 קאפיקעס און אויפגעעפענט דעם בריעף — אויף דייטש געשריבען, איך פערשטעה ניט א ווארט! איך הויב מיך אן ארומטראגען מיט'ן בריעף צו דעם, צו יענעם, קיינער קאן ניט לייענען קיין דייטש; אנ'אומגליק! אויסגעלאפען דאס גאנצע שטעדטעל, קוים מיט צרות געפונען א פראוויזאר פון דער אפטייק, וואס קאן לייענען דייטש, האט ער מיר דאס בריוועל איבערגעלייענט און פארטייטשט, אז דאס שרייבט צו מיר איינער א דייטש און דאנקט מיר זעהר פאר

דער וואהלער רוהיגער שטאנציאן וואס ער האט ביי מיר געהאט און פאר אונזער גאסטפריינדליכקייט מיט אונזער ליעבהארציגקייט, וואס ער וועט דאס אייביג נישט פערגעסען... מהכא תיתי — קלער איך מיר — זעהר שען, אז דו ביזט צופריעדען טהוט מיר הנאה. און צו מיינער רוף איך מיך אן: „וואס זאגסט דו אויף דעם דייטש, קיין עין הרע נישט קיין קליינער נאר?“ — „גאט זאל צו שיקען, זאגט זי, אלע וואך אזעלכע נאראנים, וואלט געוועזן דוקא נישקשה׳דיג“...

עס געהט אוועק נאך א וואך, איך קום צוגעהן פונים וואגזאל, טראגט מיר מיינע א קעגען א בריעף און זאגט, אז דער בריעפטרעגער האט זיך געהייסען דערצאהלען 28 קאפיקעס. „וואס עפים 28 קאפיקעס?“ — „אזוי זאגט זי — ווארום ער האט אנדערש ניט געוואלט“. איך עפען אויף דעם בריעף — ווידער אויף דייטש. איך לויף אוועק צו מיין פראוויזאר און בעט איהם ער זאל מיר איבערלייענען דעם בריעף; לייענט ער מיר, אז דער זעלבער דייטש איז נאר וואס איבערגעפאהרען די גרעניץ און אזוי ווי ער פאהרט אהיים צו זיין פאטערלאנד, דאנקט ער מיר זעהר פאר דער וואהלער רוהיגער שטאנציאן וואס ער האט ביי מיר געהאט און פאר אונזער גאסטפריינדליכקייט מיט אונזער ליעבהארציגקייט, וואס ער קאן דאס אונז אייביג ניט פערגעסען!.. מיינע צרות אויף זיין קאפ — טראכט איך מיר, און קום אהיים, פרעגט מיך מיינע: „וואס איז פאר א בריעף?“ זאג איך: „ווידער אמאל פונים דייטש! ער קאן אונז גאר ניט, זאג איך, פערגעסען די טובה דער משוגע׳נער דייטש!“ — „אז גאט, זאגט זי, זאל צו שיקען אלע וואך אזעלכע משוגע׳נע דייטשען, וואלט דוקא געוועזן נישקשה׳דיג“...

עס געהען אוועק נאך צוויי וואכען, ברייגנט מען מיר פון דער פאסט א גאנץ גרויסען בריעף און ער הייסט זיך דערצאהלען 56 קאפיקעס; וויל איך דאך ניט; זאגט צו מיר דער בריעפטרעגער: ווי איהר ווילט זיך! און נעמט דעם בריעף צוריק. טהוט זיך מיר אבער באנג, עס ווילט זיך זעהר וויסען פון וואנט איז דער בריעף, טאמער עפים א נייטיגע זאך? באצאהלט 56 קאפיקעס, איך עפען אויף דעם פאקעט, איך טהו א קוק — ווידער אויף דייטש. געה איך שוין מסתמא גלייך צו מיין פראוויזאר און בעט איהם ער זאל מיר מוחל זיין, וואס איך דול איהם אלע מאל דעם ספאדיק, וואס זאל איך טהון, אז איך בין געשטראפט, איך קאן ניט לייענען קיין דייטש? נעמט ער דער פראוויזאר און לייענט מיר א גאנצע מגילה, ווידער פונים דייטש, אזוי ווי ער איז שוין איצטער געקומען אהיים און האט זיך געזעהען מיט זיין געליעבטער

פאמיליע, מיט זיין „פרוי“ און קינדער, האט ער זיי דערצעהלט אלס־דינג, ווי אזוי ער איז געקומען צו אונז קיין דראזשנע און ווי אזוי ער האט זיך בעגעגענט מיט מיר אויפ׳ן וואגזאל און ווי אזוי איך האב איהם פער־פיהרט צו זיך אהיים, געגעבען איהם אזא וואהלע, אזא רוהיגע שטאנציאן, לכן דאנקט ער אונז זעהר און זעהר פאר אונזער גאסטפריינדליכקייט און פאר אונזער ליעבהארציגקייט, וואס ער וועט דאס אונז ניט פערגעסען אייביג ווייל ער וועט לעבען. „טפו זאל ער ווערען!“ זאג איך און בטל אוים צו איהם אלע בייזע וויסטע חלומות, און מיינער וויל איך שוין גאר ניט דערצעהלען פונ׳ם בריעף און מאך זיך שוין גאר ניט וויסענדיג.

עס געהט אוועק נאך דריי וואכען קומט מיר אן פון דער פאסט א „פאָ־וויעסטקע“ אויף א רובל מיט 12 קאפיקעס. „וואס איז דאס פאר א רובל מיט 12?“ פרעגט מיך מיינע. „לאז מיך אזוי וויסען, זאג איך, ביין!“ און לויף אוועק אויף דער פאסט און הויב זיך אן נאכפרעגען, פון וואנען האב איך עס א רובל מיט 12? זאגט מען מיר, אז ניט איך האב א רובל מיט 12, אדרבה, דאס דארף איך גאר בעצאהלען א רובל מיט 12. „פאר וואס איז?“ — „פאר א בריעף“ — זאגט מען מיר. „פאר וואסער א בריעף, זאג איך — אפשר פונ׳ם דייטש?“ — ענטפערט מען מיר ניט!... מילא, עס העלפט עפים טענות? איך האב בעצאהלט א רובל מיט 12 און האב אפגענומען דעם בריעף, — א גאנצען פאקעט. איך עפען אויף דעם בריעף — ווידער פון איהם. פון דייטש! איך קום צום פראוויזאר: „האט קיין פאראיבעל ניט, זאג איך, פאני, איך האב שוין, זאג איך, ווידער, אנ׳אומגליק א דייטשען בריעף“. דער פראוויזאר, אויך נישט קיין קליינער טפש, ווארפט אוועק אלע ארבייט און לייענט מיר ווידער א גאנצע מגילה, אלץ פונ׳ם דאזיגען דייטש, ימח שמו זאל ער ווערען! וואס שרייבט ער? ער שרייבט: אזוי ווי ס׳איז ביי איהם היינט א „פייערטאג“, א יום־טוב הייסט דאס, עס זיצען ביי איהם געסט, די גאנצע משפחה האט זיך צו איהם צונויפגעקליבען, האט ער זיי דערצעהלט די גאנצע געשיכטע פון א׳ ביז ת׳, ווי אזוי ער איז געקומען צופאהרען אין א קליין שטעדטיל קיין דראזשנע, ווי אזוי ער איז געבליבען דעמאלט אין וואגזאל אליין אין א פרעמד לאנד, נישט צו פערשטעהן אונזער שפראך, ווי אזוי ער האט זיך מיט מיר בעגעגענט און ווי אזוי איך האב איהם פארפיהרט צו זיך, אפגעגעבען איהם אזא וואהלע, אזא רוהיגע „שטאנציאן“, ווי אזוי מיר האבען איהם פריינדליך אויפגענומען, אפגעטרעטען איהם דעם בעסטען חדר, געגעבען איהם עסען און טרינקען און אזוי עהרליך און ערענטליך בעהאנדעלט, לכן קאן ער זיך ניט

איינהאלטען און מוז אונז נאך אמאל אפדאנקען פאר אונזער גאסטפריינד־ליכקייט און גוטהארציגקייט, וואס ער קאן דאס אונז ניט פערגעסען אייביג און אייביג — א צולהכעיס'ניק אט דער דייטש, טראכט איך מיר — מעהר קיין בריעף וועל איך שוין פון דער פאסט ניט אבנעמען, עס מעג זיין מיט געלד!

עס געהט אוועק נאך א חודש, נאך צוויי — נישטא מעהר קיין בריעף, אניעק! איך האב שוין כמעט אנגעהויבען צו פערגעסען אינ'ם דייטש, פלוצים קומט מיר אן פון דער באהן א פאוויעסטקע אויף א פאסילקע פון א פינפאונצוואנציגער, וואס קאן דאס זיין א פאסילקע אויף א פינפאונצוואנציגער? קלער איך מיר און ברעך מיר דעם קאפ און מיינע זיצט און ברעכט זיך דעם מח און מיר קאנען נישט צוקלערען גאר נישט. פאלט מיר איין א געדאנק: אזוי ווי איך האב פריינד אין אמעריקא, קעהר דאס זיין מסתמא פון זיי עפיס א מתנה, א שיפסקארטע, אדער א בילעט, אדער א לאטאריעצעטעל. און בין נישט פויל און קום אויף דער באהן און וויל ארויסנעהמען די פאסילקע, זאגט מען מיר איך זאל מוחל זיין בעצאהלען צוויי רובל מיט 24 קאפיקעס, ווערט מען מיר ארויסגעבען די פאסילקע. העלפט זיך ניט, מוז מען קריגען צוויי רובל מיט 24 קאפיקעס און בעצאהלען און ארויסנעהמען די פאסילקע. אפגענומען די פאסילקע זעהר א שען קעסטעלע, גוט פארפאקט, קום איך צולויפען אהיים, און הויב אן צופאקעווען דאס קעסטעלי, פאלט נישט ארויס פון דארטען קיין פארטרעט? מיר טהוען א קוק אויפ'ן פארטרעט — וואס ס'האט זיך מיר געחלומ'ט יענע היינטיגע נאכט און א גאנץ יאהר! — ס'איז ער, דער דייטש דער שלים־מזל, מיט'ן לאנגען האלז און מיט'ן הויכען ספאדיק און מיט דער פיפקע אין מויל! צום פארטרעט איז געלעגען צוגעלייגט א בריוועלע, אויף דייטש געוויינטליך, ווידער די אייגענע מעשה מסתמא: דאס דאנקט ער אונז אפ פאר דער שטאנציאן און פאר אונזער גאסטפריינדליכקייט און ליעבהארציגקייט, וואס ער קאן דאס אייביג און אייביג ניט פערגעסען; אנ'איינגעגעסענער דייטש קאן! ברענגען זאל ער!.. מאלט אייך, וואס מיר ביידע האבען בשעת מעשה אנגעווינשען און אנגעבענשט זאל איהם אנגעהן חאטש האלב, רבונו של עולם!

ס'איז אוועקגעגאנגען נאך עטליכע חדשים — אניעק, אוים דייטש! דאנקען גאט, פטור געווארען פון א שלאק, אין דער ערד מיט'ן קאפ! איך האב מיך פשוט מחיה געווען!.. זעהט איהר שוין פערטיג? הארט זשע אוים, ס'איז נאך נישט קיין סוף. אנימעלטען קומט מיר אן פלוצים ביי נאכט א דעפעש, איך זאל למען השם קומען צופאהרען קיין אדעס און וואס גיכער צו איינעם

א מענשען א סוחר מיט'ן נאמען גארגעלשטיין, ער האט זיך אפגעשטעלט אין האטעל „וויקטאריע" און בעדארף מיך זעהר נייטיג האבען מכח א געשעפט. „אדעס? גארגעלשטיין? האטעל וויקטאריע? א געשעפט? וואס זאל דאס בעדייטען?" אזוי זאג איך צו מיינער... הויבט דאך מיך מסתמא מיינע אן צו טרייבען, איך זאל פאהרען, ווארום „א קשיא אויף א מעשה, אפשר איז דאס, זאגט זי, טאקי א נייטיגע זאך? אפשר א קאמיסיע, אפשר תבואה?.." נאר ס'איז גרינג אויסצורעדען — פאהרען קיין אדעס! א פאהר קיין אדעס קאסט עפיס הוצאות! נאר ווי באלד געשעפט איז עפיס א תרוץ? בקיצור איך האב געקריגען עטליכע קערבליך, האב מיך אויפגעזעצט אויפ'ן באהן און פאהר קיין אדעס. געקומען קיין אדעס, הויב איך זיך אן פאנאנדערפרעגען וואו איז דא ערגיץ האטעל וויקטאריע? איך האב מיך דערפרעגט צו האטעל וויקטאריע. „נישט פאראן דא ביי אייך, זאג איך, איינער א גארגעלשטיין?" פאראן, זאגט מען מיר, א גארגעלשטיין; נאר וואס דען? ער איז איצט נישטא אין נומער; איך זאל זיך מטריח זיין צעהען א זייגער אויף דער נאכט. איך קום צו געהן צעהען א זייגער אויף דער נאכט — נישטא גארגעלשטיין, איך זאל קומען צעהען א זייגער אין דער פריה וועל איך איהם טרעפען. איך קום צעהען אין דער פריה — וואו איז גארגעלשטיין? נישטא גארגעלשטיין, ער איז נאר וואס געוועזען און זעהר געבעטען, אז ס'וועט קומען דער יוד פון דראזשנע זאל מען איהם זאגען ער זאל מוחל זיין קומען אדער דריי בייטאג אדער צעהען אויפדערנאכט. איך קום דריי בייטאג, איך קום צעהען ביי דער נאכט — נישטא קיין גארגעלשטיין! וואס טויג אייך, איך האב זיך אפגעוואלגערט אין אדעס זעכס טאג מיט זעכס נעכט, געגעסען צרות, מכות געשלאפען, קוים מיט ווערים, מיט אנגסטען, איך האב זיך דערוואַרט אויף דעם גארגעלשטיין. דער דאזיגער גארגעלשטיין ווייזט אויס א לייטישער מענש מיט א שענער בארד א שווארצער, ער האט מיך זעהר פיין אויפגענומען, מיך געבעטען זיצען. „דאס זענט איהר — מאכט ער צו מיר האלב יודיש האלב דייטש — דער יוד פון דראזשנע?" — „דאס בין איך — זאג איך — דער יוד פון דראזשנע, וואס איז דען?" — „ביי אייך האט געהאלטען פאר א יאהרען ווינטער שטאנציאן איינער א דייטש?" — „ביי מיר — זאג איך — וואס איז דען?" — „גארנישט — מאכט ער — אט דער דייטש איז מיינער א שותף ביי די מאשינעס. איך האב פון איהם א בריעף פון לאנדאן, שרייבט ער מיר, אז איהר וועט זיין ביי מיר אין אדעס, זאל איך אייך למען השם איבערגעבען פון איהם זעהר א פריינדליכען גרוס און אייך אפדאנקען פאר אייער וואהלער רוהיגער שטאנציאן, וואס ער האט ביי אייך געהאט

און פֿאַר אייער גאַסטפֿריינדליכקייט און גוטהאַרציגקייט און מיט אייער עהר=ליך אָרענטליך בעהאַנדלען איהם, וואָס ער קאָן דאָס אייך בשום אופן קיינ=מאָל, קיינמאָל ניט פֿערגעסען, וויל ער וועט לעבען!.........

אַנ׳אומגליק האָט זיך אויף מיר געטומען! איך רעכען אם ירצה השם נאָך יום=טוב, אַז גאָט וועט שיינקען דאָס לעבען אַריבערפֿעקלען זיך פֿון דראַזשנע ערגיץ אין אַנ׳אַנדער שטאָדט, אַנטלויפֿען וואו די אויגען וועלען מיך טראָגען, צו אַלדע שוואַרצע יאָהר — אַבי פּטור ווערען פֿונ׳ם שלים=מזל, פֿונ׳ם דאָזיגען דייטש, ימח שמו וזכרו זאָל ער ווערען!..

די ערשטע
יודישע רעפובליק.

די ערשטע יודישע רעפובליק.

א צוריקגעקומענער פון דער ערשטער יודישער מלוכה בעשרייבט אלס-דינג וואס ער האט זיך אנגעזעהן און אנגעהערט. געזאמעלט און ארויס-געגעבען אין בעזונדערע בעשרייבונגען אזוי, אז יעדע בעשרייבונג איז זיך א מעשה פאר זיך.

א.

דרייצעהן אויפ'ן ים.

די ערשטע עטליכע שווערע טעג פון דער גרויסער נסיעה אויפ'ן וואסער זענען מיר ברוך השם לאנג איבערגעקומען. יעדער פון אונז האט אבגעגעבען דעם ים, וואס איהם קומט, חלילה נישט שולדיג געבליעבען גארנישט, ווער מעהר און ווער ווינציגער, ווער פריהער און ווער שפעטער. איינער אונזערער א בעקאנטער אומבעקאנטער שיפס-ברודער, וואס האט זיך ארויסגעגעבען פאר א מענשען, וואס גלויבט נית אין 'קיין זאך און האט פאר קיין זאך קיין מורא נית און וואס דערפאר האבען מיר איהם א נאמען געגעבען „דער אטעאיסט“, איז געווען דער איינציגער וואס דער ים האט איהם נית גערירט. ער האט געגעסען פאר אונז אלעמען און האט ארומגעשפאצירט איבער'ן שיף ווי א מזיק און געפייפט א ניגון, אזוי לאנג ביז ער האט איין מאל נית געסטייעט, ער איז נעלם געווארען, ערגעץ אונטען ביי זיך א פנים, און איז פארפאלען געווארען אויף גאנצע צוויי מעת לעת... אויפ'ן דריטען טאג, אז איך האב איהם דערזעהן, איז ער געווען אביסעל אויסגעבלייכט. ער האט אפילו געשפאצירט און געפייפט אזוי ווי פריהער, נאר עס איז שוין געווען נישט דאס שפאצירען און נישט דאס פייפען. עס האט איהם מעהר געצויגען צו זיצען האלב ליגענדיג מיט די פים ארויף און קוקען ווי דאס שיף וויגט זיך פון צפון צו דרום און

פֿון מזרח קײן מערבֿ, און װי די חוואַליעס יאָגען אײנס דאָס אַנדערע און זעהען אויס װי װײַסע שאָף, װאָס גײען אָהן אַ צאָהל און אָהן אַ שעור. מען װײסט ניט פֿון װאַנען, און װערען פֿערשװאונדען מען װײסט ניט װאוהין. אַז איהר זיצט אַזױ אַ היבשע װײַלע, װערט אײַך נמאָס צו קוקען, הױבט איהר אויף די אויגען אַרויף צום הימעל און דערזעהט זיך מיט דער זון, װאָס זעהט אויס עלענד דאָ אויפֿ'ן װאַסער, אָהן ערד, אָהן בוימער, אָהן הײַזער, אָהן װעגען, אָהן באַנען און אָהן מענשען, װאָס לױפֿען הין און הער. איהר פֿערמאַכט די אויגען און הױבט אָן צעהלען װיפֿיעל טעג איהר פֿאָהרט שױן און װיפֿיעל טעג איהר דאַרפֿט נאָך פֿאָהרען, אַזױ לאַנג ביז איהר כאַפּט אַ דרימיל און עס חלומ'ט זיך אײַך רױטע בלומען שאָקלען מיט די קעפּלעך און טאַנצען אַ קאַדריל מיט אײַך אינאײנעם.

אויפֿ'ן שיף זענען מיר אַ גאַנצע קאָלאָניע פֿון בעקאַנטע, האַלב בעקאַנטע, אומבעקאַנטע בעקאַנטע און גאַנץ אומבעקאַנטע. צװישען זײ זענען דאָ אויסגעשפּראָכענע יודען, און יודען אַזעלכע, װאָס זענען אַ ספק ייד אָדער דײַטש. אײנער פֿון זײ איז אַ ייד אַ באַנקיער, מען זאָגט אַ גרױסער מיליאָנער. ער פֿאָהרט ערשטע קלאַס און געהט אַריבער אָפֿט צו אונז אין צװײטע קלאַס אַביסעל פֿערברענגען. דערמיט, װאָס ער האַלט זיך מיט יעדען אַזױ אײנפֿאַך און פּראָסט האָט ער אונז אַלעמען אונטערגעקױפֿט און פֿערכּשופֿ'ט. דערצו איז ער זעהר אַ לעבעדיגער מענש, רעדט שען, האָט ליעב אַנעקדאָטען. אַז איהר קוקט אויף זײַן גלאַטען קאָפּ, אַביסעל אויפֿגעהױבענע פּלײצעס, אויף זײַן פּלײשיגע נאָז מיט די פּלײשיגע ליפּען מיט'ן שװאַרצען פּענסנע, מיט'ן אײנפֿאַכען שװאַרצען שניפּס אויף דער אײנפֿאַכער װײַסער העמד, אָהן גאָלד, אָהן דימאַנטען, אָהן בריליאַנטען, מיט'ן אײנפֿאַכען פּלאַטשיג זײגעריל, װאָס ער נעהמט דאָס אַרויס אַלע מאָל מיט צװײ פֿינגער און טראָגט דאָס צו צו די שטאַרק קורצזיכטיגע אויגען, טראַכט איהר זיך: „אָט דאָס איז אַ מיליאָנער? עס קען ניט זײַן!“... נאָר אַז איהר הערט איהם רעדען װי עס צוגיסען זיך בײַ איהם די אותיות אין מויל, אַזױ אַז פֿון דער רי"ש קומט אויס אַ אײ"ש אָדער אַ װײ"ש, און אַז איהר הערט איהם לאַכען דריבנעטשקע, צושאָטען און צונאָסען, און די אויגען בשעת מעשׂה מאַכען זיך איהם צו און די װײַסע צײהן בלישצען — דערקענט איהר, אַז דאָס דאַרף זײַן אײנער פֿון די פּאַרשױנען, װאָס די אומשטענדען שמײכלען זײ און מענשען חנפֿ'ענען זײ, דאָס גליק יאָגט זײ נאָך און זאָרג אַנטלױפֿט פֿון זײ. דאָס אײנציגע װאָס זײ פֿעהלט איז נאָר כּבוד. דאָס הײסט זײ האָבען כּבוד אויך זעהר גענוג, נאָר זײ װילען נאָך...

צווישען די פארשווינען, וואס האבען באמת ניט געליטען און אויסגעלאכט זיך פון ים מיט זיינע שטירמישע חוואליעס, איז געווען איינער פון אונזערע אונבעקאנטע בעקאנטע, א פאסאזשיר פון צווישענדעק, א געזונדער יונג, א קצב, א שוסטער, אדער א סטאליער, יעדענפאלס, אן'ארבייטער מיט א פאר ידים, וואס אויף זיי שטעהט דער גאנצער מענש. אז ער רעדט, האקט ער אב ווי מיט א האק און שלאגט צו מיט דער האנד ווי מיט א האמער. אלע מאל האט ער זיך ארויפגעהאפט אויפ'ן דעק 2-טע קלאס און געשארט זיך אלץ ארום אונזער יודישער קאלאניע. ער איז געווען גליקליך, אז עמיצער פון אונז האט צו איהם אויסגערעדט א ווארט, און אז מע האט איהם א פרעג געטהון עפיס, איז ער געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל.

א דאמע איז אויך געווען אין אונזער קאלאניע אויפ'ן שיף, א יונגע פרוי פון א יאהר דרייסיג, הויך ווי אן ענגלענדערין, בארעדעוודיג ווי א פראנצויזין און שעהן ווי א יודישע טאכטער. אנגעטהון איז זי העכער באלד ווי א מאנספערזאן און האלט זיך ווי א מאנספערזאן און צווישען מאנסבילען האט זי ליעב פערברענגען, זאגט אליין אז זי האט פיינט ווייבער מיט ווייבערשע נערווען... ווער די פרוי איז און וואוהין זי פאהרט ווייסט קיינער נישט, אזוי ווי מיר ווייסען ניט ווער זענען די איבעריגע פארשווינען, וואס זענען א ספק יוד אדער דייטש. דאס הייסט, זיי זענען גיכער יודען איידער דייטשען, און אז איהר ווילט, קאן איך אייך פערזיכערן, אז איך בין איבערצייגט, אז זיי זענען יודען. איך קאן מיט אייך האלטען א וועט אויף וויפיעל איהר ווילט. איך, פערשטעהט איהר מיך, דערקענען א יודען נאך די אויגען. יודישע אויגען פרעגען עפיס, ווילען עפיס וויסען... עס איז שווער צו זאגען, וואס יודישע אויגען פרעגען און וואס יודישע אויגען ווילען וויסען... אפשר פרעגען זיי ביי אייך: „שוין זשע האט איהר אונז חס ושלום דערקענט?... יעדענפאלס, ניט דאס איז די הויפטזאך פון אונזער בעשרייבונג. איך וויל אייך נאר זאגען, אז אזוי ווי אויף דער יבשה, אזוי איז אויך אויפ'ן ים — איטליכער ציהט צו זיינעם. וויפיעל מענשען עס זענען געווען אויפ'ן שיף, האבען זיך אלע געגרופירט נאך זייערע נאציאנאליטעטען. ענגלענדער, דייטשען, איטאליענער, רוסען, פאליאקען, טערקען, נעגערן, כינעזער — יעדער א בעזונדער גרופע. אויך מיר האבען זיך ניט אויפגערעדט צווישען זיך; קיינער האט אונז ניט אויפגעגעבען קיין פראיעקט מיר זאלען זיך צונויפזאמלען בעזונדער... נאר איך ווייס ניט ווי אזוי דאס איז געשעהען — אונזער ביסעל יודען האבען שטיל, אהן ווערטער, געבילדעט א בעזונדערע קאלאניע, זיך אוועקגעזעצט בעזונדער ביי'ם עק שיף און פערפיהרט

א געשפרעך, פריהער גלאט אין דער וועלט אריין וועגען פוסטע זאכען, און נאכדעם איז מען, איך געדענק ניט ווי אזוי, אריבער אויף דעם, וואס יעדען איינציגען פון אונז קוועטשט, און מיר האבען זיך צורעדט וועגען יודען, וועגען אונזער פערגאנגענהייט, וועגען אונזער לאגע אין פערשיעדענע לענדער און וועגען דער צוקונפט פון יודישען פאלק. פריהער האבען גערעדט נאר די אויסגעשפראכענע יודען, נאכדעם האבען אנגעהויבען נעהמען אנטהייל אין אונזער שמועס אויך די, וועלכע זענען ספק יוד אדער דייטש, און מחמת גערעדט האט מען דייטש, האבען נאראנעס נאך אלץ געקאנט מיינען אויף די האלב יודען, אז דאס זענען דייטשען. וואס ווייטער ווייטער האט זיך אבער ארויסגעוויזען דער סוד, אז אלע מיטגליעדער פון אונזער כתה זענען יודען פון פערשיעדענע לענדער, פון פערשיעדענע בעשעפטיגונגען און פערשיעדענע מיינונגען. דרייצעהן זענען מיר געווען, דרייצעהן יודען פון דרייצעהן פערשיעדענע וועלטען, דאס הייסט, יעדער פון אונז איז זיך געווען א וועלט פאר זיך. דער שמועס האט זיך געפיהרט, ווי איך זאג אייך, פריהער געלאסען און קאלט, און נאכדעם אלץ ווארעמער און ווארעמער, ביז ער איז צולעצט געווארען הייס, אזוי הייס, אז די איבעריגע פאסאזשירען וואס אויפ'ן דעק האבען זיך פעראינטערעסירט מיט אונז און האבען זיך אוועקגעשטעלט ביי'ם בארט פון דערווייטען, כלומר'שט אריינגעקוקט אין ים אריין, און באמת זיך צוגעהערט צו אונזער דיסקוסיע.

און אונזער דיסקוסיע האט אזוי לאנג געוואקסען ביז זי איז אריבער אין א דיספוט, אויף פראסט יודיש וועט דאס הייסען א ליארם, א געפילדער, אדער א יריד, מחמת יעדער איינציגער פון אונז האט געוואלט איבערציינגען אלע אנדערע, אז נור זיין מיינונג איז די ריכטיגסטע פון אלע. און אום צו איבערציינגען אז אייער מיינונג איז די ריכטיגסטע, מוזט איהר רעדען אלץ ווארימער און אלץ העכער, דאס הייסט מע דארף קאנען אריבערשרייען יענעם. און דאס איז דאך אנ'אלטער כלל, אז ווער עס קאן שרייען העכער, דער קאן בעסער איבערציינגען, און אט אזוי האבען מיר אלע געשריען, אלע געפילדערט, אלע געמאכט מיט די הענד, און האבען גאר נישט בעמערקט, אז דער ים האט זיך צושפיעלט. עס זענען אויסגעוואקסען, מע ווייסט ניט פון וואנען, קליינע, נאר געדיכטע וואלקענדלעך, די שווארצע געדיכטע וואלקענדלעך האבען זיך אנגעהויבען צוזאמקסען בריטער און לענגער, צוקריכען זיך איבער'ן הימעל און האבען איינגעשלונגען די זון. דער ים האט געזונגען א טרויעריגען ניגון און די חוואליעס האבען איהם צוגעפלעסקעט. דאס שיף האט אנגעהויבען

צו וויגען זיך און קאטשען זיך ארויף און אראב, אהער און אהין און אביסעל אזוי ווי דרעהען זיך. די גלעקער האבען אנגעהויבען צו קלינגען, די מוזיק האט געגעבען א סיגנאל, די מאטראזען האבען גענומען לויפען. עס האט זיך דערהערט א קרעכצען פון מאשינען, א ווארפען פון קאנאטען, א דרעהען פון רעדער, — און איידער מיר האבען זיך ארומגעקוקט, האבען מיר דערהערט א סכנות'דיגען זעץ פון טויזענד דונערן, א מורא'דיגען טרעשטש, גלייך ווי דער אבגרונד איז צושפאלטען געווארען אונטער אונז אויף א סך שטיקער, און עס האט ניט גענומען קיין סך: זענען מיר שוין אלע פאסאזשירען, וואס אויפ'ן שיף געלעגען אין פערשיעדענע פאזען איינס אויף דאס אנדערע, און מיר האבען מיט אמאל דערפיהלט א נאסען קאלטען שטראם אויף זיך, וואס האט אונז פארחליאפעט און געגעבען א טוק איין, א ווארף ארויס און א טראג אוועק מיט'ן וואסער צו אלדע שווארצע יאהר... דאס אלעס איז געשעהן מיט אזא גיכקייט, אז מיר האבען קיין צייט ניט געהאט אבגעבען זיך דין וחשבון וואס מיט אונז טהוט זיך, און מיר האבען ניט געוואוסט וואוהין מיר זאלען לויפען. מיר האבען זיך צונויפגעשלאגען אלע אינאיינעם ווי די שעפעלעך אין א סכנה — און אט אזוי ליעגען מיר אלע אין וואסער, חאפען זיך אן מיט די הענד אן די צובראכענע ברעטער, אן די קאלטע גליטשיגע אייזענס, און מיר האלטען זיך צו מיט אלע כחות. נאך א מינוט און מיר פערלירען דעם חשבון פון דער צייט, פון טאג און נאכט, און אונזערע אייגענע נעמען און פין אלעס, וואס ארום אונז, מיר ווייסען נאר, אז עס טראגט אונז און עס ווארפט אונז אהין און אהער און עס שליידערט אונז ארויף און אראב, און מיר פיהלען ווי דאס בלוט פריהרט אונז אין די אדערן, און מיר שפירען ווי די אברים ווערען אבגעשטארבען איינציגווייז, מיר הערען אויף זעהן, הערען און פיהלען — מיר לאזען זיך אב, מיר זענען ניט מעהר מיר...

נאטירליך, דאס דערצעהל איך אייך אינ'ם נאמען פון מיינע מיטשויער. פון מיר אליין קאן איך אייך זאגען (איהר וועט דאס וואהרשיינליך, ניט אננעמען פאר א בעריהמעריי?), אז איך האב מיך געהאלטען גאנץ פעסט אויף איין פלאץ און האב געהאט די מעגליכקייט צו בעמערקען, ווי אזוי יעדער פון מיינע מיטשויער האט זיך געראנגעלט מיט די וועלען פונ'ם ים, בשום אופן ניט געוואלט זיך אונטערגעבען אזוי גיך. מילא, פונ'ם מיליאנער איז קיין רעדע ניט. וואסער מיליאנער וויל דאס שטארבען? סיידען אזעלכע וואס די מיליאנען מיט'ן כבוד מיט'ן עולם הזה האבען זיך איהם שוין אזוי שטארק צוגעגעסען, אז ער איז א בעלן פערזוכען, וואס פאר א טעם האט „יענע וועלט"...

איהר האט בעדארפט אנקוקען אט דעם אפיקורס, דעם אטעאיסט, וואס אויפ'ן שיף האט ער געליקעוועט אן גאט און געמאכט א תל פון דער גאנצער וועלט מיט איהרע אלע תענוגים, וואס זענען ניט ווערטה אט דאס וואס פאלט אראב פון אנ'אויסגעריכערט סיגארעטעל, האט ער דאס איצט גע- ארבייט מיט די הענד, געקרעכצט און געזיפצט און געריפען גאט צו הילף!... די פרוי, וואס אויפ'ן שיף האט זי ארויסבעוויזען אזוי פיעל טאקט, געהאל- טען זיך די גאנצע צייט ווי א מאנסביל, האט זיך דא נעבעך פערלארען, אלע מינוט גע'חלש'ט און אויפגעמונטערט געווארען פונ'ם וואסער, וואס האט איהר אלע מאל דערלאנגט א שמיים אין פנים אריין. א פרוי בלייבט א פרוי... זעהט איהר, שען איז געווען אנצוקוקען דעם פאסאזשיר פון צווישענדעק, דעם בעל מלאכה מיט די ידים. ער האט אלע מאל אויסגעדרעהט דעם קאפ צו מיר און געווינקען איך זאל מיך האלטען מיט ביידע הענד אן דעם אייזערנעם קרוק, אן וועלכען ער האט זיך צוגעהאלטען נאר מיט איין האנד מחמת מיט דער אנדערער האנד האט ער צוגעהאלטען די פרוי נעבעך, וואס האט פון חלשות געקאנט חלילה אראבגליטשען זיך פונ'ם ברעט און געפינען איהר פריה- צייטיגען קבר אין די אבגרונדען פונ'ם ים...

. . . .

וויפיעל דאס האט גענומען קאן איך אייך ניט זאגען. קיינעם פון אונז איז נישט געלעגען אין זינען א קוק געבען אויפ'ן זייגער. איך געדענק נאר, אז עס איז א שטיק צייט געווען פינסטער, נאכדעם איז געווארען ווידער פינס- טער — חשך, און עס האט לאנג — לאנג געצויגען זיך די צייט, אפשר א גאנצען טאג, און אפשר א טאג מיט א נאכט און אפשר צוויי טעג מיט צוויי נעכט, איך קען דאס אייך ניט זאגען, ווייל ס'איז דא אזעלכע לעזער, וואס אז מע דער- צעהלט זיי עפיס אנ'אונגעוועהנליכע זאך, הויבען זיי אן איבערקוקען זיך איינער מיט'ן אנדערען און צו שמייכלען. איך ווייס וואס אזא שמייכעלע בע- דייט. עס בעדייט: „האקט א טשייניק! בראקט אין קרויט אריין! מיר גלויבען אייך ווי דעם לוח...“ יא, איך שטעל מיר פאר די גרימאסע פון די דא- זיגע חכמים, ווען איך זאל זיי דערצעהלען די חדושים, וואס איך האב זיך אנגעזעהן שווימענדיג אויפ'ן ברעט פונ'ם צובראכענעם שיף, די פישען מיט די וואסער=פויגלען מיט די ים קאטערס, מיט די אלערליי מינים באשע- פענישען, וואס זענען האלב מענש און האלב פיש... זיי וועלען געוויס זאגען, ווי מען זאגט אין אמעריקא, אז איך „בלאף זיי“, דאס הייסט, איך בין מגזם, איך איבערטרייב און דערצעהל זיי בבא=מעשיות... איידער אויסהערען אזעלכע

מיינונגען איז שוין גלייכער וועגען דער דאָזיגער נסיעה אָבשווייגען און דערצעהלען וואָס ווייטער איז געווען.

ווייטער איז געווען, דאַנקען גאָט, גוט זעהר גוט, נאָך בעסער ווי מיר האָבען געקאָנט ערוואַרטען. עס האָט אונז געגעבען אַ שטאַרקען שטויס און אַ וואַרף אַרויס אויף אַ מין זאַמד מיט שטיינער, און מיט אַמאָל האָבען מיר דערפיהלט אַ מין צערטליכע וואַרעמקייט אויף אונזערע דורכגענעצטע, דורכגעפרוירענע לייבער, און אַ העלער שיין דרינגט אַריין אין אונזערע האַלב צוגעמאַכטע אויגען, און אַ מאָדנע היץ צוגיסט זיך אין אונזערע אָדערן, און עס הויבען אָן אויסגלייכען זיך איינציגווייז אונזערע גלידער, און מיר עפענען אויף ביסלעכווייז אונזערע אויגען, און מיר הויבען אָן ביסלעכווייז זעהן, הערען און פערשטעהן, וואָס מיט אונז טהוט זיך און קוים קוים וואָס מיר קאָנען אויסרעדען איינס צום אַנדערן אַ וואָרט.

— וואו זענען מיר? — זאָגט איינער.

— וואו זענען מיר? — ענטפערט איהם דער אַנדערער.

מיר ווייסען ניט, וואו מיר זענען, נאָר זעהן זעהען מיר און פיהלען פיהלען מיר, אַז מיר זענען אויף דער יבשה, אויף דער טריקעניש, און מיר הויבען אָן איינציגווייז אויפצוזעצען זיך, נאָכדעם אויפשטעלען זיך אויף די פיס, אָבטרייסלען זיך פון דער נעץ און מיר הויבען אָן זיך אַרומקוקען אויף אַלע זייטען, אַרויף אויפ'ן הימעל און אַראָב אויף דער ערד, און מיר דערזעהען: אויבען אַ שענעם, בלויען, לויטערן הימעל מיט אַ ליכטיגער שיינענדער און וואַרעמער זון, און אונטען אַ גרינע ערד בעוואַקסען מיט גראָז און בעדעקט מיט וועלדער, און פויגלען פליהען, פלאַטערען און פישטשען איבער אונזערע קעפ, און בלומען פון אַלערליי קאָלירען בעציערען דעם דאָזיגען גן־עדן, און מיר דערפיהלען אַ מאָדנע קלעמעניש אונטערן האַרצען, און עס ציטערען אונז די הענד און פיס, אַ פנים פאַר הונגער, און מיר פרעגען זיך ווידער איינס דאָס אַנדערע און ענטפערן זיך איינס דעם אַנדערען:

— וואו זענען מיר? וואו זענען מיר?

און עס קעהרט זיך אום צו אונז אונזער פערשטאַנד, און מיר הויבען אָן צו בעגרייפען, אַז דאָס האָט אונז דער ים אַרויסגעוואָרפען ערגיץ אויף אַ לאַנד, וואָס איז אונז נישט בעקאַנט, אויף איין אינזעל, וואָס מיר ווייסען ניט דעם נאָמען — און מיר חאַפּען אַ קוק איינס אויף דאָס אַנדערע און איך טהו אַ צעהל איבער — מיר זענען (שטעלט אייך פאָר, פונקט דרייצעהן!), די זעלבע דרייצעהן פּאַרשוין, דער זעלבער מיליאָנער, דער זעלבער אַטעאיסט, די

זעלבע פרוי, דער זעלבער בעל מלאכה פון צווישענדעק — אלע די זעלבע. אונזער גאנצע יודישע קאלאניע, וואס אויפ'ן שיף, ניט איינער א פרעמדער! — און ניט ווילענדיג רייסט זיך ארויס א זיפץ פונ'ם הארצען און דאס אויג לאזט א טרעהר, און מיר אלע הויבען אויף די הענד צום הימעל (אויסער איינעם, דעם אטעאיסט, וואס האט זיך אין דער מינוט אבגעקערעוועט א ביסעל אן א זייט) און מיר דאנקען און לויבען גאט שטילערהייד, אהן ווערטער, איטליכער ביי זיך אינווייניג אין הארצען, און מיר זאגען:

— דו ביזט גרויס, א גאט! און גרויס זענען דיינע וואונדער!...

ב.

13 אויף דער יבשה.

געוויס איז יעדער פון אייך געווען א מאל א קינד און געוויס האט יעדער פון אייך געלעזען די שענע בעשרייבונג פון ראבינזאן קרוזא, אזוי ווי דער ים האט איהם ארויסגעווארפען אויף אנ'אינזעל, ווי אזוי דער אונגליקליכער ראבינזאן איז אבגעווען היבשע עטליכע יאהר איינער אליין, פריהער מיט א פאפאגאי, וועלכען ער האט אויסגעלערנט רעדען עטליכע ווערטער, און נאכדעם מיט א ווילדען מענשען, וועלכען ער האט א נאמען געגעבען „רב פרייטאג“, ווי אזוי ער האט זיך ערנעהרט מיט נים און גענייט זיך קליידער פון בלעטער, און נאך א סך, אזעלכע שענע וואונדער האט איהר געוויס געלייענט אינ'ם בוך ראבינזאן, וואס האט זיך געמאכט אונשטערבליך און בעריהמט אויף דער גאנצער וועלט.

פונקט דאס זעלבע איז געווען מיט אונז, די דרייצעהן אונגליקליכע פאסאזשירען פונ'ם צובראכענעם שיף, וואס האט אונז ארויסגעווארפען ערגיץ, מיר ווייסען ניט וואו. דער אונטערשייד פון אונז ביז ראבינזאן בעשטעהט נאר אין דעם, וואס ער איז געווען איינער, און מיר זענען דרייצעהן. דרייצעהן ברידער (צוועלף ברידער, איינע א שוועסטער) פון איין פאלק, נאר פון פערשיידענע לענדער און פון פערשיידענע קלאסען און פערשיידענע מיינונגען. דרייצעהן ראבינזאנס אויף איין אינזעל! אודאי איז אונזער לאגע בעדייטענד בעסער פון דער טרויעריגער לאגע פונ'ם עלענדען ראבינזאן. וואס קומט אונז אבער ארויס פון דעם, וואס מיר זענען דרייצעהן, אז מיר ווייסען ניט וואו מיר זענען אין דער וועלט? צו אין א לאנד, צו אויף אן אינזעל, צו אין א וויסטע? לויט דאס שענע גראז, די ביימער מיט די פויגלען, וואס מיר זעהען פאר

זיך, ווייזט אפילו אויס, אז מיר זענען ניט אין קיין וויסטע, גאַנץ מעגליך, אז דאָ זאָלען זיך געפינען אויך מענשען. די פראַגע איז נאָר: וואָסערע מענשען? טאָמער חלילה ווילדע מענשען פונ'ם שבט „טאַראַטוטאַ", וואָס פרעסען איינס דאָס אַנדערע? — און עס קומט מיר אויפ'ן זינען דאָס בוך וואָס איך האָב געלייענט אויפ'ן שיף פאַר דער קאַטאַסטראָפע. דאָס בוך איז דוקא אַ יודיש בוך, אַ ראָמאַן, געשריבען אין זשאַרגאָן און אַרויסגעגעבען אין אַמעריקאַ, שוין די זיבעטע אויפלאַגע (אַזוי שטעהט געשריבען אויפ'ן בוך). דער ראָמאַן הייסט מיט זעהר אַ לאַנגען נאָמען:

„קאַפּיטאַן חאַריבאַבאַ, אָדער זיי פאָהרען נאָך דימאַנטען און פאַלען אַריין צו די מענשענפרעסער, וואָס אויף דער אינזעל קוקורוזא, דאָרט וואו עס געפינען זיך די ווילדע מענשען פונ'ם שבט טאַראַטוטאַ".

דאָס בוך האָט געמאַכט אַזאַ „סענסיישאָן" אין דער גאַנצער וועלט (אַזוי שטעהט אין דער פאָררעדע בפירוש געשריבען), אַז עס האָט ניט געסטייעט קיין פאַפּיער אין די פאַבריקען און קיין אותיות אין די דרוקען און זעצערס האָט מען געמוזט אַראָבברענגען עקסטרא פון יוראפּ אויף בעזונדערע שיפען. שאַדע, וואָס איך האָב דעם ראָמאַן ניט געענדיגט, מחמת דער שטורם, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען אויפ'ן ים האָט מיך איבערגעשלאָגען סאַמע אין מיטען, דאָרטען וואו עס ווערט בעשריבען ווי אַזוי דאָס שיף האָט געבלאָנדזשעט איבער'ן גרויסען אָקעאַן, און עס איז אויסגעגאַנגען עסענוואַרג, און עס איז געבליבען מען זאָל וואַרפען גורל, וועמען פון די מאַטראָזען מען זאָל פריהער אַריינוואָרפען אין קעסעל אַריין אָבקאָכען פון איהם אַ באָרשט פאַר די איבעריגע מאַטראָזען, אַזוי לאַנג ביז עס איז שוין ניט געבליבען קיין איין מאַטראָז, אַ חוץ דעם קאַפּיטאַן חאַריבאַבאַ, וואָס איז צוגעשוואומען צו איין אינזעל מיט'ן נאָמען קוקורוזא, דאָרט וואו עס געפינען זיך די ווילדע מענשען פונ'ם שבט טאַראַטוטאַ. „עס וועט זיין שעהן, אויב מיר געפונען זיך צווישען די ווילדע פראַים פונ'ם שבט טאַראַטוטאַ און עס וועט זיך זיי פערגליסטען מאַסען פון אונז אַ געבראָטענס אָדער קאָטלעטען פון מענשענפלייש, געפרעגעלט אויף פרויענמילך! אויב אַזוי וואָלט שוין גלייכער געווען טויזענד מאָל מיר זאָלען געווען דערטרונקען ווערען אין די אָבגרונדען פונ'ם ים, אָדער איינגעשלונגען ווערען פון אַ פיש."

דער דאָזיגער געדאַנק האָט אונז אַלע דרייצעהן געענבערט דעם מח און קיינער פון אונז איז קיין בגלל ניט געווען זיין אַ געבראָטענס פאַר די ווילדע מענשען פונ'ם שבט טאַראַטוטאַ. ניכער וואָלט יעדער פון אונז אַ בעלן

זיין איינשליינגען א ווילדען מענשען, אזוי שטארק הונגעריג זענען מיר געוועזען און אויסגעמאטערט פון דער שווערער נסיעה אויפ'ן אבגעריסענעם ברעט דריי טעג מיט דריי נעכט. ווי א ביין אין האלז האט זיך אונז געשטעלט די פראגע: „וואס וועלען מיר עסען?“ מיר האבען געקוקט איינס אויף דאס אנדערע מיט אזעלכע אויגען, גלייך ווי מיר וואלטען געזאגט: „לאמיר ווארפען גורל ווע מען מען זאל פריהער אויפעסען“.

— וואס וועט זיין דער תכלית, וואס מיר וועלען שטעהן אט דא? מען דארף ערגיץ קריגען עסען.

אזוי האט זיך אנגערופען איינער פון די דרייצעהן האכט זיך, דער מיליאנער וואס האט נישט געקאנט איבערטראגען קיין הונגער מעהר פון אלעמען.

— קריגען עסען! — האט א זאג געטהון א צווייטער מיט כעס. — עס איז גרינג צו זאגען קריגען עסען! וואו וועט מען קריגען עסען? איהר זעהט ניט, אז מיר געפונען זיך אין א וויסטע?

— פון וואנען איז געדרונגען? — פרעגט איהם א דריטער, אויפגעטראגען אויפ'ן צווייטען.

— דער גרויסער גאט, וואס האט אונז מציל געווען פון די שטארקע וואסערן וועט אונז מסתמא נישט פערלאזען מיט שפייז אויך.

אזוי האט זיך אנגערופען דער איינציגער פרומער יוד, דער ארטאדאקס, וואס צווישען אונז, און האט אבער געכאפט א ביסען קוק פינ'ם פאסאזשיר, וואס מיר האבען איהם א נאמען געגעבען „דער אטעאיסט“.

און אזוי האט זיך אריינגעצויגען א לאנגע דעבאטע וועגען וואו קריעגט מען עסען ביז איינער פון אונז (איך וויל ניט זאגען, אז דער איינער בין געווען איך, בכדי איהר זאלט מיך ניט האלטען פאר א בערימער) איז געפאלען אויף איין עצה: מיר אלע דרייצעהן זאלען זיך לאזען אויף פערשיעדענע זייטען, אויף דרייצעהן וועגען, זוכען, ווער אין פעלד, ווער אין וואלד און ווער אויף די בערג — טאמער וועלען מיר עפיס אויסגעפונען א זאך אויף צו עסען?..

דער דאזיגער פלאן איז שוין כמעט געווען ווי אנגענומען, האט זיך ארויסגעכאפט איינער מיט א ווידערנאנד:

— וואס וועט זיין טאמער בלאנזשען מיר? אזוי זענען מיר חאטש אלע אינאיינעם, אלע דרייצעהן. דרייצעהן איז ניט איינער.

דאס איז געווען זעהר א וויכטיגער געדאנק, און אלע האבען נאכגעגעבען, אז דרייצעהן איז ניט איינער. די פראגע איז אבער געווען, וואוהין זאלען מיר זיך לאזען געהן אלע דרייצעהן? רעכטס אדער לינקס? אין פעלד, אדער אין

האלד? די דאזיגע פראגע האט ארויסגערופען א נייע דיסקוסיע אויף היבשע עטליכע מינוט און מיינונגען האבען זיך דא אויף דער יבשה, ווי דארטען אויפ'ן ים, צוטהיילט. וויפיעל מענשען, אזוי פיעל מיינונגען. דרייצעהן מענשען, דרייצעהן מיינונגען. איינער האט געדרונגען, אז אין וואלד דארפען וואקסען פירות, וואסערע ס'ניט איז, אבי פירות! האט איהם דער אנדערער איבערגעשפארט, אז ער הערט דעם ערשטען מאל, אז אין א וואלד זאלען זיין פירות! האט זיך אריינגעמישט א דריטער און געזאגט אז ס'איז פאראן אלערליי וועלדער אויף דער וועלט. אויב עס וואקסען ניט קיין עפעל אדער בארען, וואקסען דארטען ניס. פאר ניס איז ער ערב.

— פאר ניס זענט איהר ערב? מיט וואס למשל זענט איהר ערב?

— מיט וואס איהר ווילט!

— און פאר ווילדע חיות זענט איהר אויך ערב?

— וואס עפיס ווילדע חיות? ווילדע מענשען זענען ערגער!

— א סך ערגער!

און אט אזוי האט זיך אוועקגעצויגען א ביטערער קאמפף וועגען לאזען זיך געהן אין וואלד אריין נאך פירות און גאט ווייסט ביז וואנען עס וואלט זיך אזוי געצויגען, ווען עס כאפט זיך ניט ארויס דער פאסאזשיר פון צווישענדעק, דער פראסטער מענש, דער בעל מלאכה, און רופט זיך אן אזוי:

— רבותי! אויב איהר וועט קיין פאראיבעל ניט האבען, וועל איך אייך עפיס זאגען. איך בין א פראסטער מענש, א בעל מלאכה, און ווייס ניט קיין חכמות, וואס דארף מען זיך קריגען איבער א זאך וואס מען ווייסט ניט? עס קען זיין אז ס'איז דא אין וואלד א סך פירות, און עס קען זיין, אז ס'איז ניטא גארניט. אויב איהר וועט מיר ערלויבען, טהו איך אויף א ווייל א שפרונג אט אין וואלד אריין, און אויב עס וואקסען דארטען פירות, וועל איך אייך זאגען, אדער איך וועל אנרייסען און ברענגען, וועלען מיר עסען.

דאס איז געווען אזוי איינפאך און פראסט, אז עס האט זיך ניט געפונען כמעט קיין איינציגער, וואס זאל געגען דעם פראטעסטירען. און מיר אלע האבען זיך אויסגעזעצט אויף די שטיינער אקעגען דער זון זיך ווארעמען און טריקענען און פערטיעפט זיך יעדער אין זיינע אייגענע געדאנקען. גערעדט האט קיינער ניט. נישט דערפאר, ווייל מען האט ניט געוואגט צו בעריהרען די הייליגע שטילקייט, און ניט דערפאר, וואס ס'איז ניט געווען פון וואס צו רעדען, נאר איבער א גאנץ נאטירליכע זאך; מיר זענען געווען, ווי איך האב אייך שוין געזאגט, טוידט הונגעריג, און א מענש, אז ער וויל עסען, האט ער פיינט רעדען. אויב אלע האבען געפיהלט דאס אייגענע וואס איך, האב

איך מורא, אַז אין דער צײַט האָט מען זיך ניט געקענט אָנקוקען אײנס דאָס אַנדערע און מען איז געװען קאַפּאַבעל אײנס דאָס אַנדערע אײַנצושלינגען לעבעדיגערהײד, ניט בעסער פֿון די װילדע מענשען פֿונ׳ם שבט טאַראַטוטא... יאָ, אַ מענש אַז ער איז הונגעריג, איז ער אַ חיה. איך האָב דאָס אַרױסגעזעהן פֿון דעם, װי אַזױ אונזער גאַנצע קאָלאָניע האָט זיך געגעבען אַ װאָרף צום שליח, צום פּראָסטען מענשען, אַז ער איז צוריק געקומען פֿון װאַלד מיט פֿולע פּאָלעס. גאָט װײסט װאָס מיט איהם װאָלט געװען, װען ער קומט חלילה מיט לײדיגע הענד! דער גרעסטער דזשענטעלמען, דער אַריסטאָקראַט, דער מיליאָנער, װאָלט דער ערשטער אַרױפֿגעפֿאַלען אױף איהם און װאָלט איהם גענומען װאַרגען בײ׳ם גאָרגעל, צום גליק אָבער האָט אונזער שליח געבראַכט אַזעלכע פֿרישע זיכע געשמאַקע באַנאַנעס מיט אַזעלכע פֿעטע יאַדערדיגע ניס, אַז מיר האָבען זיך טאַקי װידער אַמאָל װי די װילדע מענשען פֿונ׳ם שבט טאַראַטוטא, געגעבען אַ װאָרף אַרױף און גענומען חאַפּען און רײַסען אײנער בײ׳ם אַנדערען פֿון די הענד. די דאָזיגע באַנאַנעס מיט די ניס האָבען געהאַט אין זיך טױזענדערלײ טעמים. דער עולם האָט זיך גאָרניט געקענט אָבלױבען פֿון זײ. איטליכער האָט געפֿונען אין זײ אַן אַנדער טעם און יעדער האָט אַרױסגעזאָגט זײַן מײנונג. װאָס מעהר מען האָט געשטילט דעם הונגער, דעסטאָ מעהר בערעדעװדיג איז מען געװאָרען, און די פּנים׳ער האָבען אָנגעהױבען צו לײַכטען, און אַ שמײכעלע האָט זיך בעװיזען אױף די ליפּען — גאָר אַנדערע מענשען איז מען געװאָרען! אײנער האָט בעמערקט, אַז באַנאַנעס איז די בעסטע פּרי אין דער װעלט, דער אַנדערער האָט געזאָגט, אַז מען קען מיט באַנאַנעס אָבלעבען דאָס גאַנצע לעבען. דער דריטער האָט אױסגעװיזען על פּי דאַרװין, אַז די ערשטע מענשען פֿון פֿאַרצײַטען האָבען געלעבט נאָר מיט פּירות, און געװיס מיט באַנאַנעס, װײַל באַנאַנעס זענען זעטיגער פֿון אַלע אַנדערע פּירות. האָט זיך אַרײַנגעמישט אַ פֿערטער און האָט דאָס אָבגעלײקענט טאַקי על פּי דאַרװין. איהם האָט אונטערגעהאַלטען אַ פֿינפֿטער און האָט געבראַכט אַ ראיה פֿון די ציהן, װאָרום זאָל דאָס אַנדערש זײַן, אַז די ערשטע מענשען האָבען געלעבט מיט באַנאַנעס, הײַנט צו װאָס האָבען זײ בעדאַרפֿט אַזעלכע געזונדע צײהן?... האָט זיך אַרױסגעשטעלט אײנער, דער אָרטהאָדאָקס, דער אײנער פֿרומער יוד, װאָס האָט געמאַכט אַ ברכה „בורא פּרי העץ" פֿאַר אונז אַלעמען, און האָט אונז אָבגעהאַקט די פֿליגעל:

— װעקען װאָס שפּאַרט איהר זיך דאָ? האָט איהר דען פֿערגעסען, װאָס אין דער תּורה שטעהט געשריבען? גאָט האָט אָנגעזאָגט צו אָדם׳ן אַזױ צו

זאגען: „פון אלע בוימער פונ'ם גארטען זאלסטו עסען, און פון די צווי בוימער זאלסטו ניט עסען“?

זעלבסטפערשטענדליך, אז נעגען אזא מין ערקלעהרונג איז ארויסגעטראטען דער אטעאיסט און די צווי האבען זיך אביסעל צואמפערט, צווערטעלט, און דוקא אין גוטען מוטה. עס איז בעוואוסט אז נאכ'ן עסען איז יעדער מענש א סך מעהר אויפגעלייגט, ווי פאר'ן עסען, ובפרט נאך אזא לאנגען און אזא שווערען תענית, ווי מיר האבען געהאט אויפ'ן ים. די זיסע באנאנעם און די פעטע געשמאקע ניס זעטיגען אונז אזוי אן, אז עס ווערט אונז אלעמען א באלזאם אין די ביינער, א חיות אין הארצען, א ליכט אין די אויגען, עס פערווילט זיך אביסעל רוהען, ליגען אויסגעצויגען אויפ'ן גרינעם וויכען גראז מיט'ן פנים ארויף און קוקען אין טיפען בלויען הימעל אריין, און אלע דרייצעהן ציהען מיר זיך אוים אויפ'ן גרינעם וויכען גראז מיט'ן פנים ארויף און קוקען אין טיפען בלויען הימעל אריין. לאנג קוקען אין טיפען בלויין הימעל קענען מיר ניט, עס הויבען אן צו שליסען זיך די אויגען און מיר חאפען א דרעמעל, א פנים ניט אויף א קליינע ווילע, ווארום אז מיר האבען זיך אויפגעחאפט, האט די זון געהאלטען אין איהר שפאציר שוין גאנץ וויטליך, און דאס ערשטע איז געוועז: „וואסער! וואו קריגט מען אביסעל וואסער אויף א טרונק?“ און, ווי דער שטיינער איז, האט מען גענומען חקירה'ן און שפארען זיך איבער דער פראגע פון וואסער. אייניגע האבען געדרונגען, אז וואסער דארף דא זיין לרוב. דארט וואו בערג, דארט מוז זיין וואסער. און אייניגע האבען אויפגעוויזען, אז ס'איז גאר קיין ראיה ניט; עס קענען זיך זיין בערג און קיין וואסער זאל גראדע ניט זיין. יעדער פון אונז האט ארויסגעזאגט זיין מיינונג. דרייצעהן מענשען, דרייצעהן מיינונגען. דער דרייצעהנטער איז געוועזען דער פראסטער מענש, דער בעל מלאכה, וואס האט ליעב געהאט תמיד זיין דער לעצטער. ער האט זיך פריהער ענטשולדיגט, ווי זיין שטייגער איז, וואס ער, א פראסטער מענש, וואגט אריינצומישען זיך צווישען אזעלכע געהויבענע לייט, ווי מיר זענען, נאר אויב מען וועט ניט האבען קיין פאראיבעל, וועט ער זאגען זיין מיינונג, אז עס קען זעהר געמאלט זיין, אז עס זאל זיין א סך וואסער, אדער עס זאל גאר ניט זיין קיין וואסער, און אז מען וועט איהם ערלויבען, טהוט ער א שפרונג אט דא צו יענעם בארג, וועט ער זעהן, אויב עס איז דא וואסער, וועט ער אונז זאגען. עס פערשטעהט זיך, אז דער פארשלאג איז אנגענומען געווארען כמעט איינשטימיג, און עס האט ניט גענומען קיין סך, איז אונזער שליח געקומען צוריק מיט א שיינענדיג פנים און מיט א

גוטע בשורה, אז דא ניט ווייט אונטערן בארג פליסט א טייך מיט וואסער טעם גן=עדן. שאדע, וואס ער האט ניט קיין עמער אויף צו ברענגען. ער האט מורא, אז מיר וועלען זיך דארפען מטריח זיין אהין אלע דרייצעהן.

אוודאי' זענען מיר זיך מטריח אהין אלע דרייצעהן, און מיר געהען צו צו א פליסענדעם וואסער, ריין ווי א קרישטאל, וואס שלינגעלט זיך שטיל בארג אראב און גארטעלט ארום דעם בארג ביז'ן וואלד אריין, און מיר פאלען צו אויף די קניע מיט'ן פנים צום וואסער, ווי אונזערע עלטערן האבען געטהון פארצייטען, און מיר לעשען אונזער דארשט, און עס ווערט אונז ווידער א בלזאם אין די ביינער, א חיות אין הארצען און א ליכט אין די אויגען, און מיר זעצען זיך אוים אלע דרייצעהן אויפ'ן גראז ביים פליסענדעם טייכעל און קוקען אויף דער שענער פייעריגער זונקוגעל, ווי זי האלט ביים פערגעהן אונטער'ן שענעם געדיכטען וואלד, און דער ווארעמער טאג האלט ביים אבטרעטען זיין ארט דעם קיהלען אבענד, וואס הענגט שוין איבער אונזערע קעפ און ווארפט אן אויף אונז א מרה=שחורה און רופט ארוים א נייעם זארג:

וואו וועלען מיר האבען נאכטלעגער?

נאטירליך ווערען די מיינונגען צוטהיילט; דרייצעהן מענשען, דרייצעהן מיינונגען. דער זאגט, אז דאס בעסטע וואלט געווען שלאפען אין וואלד. דער זאגט, אז אין וואלד קאנען זיין חיות. איינער גיט איין עצה מען זאל זיך לאזען ארויף אויף א בארג, טאמער וועט מען עפיס דארטען געפינען. שפארט אידם איבער נאך איינער, אז אויסער שטיינער וועלען מיר נישט געפינען גאר ניט. זאגט נאך איינער, אז הלואי וואלטען מיר געפונען שטיינער, פון שטיינער קאן מען מאכען א געצעלט, א מין געביידע אויף צו בעשיצען זיך פון א רעגען. און רעדענדיג אזוי' געהען מיר אליץ ווייטער און ווייטער ביז מיר קומען צו צו א גרויסע הייל אין בארג, א מין גרוב פון דער נאטור, אדער אפשר האבען דאס מענשליכע הענד אמאל, מיט א סך יאהרען צוריק, געמאכט, איבערגעלאזט און אוועקגעגאנגען. אויך וועגען דעם זענען פערשיעדענע מיינונגען. דרייצעהן מענשען, דרייצעהן מיינונגען. נאר אז דא וועלען מיר רוהען פערברענגען אונזערע נעכט — אין דעם זענען אלע איינפערשטאנדען, ווארום מיר האבען דען אנ'אנדער ברירה? און אויב איהר ווילט וויסען, איז דאס גאר ניט געווען אזוי שלעכט, ווי איהר שטעלט זיך פאר. אמת, קיין קישענס מיט קיין איבערבעטען מיט קיין קאלדרע האט פון אונז קיינער ניט געהאט. דערפאר אבער האט זיך יעדער פערנומען זיין פלאץ צווישען שטיינער, אויסגעבעט מיט פריש אנגעריסענעם גראז. פאר דער פרוי האבען מיר אויס=

געזוכט א גאנץ בעזונדערען פלאץ, צונויפגעקאטשעט שטיינער פון איהרט וועגען, געמאכט א מין אלקער, אויסגעבעט מיט גראז פון פערדהאנגען מיט בלעטער. די אלע ארבייט, צונויפקאטשען שטיינער, אנרייסען גראז, ברענגען בלעטער, האט געטהון דער פראסטער מענש, דער בעל מלאכה, נישט חלילה, וויל מיר האבען זיך מיט איהם געשאפט; ער האט די אלע זאכען אליין געטהון, געבעטען מיר זאלען קיין פאראיבעל ניט האבען און געגעבען אונז צו פערשטעהן, אז דאס איז זיין ארבייט, מחמת ער איז א געבוירענער בעל מלאכה, אנ'ארבייטער, וואס איז געוואהנט געווארען צו ארבייטען, קען ניט זיצען ליידיג. עס אונז געוועזען אפילו אביסעל איבער דער טבע, נאר מיר זאלען שטארק פראטעסטירען געגען דעם, קאן איך ניט זאגען. מיר זענען אויך ניט געזעסען ליידיג. מיר זענען געוועזען פערנומען מיט זעהר א וויכטיגע פראגע: „וואו זענען מיר?"... עס איז ניטא קיין ערגערע זאך אויף דער וועלט פאר א מענשען, וואס ווייסט ניט וואו ער געפינט זיך!.. מערקווירדיג! עס זענען געוועזען צווישען אונז גענוג אינטעליגענטע מענשען, מענשען מיט בילדונג, מען קאן זאגען געלעהרטע מענשען, חקרנים, פילאזאפען, נאר נישט איינער אזעלכער, וואס זאל געדענקען געאגראפיע און קאנען אנרופען אויף אויסוויינ־ניג די אינזלען וואס אין ים. איינער האט אפילו יא עפיס געדענקט פון דער געאגראפיע און האט גענומען שיטען ווי פונ'ם ארבעל נעמען אין דער וועלט אריין:

— סיציליע, סארדיניע, סימאטרא, יאווא, בארנעא, צעלעבעס, קובא, זשאמאיקא, מאדאגאסקאר, ניו פאאונדלענד, טיאזדשאן, קוען־לון, ריאנעגרא, ריאמאדיירא, אינדאקו, אינדאפערס, אראגיי, פאראגוויי...

— טע־טע־טע! — האט זיך אנגערופען נאך איינער — זעהט נאר וואוהין ער איז פערפאהרען אין דער געאגראפיע! ער איז אריבער פון אינזלען אויף בערג און אויף טייכען!...

— ווייסט איהר וואס? — רופט זיך אן נאך איינער — לאמיר צוטראכטען פאר אונזער אינזעל א ספעציעלען נאמען. ווי אזוי מיר וועלען זי קרוינען, אזוי זאל זי הייסען.

דער דאזיגער פלאן געפעלט אלעמען און מען זעצט זיך אוועק צוטראכטען א ספעציעלען נאמען. איטליכער, נאטירליך, לייגט פאר זיין נאמען. דרייצעהן מענשען, דרייצעהן נעמען. דעם מיליאנער האט זיך געוואלט, אז די אינזעל זאל הייסען „פאריז", נאך דער שטאדט פאריז, וואו ער האט פערבראכט זיינע בעסטע יאהרען. דער ארטהאדאקס, וואס האט נאר וואס אבגעדא־

וועגט מנחה, האָט געגעבען זיין מיינונג, אַז די אינזעל דאַרף הייסען „גאָטס הילף“, האָט איהם דער אַטעאיסט אויסגעלאַכט און געגעבען זיין מיינונג. אַז די אינזעל מעג הייסען אפילו די „טייוועל=אינזעל“, אַרט איהם אויך ניט... די פרוי, נאַטירליך, האָט אַרויסגעזאָגט איהר מיינונג, אַז דער אינזעל זאָל מען אַ נאָמען געבען „חוה“, נאָך דער מוטער חוה; נאָר אַזוי ווי זי איז געווען איין און איינציגע פרוי האָט זי קיינער נישט געוואָלט אונטערהאַלטען. איינער האָט אָנגערופען, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר, אַז די אינזעל זאָל טראָגען דעם נאָמען „ציון“, האָט איהם אַ צווייטער אָבגעפרעגט: וואָס עפּיס „ציון“? פאַר וואָס ניט אַרגענטינאַ, בראַזיליע, „אוגאַנדאַ“, אָדער אַנאַנדער לאַנד?

— איהר זאָלט מיך פאָלגען, וואָלט איך אַ נאָמען געגעבען דעם אינזעל „קאַרל מאַרקס“ — אַזוי רופט זיך אָן איינער, אַ פּנים אַ סאָציאַליסט.

— וואָס עפּיס קאַרל מאַרקס? — פרעגט איהם איין אַנדערער — פאַר וואָס ניט משה רבינו? מאַהמעד? ספּינאָזאַ, בייראָן, הייגע, פושקין, באָקל, ספּענסער?

פון די דאָזיגע חעבאַטען זעגען מיר געוואָהר געוואָרען, אַז צווישען אונז דרייצעהן זענען פאַראַן פונקט דרייצעהן פערשידענע עלעמענטען, וועלכע איך רעכען אויס נאָכ'ן סדר:

1 מענש 1 ציוניסט.
1 מענש 1 טעריטאָריאַליסט.
1 מענש 1 קאַפּיטאַליסט.
1 מענש 1 אָרטהאָדאָקס.
1 מענש 1 אַטעאיסט.
1 מענש 1 סאָציאַליסט.
1 מענש 1 נאַציאָנאַליסט.
1 מענש 1 אַאַסימילאַנט.
1 מענש 1 אידעאַליסט.
1 מענש 1 מאַטעריאַליסט.
1 מענש 1 אַרבייטער.
1 מענש 1 פרוי.
1 מענש 1 שריפטשטעלער (דאָס בין איך, דער מחבר פון די בע־שרייבונג).

ס"ה מענשען 13 עלעמענטען 13.

פלוצים איז מיר איינגעפאלען א אידעע (די גרעסטע אידעען קומען פלוצים) און איך בין אויפגעשטאנען אויף מיין פלאץ, זיך אװעקגעשטעלט אויף א שטיין און האב געבעטען דאס װארט:

— מיינע דאמען און הערען! ערלויבט מיר ארויסצוזאגען אויך מיין מיינונג װעגען דעם נאמען, װאס מען דארף געבען אונזער אינזעל. אזוי װי יעדער פון אונז שטעהט פעסט אויף זיין נאמען און װיל ניט נאכגעבען יענעם, און איז אפשר גערעכט, װארום יעדער טראכט זיך: למאי זאל איך נאכגעבען יענעם? פאר װאס זאל יענער ניט נאכגעבען מיר? לכן װאלט איך אייך פארלייגען, אזוי װי מיר זענען דא דרייצעהן פערזאן פון דרייצעהן פערשיעדענע עלעמענטען מיט דרייצעהן פערשיעדענע מיינונגען, װאלטען מיר אפשר פארלויפיג געקרוינט אונזער אינזעל מיט'ן נאמען „ד ר י י צ ע ה ן“?

דא מוז איך אייך מאכען א קליינע בעמערקונג און זאגען גאנץ אויפריכטיג, אז קיין רעדנער אין דער װעלט, ניט אין אייראפא און ניט אין אמעריקא, ניט בעבעל, ניט זשארעס און ניט ברייאן, האט נאך ניט געהאט אזוי פיעל אפלאדיסמענטען, װי איך האב געהאט פון מיינע קאלעגען אין דעם דאזיגען פרעכטיגען אבענד אויף דער פרעכטיגער אינזעל. איך זאג עס נישט, חלילה, אויס בערימעריי. איך װיל נאר איבערצייגען דעם לעזער, אז די קונסט פון רעדען און האבען א ערפאלג ליעגט נור אין דער קירצע: װאס קירצער איז בעסער. און דערפאר טאקי ענדיג איך מיין צװייטע בעשרייבונג.

ג.

13 ראבינזאהנס אויף אין אינזעל.

אז איך בין געװען א קליינער און האב געלייענט מיט מיין לעהרער די שעהנע בעשרייבונג פון דעם װעלט־בערימטען ראבינזאן קרוזא, האב איך מיך אלע מינוט אבגעשטעלט און געפרעגט א נייע קשיא: למשל, װאס װאלט זיין װען ראבינזאן געפינט ניט קיין נים אויף צו עסען? אדער װאס װאלט זיין, װען ער בעקומט ניט ארויס קיין פייער פון א שטיין? װען עס קומט ניט צו איהם צופליהען קיין פאפאגיי? װען ער בעגעגענט זיך ניט מיט'ן װילדען מענשען, װאס ער האט איהם א נאמען געגעבען „רב פרייטאג“?.. וכדומה אזלעכע װיכטיגע קשיות. א פנים אז מיין לעהרער האב איך מיך אזוי צוגעגעסען, אז ער איז ארויס פון די כלים, ער האט זיך געחאפט

ביי'ם קאפּ און האט אנגעהויבען זיך רייסען ביי די האר. (מיין לעהרערין איז געוועזען, ווייזט אויס, אביסעל נערוועז).

— ווי אזוי איז א מענש אזא פּרא=אדם און פערשטעהט ניט, אז ווען די אלע זאכען זאלען זיך ניט געוועזען טרעפען, וואלט דאך קיין בוך ראבינזאן ניט געוועזען אויף דער וועלט?!

נאך אזא שטיקעל הקדמה מיין איך, אז מיינע לעזער וועלען רוהיג אויסהערען די געשיכטען, וואס איך דערצעהל זיי דא און וועלען ניט פרעגען קיין קשיות. איך וויל האפען, אז עס וועט געוויס קיינעם ניט איינפאלען צו צווייפלען, אויב דאס אלעס וואס איך דערצעהל איז חלילה איבערטריבען אויף א האר. איהר קענט מיך ניט גלייכען צו ראבינזאן קרוזא. ראבינזאן איז געוועזען איין מענש אליין, האט ער געקענט אויסטראכטען מעשיות, וואס ניט געשטויגען ניט געפלויגען, ווער וועט איהם געהן אפּלייקענען? אבער איך זאל אפילו וועלען עפּיס אויסטראכטען, איז אונמעגליך, ווארום איך בין ניט איינער. מיר זענען, ברוך השם, דרייצעהן, דרייצעהן ראבינזאנס אויף איין אינזעל, דרייצעהן פערשיעדענע עלעמענטען און כאראקטערען, אלע ברידער פון איין פאלק, אלע אונטערגעפאלען אונטער איין שיקזאל, אלע געפאהרען אויף איין שיף, וואס איז צובראכען געווארען, און אלע ארויסגעווארפען געווארען אויף איין אינזעל, וואס מיר הויבען ניט אן צו וויסען וואס פיר אנ'אינזעל דאס איז און וואס דערפאר האבען מיר איהר א נאמען געגעבען די „דרייצעהן אינזעל“.

איך קען אייך פערזיכערען מיט וואס איהר ווילט, אז קיין מאל האבען מיר נאך ניט אזוי גוט פערבראכט א נאכט, ווי מיר, דרייצעהן ראבינזאנס, האבען צוגעבראכט די ערשטע נאכט אויף אונזער „דרייצעהן אינזעל“. נאכדעם ווי מיר האבען זיך אנגעזעטיגט מיט די זיסע באנאנעס און פעטע ניס און פערטרונקען מיט דאס געשמאקע קוועלענדיגע וואסער פונ'ם לויטערען קריסטאלען טייכעל, וואס פליסט בארג אראב צום וועלדעל צו, האבען מיר זיך אויסגעלייגט אין דער הייל יעדער אויף זיין שטיין, אויסגעבעט מיט פריש גרין גראז, און מיר זענען אנשלאפען געווארען מיט יענעם זיסען שלאף, וואס קומט נאך לאנגע פלאגען זיך, בארען זיך מיט'ן טויט, נאך לאנגער צייט הונגערען מיט דארשטען און אנדערע אבקומענישען אויף דער וועלט. אזא שלאף ווערט ניט געשטערט מיט קיין בייזע חלומות. אזא שלאף ציהט זיך לאנג און רוהיג, ביז דער פרימארגען קומט מיט א גערוס פון דעם שעהנעם זומער און מיט א שמייכעלע פון דער שיינענדער זון. איהר עפענט אויף פאוואלינ-

קע די אויגען, איהר ציהט אויס אייערע צובראכענע נאר אויסגערוהטע גלידער, און ווי א בילדער גאלעריע לויפט דורך פאר אייערע אויגען דער נעכטיגער טאג מיט אלע זיינע פאסירונגען און איהר פרעגט ביי זיך אליין:

— „וואו בין איך?“

שטיל האט זיך יעדער פון אונזערע דרייצעהן ראבינזאנס אויפגעהויבען פון זיין געלעגער פאמעליך ארויסגעצויגען אויף זיך די נאך האלב נאסע קליידער און איינציגווייז האבען מיר זיך ארויסגערוקט פון דער הייל אויף גאטס ליכטיגע וועלט און איינציגווייז געלאזט זיך צום פליסענדען טייכעל, אנגעבויגען זיך און איינגעוואשען זיך די הענד, מיט'ן פנים אין דעם פרישען לויטערן וואסער, וואס לייכט זיך דורך ווי קרישטאל, און האבען בעטראכט און בעוואונדערט די שענע נאטור, דעם בליהענדען וואלד, די פרעכטיגע בערג, די נאר וואס אויפגעגאנגענע זון, וואס דערמאנט מיר אנ'אויפגעוואקסענע וואונדערשעינע פרינצעסין אין א וואונדערשענעם ראמאן, און מיר שטעלען זיך אוועק אלע מיט'ן פנים צום וואלד, בכדי צו געבען אונזער איין און איינציגער דאמע די מעגליכקייט זיך איינוואשען און אנטהון ווי עס פאסט פאר א מאדאם, און ערשט נאכדעם בעגריסען מיר איינער דעם אנדערן מיט א פריינדליכען גוט מארגען, פרעגען זיך אויס איינער ביים צווייטען, ווי אזוי איז מען געשלאפען, און ניט ווילענדיג רייסט זיך ארויס ביי יעדען איינציגען אלין איין און די זעלבע פראגע:

— נו, וואס טהוט מען ווייטער?...

וועגען דער אלערנויטיגסטער פראגע פון עסען און טרינקען זענען מיר שוין דאנקען גאט בעווארענט: מיר האבען אויף די ביימער זיסע באנאנעס און פעטע ניס און פריש וואסער אינ'ם קרישטאלענעם טייכעל, וואס פליסט בארג ארויב. מיר וועלען שוין פון הונגער און דורשט דא אויף דעם אינזעל, ווי עס שיינט, ניט אויסגעהן. נישט מעהר, ס'איז פאראן געוואהנהייטען ביי מענשען, וואס איז שווער פון זיי זיך אבצורייסען, למשל, א גלעזעל טיי אין דער פריה, אז איהר שטעהט אויף, אדער קאווע מיט מילך מיט פרישע געבעקס און מיט א ציגאר דערצו — דאס איז עפיס אזא מין זאך, וואס, ס'דאכט זיך, גארנישט, נאר ס'איז גוט, מען קען זיך אהן דעם ניט בעגעהן, און דאס איז דאך א כלל, אז דוקא וואס ס'איז ניטא — דאס ווילט זיך אם שטארקסטען!...

איך געדענק ניט אקוראט, ווער איז געוועזען דער ערשטער, וואס האט א זאג געטהון טיי מיט מילך, נאר קוים האט איינער בעריהרט די דאזיגע פראגע, איז אוועק ביי אונז א געשפרעך אויף א האלבע שעה. דער האט געזאגט טיי

מיט מילך, יענער האט געזאגט קאווע מיט מילך, האט זיך אנגערופען נאך איינער לאז זיין אהן מילך, אבי טיי. האט איהם איבערגעשפארט נאך איינער: איידער טיי אהן מילך, איז שוין גלייכער מילך אהן טיי, האט זיך אריינגעמישט א דריטער, און האט אונטערגעהאלטען דעם צווייטען, אז דער צווייטער איז גערעכט און געגעבען צו פערשטעהן מיט א שכל, אז צו טיי מוז מען האבען צוקער, און מילך קען מען טרינקען אזוי.

נאטירליך זענען מיר ניט געשטאנען אויף איין ארט. מיר זענען געגאנגען לאנגזאם בארג ארויף איבער'ן גרינעם שמעקענדיגען גראז, אריינגעצויגען אין זיך דעם מחיה'דיגען אראמאט פון די רויטע בלומעלעך מיט די געלע שפרינקעלעך, וואס אונטער אונזערע פיס, און האבען בעוואונדערט די געטליכע נאטור פון דעם רייכען געבענשטען שטיקעל ערד, וואוהין דער ים האט אונז ארויסגעווארפען. און ווי מיר געהען אזוי אלע דרייצעהן און רעדען און שפארען זיך און מאכען מיט די הענד, דערזעהען מיר פון דערווייטען שעמערירען און בעוועגען זיך עפיס ווייסע מינים בעשעפענישען און מיר שטעלען זיך אפ בעטראכטען, וואס זאל דאס זיין? אפשר מענשען אזעלכע, קליינע קינדער, אדער קארליקעס, שרעטעלעך, גנאמען רופט מען זיי. און איך דערמאהן מיך אן יענעם שענעם ראמאן, וואס איך האב געלייענט אויפ'ן שיף און ניט געענדיגט. דער דאזיגער ראמאן איז ארויסגעגעבען אין אמעריקא אונטער זעהר א לאנגען נאמען:

„קאפיטאן חאריבאבא, אדער זיי פאהרען נאך דימענטען און פאלען אריין צו די מענשענפרעסער, וואס אויף דער אינזעל קוקורוזא, דארט וואו עס געפינען זיך די ווילדע מענשען פונ'ם שבט טאראטוטא“.

אויף וויפיל איך געדענק זענען די ווילדע מענשען פונ'ם שבט טאראטוטא ערשטענס ניט אזעלכע קליינטשקע און צווייטענס זענען זיי גאר שווארצע ניט קיין ווייסע. זעלבסטפערשטענדליך, אז יעדער פון אונז האט ארויסגעזאגט וועגען די דאזיגע ווייסע באשעפענישען זיין מיינונג. דרייצעהן פארשוין, דרייצעהן מיינונגען. נאר אזוי ווי מיר זענען געגאנגען צו די ווייסע בעשעפענישען און די ווייסע בעשעפענישען זענען געגאנגען צו אונז, האבען מיר גיך דערזעהן פאר זיך א גאנצע מחנה ווייסע ציגען, געוועהנליכע ציגען מיט בערד און מיט הערנער, מיט קליינע קנאקעדיגע פיסלעך און מיט זעהר נארישע פנים'ער. אז די ציגען זענען ניט קיין ווילדע האט מען געקענט ארויסזעהן פון דעם, וואס ניט נאר זיי זענען פון אונז ניט אנטלאפען, אדרבא, זיי זענען צוגעגאנגען צו אונז גאנץ נאהענט, ווי צו זייערע אלטע בע-

קאנטע, אויסגעצויגען צו אונז די נארישע מאררעס, געשמעקט און געטרייסעלט מיט די בערדלעך, א פנים געוואלט מיר זאלען זיי עפּיס געבען. נארישע ציגען! געבען האבען זיי אונז געקענט א סך גיכער ווי מיר זיי...

— ווי מיינט איהר? זיי זענען מעלקעדיגע? — האט א זאג געטהון איינער.

— וואו זענען אייערע אויגען? — האט א זאג געטהון דער אנדערער.

— ס'זאל זיין אזא כלי חאטש וואסערע ס'ניט איז — האט בעמערקט א דריטער.

— אויב איהר וועט קיין פאראיבעל האבען — האט זיך אנגערופען דער פראסטער מענש, דער ארבייטער — אויב איהר וועט מיר ערלויבען, וועל איך אויסמעלקען א פאר ציעגען. וואס וואונדערט איהר זיך אזוי? איך האב אין דערהיים געהאט א ציעג, פלעג איך אליין זי מעלקען.

אין וואס וועט איהר מעלקען?

— איך וועל אייך אנמעלקען יעדען אין זיין היטעל אריין.

תחלת האט דער דאזיגער פארשלאג ארויסגערופען אזא געלעכטער, גלייך ווי דער ארבייטער וואלט אונז געזאגט מיר זאלען שטעלען א פוס אויפ'ן הימעל. שפעטער האט אבער דאס געלעכטער אנגעהויבען איינשטילען. דער יצר הרע צו א ביסעל פריש ווארים מילך האט גובר געווען אין אונז אלע אנדערע געפיהלען, און יעדער פון אונז האט אונטערגעטראגען דעם ארבייטער, אדער ווי מיר האבען איהם א נאמען געגעבען דעם „פראלעטארי", זיין היטעל. דעם ערשטען אנפאנג האט געמאכט דער מיליאנער וואס צווישען אונז. ער האט צוגעטראגען זיין קאפעלוש מיט אזא מינע, ווי א קעניג אדער ווייניגסטענס א מיניסטער טראגט צו דאס גלאז ביי דער מינעראל־קוועלע ערגיץ אין קארלסבאד אדער אין מאריענבאד און הייסט זיך אנגיסען דאס ביסעל ווארימע זאלץ־וואסער, וואס האט א טעם פון חלשות, נור וואס זאל מען טהון? דער דאקטאר הייסט מען זאל דאס איינעמען אויפ'ן ניכטערן הארצען... נאך איהם זענען שוין נאכגעגאנגען מיר אלע, איטליכער מיט זיין היטעל, אויך די דאמע מיט איהר היטעלע, יעדער האט געזאגט דערביי איין אנדער ווערטעל, און יעדער האט זיך צוגעכאפט צום ביסעל מילך און געקוויקט זיך מיט דעם ווי מיט עפּיס רעכטס.

א שטיקעל אינצידענט איז ארויס אז ס'איז געקומען צום פרומען, אדער ווי מיר האבען איהם גערופען „ארטאדאקס". פריהער האט ער זיך געקווינקעלט, צו זאל ער גאר טרינקען אויף אזא ארט מילך? נאכדעם, אז ער האט

ביי זיך געפועלט, אז די מאיאריטעט איז שטארקער, קעגען א קהל קאן מען נישט געהן, און האט געפונען א פסוק: „אחרי רבים להטות“, איז איהם נור געווען שלעכט, ווי אזוי וועט ער טרינקען אהן א היטעל? א יוד א למדן אבער גיט זיך א עצה: מיט דער פאלע פון דער קאפאטע האט ער זיך צוגעדעקט דעם קאפ, און דעם קאפעלוש האט ער איבערגעגעבען צום פראלעטארי. ווי איינער רעדט: וואס זאל מען טהון? ס'א גזירה!... געוויינליך האט דער אפיקורס, אדער ווי מיר האבען איהם א נאמען געגעבען דער „אטעאיסט“, אויסגעלאכט דעם „ארטאדאקס“ געזאגט אויף איהם אז ער איז א היפאקריט, א צבוע'יק. דער „ארטאדאקס“ האט איהם אבער געהערט אין טראק; ער האט געמאכט א ברכה „שהכל נהיה בדברו“ און מיט א פרום פנים האט ער אויסגעזופט דאס ביסעל מילך און איז געווען, ווי מען זאגט אין אמעריקא: אללרייט“!..

צולעצט, אז דער גאנצער עולם האט זיך רעכט אנגעטרונקען מיט מילך, האט זיך דער ארבייטער, אדער דער „פראלעטארי“ אוועקגעזעצט אויף דער ערד אונטער איינע פון די ציגען און האט גענומען זויגען גאנץ פשוט און איינפאך. דאס האבען מיר שוין קיינער נישט געקענט צוזעהן און מיר האבען זיך אבגעקירעוועט א ביסעל אויף א זייט און האבען זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן שמעקענדיגען גראז, און עס האט זיך פערבונדען ביי אונז א שמועס אלץ וועגען אינזעל, וואו מיר געפינען זיך. איינער האט געוואלט בעווייזען על פי חקירה, אז פון דעם, וואס די ציגען האבען פאר אונז קיין מורא ניט און לאזען זיך מעלקען, איז א סימן, אז דא בעדארפען זיין מענשען. האט איהם דער אנדערער איבערגעשפארט, און האט איהם אויסגעוויזען, אז אדרבא, ווייל די ציגען האבען פאר אונז קיין מורא ניט און ווייל זיי לאזען זיך מעלקען, איז א בעוויז, אז זיי האבען קיין מאל קיין מענשען ניט אנגעקוקט אין זייערע אויגען. א סימן האט איהר, זעהט ווי נאריש זיי קוקען אויף אונז!

יעדענפאלס, אויפגעלייגט זענען מיר געווען אלע, גוט אויפ'ן הארצען איז אונז געווען אלעמען, א סך בעסער ווי דעם עלענדען ראבינזאהן. עסען האבען מיר: זיסע באנאנעס און פעטע ניס. טרינקען האבען מיר: פליסענדעס וואסער און פרישע ציגענמילך. ארבייטען דארפען מיר אויך ניט אליין, ווי ראבינזאן אויף זיין אינזעל. מיר האבען אונזער ארבייטער, דעם „פראלעטארי“, וואס ארבייט אויף אונז אלעמען, לאזט נישט קיינעם טהון פון דאנען אהין און בעט נאך אלע מאל מע זאל נישט האבען קיין פאראיבעל. קומט אין דער פריה, מעלקט ער די ציגען (מיט דער צייט זענען די נארישע ציגען צו אונז אזוי געוואהנט געווארען, אז זיי האבען שוין ניט געווארט ביז מיר וועלען געהן צו

זיי, זיי זענען געקומען צו אונז און האָבען אַרוים געקוקט מע זאָל זיי שוין אויסמעלקען...) נאָכדעם געהט ער צום גאָרטען און רייסט אָן באַנאַנעס און ניס און ברענגט אונז צוטראָגען אויפ'ן גאַנצען טאָג. קומט פֿאַרנאַכט, רייסט ער אָן פֿריש גראָז און בעט אונז אויס אויף די שטיינער אין דער הייל. שפּעטער האָט ער אונז באַוויזען אַ קונץ. ער האָט אַזוי לאַנג געקלאַפּט מיט איין שטיין אויפ'ן אַנדערן, ביז ער האָט אויסגעקלאַפּט אַ כלי, אַ מין טאָפּ אַזעלכען אויף אָנצומעלקען אַהיין די מילך, און נאָך איין טאָפּ אויף אָנצופילען איהם מיט וואַסער. מיט איינעם וואָרט, ער איז געוואָרען אונזער רעכטע האַנד, איטליכער שאַפֿט זיך מיט איהם און ער איז צופֿריעדען, ער איז גליקליך, אַז מע הייסט איהם עפּיס ברענגען, עפּיס טהון, מחמת ער איז, זאָגט ער, געוואָהנט געוואָרען אַרבייטען...

יאָ, אַלסדינג איז נאָר אַ געוואָהנהייט. למשל מיר, די דרייצעהן ראָבינזאָהנס וואָס אויף דער אינזעל, זענען געוואָהנט געוואָרען, אַז מיר שטעהען אויף און געהען אַרוים פֿון הויל, טרעפֿען מיר שוין וואַסער און מילך און באַנאַנעס און ניס. אַלסדינג האָט אונז צוגעגרייט דער אַרבייטער, דער „פּראָלעטאַריי", און טאָמער פֿעהלט אונז עפּיס, זאָגען מיר איהם, ווערט דאָס די רגע בעשאַפֿען, און טאָמער ניט, איז מען איהם מכבד, מע זאָגט איהם מוסר, אָדער מע ביזערט זיך אויף איהם אויס, ער זאָל וויסען דאָס אַנדערע מאָל. און ער הערט דאָס אויס און מאַכט אַ שווייג. מערקווירדיג! ווי פּראָסט ער איז, פֿערשטעהט ער פֿון דעסטוועגען, אַז מיר זענען נישט ער; מיר זענען נישט בעשאַפֿען צו פּראָסטע אַרבייט, אונזער אַרבייט איז אַנ'איידעלע אַרבייט, מיט'ן קאָפּ, מיט'ן מח, מאַרך־אַרבייט. מיר לאָזען זיך אַלע טאָג שפּאַצירען איבער דער אינזעל, שטודירען דאָס לאַנד, נאָכזוכען אויב עס זענען נישטאָ קיין מענשען, אויספאָרשען וואו מיר געפינען זיך, ביי וועלכען ים און אַרום וואָסערע לענדער, טאָמער וועלען מיר זיך פֿאָרט קענען דערשלאָגען צו אַ ישוב און אַמאָל אויפגערעכט ווערען, זיין געהאָלפֿען דורך אַ פֿאַרבייגעהענדעס שיף, אָדער דורך איין אַנדער וואונדער, וואָס קען פּאַסירען אויף דער וועלט... און אַזוי געהט אַוועק אַ טאָג און אַ טאָג, אַ וואָך און אַ וואָך, אַ חודש און אַ חודש — און מיר זעהען נישט קיין הילף! מיר בעגעגנען קיין מענשען! מיר האָבען שוין קיין האָפֿנונג, עס בלייבען ביי אונז מיר זאָלען זיך דאָ בעזעצען אויף שטענדיג, בעזעצען זיך ווי עס געהער צו זיין, איינפֿיהרען אַ ישוב, אויפֿהויבען די קולטור פֿונ'ם לאַנד, אַרויסגעבען רעגעלן, איינטהיילען זיך מיט דער אַרבייט, וואָס יעדער זאָל טהון, אויסאַרבייטען סטאַטוטען און כללים, ווי אַזוי מע זאָל זיך צוטהיילען מיט'ן גוטס,

אזוי אז יעדער זאל וויסען, אז דאס געהערט צו איהם — מיט איינעם ווארט בילדען א מלוכה, א שטאאט, א קעניגרייך, א קאנסטיטוציע, אדער גאר א רעפובליק. און מיר האבען זיך גענומען צו דער ארבייט גאנץ געשמאק און מיר האבען געלייזט דעם ערשטען שטיין צו אונזער רעפובליק צו דער ערשטער יודישער רעפובליק אויף דער גאנצער וועלט. פארשטעהט זיך, אז ניט אזוי גיך טהוט זיך ווי עס רעדט זיך און מיר בעטען ביי אונזערע לעזער א ביסעל געדולד, ביז די וייטערע בעשרייבונגען.

ד.

13 קאלאניעס.

קלוגע מענשען, וואס גיעבען זיך אפ מיט דער נאטור פון בהמות, היות און עופות, האבען שוין לאנג אויסגעפונען, אז דאס אונדאנקבארסטע בעשעפעניס אין דער וועלט איז דער מענש. נעהמט אונז למשל, די דרייצעהן ראבינזאנס אויף דער „דרייצעהן אינזעל“. וואס פעהלט אונז? פון וועמענס וועגען שיינט אט די ליכטיגע זון? אויף וועמען קוקט אראב אט דער לויטערער הימעל? פון וועמענס וועגען גרינט אט דאס גראז? בליהען די בוימער? פליסט אט דאס טייכעל? זינגען די פויגלען? ברומט אט דער ים? צוליעב וועמען האט ער צונויפגעטריעבען אדער אט די ציגען, וואס מע זאל זיי מעלקען?.. און די היילען צוליעב וואס האט גאט בעשאפען, ניט צוליעב דעם, אז מיר זאלען זיך קאנען בעשיצען ביי טאג פון היץ און ביי נאכט פון קעלט — און דאך זענען מיר אונצופריעדען, און נאך ווי אזוי אונצופריעדען! איך בעשרייב אייך א פריה מארגען אויף אונזער „דרייצעהן אינזעל“.

אויפגעשטאנען אין דער פריה, ארויס פון דער הייל, און איינגעוואשען זיך, געהט אונז שוין אקעגען אונזער ארבייטער, דער פראסטער בעל מלאכה, וואס מיר האבען איהם א נאמען געגעבען „דער פראלעטארי“, מיט א שיינענדיג פנים מיר זאלען געהן צום טיש. דער „טיש“ — דאס איז א גרויסער שטיין וואס דער פראלעטארי האט ערגיץ אויסגעזוכט. אונטען איז דער שטיין קיילעכדיג און אויבען איז ער גלייך און גלאט, פונקט ווי עמיצער וואלט איהם אפגעהעבליוועט מיט אזא מין געצייג. אונזער פראלעטארי האט זיך נעבעך גוט אנגעהארעוועט ביז ער האט צוגעקאטשעט דעם דאזיגען שטיין אויף א געווינשטען פלאץ. פארטיג געווארען מיט'ן שטיין האט ער גענומען זוכען קלענערע שטיינער אויף צו זיצען. לאנג זוכען האט ער ניט בעדארפט.

פארהאן אויף אונזער אינזעל שטיינער געצייג. ער האט נאר געהאט צו טהון ביז ער האט זיי צונויפגעקאטשעט אלע דרייצעהן. געמאכט דרייצעהן שטוהלען ארום און ארום טיש, עמיצער פון אונז זאל איהם העלפען — דאס האט ער ניט דערלאזט בשום אופן. — ארבייטען — האט ער געטענה'ט — דאס איז זיין זאך. איך בין צו ארבייט געוואהנט געווארען.

— ארבייטען דארף יעדער; יעדער מענש איז פערפפליכטעט צו ארבייטען אויף זיך. אזוי זאגט דער סאציאליסט און האלט דער ביי א גאנצע דרשה, ענטוויקעלט א גאנצע טעאריע פון געזעלשאפטליכען לעבען און לאזט אויס, אז יעדער מענש איז מחויב צו ארבייטען פאר זיך. דער פראלעטארי האט זיך אבער איינגעשפארט איין מאל פאר אלע מאל, חאטש טעסע איהם פלעקער אויפ'ן קאפ. ער געהט זיך מיט זיין גאנג און זאגט, ווי זיין שטייגער איז, מיט א שמייכעלע פון א פראסטען מענשען, א בעל מלאכה:

— אויב איהר וועט קיין פאראיבעל נישט האבען, וועל איך אייך זאגען, אז נאך מיין שכל קומט אויס, אז ארבייט צו ארבייט איז ניט גלייך. פאראן ארבייט און פאראן ארבייטער. איינער ארבייט מיט די הענד, דער אנדערער מיט די פיס, דער דריטער מיט'ן קאפ, מיט'ן מח, מארך=ארבייט.

א מענש האט זיך איינגעשפארט — געהט טהוט איהם עפיס! ווען טהוט ער אפ אלע ארבייט — ווייסען מיר ניט. עס ברענט ביי איהם אונטער די הענד! אז מיר שטעהען אויף אין דער פריה, טרעפען מיר שוין וואסער אין די כלים, וואס ער האט געמאכט פון שטיינער, ציגענמילך אויפ'ן טיש, וואס ער האט פאר אונז אנגעמאלקען, באנאנעס און ניס און שווארצע יאגדעס (ער האט אויסגעזוכט ערגיץ אין וואלד א מין שווארצע פרי אזעלכע, וואס איז זעפטיג און ווייניג און האט א טעם כמעט אזוי ווי וויינטרויבען).

עס איז שוין אנצוקוקען אונז, דרייצעהן ראבינזאנס אויף איין אינזעל, ווי מיר שפאצירען צום טיש א גאנצע רייהע איינס נאכ'ן אנדערע: פריהער פון אלי'ן געהט די „מאדאם", די איינציגע פרוי אויף אונזער אינזעל. צוזאמען מיט איהר געהט דער „קאפיטאליסט", וואס האלט זיך פאר'ן גרעסטען עלעגאנטעסטען דזשענטעלמען אין אונזער קאלאניע. נאך איהם געהט דער „אטעאיסט", דער „ארטהאדאקס", דער „ציוניסט", דער „טעריטאריאליסט", דער „סאציאליסט", דער „נאציאנאליסט", דער „אסימילאנט", דער „אידעאליסט", דער „מאטעריאליסט", און נאך זיי איך, דער „שריפטשטעלער", און גאר אונטען נאך אונז אלעמען — דער „פראלעטאריער". אלע דרייצעהן זעצען מיר זיך אויס ארום אדם הראשון'ס טיש אויף אונזערע פרימיטיווע שטוה=

לען, מע עסט און מע טרינקט און מע שמועסט פון אלערליי זאכען, און עס ווערען בעריהרט פערשיעדענע פראגען: רעליגיעזע, סאציאלע, פאליטישע, איטליכער זאגט ארויס פראנק און פריי זיין מיינונג, און יעדענס מיינונג איז פונקט דער היפך פונ'ם אנדערענס. דרייצעהן פארשוין — דרייצעהן מיינונגען. זעלבסטפערשטענדליך, אז יעדען איינציגען פון אונז וואלט זיך וועלען, אז יענער זאל אננעהמען זיין מיינונג, ווארום יעדער פון אונז איז איבערצייגט, אז זיין מיינונג איז די ריכטיגסטע. אפטמאל שפרינגט ארויס ביי אונז דערפון א מחלוקת, און עס קומען ארויס דערפון גרויסע אונאנגענעהמליכקייטען, און מע בלאזט זיך איינס אויף דאס אנדערע, און מע זאגט זיך שטעכווערטלעך, און מען ווארפט זיך דורך אמאל מיט א גיפטיגען וויץ, און אמאל מיט גראבהייטען, און מען פיהלט, אז מע האט זיך שוין צוגעגעסען. געווארען נמאס איינער דעם אנדערען ווי דער טויט, און מע מיידט אויס איינער דעם צווייטען, און מען לויפט איינער פונ'ם אנדערען און מען הויבט אן צו טראכטען מכח צושיידען זיך, און מע הויבט אן ריידען מכח פערשפרייטען זיך איבער'ן גאנצען לאנד, אזוי אז יעדער זאל זיך האבען זיין אייגען ווינקעל. דרייצעהן פארשוין, דרייצעהן ווינקלעך.

די אידעע פון צושיידען זיך און צושפרייטען זיך איבער'ן לאנד געפעלט אלעמען. פריהער רעדט מען וועגען דעם, געוועהנליך, פערשטעלט: בדרך משל: עס וואלט גוט געווען ווען עס זאל זיין אזוי און אזוי... וואס ווייטער הויבט מען אן ריידען גאנץ אפענטליך וועגען א בעזונדערע היימאט פאר יעדען איינציגען. דרייצעהן פארשוין דרייצעהן היימאטען...

„איך זאל וויסען, אז איהר וועט קיין פאראיבעל ניט האבען, וואלט איך אייך געזאגט מיין מיינונג. — אזוי רופט זיך אן אונזער פראלעטארי, ווי זיין שטייגער איז, מיט אנטשולדיגונג. — דער בארג וועלכען מיר בעזיצען, איז גענוג גרויס. היילען זענען דא פארהאן אהן א שיעור. דא קענען זיך פריי בעזעצען ניט נור דרייצעהן פארשוין — דרייצעהן משפחות. אויב איהר וועט מיר ערלויבען, וועל איך ביי יעדער הייל אוועקלייגען א בעזונדערע שטיין פאר א סימן, מען זאל וויסען וואס וועמען עס געהער...

נאך א קורצע דעבאטע, וואס האט גענומען ניט מעהר ווי א פאר שעה, מחמת יעדער האט בעדארפט ארויסזאגען וועגען דעם זיין מיינונג — איז דער פראיעקט פונ'ם פראלעטארי אנגענומען געווארען און אלע זענען געווען צופריעדען, אפילו דער פראלעטארי אליין אויך. עס ווייזט אויס, אז אויך איהם האבען מיר זיך צוגעגעסען. און עס איז קיין חדוש ניט,

דען יעדער פון אונז האט זיך זיין גוסט, זיינע געוואהנהייטען און זיינע קאפריזען. למשל, איינער האט ליעב אסך זון; דער אנדערער האט ליעב, פערקעהרט, אסך שאטען. דער האט ליעב די מילך זאל זיין פריש און ווארעם, נאר וואס פון אונטער דער ציעג, און יענער האט ליעב, פערקעהרט, אבגעזעצטע, אבגעקיהלטע מילך; איינער האט ליעב באנאנעס אבגעשיילטע, צוגעגרייטע, פארטיגע — נעהם און עס; דער אנדערער, פערקעהרט, האט ליעב דוקא מיט דער שאלעכץ, נאטורעל, ווי די מאמע האט זי געהאט. שלאפען האט אויך ניט איטליכער ליעב גלייך: איינעם איז געפעלען צו ליעגען אויף אסך גראז, ס'זאל איהם זיין ווייך ווי אויף אנ'איבערבעט; דעם אנדערען, פערקעהרט, ארט ניט עס זאל זיין אביסעל הארטליך, אבי דער צוקאפענס זאל איהם זיין הויך. פון דער מאדאם שמועסט מען ניט. דער פרוי האט גאט אליין ערלויבט צו זיין אביסעל קאפריזנע. קאפריז גיט צו דער פרוי נאך מעהר חן (אבי זי חאפט נאר ניט איבער די מאס!) ביי אונזער מאדאם האט געמוזט אלע פריהמארגען שטעהן אויפ'ן טיש צוגעגרייט א בוקעט פון פרישע בלומען. דעם טאג וואס ס'איז ניט געוועזען קיין פרישע בלומען אויפ'ן טיש האט זי ניט גערעדט מיט קיינעם קיין ווארט. און אז די פרוי איז געווען אנגעחמורעט איז געווען אנגעחמורעט אויך דער הימעל, און אז די פרוי איז געווען ברוגז, איז געווען ברוגז אויך די זון, און אז די פרוי האט זיך אנגעבלאזען, האט זיך אנגעבלאזען אויך די ערד, דער וואלד, די פויגלען וואס אין וואלד, און מיר אלע האבען זיך געבלאזען איינס אויף דאס אנדערע און נאך מעהר נמאס געווארען זיך ווי פריהער, פשוט, ניט געקענט זיך קוקען איינס דאס אנדערע אין פנים אריין.

דערפון איז גרינג צו פערשטעהן וואס פאר א חיות ס'איז אויף אונז געווארען, אז מיר האבען זיך בעזעצט איטליכער אין זיין הייל, איטליכער אויף זיין טעריטאריע, דרייצעהן פארשוין, דרייצעהן טעריטאריעס. די גרעסטע טעריטאריע איז אנגעקומען, געוויינטליך, דעם קאפיטאליסט. ער, דער מיליאנער, איז ערצויגען געווארען, זאגט ער, צו זיצען ברייט און בעקוועם. ער איז ניט שולדיג, זאגט ער, מען האט איהם אזוי איינגעוואהנט פון קינדווייז אויף צו גרויסע, ברייטע, ליכטיגע אפארטמענטען. די קלענסטע טעריטאריע איז אנגעקומען דעם פראלעטארי. ווען זיצט ער דען אין הייל? פון גאנץ פריה ביז שפעט אין דער נאכט איז ער סיי ווי סיי אין דרויסען אויף דער ארבייט. אבשלאפען די עטליכע שעה דורך דער נאכט מאכט ניט אויס וואו ס'ניט איז. „איך האב אין דערהיים, זאגט ער, געשלאפען ניט בעסער"... ארבייט איז

איהם אויך ניט צוגעקומען קיין סך. ניט מעהר דאס ראמען. ביז אהער האט ער געהאט צו ראמען אלע טאג איין הייל, איצט האט ער דרייצעהן היילען. דרייצעהן היילען אויסקעהרען, בייטאג אויסשיטען מיט זאמד, ביינאכט אויס=בעטען מיט גראז, יעדען נאך זיין גוסט און נאך זיין געשמאק. א שטיקעל גליק חאטש, וואס מען דארף ניט יעדען א בעזונדערן טיש. שיער=שיער האבען מיר געהאט דרייצעהן בעזונדערע טישען. נאך א גאנצע ריידע פון הייסע ביטערע דעבאטען איז ביי אונז געבליבען, אז דער טיש דארף זיין ביי איין טיש, איין אלגעמיינעם עס=צימער אויף גאט'ס ערד אונטער גאט'ס הימעל. דער בעסטער פלאץ, וואו מיר אלע דרייצעהן קענען זיך זעהן יעדען טאג אין א בעשטימטע צייט, אין דער פריה און בייטאג און פארנאכט.

מערקווירדיג! אז מיר זענען געזעסען אלע דרייצעהן אין איינעם אויף איין טעריטאריע, האבען מיר זיך פיינט געהאט, און אז מיר האבען זיך צושיידט און בעזעצען זיך יעדער איינציגער אויף זיין טעריטאריע, האבען מיר אנגעהויבען ווי בענקען איינס נאך דאס אנדערע, קוים דערלעבט דעם פריהמארגען ווען מען קלייבט זיך צונויף אלע דרייצעהן ביי איין טיש. און האבען מיר זיך צונויפגעקליבען און גענומען שמועסען, אזוי האבען מיר באלד אנגעהויבען צו זידלען זיך. פריהער דיסקוטירען, זאגען שטעכווערטלעך, נאכדעם געמיינהייטען, ביז מיר צוקריגען זיך און בעטען זיך באלד איבער, און אזוי אלע טאג ביז דאס ווערט אונז אויך נמאס און עס בלייבט ביי אונז דער הסכם, געוועהנליך, נאך א סך הייסע דעבאטען און דיסקוסיאנען, אז מיר זאלען זיך איינטהיילען מיט אונזער אינזעל אין בעזונדערע קאלאניעס. דרייצעהן פארשוין, דרייצעהן קאלאניעס.

דער ערשטער, וואס האט אויפגעהויבען די פראגע וועגען קאלאניזירען, איינפיהרען אייגענטהום, איז געווען דער קאפיטאליסט. עס האט אויסגעוויזען פראקטיש, לויט זיין ערפאהרען, אז דעמאלס וועט אונז אלעמען זיין ליעב אויף אונזער אינזעל, ווען יעדער פון אונז וועט וויסען, אז ער האט זיך זיין אייגען ווינקעל, זיין אייגען שטיקעל ערד זיין אייגענעם חלק וואלד, זיינע אייגענע פיה (דאס מיינט ער די ציגען).

— מיט איינעם ווארט — האט אויסגעלאזט דער קאפיטאליסט — אייגענטהום איז דאס פערפעטואום מאביל, וואס ברענגט אין בעריהרונג די גאנצע וועלט=מאשין. אהן אייגענטהום איז ניט מעגליך קיין פראגרעס!

— זיי האבען רעכט! חאפט אונטער דער ארטאדאקס, א יוד א ליטוואק פון די גראב פאה'דיגע און געדיכט בערדיגע ליטוואקעס — נאך אונזערע חכמי

התלמוד האָבען געזאָגט, אַז יעדער מענש איז מחויב צו זאָרגען פאַר'ן קיום העולם. יעדער יוד דאַרף בויען אַ הויז, פלאַנצען אַ גאָרטען, איינפיהרען בעל הבתישקייט. דאָס זעהען מיר נאָך ביי אונזער פאָטער נח...

און דער אָרטאָדאָקס מאַרשירט אַוועק מיט אַ פסוק נאָך אַ פסוק, אַ משל נאָך אַ משל, ביז עס חאַפּט זיך אויף דער אַטעאיסט און צושלאָגט איהם מיט אַלע זיינע פסוקים און משלים און זאָגט, אַז ער האַלט מיט'ן קאַפּיטאַליסט, נאָר פונ'ם שטאַנדפּונקט פון בעקוועמליכקייט.

— אַ מענש איז בעשאַפען פון דער ערד, דאַרף ער זיך זעהן איינאָרדנען אויף דער ערד.

— אַ בפירוש'ער פסוק — חאַפּט אונטער דער אָרטאָדאָקס — כי ממנה לקחת — פון דער ערד ביזט דו גענומען...

אַ שטיקעל סכסוך איז אַרויס צווישען דעם אידעאַליסט מיט'ן מאַטעריאַליסט. דער אידעאַליסט האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג אַז ער האַלט מיט'ן קאַפּיטאַליסט פונ'ם אידעאַליסטישען שטאַנדפּונקט; און דער מאַטעריאַליסט האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג אַז ער האַלט אויך מיט'ן קאַפּיטאַליסט, נאָר פונ'ם מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפּונקט. נאָך די צוויי האָבען דאָס וואָרט דער ציוניסט מיט'ן טעריטאָריאַליסט, צוויי יונגע אינטעליגענטע היצקעפּ.

— לאָזט מיך אויסרעדען אַ וואָרט! — זאָגט דער ציוניסט — אויב איך האָב קיין טעות ניט, שמועסט מען דאָ וועגען לאַנד, ישוב, קאָלאָניזאַציע? פערשטעה איך ניט ווי אַזוי קענען יודען רעדען פון אַ לאַנד אַ חוץ פּאַלעסטינאַ? ווי אַזוי שמועסט מען וועגען אַ ישוב און ניט פון ישוב ארץ ישראל? ווי אַזוי קאָנען יודען נעמען זיך קאָלאָניזירען אין אַ פרעמדער לאַנד אין דער צייט ווען דאָס לאַנד פון אונזערע עלטערן שטעהט שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר וויסט ווי איין אַלמנה און וואַרט אויף אונז אויף איהרע קינדער, וואָס זענען פער־יתומ'ט נעבעך אין דעם לאַנגען פינסטערען גלות, צוזייט און צושפּרייט אויף אַלע פיער עקען פון דער וועלט?...

— ווי אין פסוק שטעהט — חאַפּט אונטער דער אָרטאָדאָקס — רחל מבכה על בניה, די מוטער רחל טהוט וויינען אויף איהרע קינדער...

— עט! דאָס איז ליריקע, סענטימענטאַליזם! — זאָגט דער טעריטאָריאַליסט מיט אַייער בעוויינען דעם עלענדען יתום ישראל'יק און מיט אייער זינגען דיטיראַמבען דעם הייליגען לאַנד פון אונזערע אָבות וועט איהר גאָר נישט מאַכען. ארץ ישראל הייסט דאָס נאָר אויף פּאַפּיר, אין די אַלטע ספרים, און געהערען געהערט דאָס צו אַנדערע. איהר וועט אייך דאָ זינגען שענע לידער

און דער עלענדער ישראליק וועט זיך דארטען ארומשלעפען אין גלות צווישען פרעמדע פעלקער, וואס ווילען איהם ניט קענען. געהט הערט וואס עס טהוט זיך אויף דער גרויסער וועלט: אין רוסלאנד, רומעניען, מאראקא און אנדערע ציווילזירטע לענדער!... ניין, דער עלענדער ישראליק קאן ניט ווארטען מעהר. ער בעט א לאנד! א לאנד גיט איהם! א שטיקעל ערד! א ווינקעלע א קליינס, אבי איין אייגענס! דארט וואו מען זאל איהם ניט שלאגען, ניט יאגען, ניט רודף׳ן, ניט פערפאלגען! דארט וועט זיין אונזער ארץ ישראל!

— ווי די גמרא זאגט — חאפט אונטער דער ארטאדאקס — עתידה ארץ ישראל — ארץ ישראל איז אנגעבריט, שתתפשט — זי זאל זיך פערשפרייטען, בכל הארצות — איבער אלע לענדער!

— אין דעם איז אונזער מיסיאן — האלט אונטער דער אסימאלאנט, א יוד פון טיעף פוילען, פון משה־רבינו׳ס פאליאקען, מיט א בערדיל א לא מערזשווינסקי — מיר, איזראעליטען, דארפען זיין אומעדום. — מיר דארפען זיך רייבען צווישען פעלקער, זיך צוזאמענקומען, אויסמישען זיך צווישען זיי, בכדי מיר זאלען זיי פיהרען צו דער קוואל פונ׳ם ריכטיגען פראגרעס...

— זיך אויסמישען? — טהוט איהם א פרעג איבער דער נאציאנאליסט, א רוסישער יוד, און קוקט אויף אלעמען, ווי איינער רעדט: „וואס שווייגט איהר?.. — פרעדיגט איהר, הייסט דאס, מיר זאלען זיך אויסמישען, אסימילירען, הייסט דאס? אודאי איז כדאי געוועזן אזוי פיעל יאהרהונדערט זיין געפלאגט און געיאגט פון לאנד צו לאנד, פון פאלק צו פאלק, אויסשטעהן אלע אינקוויזיציעס פון אלע לענדער, ברענען אויף אלע פייערן פון אלע אויטא דא פע, זיין אומעטום דאס כפרה הינדעל פאר פרעמדע זינד, בכדי מיר זאלען זיך ענדליך, ביי׳ם אנהויב פונ׳ם צוואנציגסטען יאהרהונדערט, אויסמישען זיך מיט אלע פעלקער? אונזער נאציאנאל פאהן ארויסלאזען פון די הענד? אונזער נאציאנאל קלייד אראבווארפען? אויסמעקען דעם נאמען יוד? דאס הייסט, פשוט געגעדט, נעמען אויף דער עלטער און בעגעהן זעלבסטמארד? וואס זשע טויג אייך פערשטעלטע רייד? אלעגאריען, חכמות? א מעהר טרעט ארויס אפענטליך, ווי די מיסיאנערען טהוען, און זאגט: „שפריצט זיך אב מיט וואסער, וועט איהר אויסגעלייזט ווערען פון אלע אייערע צרות!“ אדער נאך פשוט׳ער גערעדט: „יודען! שמד׳ט זיך אב צו אלדע שווארצע יאהר, און איין עק זאל דאס האבען!...

— לאז גאט היטען, רבונו של עולם! — שטעלט אריין דער ארטאדאקס מיט א טיעפען זיפץ. — אל תפתח פה לשטן!...

האַן שטעהט אויף דער סאָציאַליסט, אַ רוסיש יודישער סטודענט מיט אַ שוואַרץ העמדעל, וואָס רעדט אויף אַ מין שפּראַך, וואָס איז העכער האַלב רוסיש. ער בעמערקט אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגען רעליגיע אָדער נאַציאָנאַליטעט. דאָ ראַזראַבאַטעוועט זיך (אַרבייט זיך אויס) אַ סאָציאַלנע וואָפּראָס (פראַגע) וועגען נאַסעלאַיען (קאָלאָניזירען) איין אָסטראָוו (אינזעל), אָדער בעסער געזאָגט, וועגען אָבראַזאָוויוען (בילדען) אַ גאָסודאַרסטוואָ (שטאַאַט), לויט די אַלטע פּאָראַדקעס מ(נהגים), פּראַווילעס (רעגעלן) און זאַקאָנעס (געזעצע), וואָס זענען אָסנאָוועט (געגרינדעט) אויף דעם פּרינציפּ פון סאָבסטווענאָסט (אייגענטהום)... — אַזוי האָט אָנגעהויבען דער סאָציאַליסט און האָט אין אַ זעהר היציגע שאַרפע רעדע צושלאָגען דעם קאַפּיטאַליסט מיט זיין טעאָריע וועגען אייגענטהום, און חאָטש ער איז נאָר אַ סאָציאַליסט, ניט קיין אַנאַרכיסט, דאָך קאָן ער אויסווייזען פון די גרעסטע אויטאָריטעטען, אַז „סאָבסטווענאָסט איז גראַבעזש“, דאָס הייסט, אייגענטהום איז גזילה. פּראַגרעס וואָס איז געגרינדעט אויף גזילה איז קיין פּראָגרעס! דאָס וואָרט אייגענטהום בעדאַרף אויסגעמעקט ווערען פונ'ם מענשליכען סלאָוואַר (ווערטערבוך)! נישטאָ קיין אייגענטהום! דאָלאָי סאָבסטווענאָסט! דאַ זדראַווסטוואויעט סאָציאַליזם! הורראַ!!!

— גערעכט! — חאַפּט אונטער דער אָרטאָדאָקס דער ליטוואַק — עס שטעהט בפירוש געשריבען: לי הכסף ולי הזהב — אַלעס געהער צו מיר, האָט גאָט געזאָגט!...

אַז אַלע האָבען זיך אָנגערעדט ווי די פויקען, הויב איך מיך אויף פון מיין אָרט און נעהם דאָס וואָרט און זאָג, אַז די פראַגע וועגען קאָלאָניזירען אונזער אינזעל איז האַכט מיר געווען דורכגעלופטערט, אין אַזאַ פאַל איז מען זיך נוהג ביי לייטען צו באַלאָטירען (אָבשטימען); ווער ס'איז פאַר קאָלאָניזאַציע, דער האַלט די הענד אַראָב!

דאָ האָבען מיר זיך אָבער אומגעריכט אָנגעשלאָגען אויף אַ האַרטען שטיין, — דאָס ערשטע מאָל האָבען מיר זיך בעגעגענט אויף אונזער אינזעל מיט דער פרויענפראַגע, וועלכע האָט אַרויסגערופען נייע הייסע דעבאַטען, איינינע האָבען געדרונגען, אַז באַללאָטירען דאַרפען נאָר מיר 12 מאַנסבילען. אַנדערע זאָגען זיך אַרויס אַלס געטרייע פערטהיידיגער פון די פרויען. איבערהויפּט האָט זיך אָנגענומען פאַר דער פרוי'ס קריוודע דער אַטעאיסט. ער איז אַ פרייער אַמעריקאַנער בירגער און שטעהט פאַר פרויען עמאַנציפּאַציע שטאָהל און אייזען!

— מיסטער טשערמאַן, לײדיעס ענד דזשענטעלמען! — אַזוי האָט דער אַמעריקאַנער אַטעאיסט אָנגעהויבען זײַן ספּיטש ברײט אויפ'ן אַמעריקאַנער שטײגער — אין קײן לאַנד אין דער וועלט זענען די פרויען ניט אַזוי גלײַכבערעכטיגט ווי „בײַ אונז אין יונײַטעד סטײטס אָוו אַמעריקאַ“, אין אײניגע ערטער נעהמען זײ אַנטהײל בײַ אונז אין אַלע ביזנעס אויף אַלע שטופען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. לײדיעס פוירסט, דאָס הײסט דאַמען־עהרע — דאָס איז דאָך בײַ אונז דאָס ערשטע געבאָט! איך קען אײַך דערצעהלען אַ פאַקט, וואָס בײַ אונז אין אַמעריקאַ האָט זיך געטראָפען, איך דערצעהל אײַך ניט קײן בלאָף, נאָר אַ פאַקט פון דער היסטאָריע אָוו די יונײַטעד סטײטס אָוו אַמעריקאַ. געטראָפען האָט זיך די געשיכטע נאָך אינ'ם יאָהר 1851. ווער עס וויל ניט הערען, דער קען זיך געהן. זאָל איך דערצעהלען אָדער ניין?

— דערצעהלט! דערצעהלט!

— אינ'ם יאָהר 1851 אין מאָנאַט דזשולאַי אין די רעכטע היצען האָבען זיך אין וואַשינגטאָן צונויפגעזאַמעלט מעהר אַלס הונדערט טויזענד פרויען, וואָס האָבען געאַרבײט פאַר פרויען־גלײַכבערעכטיגונג, און האָבען איבערגעקוקט פיעלע הונדערטער און טויזענדער פּראָיעקטען אויף נײַע קאָוטס פאַר לײדיעס, וואָס זאָלען זײַן ניט ווײַט אָבגעשײדט פון מענערקלײדער; די פּראָיעקטען זענען אויפגעגעבען געוואָרען פון די בעסטע דאַמענשנײַדערס פון די יונײַטעד סטײטס אָוו אַמעריקאַ. זײ זענען אָבער אַלע דורכגעפאַלען און נאָר אײן קאָוט האָט געזיגט. דאָס מלבוש האָט דערקלערט דוקא ניט קײן לײדי, נאָר אַ דזשענטעלמען, און דוקא ניט קײן שנײַדער, נאָר אַ געוועהנליכער בוטשער. דאָס מלבוש איז בעשטאַנען, מײנע לײדיעס ענד דזשענטעלמען, פון אַ גאַנץ געוועהנליכען קאָוט, דאָס וואָס הײסט בײַ אײַך אין יוראָפּ „פּידזשאַק“ אָדער „זשאַקעט“, און אַ פּאָר ברײטע „פּענטס“, דאָס וואָס מען רופט בײַ אײַך אין יוראָפּ, עקסקיוז מי, תחתונים אָדער הויזען. דיעזען פּראָיעקט האָט שטאַרק אונטערגעהאַלטען אַ געוויסע מיסעס אַמאַליע בלומער, וואָס האָט רעדאַקטירט די צײַטונג „לילי“, און האָט שטאַרק אַגיטירט די דאָזיגע רעפאָרם. אויס דאַנקבאַרקײט צו דיעזער אונשטערבליכער מיסעס בלומער האָט מען די — עקסקיוז מי — תחתונים אַ נאָמען געגעבען „בלומערס“... אמת די בלומערס האָבען ניט געהאַט קײן לאַנגע יאָהרען, עס זענען אַרויסגעטראָטען געגען דעם די מענער, איבערהויפּט די היפּאָקריטען, די זאָגענאַנטע מאָראַליסטען, און האָבען אויפגעהויבען אַ גאַנצען שטורם קעגען די פרויען־הויזען און האָבען אַרויפגעלעגט אויף זײ אַ חרם. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז מען האָט

געלינטשט יעדע פרוי, וואס האט זיך בעוויזען אויף דער סטריט אין א פאר ברייטע הויזען. נאטירליך האט דער פרעזידענט או דהי יונייטעד סטייטס או אמעריקא געמוזט ארויסלאזען א מאניפעסט, אז אלע עמאנסיפירטע פרויען זאלען אראבווארפען די הויזען...

— איך מוז אייך אויפמערקזאם מאכען, מיסטער, אז אין דער געגענווארט פון א ליידי וואלט אזא דזשענטעלמען ווי איהר געמעגט זיך אויסשפרעכען אביסעל מעהר אנשטענדיג...

אזוי האט זיך אנגערופען דער קאפיטאליסט וואס האט זיך אליין גענומען די ראלע פון א פרעזידענט אויף אלע אונזערע זיצונגען.

דער אמעריקאנער אטעאיסט איז געווארען רויט ביז אויף יענער זייט אויערן און איז געווען אונצופריעדען, וואס מען האט איהם איבערגעשלאגען סאמע אויף אן אינטערעסאנטען פונקט. ער האט זיך אויסגעווישט דאס רויטע געגאלטע פנים און האט פארטגעזעצט זיין ספיטש:

— אללרייט! ליידיעס ענד דזשענטעלמען! איך וואלט אייך געקענט ברענגען נאך טויזענדער אזעלכע פאקטען פון דער היסטאריע או דהי יונייטעד סטייטס או אמעריקא, אום צו איבערצייגען אייך ווי ווייט הויך עס שטעהט ביי אונז אין אמעריקא די פרוי, נאר ווייל דער מיסטער טשערמאן האט מיך אונטערבראכען און איך וויל ניט אויפהאלטען די „וואוטס", לייג איך דאס אב אויף אן אנדערש מאל און שליס מיין ספיטש מיט דער האפנונג, אז מיר וועלען ניט צודעקען אונזערע קעפ מיט דער גרעסטער שאנדע, וואס די וועלט האט ווען געהאט. ליידיעס ענד דזשענטעלמען! עס וואלט ווירקליך געווען א שאנדע פאר אונז אויף דור דורות, ווען מיר זאלען דא, אויף דיעזער פרייער טעריטאריע, ניט וועלען אנערקענען אונזערע ליידיעס אלס גלייכבערעכטיגטע בירגערינען אין אלע הינזיכטען. וואס וועט זאגען די „פרעס"? וואס וועט זאגען די וועלט? „יוראפ" וועט אויף אונז טייטען מיט די פינגער! ליידיעס ענד דזשענטעלמען! לאזט אייך ניט בעאיינפלוסען פון די היפאקריטען, וואס האלטען זיך פעסט אין דער „ביבעל" און ווילען ניט וויסען, וואס דער ביבעל זאגט אויף דער ערשטער פרוי אויף חוה'ן: „אז זי איז דאס ביין פון אונזער ביין און דאס לייב פון אונזער לייב"!..

אזוי האט אויסגעלאזט דער אטעאיסט זיין „ספיטש" און האט בעקומען פון דער קאלאניע א לאנגען בראווא מיט א הילכיגען הורראַ און מיר האבען זיך גענומען צום באלאטירען די פראגע וועגען קאלאניזאציע, דאס הייסט, צו זאלען מיר איינטיילען אונזער „דרייצעהן אינזעל" אין דרייצעהן

בעזונדערע קאלאניעס, אדער ניין? דער רעזולטאט איז געווען גלענצענד: די גרעסטע מעהרהייט איז געווען פאר יא, דען צוועלף פאר הענד האבען זיך געגעבען א הויב אויף אין דער הויך, און נאר איין פאאר הענד זענען געבליעבען אונבעוועגט. 1 ניין-זאגער געגען 12 יא-זאגערס — וואס פאר א ווערט האט ער געהאט?!

דערמיט האט זיך אבער נאך ניט געענדיגט די ארגאניזאציע פון אונזער געזעלשאפט. עס שטעהט אונז פאר אויף אונזער „דרייצעהן אינזעל" נאך פיעל ארבייט אין דער צוקונפט, ווי די לעזער וועלען דאס ארויסזעהען פון אונזערע ווייטערע בעשרייבונגען.

דער איינציגער ניין-זאגער — דאס איז געווען דער ציוניסט.

ה.

13 פעראייניגטע שטאאטען.

ווער עס איז בעקאנט מיט דער קולטור געשיכטע, ווי אזוי די מענשליכע געזעלשאפט האט זיך ענטוויקעלט, דער וועט זיך ניט וואונדערען אויף אונז, דרייצעהן ראבינזאנס אויף די „דרייצעהן אינזעל" וואס אונז האט זיך פערגלוסט איינטהיילען זיך מיט אונזער גוטס. אונזערע עלטער-עלטער-זיידעס האבען אויך אזוי געטהאן. פריהער אז זיי זענען געווען נאמאדען, געפיטערט פיה, זענען זיי ארומגעגאנגען מיט זייערע שאף און רינדער פראנק און פריי איבער פעלדער און וועלדער. שפעטער אבער, אז זיי האבען זיך אנגעהויבען בעזעצען אויף לאנד, זיך גענומען צו ערד ארבייט — אט דא האבען זיך אנגעהויבען קריעגערייען, געשלעגערייען, מלחמות, בלוט האט געראנען טייכענווייז. יעדער האט געוואלט פערכאפען וואס מעהר, און ווער ס'איז געווען שטארקער, דער האט גובר געווען. אויך מיר, דרייצעהן ראבינזאנס, זענען פריהער געווען נאמאדען, געפיטערט די פיה (ציגען) אויפ'ן בארג, געלעבט פון באנאנעס און פון ניס, וואס וואקסען אויף די בוימער און געווען צופריעדען. שפעטער אבער אז דאס דאזיגע לעבען האט זיך אונז צוגעגעסען, האבען מיר אנגעהויבען טראכטען וועגען א ישוב, וועגען קאלאניזירען אונזער טעריטאריע, זיך איינטהיילען מיט דער ערד, מיט'ן וואלד, מיט די בוימער, מיט די פיה און מיט'ן איבעריגען גוטס. דער חלוק איז נאר, וואס אונזערע אור-אור-עלטערן פארצייטען האבען דאס געטהאן מיט גבורה, מיט מלחמות און בלוט פערגיסונגען, ווערענד ביי אונז איז דאס אפגעגאנגען,

דאנקען גאט, אהן מלחמות, אהן געשלעגע און אהן מחלוקת. עס איז ניט פערגאסען געווארען קיין טראפען בלוט; עס איז ניט געווען קיין פערדראס, קיין קנאה־שנאה, און קיין גורל אויף לאנד, ווי משה רבינו האט אנגעזאגט, האבען מיר אויך ניט געווארפען. און ס'איז גאר קיין חדוש ניט: עס איז געווען ביי אונז פון כל טוב אזוי פיעל און ארבייטען האבען מיר בעדארפט אזוי ווינציג אז ס'איז ניט געווען איבער וואס צו קריגען זיך. יעדער איינציגער פון אונז האט זיך אבגעקליבען זיין שטיק בארג, זיינע בוימער, זיינע באנאנעס, זיינע ניס, זיינע בלומען, זיינע פיה (ציעגען).

און אט אויף אזא מין אופן איז זיך יעדער פון אונז געווארען א בעל הבית פאר זיך, מיט אלעם גוטען, מע קאן זאגען א פירשט. דרייצעהן קאלאניסטען, דרייצעהן פירשטען! און אלע זענען מיר געווען העכסט צופריעדען. פריהער, אז מיר זענען געווען אלע אינאיינעם, איז אונז קיין זאך ניט געווען ליעב. איצטער, אז מיר האבען זיך צוטהיילט, איז אונז אלסדינג געווארען טייער. יעדער פון אונז האט ליעב געקריגען זיין קאלאניע, זיין טעריטאריע, זיין שטיקעל וואלד, זיינע בוימער, זיינע ציעגען, זיין הייל. איטליכען פון אונז איז געווארען אנגענעהם דער געדאנק, אז ער עסט זיינע אייגענע באנאנעס, אז ער קנאקט זיינע אייגענע ניס, אז ער טרינקט זיינע „אייגענע“ מילך פון זיינע אייגענע ציעגען... איהר ווייסט וואס איך וועל אייך זאגען? עס ליעגט עפיס אין דעם אייגענטהום א בעזונדער מין זיסקייט. לאז זיך אונזער „סאציאליסט“ רייסען אויף די גלייכע ווענט! איך האב געהאט גענוג צייט נאכצוקוקען נאך זיך און נאך זיינע קאלעגען, די אלע ראבינזאנס, וואס אויף דער „דרייצעהן אינזעל“, שטודירען יעדענס כאראקטער, מעלות און חסרונות. איך האב בעמערקט א משונה'דיגע זאך: דער וואס מיר האבען איהם גערופען „סאציאליסט“, דער וועלכער האט אבגעלייקענט אייגענטהום, דער וועלכער האט אויפגעוויעזען פון די גרעסטע אויטאריטעטען, אז אייגענטום איז גזלה, אדער ווי ער האט זיך אויסגעדריקט אויף זיין האלב רוסישען דיאלעקט: „סאבסטווענאסט איז גראביעזש“ — אט דער זעלבער סאציאליסט אז עס האט זיך געטראפען למשל, איינער על פי טעות איז אריין צו איהם אין זיין חלק בוימער און האט זיך צוגעכאפט צו זיינע באנאנעס, האט ער, דער סאציאליסט, פערגעסען אין דעם מאמענט זיינע קאמוניסטישע אידעען און האט יענעם געגעבען א וויסטען סוף, ער זאל ניט האבען קיין „פריוויטשקע“ (געוואהנהייט) „זאליעזאיען“ (פארקריכען) צו יענעם אין די „קעשענעס“ (טאשען). יא מיינע ליעבע פריינד, איהר מעגט אייך

זאָגען וואָס איהר ווילט. די טהעאָריע מיט דער פּראַקטיק זענען זיך צוויי באַזונדערע זאַכען. דעם בעסטען סימן האָב איך פֿון זיך זעלבסט. למשל, איך בין טהעאָרעטיש אַ גרויסער חסיד פֿון וועגעטאַריזם, און אַ גרויסער געגנער פֿון פֿלייש. און באמת טאַקי, וואָס קאָן זיין מעהר אַבשיילּיך ווי נעמען, למשל, אַ הוהן, אַ לעבענדיגעס וועזען, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיג, קוילען דאָס מיט אַ מעסער, צושניידען דאָס אויף שטיקער, לייגען אין טאָפּ אַריין, קאָכען אויפ'ן פֿייער און נאָכדעם דאָס אויפפרעסען? ווי באַלד אַזוי, וואָס איז דער אונטערשיעד פֿון מיר ביז אַ ווילדע חיה, אָדער ביז אַ ווילדען מענשען? מיט דעם שטעה, איך העכער וואָס זיי עסען דאָס רויהער הייט און איך עס דאָס צוגעבראָטען אויפ'ן פֿייער?.. מיר, אַלע דרייצעהן ראָבינזאָנס אויף אונזער „דרייצעהן אינזעל“, זענען געווען אַזוי ווייט וועגעטעריאַנער, אַז מיר האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט, אַז טאָמער וועלען מיר אַמאָל אויפגעריכט ווערען פֿון דאַנען, זאָל קיין פֿלייש, קיין פֿיש און קיין אַנדער דבר מן החי נישט קומען צו אונז אין מויל אַריין! אַי אָבער האָבען מיר געבענקט נאָך אַ ראָסעל-פֿליישעל מיט קאַרטאָפֿלעס! נאָך אַ שטיקעל געפֿילטע פֿיש מיט פֿעפֿער! אַ קאָטלעט, אַ יויכעל, אַנ'איי, אַ סאַרדעלל!! מע מוז זיך מודה זיין אַז די באַנאַנעס מיט די נים מיט די ציעגענמילך האָבען זיך אונז אַזוי צוגעגעסען, אַז מיר וואָלטען דאָס אַלעס אַוועקגעגעבען פֿאַר איין פֿריש ברייטעל אָנגעשמירט מיט קנאָבעל און פֿאַר איין שטיקעל הערינג, פֿאַר איין ציבעלע מיט שמאַלץ! איך בין דערגאַנגען אויף אונזער „דרייצעהן אינזעל“ אַ פּראַקטיקע און איך האָף, און אַלע מיינע אינזעל קאָלעגען וועלען דאָס מיר מיטגעבען, אַז ס'איז זעהר גוט צו זיין אַ וועגעטעריאַנער און עסען האָטש איין מאָל אין טאָג פֿלייש!..

דאָס איז אָבער אַלסדינג נישט מעהר ווי חלומות. מיר, דרייצעהן ראָבינזאָנס, זענען אָפּגעריסען מיט'ן גרויסען שטורמישען ים פֿון דער גאַנצער וועלט. מיר, דרייצעהן ראָבינזאָנס, מוזען זיך בענוגענען מיט דעם, וואָס מיר האָבען, און זיין צופֿריעדען מיט באַנאַנעס, מיט נים און מיט ציעגענמילך אַלע יאָהרען. וויפֿיעל אונז איז נאָך בעשערט דאָ צו פֿערבלייבען. און בכדי די צייט זאָל אונז ניט זיין לאַנג-ווייליג, בכדי מיר זאָלען פֿערגעסען אונזער עלענד, פֿערטיעפֿען מיר זיך אין אַלע קליינינקייטען פֿון אונזער לעבען, יעדער אין זיין לאָך, אָדער ווי מיר רופֿען דאָס, אויף זיין טעריטאָריע, אין זיין קאָלאָניע, זיין איינענטום, זיין גוטס, זיינע אינטערעסען, ווילט זיך יעדען בעשטעטיגען, בעשיצען, פֿערהיטען זיינע אינטערעסען אָדער, איך וואָלט

געזאגט: געזעצליך בערעכטיגען. אלע טאג קומען מיר זיך צונויף אין דער בעשטימטער צייט אויף א בעשטימטען פלאץ. א פלאץ אויף צו שמועסען האבען מיר שוין לאנג אפגעקליבען זעהר א שענעם: א בעזונדער בערגעל אונטער א גרויסען בוים. אויף דער ערד — בלומען. פאר אונזערע אויגען — דער אלטער בייזער ים מיט די רוישענדע כוואליעס, וואס הערט נישט אויף צו ברומען און צו רייצען זיך מיט אונז, אז דארט אויף יענער זייט, האט יעדער פון אונז א היים, עלטערן, קינדער, ברידער, שוועסטער, פריינד און בעקאנטע, וואס קוקען ארויס אויף אונז מיט טרערען אין די אויגען, אדער אפשר האבען זיי אונז שוין לאנג פערגעסען?.. ווער קאן דאס וויסען? אלע טאג פלעגען מיר זיך צונויפקליבען אט דא אונטער'ן בוים, אדער ווי מיר האבען דאס א נאמען געגעבען „דער פאליטישער קלוב“, א ביסעל שמועסען אדער גלאט אזוי זיצען און קוקען אויף דעם אלטען בייזען ים, און מיר הערען זיך צו, ווי ער ברומט, דער אלטער בייזער ים, ווי די כוואליעס רעדען, און מיר דערצעהלען איינער דעם אנדערען צום הונדערטען מאל זיין ביאגראפיע, זיין פערגאנגענהייט. יעדער רעכענט אויס זיין פאמיליע, זיינע אייגענע און געטרייע ביי די נעמען, יעדער מאלט אויס איטליכעס פיזיאנאמיע, יעדענס כאראקטער, יעדענס מעלות און חסרונות. אזוי פיעל מאל ווערט דאס אלעס איבערגעקייט, אז מיר קאנען שוין איטליכען מיט זיין גאנצער משפחה און מיר ווייסען אויף אויסווייניג אלעס וואס מיט עמיצען האט ווען פאסירט...

אט דא אונטער'ן בוים, אין אונזער „פאליטישען קלוב“, האבען מיר זיך צונויפגעקליבען אלע דרייצעהן צו בעשפרעכען, בעטראכטען די לאגע און צו קלערען א מיטעל ווי אזוי מיר זאלען איינארדנען אונזער לעבען פון היינט אן און ווייטער פון אלע זייטען: פאליטיש, סאציאליש און עקאנאמיש, דאס הייסט, מיר זאלען מאכען אזוי, אז יעדער פון אונז דרייצעהן זאל זיך טאקי זיין א פריץ פאר זיך, אונאבהענגיג פונ'ם אנדערען, און דאך זאלען מיר אלע זיין איין משפחה, איין פאליטישע מאכט אין פאל טאמער פאלען אויף אונז אן ווילדע מענשען אדער ווילדע חיות.

זעלבסט פערשטענדליך, אז דער געדאנק רופט ארויס ביי אונז, ווי אלע מאל, הייסע דיסקוסיעס און פייעריגע דעבאטען. יעדער גיט אויף זיין פלאן. דרייצעהן קאלאניסטען, דרייצעהן פלאנען. פריהער פון אלע גיט אויף זיין פלאן דער מיליאנער, אדער ווי מיר רופען איהם דער „קאפיטאליסט“. מערקווירדיג! דער גייסט פון קאפיטאליזם האט אין אונזער יאהר-

הונדערט מיט זיינע אייזערנע הענד אזוי שטארק ארומגענומען די גאנצע וועלט, אז אפילו ביי אונז, אויף אונזער „דרייצעהן אינזעל“, האט ער אויך א געוויסען איינפלוס. אומעדום און אלע מאל, אז מע דארף עפּיס אנהויבען רעדען וועגען אַנ'עניִן, וואס איז נוגע צו אונז אלעמען, ווער שטעלט זיך ארויס פריהער? — דער קאפּיטאליסט! ער איז א פּנים פון קינדווייז אן אזוי געוואהנט געווארען צו זיין אומעדום דער ערשטער, אז ער פערשטעהט גאר אנדערש ניט, נאטירליך, רופט דאס ארויס אונצופריעדענהייט ביי אייניגע פון אונזערע קאלאניסטען. דער „סאציאליסט“, למשל, איז איין מאל ארויס מיט א פּראטעסט גאנץ אפּענטליך און האט א פראג געטהון ביים קאפּי-טאליסט די אלטע פראגע: „מי שמך? ווער האט אייך געמאכט פאר א קאפּראל?“

סקאקאי סטאטי נעמט איהר זיך אלע מאל די פּראווא (דאס רעכט) צו זיין א פּרעדסעדאטעל (פּארזיצענדער)?.. אזוי האט איהם איצטיגס מאל א חאפּ געטאן דער „סאציאליסט“ אויף זיין האלב רוסישען דיאלעקט.

דער „קאפּיטאליסט“ איז אבער א מענש א געלאסענער, מיט א שטי-לען, גלייכען כאראקטער. ער האט דעם „סאציאליסט“ אויסגעהערט מיט א לייכט שמייכעלע אויף די ליפּען, אויפגעשטאנען, אבגעטראטען איהם דאס ארט און א זאג געטהון זעהר העפליך:

זייט איהר דער פּארזיצענדער...

דאס האט געמאכט אויף אונז אלעמען אזא גוטען איינדרוק, אז מיר אלע (אויסער דעם „סאציאליסט“) האבען געבעטען דעם „קאפּיטאליסט“ ער זאל בלייבען אויף זיין ארט, און דער „קאפּיטאליסט“ האט אונז צו-ליעב געטהון און איז געבליבען אויף זיין ארט.

דער פּלאן, וואס דער „קאפּיטאליסט“ האט פארגעלייגט, איז געווען א גאנץ איינפאכער פּלאן פון א מין „בורזשואזנע קאנסטיטוציע“, ווי דער סא-ציאליסט האט דאס אנגערופען. לויט דעם דאזיגען פּלאן דארפען מיר אלע דרייצעהן קאלאניסטען בילדען א שטאאט פון דרייצעהן פּראווינצען, וואס ווערען בעהערשט פון איין אויסגעוועהלטען פּרעזידענט. דער פּרעזידענט, אלס פערשטעהער פונים פאלק, האט צו שאפען איבער אלע קאלאניסטען, צו זארגען וועגען זייערע אינטערעסען, אויסהערען זייערע אנקלאגען און ריכטען זיי לויט זיין פערשטאנד און זיין געוויסען...

דא האט שוין דער „סאציאליסט“ מעהר ניט געקענט איינזיצען. ער האט זיך אויפגעכאפּט ווי אַנ'אבגעבריהטער און האט אנגעהויבען צו פייערען

און צו שיסען מיט ווערטער: „אויטאקראטיע“? „אבסאלוטיזם“? „סאמאדערזשאוויע“?

— פטור! וואס זשע איז? — שטעלט זיך ארוים דער ליטוואק דער ארטאדאקס — ווי באלד מען שמועסט פון א מלוכה, אודאי דארף מען זעהן א מלך, ווי אין פסוק שטעהט: שום תשים עליך מלך — זאלסט דיר אוועקשטעלען א קייזער...

— בכדי עס זאל זיין וועמען צו מאכען שבת און יום=טוב א „הנותן תשועה“?...

אזוי וויצעלט זיך איינער פון די צוויי אינטעליגענטען, דאכט זיך, דער ציוניסט, און דער ארטאדאקס ענטפערט איהם:

— נעווים! ווי אונזערע חכמים האבען אונז געלערנט: „הוי מתפלל — זאלסט תפילה טהון פאר'ן מלכות, ווארום ווען ניט די מורא פאר'ן מלכות, וואלטען מענשען איינגעשלונגען איינס דאס אנדערע לעבעדיגערהייד“...

צו בעמערקען, אז די לעצטע ווערטער האבען ארויסגערופען אין אלע עלעמענטען נאר א געלעכטער. אפילו דער פראסטער מענש, דער „פראלעטארי“, האט געקוקט אויפ'ן ארטאדאקס אזוי בייז, ווי אויפ'ן גרעסטען שונא. עס איז קיין ספק ניט, אז אלע קלאסען זענען געווען פריי געזאנען. עס איז ניט געווען קיין איינציגער, א חוץ דעם ארטאדאקס, וואס זאל וועלען א מאנארכיע. גאנץ מעגליך, אז דער ארטאדאקס אליין האט אויך ניט אזוי שטארק גע בענקט נאך א זעלבסטהערשער. נישט מעהר — דער פסוק! וואס טהוט מען מיט א פארטיגען פסוק?...

דאן איז אויפגעשטאנען דער „סטעאיסט“ פון אמעריקא און האט אויפגעגעבען נאר איין אנדער פלאן, דהיינו: אז מיר אלע דרייצעהן קאלאניען זאלען זיך טאקי זיין דרייצעהן בעזונדערע שטאאטען; יעדער קאלאניסט זאל זיך זיין אויטאנאמישער בעל=הבית פאר זיך, נאר אלע דרייצעהן שטאאטען, דאס הייסט אלע דרייצעהן קאלאניען זאלען זיך פעראייניגען „אזוי ווי ביי אונז אין דהי יונייטעד סטייטס אף אמעריקא“ און א פרעזידענט זאלען מיר זיך וועהלען טאקי איינס פון אונז דרייצעהן, אלע 4 יאהר אן אנדער פרעזידענט, „אזוי ווי ביי אונז אין דהי יונייטעד סטייטס אף אמעריקא, און רופען זאל ער זיך: „דהי פרעזידענט אף דהי יונייטעד סטייטס אף דהי פוירסט דזשואיש רעפובליק און דהי טהוירטין איילאנד אף איזראיל“. (דער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק אויף די „דרייצעהן אינזעל“ פון ישראל).

— אַך! דאָס וואָלט געווען זעהר שעהן! — רופט זיך אָן דער אידעאַליסט — איך האָב שוין לאַנג געטרוימט פון אַ יודישער רעפּובליק.

— ניט פּראַקטיש! — שלאָגט איהם איבער דער מאַטעריאַליסט — עס וועט אַוועקגעהן די גאַנצע צייט מיט'ן גאַנצען פּאַפּיר אויף אויסצושטעלען אַזאַ לאַנגען נאָמען. שטעלט אייך פאָר: „דהי פּרעזידענט אָף דהי יונייטעד סטייטס אָף דהי פוירסט דזשואיש רעפּובליק אָף דהי טהוירטין איילאַנד אָף איזראַיל“!.. אַ גאַנצע מגילה!

— ערלויבען זיי מיר! — שטעלט אַריין אויך די פרוי איהר וואָרט. — פאַר וואָס זאָלען מיר נאָכמאַכען אַמעריקאַ? אויף וויפיעל איך ווייס, איז אַמעריקאַ נישט קיין מאָדערנעס לאַנד. אַלע מאָדעס געהען פון פּאַריז. וואָס געהט אָב דער פראַנצויזישער רעפּובליק? אָדער דער רעפּובליק פון דער שווייץ? אָט בין איך געווען ערשט פאַראַיאָהרען אין דער שווייץ. מיט מיין גאָטזעליגען מאַן בין איך געווען. אומעטום זענען מיר געווען. אין צירוך, מאָנטרעע, אונטערלאַקען... געזעהן דעם מאָנבלאַן... מיר דאַכט, ס'איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט נאָך אַזאַ לאַנד, ווי די שווייץ... ניצאַ איז אויך נישקשה פון אַ שטעדטעל... אין מאָנטעקאַרלאָ קען מען אויך עפּיס זעהן... נאָר אַז מען וויל גוט לעבען, גוט און ביליג, זאָל מען פאָהרען אין דער שווייץ... ערשטענס — מילך... פאַר צוויי סאַן די בעסטע מילך...

— מיל פּאַרדאָן, מאַדאַם! — ענטשולדיגט זיך פאַר דער פרוי דער קאַפּיטאַליסט — מיר רעדען דאָ ניט פון דעם וועלכעס לאַנד איז בעסער אויף צו בעזעצען זיך, דאָ שמועסט מען וועגען וואָס פאַר אַ שטאַאַט מיר זאָלען גרינדען דאָ ביי אונז, אויף אונזער אינזעל.

די פרוי ווערט רויט ווי פייער, ווארום זי פיהלט, אַז זי האָט זיך אַ ביסעל פערפּלאָנטערט איהר אייגענעם ווילען, די צונג האָט זיך אויפגעחאַפּט ווי אַ אונפערצוימט פערד און האָט זי אַוועקגעטראָגען צו אַלדע גוטע יאָהר. דערמיט האָט זי אונז איבערצייגט אַז חאָטש זי איז אַ מאָדערנע פרוי און האַלט זיך ווי אַ מאַנסביל, נאָר אַ פרוי בלייבט אַ פרוי...

— ענטשולדיגט מיינע הערען. אַז איך הויב אָן צו רעדען פון דער שווייץ, דערמאָן איך מיך ניט ווילענדיג אָן מיין גאָטזעליגען מאַן... איך האָב, אייגענטליך, נאָר געוואָלט זאָגען, אַז מיר געפעלט בעסער אַ פעדעראַטיווע רעפּובליק ווי אין דער שווייץ.

— און מיר געפעלט נישט ניט אייערע פעראייניגטע שטאַאַטען אין אַמעריקאַ, און ניט די פעדעראַטיווע רעפּובליק פון דער שווייץ — זאָגט דער נאַציאָ-

נאַליסט. ווייסט איהר פאַר וואָס? ווייל ס'איז ניט נאַציאָנאַליסטיש, ניט יודיש. מע וואָלט בעדאַרפט צו טראַכטען עפּיס אַזאַ נאָמען, וואָס זאָל שמעקען מיט נאַציאָנאַליזם, וואָס זאָל זיין יודיש!...

— ווי באַלד אַז יאָ יודיש — רופט זיך אָן דער ציוניסט — וואָלט איך געזאָגט מיר זאָלען זיך רופען אויפ'ן נאָמען פון דאָקטאָר הערצל...

— וואָס עפּיס הערצל? — פאָדערט איהם אַריין דער טעריטאָריאַליסט — פאַר וואָס ניט זאַנגוויל?

— וואָרום אַזוי! אויף הערצל'ס נאָמען וואָלטען מיר דאָס אָנגערופען: „הערצל־רעפובליק“! וואָס פאַר אַ טעם האָט דאָס זאַנגוויל־רעפובליק?

— וואָס פאַר אַ טעם האָט הערצל־רעפובליק?

— אַ שענער משל! הערצל איז טויט, און זאַנגוויל לעבט נאָך!

— נו, וואָס זשע האָט איהר געוואָלט: זאַנגוויל זאָל אויך שטאַרבען? וואָס האָט ער אייך געטהון?...

— ווער זאָגט דען, ער זאָל שטאַרבען? לאָז ער אייך לעבען הונדערט און צוואַנציג יאָהר!

— טאָ וואָס זשע ווילט איהר?

— אויב איהר ווערט קיין פאַראיבעל ניט האָבען — אַזוי הויבט אָן ווי זיין שטייגער איז, מיט אַ ענטשולדיגונג, דער „פּראָלעטאַרי“, וואָס האָט דערווייל צוגעהערט ניט און באַנאַנעם פאַר'ן גאַנצען עולם — אויב איהר ווערט קיין פאַראיבעל ניט האָבען, וואָלט איך אייך זאָגען מיין מיינונג. איך ווייס ניט, איך בין דאָך אַ פּראָסטער מענש, אַן אַרבייטער: מיר דאַכט, אַז מען דאַרף קיינעמס נאָמען ניט. ס'איז גאַנץ גענוג ס'זאָל הייסען „די יודישע רעפובליק“, אָדער „די ערשטע יודישע רעפובליק“ אָדער „די ערשטע יודישע רעפובליק פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען“.

דער דאָזיגער פאָרשלאַג פונ'ם פּראָלעטאַרי איז אַזוי געפעלען אונז אַלעמען, אַז די גאַנצע רעפובליק ווי איין מענש האָט גענומען אַפּלאָדירען און שרייען „בראַוואָ!“ „בראַוואָ!“... דער סאָציאַליסט איז פון גרויס התפעלות, אַ פּנים וואָס מיר זענען אַ רעפובליק, ניט קיין מאָנאַרכיע, אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ שטיין און האָט אויסגעדונערט אויף זיין רוסישען דיאַלעקט:

— בראַטיאַ (ברידער)! דאַ זדראַווסטוואויעט סוואָבאָדאַ (עס לעבע די פרייהייט)! דאַ זדראַווסטוואויעט רעספּובליקאַ (עס לעבע די רעפובליק)! דאַ זדראַווסטוואויעט פּראָלעטאַריאַט (עס לעבע דאָס פּראָלעטאַריאַט)! שרייט, יודען, הורראַ!

— הורראַ!!! — כאַפּען מיר אונטער און זעצען זיך אוים אַלע דרייצעהן פאָרשטעהער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאטען אַרום טיש און נעמען זיך מיט גרויס אַפּעטיט צו די זיסע באַנאַנעס מיט די פעטע ניס מיט דער פרישע ציגענמילך, וואָס דער פּראָלעטאַרי האָט אונז צוגעגרייט, און מיר פערפיהרען אַ לאַנגען שמועס וועגען דער צוקונפט, וואָס ערוואַרטעט אונזער ערשטער יודישער רעפּובליק פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאטען, און וועגען די סטאַטוטען רעגלען און געזעצען וואָס מע דאַרף אוים אַרבייטען, און וועגען אַ פּרעזידענט רירט איינער אָן די פראַגע, דאָס הייסט: וועמען זאָלען מיר מאַכען פאַר פּרעזידענט?

אַלע אויגען האָבען זיך ניט ווילענדיג אַ קעהר געטהון צום מיליאָנער, צום קאַפּיטאַליסט, און דער קאַפּיטאַליסט האָט דערפיהלט, אַז אַלע אויגען קוקען אויף איהם, האָט ער זיך אויסגעגלייכט און האָט געוואָלט עפּיס זאָגען, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער סאָציאַליסט, דער איינציגער עזות=פּנים, וואָס שטעהט שטענדיג אויף דער אָפּאָזיציע קעגען קאַפּיטאַליזם, און האָט אַ זאָג געטהון אויף זיין מאָדנעם רוסיש=יודישען דיאַלעקט:

— איך פערשטעה ניט, וואָס אָזנאַטשאַיעט (בעדייט) דאָס פערעגליאַרעווען זיך (וואָס מע קוקט זיך איבער)? מיר וועלען טהון אַזוי ווי אין אַלע פּראָגרעסיווע גאָסודאַרסטוועס (שטאַאטען); מיר וועלען נאַזנאַטשען (בעשטימען) וויבאָרעס (וואַהלען), און וועמען דער נאַראָד (דאָס פאָלק) וועט אויסקלייבען באָלשינסטוואָם גאָלאָסאָוו (מיט די מעהרהייט), דער וועט זיין פּרעזידענט!

— אַלזאָ קלייבען מיר אַ פּרעזידענט?

— יאָ, מיר קלייבען אַ פּרעזידענט!

דאָס קלייבען אַ פּרעזידענט אויף די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאטען פון דער ערשטער יודישער רעפּובליק פערדינט, נאָך אונזער מיינונג, אַ בעזונדערע בעשרייבונג.

ו.

13 פּרעזידענטען.

דער וואָס האָט אַרומגערייזט די וועלט אַזוי ווי איך, דער וועט מיר צוגעבען, אַז די מענשהייט איז נאָך גאַנץ ווייט פון פאָלקאָמענהייט. די גרעסטע פּאַרלאַמענטען אין די בעריהמטע לענדער קאָנען זיך נישט בע=

ריהמען, אז זיי זענען נאהנט צום פאליטישען אידעאל. געהט זעהט ווי אזוי אין דעם רעפובליקאנישען פראנקרייך קאכט זיך בשעת וועהלען א פרעזידענט; אדער נעמט דאס פרייע גאלדענע לאנד אמעריקא, די דעמאקראטישע רעפובליק. וועה-וועה, וואס עס טהוט זיך אב איז א עלעקשאן יאהר! פארטייען, אינטריגעס, טעמעני האלל און נאך אזעלכע שענע זאכען, וואס א פרעמדער וועט ניט גלויבען און וועט דאס גאר נישט פערשטעהן! דער פאליטישער קאמפף פיהרט זיך אומעטום אזוי ביטער, אז מענשען פערגעסען זיך, אז זיי זענען מענשען. א ברודער שטעהט אויף קעגען א ברודער, א פאטער אנערקענט ניט זיין קינד — ס'איז הימעל עפען זיך!

וואס איז שוין דאס חידוש, וואס אין אונזערע דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק אויף אונזערע „דרייצעהן אינזעל" האט אזוי געקאכט, אז ס'איז געקומען צום אויסקלייבען א פרעזידענט? קודם כל האט מען בעדארפט „נאמינירען קאנדידאטען", דאס הייסט, יעדער פון אונז, דרייצעהן ראבינזאנס, דרייצעהן קאלאניסטען, דרייצעהן פארשטעהער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, זאל אנרופען זיין קאנדידאט אויף פרעזידענט. נאטירליך, זענען געווען צווישען אונז פערשידענע פארטייען און יעדע פארטיי האט זיך געהאט איהרע אנהענגער און איהרע געגנער. למשל, דער רייכער פאבריקאנט אדער ווי מיר האבען איהם אנגערופען דער „קאפיטאליסט" האט זיך געהאט זיין זאגענאנטע קאפיטאליסטישע פארטיי. זיינע חברים וואס האבען אגיטירט פאר איהם, זענען געווען: דער ליטוואק, אדער ווי ער האט ביי אונז געהייסען „דער ארטאדאקס", די מאדאם (די איינציגע פרוי וואס אויף אונזער אינזעל), דער נאציאנאליסט, דער אידעאליסט און דער מאטעריאליסט. סך הכל האט ער געהאט אויף זיין זייט 5 פארשוין, וואס האבען אגיטירט מיט אלע כחות צווישען די אלע איבריגע פארשטעהער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען. זיי זענען געווען שוין כמעט פארטיג מיט'ן פוילישען יודען פון משה רבינו'ס פאליאקען, וואס מיר האבען איהם א נאמען געגעבען דער „אסימילאנט". און ווען זיי שלעפען אריבער אויף זייער זייט נאך א פאר שטימען, דאן איז דער קאפיטאליסט פערזארגט מיט א מעהרהייט פון 8 שטימען. אויפ'ן לעצטען פאל האבען זיי גערעכענט אויפ'ן ארביטער, אדער ווי ער האט ביי אונז געהייסען דער „פראלעטארי". אום צו געווינען דעם פראלעטארי אויף זייער זייט, האט די קאפיטאליסטישע פארטיי ארויסגעלאזט א פראקלאמאציע, אז זייער פרעזידענט, דער קאפיטאליסט, וועט פערפאלגען דריי זאכען: 1) אבהיטען איינגע-

טהום; 2) קעמפפען פאר די רעליגיאן; 3) בעשיצען די אינטערעסען פון די ארבייטער.

די דאזיגע פראקלאמאציע, וואס איז געווען אויסגעהאנגען אין אלע דרייצעהן קאלאניעס פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, האט ארויסגערופען א שארפע קריטיק פון דער אפאזיציע, דאס הייסט, פונ'ם יודיש-רוסישען סטודענט מיט'ן שווארצען העמדעל, דעם „סאציאליסט". ער האט זיך אבגעשטעלט אויף יעדען פונקט בעזונדער און האט מיט זיין מאדנע געמישטע יודישע שפראך, וואס איז העכער האלב רוסיש, אזוי געזאגט:

— איך אבראשטשאיע אייער וונימאניע (איך ציה אייער אויפמערקזאמקייט) אויף דער נאחאלסטווא (פרעכהייט) פון דעם קאפיטאליזם! ער וועט זאשטשישטשאיען (פערטהיידיגען) רעליגיע? ער וועט אבראניאיען (בעשיצען) די אינטערעסען פון די ראבאטשעס (ארבייטער)! דאס איז דאך וואזמוטיטעלנא דא גלוביני דושי (עס דערלאנגט ביז'ן ביין)!

און דער סאציאליסט האט זיך ניט געפוילט און איז אוועק צום „פראלעטארי". ער האט איהם געטראפען סאמע ביי דער רעכטער ארבייט: ער האט געמאלקען די ציעגען פאר אלע דרייצעהן קאלאניסטען. און דער סאציאליסט האט מיט איהם פארפירט א געשפרעך וועגען דעם „קאפיטאליסטישעסקי סטרוי", וואס הערשט אויף דער וועלט און וואס פאראבשטאיעט (אונטערדריקט) גלאווניס אבראזאם (הויפטזעכליך) דאס פראלעטאריאט. ער האט איהם געבראכט א פרימיער (ביישפיעל) טאקי פון איהם אליין, ווי אזוי ער, איין און איינציגער ארבייטער הארעוועט צוועלף שעה אין מעת-לעת אויף אלע דרייצעהן קאלאניעס; עמיצער זאל זיך עס דערמאהנען אפילו איהם קומען צו הילף!

דערויף האט איהם דער „פראלעטארי" געענטפערט מיט זיין פראסטען שמייכעל ווי זיין שטייגער איז, אז דערויף האט גאט בעשאפען ארבייטער אויף דער וועלט — זיי זאלען ארבייטען...

— אויף זיך, ניט אויף יענעם! — האט מיט איהם איינגע'טענה'עט דער „סאציאליסט", און האט איהם געלייענט א לעקציע וועגען „ראזדיעלעניע טרודא" (איינטהיילונג פון דער ארבייט), וועגען „אוניטשטאזשעניע קאפיטאלא" (פערניכטען קאפיטאל) א. ז. וו. ער האט אזוי לאנג גערעדט איבער'ן „פראלעטארי", ביז ער האט ביי איהם גע'פועל'ט, אז ער זאל פאר'ן קאפיטאליסט ניט אבשטימען בשום אופן.

— פאר וועמען דען זאל איך יא אבשטימען? — פרעגט דער פראלעטארי מיט זיין נאאיוויטעט, ווי געוועהנליך.

— פאר זיך אליין — ענטפערט איהם דער סאציאליסט.

דער פראלעטארי הויבט אויף די אויגען.

— וואס הייסט פאר זיך אליין?

אטשען פראסטא (גאנץ איינפאך)! איך קאן בעשטעהן, אז מיר זאלען האבען א פרעזידענט א פראלעטארי. איך בין דער ערשטער, וואס גיב פאר אייך מיין גאלאס (שטימע). דא זדראוסטוואויעט נאראד (עס לעבע דאס פאלק)! דא זדראוסטוואויעט פראלעטאריאט!

אזוי האט אויסגעלאזט דער סאציאליסט און געדריקט די גראבע האנד פונ'ם ארבייטער זעהר פריינדליך און איז פון איהם אוועק פיהרען זיין פראפאגאנדא אין די איבריגע קאלאניעס פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען.

וואס פאר איין איינדרוק די לעצטע ווערטער פונ'ם „סאציאליסט" האבען געמאכט אויפ'ן „פראלעטארי" איז לייכט פארצושטעלען זיך. ער האט אוועקגעשטעלט דאס אנגעמאלקענע שעפעל מילך האט זיך געכאפט מיט ביידע הענד ביי די זייטען און האט זיך אזוי צולאכט, אז די ציינען האבען איהם אנגעקוקט ווי א משוגע'נעם. נאכדעם, אז ער האט זיך שוין גענוג אנגעלאכט, האט ער זיך אוועקגעזעצט, אויף א שטיין, אנגעשפארט דעם קאפ אויף ביידע הענד און האט זיך פערטראכט. וואס ער האט געטראכט קאנען מיר נישט וויסען. אפשר האט ער געחלומ'ט מיט זיין פראסטע-קאפ וועגען דעם, אז ער, דער פראלעטארי, א פראסטער בעל מלאכה, איז טאקי פרעזידענט אויף אלע דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק? ווער וועט דעמאלט ארבייטען, רייסען באנאנעס, טרייסלען ניס, שניידען גראז, רייניגען די קאלאניעס, מעלקען די ציינען?...

די צווייטע מעכטיגע פארטיי איז געוועזען די אמעריקאנישע אדער די אטעאיכטישע פארטיי. דער אמעריקאנער האט ארויסגעלאזט א פראקלאמאציע מיט גרויסע אותיות, ווי אין אמעריקא, און אנגעהויבען האט זיך די פראקלאמאציע מיט שרייענדיגע פראזען, אויפ'ן אמעריקאנישען שטייגער:

„ליידיעס ענד דזשענטעלמען! די ערשטע יודישע רעפובליק איז אין געפאהר! ראטעוועט די עהרע פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער רעפובליק אף איזראיל!.." ער האט געהאט אויף זיין זייט: דעם סאציאליסט, דעם טעריטאריאליסט, דעם אידעאליסט מיט'ן מאטעריאליסט, דער אסימילאנט האט איהם אויך צוגעזאגט אונטערהאלטען, בתנאי, אז עס

וועט האַלטען ביי נאָמינירען אַ קאַנדידאַט פֿון דער פּוילישער פּאַרטיי („קאָלאָ"), זאָל דער אַמעריקאַנער איהם אויך אונטערהאַלטען. די פּוילישע „קאָלאָ", אָדער דער אַסימילאַנט פֿון משה רבינו׳ס פּאָליאַקען, האָט זיך געהאַט זיין פּאַרטיי, וואָס איז בעשטאַנען פֿון איהם אַליין, פֿונ׳ם אידעאַליסט מיט׳ן מאַטעריאַליסט און פֿון דער מאַדאַם, פֿון דער איינציגער פֿרוי אויף אינזער אינזעל. געוואונען האָט ער די שטימע פֿון דער פֿרוי נאָר דערמיט, וואָס ער פֿלעגט איהר מאַכען קאָמפּלימענטען און זאָגען, אַז זי זעהט אויס ווי אַנ׳עכטע „וואַרשאַוויאַנקע", און אַז די וואַרשעווער פֿרויען זענען שען — דאָס איז דאָך אַיין אַקסיאָמע, ווי צוויי מאָל צוויי. די פּראָקלאַמאַציע, וואָס די פּוילישע „קאָלאָ" האָט אַרויסגעלאָזט, האָט זיך אָנגעהויבען מיט „יאַסנאָוועלמאָזשניע פּאַנאָוויע (וואָהלגעבאָרענע הערען)!" און אויסגעלאָזט האָט זי זיך מיט דער פּוילישער „עוד לא אָבדה": „יעשטשע פּאָלשקאַ ניע סגיניעלאָ". די פּוילישע פּראָקלאַמאַציע האָט אַרויסגערופֿען אַ מורא׳דיגע אָפּאָזיציע פֿון דריי שטאַרקע פּאַרטייען, וואָס האָבען זיך צוליעב דעם פֿעראייניגט: די נאַציאָנאַליסטישע, די ציוניסטישע און די טעריטאָריאַליסטישע. די דריי האָבען צוגעצויגען אויף זייער זייט דעם אָרטאָדאָקס (זעלבסט פֿערשטענדליך!) דעם אידעאַליסט, דעם פּראָלעטאַרי, און האָבען געאַרבייט מיט דער פֿרוי, בכדי צו געווינען אויף זייער זייט די מעהרהייט פֿון 7. צו בעמערקען, אַז יעדער פֿון די דריי, וואָס האָבען זיך פֿעראייניגט געגען דעם פּוילישער פּאַרטיי, האָט געאַרבייט אויך פֿאַר זיך, און דאָס האָט גאָרנישט געשטערט צו דעם, אַז דער ציוניסט, למשל, זאָל געהן געגען טעריטאָריאַליסט אויף מעסערשטעך! און צוריק, דער טעריטאָריאַליסט, פֿון זיין זייט, האָט געטהון כל המעגליכקייטען אָבצוציהען פֿון דער ציוניסטישער פּאַרטיי אַלע עלעמענטען. מען דאַרף זיך מודה זיין, אַז דער קאַמפּף צווישען די צוויי איז געווען אַזוי ביטער, אַז מען האָט ניט געלייגט קיין כבוד איינער אויפ׳ן צווייטען, און מען האָט געטהון וואָס מען האָט געקענט.

אָפֿיציעל איז דער ציוניסט אַרויס מיט אַ פּראָקלאַמאַציע אויבען אָן מיט אַ מגן דוד און מיט אַ פּסוק; אָט אַזוי:

אם אשכחך ירושלים\
תשכח ימיני —\
פֿערגעס איך דיך, ירושלים,\
זאָל פֿערגעסען ווערען מיין\
רעכטע האַנד!

אין דער ציוניסטישער פּראָקלאַמאַציע איז געשטאַנען אויסגערעכענט אַלע גרויסע נעמען, וואָס האָבען געאַרבייט פאַר׳ן ציוניזם, פון אברהם אָבינו ביז מנחם מענדיל אוסישקין. ער האָט ניט פערגעסען אויך דערמאָהנען דעם נאַציאָנאַל פאָנד און אונזער אייגענע „באַנק“, וואָס מיר האָבען געגרינדעט אין ארץ ישראל און אונזער כרמל וויין, וואָס האָט זיך געמאַכט בערימט אויף דער וועלט — קיין זאַך האָט ער ניט דורכגעלאָזט. און אויסגעלאָזט האָט ער מיט נפתלי הערץ אימבער׳ס נאַציאָנאַל-הימן: „עוד לא אָבדה תקותנו!“

באַלד נאָך דעם איז אַרויס דער טעריטאָריאַליסט מיט אַזאַ מין פּראָקלאַמאַציע. אויבען איז געשטאַנען אַ מאָטאָ: „די וועלט איז אונזער היים!“ און אָנגעהויבען האָט זי זיך אַזוי: „אַלטער טרוימער! טויזענד יעהריגער בעל חלומות! ווען וועסטו שוין אויפוואַכען פון דעם זיסען שלאָף און פון דיינע גאָלדענע חלומות, אין וועלכע די עוויגע טרוימער, די ציוניסטען פון אַלע צייטען, האָבען דיך פערוויגט מיט דיינע קינדער אינ׳ם אַלטען היסטאָרישען נהעטאָ? (אַ וואונק אויף זאַנגוויל׳ס בוך: „דהי טשילדרען אָף דהי גהעטאָ“). און אויסגעלאָזט האָט זיך די טעריטאָריאַליסטישע פּראָקלאַמאַציע מיט די ווערטער: „זוכט, וועט איהר געפינען!“...

די עלעמענטען אויף וועלכע דער ציוניסט האָט געקענט רעכענען, זענען געוועזען: דער נאַציאָנאַליסט, דער אָרטאָדאָקס (זעלבסט פערשטענדליך!) דער אידעאַליסט און דער פּראָלעטאַרי. אַ שטיקעל האָפנונג איז געוועזען אויך אויף דער פרוי, וואָס האָט געהאַלטען מיט׳ן ציוניזם נאָך דערפאַר, וואָס די ציוניסטישע קאָנגרעסען פאָהרען זיך צונויף אין דער שווייץ (אין באַזעל). דאָס דערמאָהנט איהר ניט ווילענדיג אָן איהר גאָטזעליגען מאַן, מיט וועלכען זי האָט אַרומגערייזט גאַנץ אייראָפּאַ און געשטאָרבען איז ער אין לאָנדאָן. אַיינגעזונקען זאָל ווערען די דאָזיגע רויכיגע שוואַרצע נעבעל שטאָדט מיט איהרע שמוציגע גאַסען און מיט איהרע אויטאָמאָבילען, האָטש געשטאָרבען איז איהר גאָטזעליגער מאַן אייגענטליך ניט פון די לאָנדאָנער שמוציגע גאַסען און ניט פון די אויטאָמאָבילען. געשטאָרבען איז ער פון זיין אייגענע קראַנקהייט. און דאָ געהט אַוועק ביי איהר זעהר אַ אינטערעסאַנטע ערצעהלונג וועגען איהר גאָטזעליגען מאַן, ווי אַזוי ער האָט געקרענקט, און אויף וואָס ער האָט גע־קרענקט, און פאַר וואָס ער האָט געקרענקט, און אַזוי ווייטער.

איך האָף, אַז מיין לעזער וועט מיר מוחל זיין, איך דאַרף דאָ מאַכען זעהר אַ נעטיגע בעמערקונג, אַז די דאָזיגע פרוי, וואָס האָט זיך געהאַלטען ווי אַ מאַנספּערזאָן, האָט געהאַט אין זיך פון דעסטוועגען ניין מאָס רייד, ווי אַלע

פרויען, נאר דאס איז פערבייגעהענדיג. דער עיקר וואס אונז אינטערעסירט איז דער וואהלקאמפף, וואס האט זיך אבגעשפיעגעלט ביי אונז אין די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק.

נישט מעהר שאנסען האט געהאט אויך דער טעריטאריאליסט. אויף זיין זייט זענען געשטאנען נאר דער אטעאיסט, דער אסימילאנט און דער מאטעריאליסט. דער טעריטאריאליסט האט זיך אפילו שטארק גערעדט ארום דער פרוי, נאר ער האט ביי איהר ווינציג וואס גע'פועל'ט. זי איז שוין גיכער געווען געניינט צום ציוניזם איבער דעם וואס מיר האבען אנגעוויזען אויבען. דער טעריטאריאליסט האט געזעהן אז ער האלט שמאל, האט ער זיך א ווארף געטהון צום קאנסערוואטאר, איהם איינגערעדט, אז די טעריטאריאליסטען היטען אב שבת ניט ווינציגער ווי די ציוניסטען, און אויב עס איז דא א האפנונג אויף א יודישע אויטאנאמיע, וועלען די טעריטאריאליסטען זי דערגרייכען פריהער פאר די ציוניסטען, וויל זיי האבען אויף זייער זייט די סימפאטיע פון די רייכסטע לייט, פון די גרעסטע קריסטען. האט דערזעהען דער ציוניסט, אז דער טעריטאריאליסט שושקעט זיך עפיס צו פיעל מיט דעם ארטאדאקס, האט ער זיך א זאג געטהון פערבייגעהענדיג:

— און וואס הערט זיך עפיס מכח געמישטע חתונות?..

עס וועט, גלויב איך, קיינעם ניט וואונדערן, אז איך וועל אייך אויסזאגען א סוד, אז דער ארטאדאקס אליין האט אויך געהאט חשק צו זיין פרעזידענט אויף די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען. און פאר וואס ניט? זיין נשמה איז פון קלאטשע? און שטעלט אייך פאר, ער האט זיך געהאט זיין פארטיי. איהר וועט גאר ניט טרעפען, דאס איז געוועזען, ווי מען זאגט ביי אונז: „אבגעגעבענעם ברויט“... א ביסעל איז געווען אויף זיין זייט דער נאציאנאליסט, נאר פעסטער פון אלע איז געשטאנען פאר איהם די פרוי! נו, האט איהר זיך גערעכט? איהר שטימע האט ער געוואונען דערמיט, וואס ער האט איהר אויסגערעכענט ווען און אין וואסער טאג זי האט יאהרצייט נאך איהר נאטירליגען מאן... אויך דעם פראלעטארי האט ער געוואונען אויף זיין זייט; איהם האט ער גענומען מיט גאט, מיט יענער וועלט, מיט'ן גיהנם און מיט'ן גן-עדן. ער איז שוין געווען מיט איהם כמעט פארטיג, האט אנגעשמעקט דער עזות פנים, דער סאציאליסט, און האט זיך פעראייניגט מיט'ן אטעאיסט און מיט'ן אסימילאנט און מען איז ארויס מיט איין עפענטליכע אטאקע געגען דער פינסטערע מאכט פונ'ם קלעריקאליזם.

— האָלאָי טשאָרנאָסאָטענצעוו (נידער מיט די שוואַרצע מאה'ניקעס) — האָט אויסגערופען דער סאָציאַליסט און איהם האָבען אונטערגעהאַלטען אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטען.

דאָ מוז איך זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען זיך אַליין. איהר וואונדערט זיך, פאַר וואָס האָב איך ניט געשטעלט מיין קאַנדידאַט אויף פּרעזידענט? ערשטענס, האָב איך מיך, אַלס שריפטשטעלער, געוואָלט האַלטען פון דער ווייטען פון יעדען פּאָליטישען קאַמפּף, און צווייטענס, מוז איך מיך מודה זיין, אַז איך האָב געזעהען גאַנץ גוט, אַז איך האָב ווינציגער שאַנסען פון אַלע אַנדערע קאַנדידאַטען, איך בין נישט קיין געוואַרטער מענש, איך ווייס אַז אַלע מיינע קאָלעגען האָבען מיך פיינט (מען האָט נישט ליעב קיין שריפטשטעלער, ובפרט אַ הומאָריסט, וואָס בייסט און לאַכט און מאַכט לאַכעדיג; אמת, זיי אַלע חנפה'נען מיר, מאַכען מיר קאָמפּלימענטען, לויבען מיינע פעליעטאָנען אין טאָג אַריין, אפילו די וואָס האָבען נאָך ניט געלייענט... איך ווייס אָבער, אַז ס'איז פאַלש. זיי חנפה'ען מיר דערפאַר, ווייל זיי האָבען פאַר מיר מורא, איך זאָל זיי ניט בעשרייבען אויף די בלעטער, פאַר בעשרייבען ציטערן זיי ווי פאַר'ן מלאך המות! זיי האָבען ליעב, אַז מען בעשרייבט, נאָר יענעם, ניט זיי...) בקיצור, איך האָב מיין קאַנדידאַט אַראָבגענומען.

דער סוף איז געווען, אַז ס'איז געקומען צום וועהלען אַ פּרעזידענט אויף די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק, האָט זיך אַרויסבעוויזען, אַז אויפ'ן צעטעל שטעהען אַלע דרייצעהן פאָרשטעהער פון אַלע דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען. דאַן איז אויפגעשטאַנען איינער פון אונז (בעמערקט, איך זאָג ניט, אַז דער איינער בין איך געווען; איך רעכען, אַז דער לעזער וועט שוין אַליין פערשטעהן ווער איז געווען דער איינער...) און האָט זיך אָנגערופען צום עולם בזה הלשון:

— מיינע דאַמען און הערען! שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר זינט מיר האָבען פערלאָרען אונזער אייגען לאַנד, זינט מיר האָבען אויפגעהערט צו עקזיסטירען אַלס אַ מלוכה. האָבען מיר אין דער צייט אויפגעהערט צו זיין אַ פאָלק? ניין! מיט וואָס פאַר אַ כח האָבען מיר זיך געהאַלטען ביז אַהער? איך ווייס ניט! מיט וואָס פאַר אַ כח וועלען מיר זיך האַלטען ווייטער? איך ווייס ניט! וואו איז געווען ביז אַהער אונזער טעריטאָריע? וואו איז געווען ביז אַהער אונזער פאָטערלאַנד? וואו איז געווען ביז אַהער אונזער היים? איך וועל אייך זאָגען: אונזער טעריטאָריע זענען מיר אַליין. אונזער פאָטערלאַנד איז אונזער היסטאָריע. אונזער היים איז דאָס גרעסטע סאָציאַלע אידעאַל, וואָס די פריהע-

ריגע נביאים האָבען עס געבאָרען און שפּעטערדיגע האָבען עס געפּריידיגט, און מקוים וועט דאָס ווערען אם ירצה השם אז משיח וועט קומען... אין דעם. וואָס יעדער פון אונז דרייצעהן וויל זיין פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען לערען איך אָפּ, אַז קיינער פון אונז דרייצעהן וויל זיך ניט אונטערגעבען, זיך בעקעמפּפען פונ'ם צווייטען. פאַראַן אַ יודיש שפּריכוואָרט: „דו ביזט ניט מיין נגיד, איך בין ניט דיין קבצן“. ברידער! מיר זענען דאָ דרייצעהן! דרייצעהן זענען מיר געווען אויפ'ן שיף, דרייצעהן האָט אונז געטראָגען דער ים, דרייצעהן זענען מיר אַרויסגעוואָרפען געוואָרען אַהער אויף דער „דרייצעהן אינזעל“ און געגרינדעט דרייצעהן קאָלאָניעס, דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען. עס פרעגט זיך פאַר וואָס זאָל ניט זיין יעדער פאָרשטעהער אַ פּרעזידענט אין זיין שטאַאַט? דרייצעהן עמיגראַנטען, דרייצעהן ראָבינזאָנס, דרייצעהן קאָלאָניסטען, דרייצעהן פאָרשטעהער פון דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען, דרייצעהן פּרעזידענטען! עס לעבען די דרייצעהן פּרעזידענטען פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען פון דער ערשטער יודישער רעפּובליק. הורראַ!!

— הורראַ! וויוואַט! הידד! הורעי! האָך! דאַ זדראַוסטוואויעט ראַזוענסטוואָ (עס לעבע די גלייכהייט)!

אַזעלכע געשרייען האָבען זיך געלאָזט הערען פון די דרייצעהן פּרעזידענטען אויף פערשידענע לשונות (עס האָט נאָך געפעלט דאָס וואָרט „באַנזאַי“!) און דערמיט שליסט זיך די פערזאַמלונג און מיר פערלאָזען דעם „פּאָליטישען קלוב“ ביז מאָרגען. עס שטעהט אונז פאָר נישט מעהר ווי אויסאַרבייטען אַ קאָנסטיטוציע, אָדער סטאַטוטען צו די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען. דאָס ניט דעם לעזער אַ האָפנונג, אַז אם ירצה השם גאָר אין גיכען ווערען מיר פאַרטיג מיט אַלע אונזערע בעשרייבונגען פון דער ערשטער יודישער רעפּובליק.

ז.

13 קאָנסטיטוציעס.

„אַ פּאָליטיקער איז אַ שכּור“. אַזוי האָט געזאָגט אַמאָל נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, פירסט ביסמאַרק, אָדער אַן אַנדער גרויסער מענש. „לאָזט דו זיך אַריין אין פּאָליטיק — גיב אויף דיינע ביזנעס“, אַזוי האָט געזאָגט אַ פּראָסטער בשר ודם, אַ ביזנעס מאַן וואָס האָט זיך פאַרשכּור'ט אין פּאָליטיק.

געשכורט מיט אלע שכורים און איז געווארען א פראסטער שכור, איך שרייב מיך אונטער מיט ביידע הענד סאי אונטער דעם, וואס האט געזאגט נאפאלעאן אדער ביסמארק, סאי אונטער דעם וואס האט געזאגט אט דער ביזנעס מאן...

איך בעט אייך, לאמיר זיך קארשט נעמען גוט בעטראכטען אונזער לאגע נאך אמאל און נאך אמאל: דרייצעהן פארשוין, דרייצעהן רייזענדע, דרייצעהן פערשידענע מענשען פון דרייצעהן פערשידענע בעשעפטיגונגען, לאזען זיך אין וועג אריין, פאהרען אין דרייצעהן פערשידענע פונקטען, אויף איין שיף; פלוצים הויבט זיך אויף א שטורעם, צוברעכט דאס שיף אויף שטיקלעך, חאפט זיי אונטער דער ים און ווארפט זיי ארויס אלע דרייצעהן אויף איין אינזעל, וואו זיי געפינען פון כל טוב: ערשטענס, היילען אויף צו בעשיצען זיך פון דער זון בייטאג און פון קעלט ביינאכט. צווייטענס, בוימער אויף וועלכע עס וואקסען פעטע ניס און זיסע באנאנעס, דריטענס, א פליסענדעס וואסער, לויטער ווי קרישטאל, און אלס א צוגאב שלאגען זיי זיך אן אויף א גאנצע טשערעדע מיט ציגען. וואס לאזען זיך מעלקען! דאכט זיך, אין פלוג, וואס פעהלט אזעלכע דרייצעהן ראבינזאנס? וואס געהט אונז אב, למשל, אז עסען און טרינקען האבען מיר; ארבייטען דארפען מיר ניט; לופט האבען מיר אזעלכע, וואס דאס בעסטע קוראָרט פערמאגט דאס ניט; א ים אויף צו באדען זיך, א וואלד אויף צו שפאצירען, בערג אויף צו קלעטערען, בלומען אויף צו שמעקען, און א בלויער הימעל איז איבער אונזערע קעפ און א פרעכטיגע זון ווארעמט אונז בייטאג, און א העל זילבערנע לבנה לייכט אונז ביי נאכט, קיין דאגות פרנסה טראגען מיר ניט, מקנא זיין איז ניטא וועמען, צאהלען צינזען זענען מיר פטור, קיין געלד דארפען מיר ניט, מורא האבען איז ניטא פאר וועמען, פון מיליטער, פאליציע, מלחמות ווייסען מיר ניט, דעם רעש מיט׳ן טומעל פון דער וועלט הערען מיר ניט, חאפען זיך, לויפען, פאהרען, פליהען — האבען מיר ניט וואהין, — וואס פעהלט אונז?

אנדערע אויף אונזער ארט וואלטען זיך, ווי די אמת׳ע ראבינזאנס, מסתמא אוועקגעלאזט אויספארשען אונזער נייע טעריטאריע אין דער לײנג און אין דער ברייט, זעהן וואו מיר געפינען זיך אין דער וועלט און וואס מיר האבען צו טהון, ניין! בעדארף זיך אונז פערגלוסטען קאלאניזירען דאס לאנד, דאס הייסט, איינטהיילען זיך אין דרייצעהן בעזונדערע קאלאניעס, בעזעצען זיך אויף דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, וועהלען דרייצעהן פרעזידענטען

און געהמען זיך אויסארבייטען א פאסענדע קאנסטיטוציע פאר די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק — מיט איינעם ווארט, עס האט זיך אונז פערגלוסט מאכען פאליטיק! וואס זאל מען טהון? גאט האט שוין אזוי בעשאפען די וועלט, דאס הייסט, ניט די וועלט, נאר דעם מענשען אז ער זאל קיינמאל ניט זיין צופריעדען מיט דעם וואס ער האט, ער זאל תמיד נור וועלען שטרעבען ווייטער, העכער און בעסער... מענשען געלעהרטע רופען דאס אן פראגרעס און זאגען, אז אהן דעם קאן די וועלט קיין קיום ניט האבען. מיר ווילען קיינעם ניט איבערשפארען און מיט געלעהרטע מענשען פאלעמיזירען אודאי ניט. זיי זאגען פראגרעס, מסתמא ווייסען זיי בעסער... מיר גיבען דא איבער נאר פאקטען, פאקטען און פאקטען!

אלזא, איז געבליבען, אז מיר, דרייצעהן אויסגעוועהלטע פרעזידענטען פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק, זאלען אלע אינאיינעם פערזאמלען זיך אין א בעשטימטער צייט אויף א בעשטימטען פלאץ, אין „פאליטישען קלוב“ דאס הייסט, אונטער א בוים, אויפ'ן בארג פון אונזער „דרייצעהן אינזעל“, און דארט זאלען אויסגעארבייט ווערען די סטאטוטען, די גרונד־געזעצע פון דער ערשטער קאנסטיטוציע פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק, און גאנץ נאטירליך, אז יעדער פון אונז איז געקומען צו דער בעשטימטער צייט אין „פאליטישען קלוב“ אריין מיט זיין פלאטפארמע, מיט זיין קאנסטיטוציע. דרייצעהן פרעזידענטען — דרייצעהן קאנסטיטוציעס.

צום אלעם ערשטען איז ארויס דער פאבריקאנט אדער, ווי מיר האבען איהם א נאמען געגעבען, דער „קאפיטאליסט“. ער האט אויסגעארבייט א פראיעקט פון משונה מאדנע „פריהייטען“, וועלכע מיר גיבען דא איבער פינקטליך, ווי זיי זענען געווען אויפגעגעבען פאר אונז אינ'ם „פאליטישען קלוב“ אט וואס איז געשטאנען אינ'ם קאפיטאליסטישען פראיעקט:

1) אלע בירגער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק זענען אנערקענט אלס „פרייע בירגער“.

2) די פרייע בירגער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען ווערען איינגעטיילט אין דריי פרייע קלאסען: בירגער 1־טע קלאסע, בירגער 2־טע קלאסע און בירגער 3־טע קלאסע.

3) די בירגער 1-טע קלאסע זענען פריי צו עסען און טרינקען און שלאפען.

4) די בירגער 2-טע קלאסע זענען פריי צו יעדער צייט אמוזירען די בירגער 1-טע קלאסע מיט א שמועס, דערצעהלען זיי קורצע מעשיות, אמאל אנ'אנעקדאט, א וויץ ווער עס קאן, מיט איינעם ווארט, די בירגער 2-טער קלאסע זענען פריי אכטונג געבען, אז די בירגער 1-טע קלאסע זאל שטענדיג זיין אנגענעהם.

5) די בירגער 3-טע קלאסע זענען פריי צו ארבייטען אויף די בירגער 1-טע און 2-טע קלאסע.

6) זיי, די בירגער 3-טע קלאסע, קאנען פראנק און פריי ארויסזאגען זייערע מיינונגען אין דער צייט, ווען מען פרעגט ביי זיי.

7) אז עס פעהלט זיי עפיס א זאך, אדער זיי נויטיגען זיך אין אנ'עצה, זענען זיי פריי זיך צו ווענדען צו די בירגער 1-טע קלאסע אדער צו די בירגער 2-טע קלאסע.

8) טאמער געפעלט זיי עפיס ניט, זענען זיי פריי צו דענקען וועגען דעם וואס זיי ווילען. און אזוי ווייטער.

עס פערשטעהט זיך, אז די אפאזיציע האט דעם „בורזשואזנעם“ פראיעקט פערווארפען מיט פולע אייער. די אפאזיציע מיינט מען דעם סטודענט מיט'ן שווארצען העמדעל, אדער ווי מיר האבען איהם א נאמען געגעבען: דער „סאציאליסט“. ער האט צושלאגען אויך דעם „היפאקריטישען“ פראיעקט פונ'ם ארטאדאקס, וואס האט ארויסגעשטעלט אינ'ם ערשטען פונקט דעם „הייליגען שבת“. ער האט פערווארפען אויך די אלע איבריגע פראיעקטען, אויף יעדען איינציגען אויסגעזוכט אנ'אנדער חסרון: דער איז צו „נאציאנאליסטיש“, דער איז צו „מאטעריאליסטיש“. די צוויי קאנסטיטוציעס פונ'ם ציוניסט מיט'ן טעריטאריאליסט האט ער געמאכט אויסצודרעהען, און האט אויפגעגעבען זיין איינענעם „סאציאליסטישען“ פראיעקט. ארויסגענומען פון אלע בעסטע קאנסטיטוציעס פון אייראפא און אמעריקא.

ליידער איז אבער דער פראיעקט אויך דורכגעפאלען, נישט אזוי צוליעב דעם וואס די סאציאליסטישע קאנסטיטוציע איז געווען אזוי שלעכט, ווי צוליעב דעם, וואס יעדען פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען האט זיך זעהר געוואלט, אז נאר זיין קאנסטיטוציע זאל דורכגעהן. ביז עס איז געקומען צום שריפטשטעלער, דאס הייסט, צום פערפאסער פון די דאזיגע בעשרייבונגען.

דער לעזער האט שוין געהאט די געלעגענהייט וויפיל מאל זיך צו איבערצייגען, אז מיר זענען ווייט פון בערידהמעריי. נאר דארט, וואו מען שרייבט אמת'ע, ניט קיין אויסגעטראכטע, געשיכטען, טאר מען קיין זאך נישט פערלייקענען. איך מוז אייך זאגען, אז מיין פראיעקט איז אנגענומען געווארען מיט גרויס ענטהוזיאזם און זעלטענעם אפלויז, נישט מחמת ער איז געווען אזוי אריגינעל, נאר איבער אנאנדער זאך. איך, פערשטעהט איהר מיך, בין דערגאנגען א סוד, אז אויב איהר ווילט זיין פאפולער אין דער וועלט מוזט איהר יוצא זיין לכל הדעות, דאס הייסט חלילה קיינעם ניט שמייכלען, נאר קיינעם ניט אנגרייפען, נישט אנריהרען חלילה קיינעמ'ס כבוד. גלויבט מיר, ליעבער פריינד, איך האב עס ניט אויסגעזויגען פונ'ם פינגער, איך זאג עס פון מיין ערפאהרונג, וואס איך האב זיך אנגעזעהען און אנגעהערט אין דער גאנצער צייט וואס איך האב זיך געפונען אין די 13 פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק. נאך לאנגע נאכדענקענישען און חקירות מיט זיך זעלבסט, בין איך געקומען צו דער פעסטער איבערצייגונג אז וואס מעהר איהר ווילט דורכזעצען אייערע א אידעע, דעסטא מעהר דארפט איהר אננעהמען יעגעמס אידעע, און טאמער וועט איהר זיך איינריידען „קעמפפען" פאר דער אידעע זאלט איהר וויסען, אז איהר וועט קריגען געבראכען די ביינער און די גאנצע וועלט פאר שונאים.

הכלל, אין וואס איז בעשטאנען מיין פראיעקט? מיין פראיעקט איז בעשטאנען אין דעם, אז אלע פראיעקטען פון אלע פרעזידענטען פון אלע דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען זענען גוט, וואהל און שעהן און פיין און מיר זענען מחויב זיי אלע אננעהמען. נאר אזוי ווי ס'איז אונמעגליך אנצונעהמען דרייצעהן קאנסטיטוציעס מיט אמאל, לכן לעג איך פאר מען זאל ארויסנעהמען פון יעדענס פראיעקט איין פונקט און מע זאל מאכען א געמישעכטס, א מין קאמפאט, איך וואלט געזאגט, א צימעס פון קאנסטיטוציעס. דער דאזיגער אריגינעלער פראיעקט איז אזוי געפעלען געווארען דעם עולם, אז ניט נאר מע האט מיך בעשאטען מיט דונערנדע אפלאדיסמענטען, יענער האט געהאלטען פאר א חוב צוגעהן צו מיר און דריקען מיר די האנד און דאנקען פאר די גרויסע נוצען, וואס איך ברענג די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק. איינער פון זיי, עס שיינט מיר, דער אידעאליסט, איז מיר געפאלען אויפ'ן האלז און האט מיך אזש ארומגעהאפט קושען, און אויב עס האט זיך מיר ניט אויסגעוויזען, זענען זיינע אויגען געווען בענעצט מיט טרעהרען... אויך די מאדאם, די

אײנציגע פֿרױ אין די פֿעראײניגטע שטאַטען אױף אונזער אינזעל, איז צוגעגאַנגען צו מיר און מיט זעהר אַ פֿרײנדליך שמײכעלע, װאָס נאָר פֿרױען זענען דערױף פֿעהיג, האָט זי מיך אַ פֿרעג געטהון: אויב איך קלער לאַנג אױף מײנע אידעען, אָדער זײ װערען געבאָרען בײ מיר אין קאָפּ עקספּראָמט, מאָמענטאַל?.. נאַטירליך, האָב איך איהר געענטפֿערט צװײזײטיג, דאָס הײסט, איך האָב איהר ערקלערט, אַז עס קומט מיר אָן אַ געדאַנק, בעטראַכט איך איהם פֿריהער פֿון אַלע זײטען און נאָכדעם ערשט זאָג איך איהם אַרױס מיט אַמאָל, עקספּראָמט... מיט מײן ענטפֿער איז די מאַדאַם, װײזט אױס, געבליבען העכסט צופֿרידען און האָט מיר געשענקט זעהר אַ ליעבליכען חנ'עװדיג שמײכעלע, און אין אײן װעגס האָט זי בעװיעזען איהרע געזונדע שעהנע װײסע צײהן פֿונ'ם בעסטען דאַנטיסט אין פּאַריז בולעװאַרה דעז איטאַליען נאָמעראָ סאַן סואַסאַנט עקנז... (165)

אַצונד איז געבליבען נאָר אײן זאַך: מע זאָל דאָס געמישעכטס, אָדער דעם צימעס פֿון די דרײצעהן קאָנסטיטוציעס אַרױסגעבען אױף פּאַפּיער און פֿערעפֿענטליכען דורך אַ מאַניפֿעסט אָדער אַ צירקולאַר. װי עס פֿיהרט זיך אומעדום אױף דער גאַנצער װעלט. װער זאָל זײן דער פֿערפֿאַסער פֿון דעם מאַניפֿעסט אָדער פֿון דעם צירקולאַר? פֿערשטעהט זיך, אַז איך, דער אײנציגער שריפֿטשטעלער אין די דרײצעהן פֿעראײניגטע שטאַטען פֿון דער ערשטער יודישער רעפּובליק. צײט האָט מען מיר געגעבען דערױף גאַנצע דרײ טאָג. מײנע קאָלעגען האָבען זיך בעגאַנגען מיט מיר זעהר מענשליך. זײ האָבען געזאָגט, אַז מע טאָר אױף אײן מאַן ניט אַרױפֿװאַרפֿען קײן צו פֿיעל אַרבײט. פֿאַר'ן צושײדען זיך האָבען מיר פֿערביסען מיט ניס, באַנאַנעס און פֿערטרונקען מיט פֿרישע ציגענמילך װאָס דער אײנציגער אַרבײטער, אָדער װי מיר האָבען איהם גערופֿען, דער „פּראָלעטאַרי", האָט אונז אונטערגעטראָגען. געװײנטליך, איז דערבײ געהאַלטען געװאָרען אַ פּאָר דרשות. פֿריהער פֿון אַלעמען האָט גערעדט דער קאַפּיטאַליסט. בײדע האָבען זיך, װי אַלע מאָל געשפּיגעװעט מיט װערטער. נאָך איהם האָט „געספּיטשט" דער אַמעריקאַנער, אָדער װי ער האָט זיך געהײסען בײ אונז, דער „אַטעאיסט". ער האָט פֿערלײגט אַ פֿינגער אין דער זײט פֿון זײן קעסטעלדיגע זשילעט און דורכגעפֿיהרט אַ פּאַראַלעל, אַ פֿערגלײכונג צװישען אונזער „קאָנסטיטושאָן" און צװישען דער „קאָנסטיטושאָן" פֿון דהי יונײטער סטײט אָף אַמעריקאַ, און האָט אױסגעלאָזט זײן טאָאַסט מיט פֿאָלגענדע װערטער:

— לײדיס ענד דזשענטעלמען! איך הױב מײן טאָאַסט פֿאַר דער קאָנ־

סטיטושאן אף דהי יונייטער סטייטס אף דהי פוירסט דשואיש רעפובליק אף דהי טהוירטין איילאנד אף איזראיל!

נאך איהם האבען „געשפראכען" נאך א פאר פרעזידענטען, פארשטעהער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, נאטירליך, יעדער פון זיין אייגענעם שטאנדפונקט: דער ציוניסט פון ציוניסטישען, דער טעריטאריאליסט פון טעריטאריאליסטישען שטאנדפונקט, איטליכער האט געפונען דאס, וואס ער האט געזוכט. למשל, דער אסימילאנט, אדער פוילישער יוד פון משה רבינו'ס פאלאקען, האט מיטגעטהיילט די יאסנא=וועלמאזשנע פרעזידענטען זיין צופריעדענהייט, וואס די קאנסטיטוציע פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען דערמאנען איהם אן דעם גרויסען אלטען פוילישען סיים מיט אלע זיינע פיינע סטאטוטען... דאס האט ניט געשאדט דעם נאציאנאליסט צו טרינקען פאר דער טיעפער יודישער נאציאנאליסטישער אידעע, וואס לייכט זיך דורך אין אונזער קאנסטיטוציע... דער לעצטער רעדנער איז געווען, זעלבסטפערשטענדליך, דער פראלעטארי.

און דער עולם איז אויפגעשטאנען, און מען איז שוין גרייט געווען צו געהן אהיים, איטליכער אונטער זיין ווינשטאק און אונטער זיין פייגענבוים,— פלוצים פאלט מיר איין א פראגע צו טהון ביי'ם עולם: אין וואס פאר א לשון זאל געשריבען ווערען דער מאניפעסט, אדער דער צירקולאר פון אונזער קאנסטיטוציע?

ווי א שטיין אז ער פאלט אריין אין וואסער, בעשאפט ארום זיך א ראד נאך א ראד, אהן א שיעור רעדער, אזוי איז געווען די דאזיגע שפראך=פראגע, וואס איך האב אומגערן א ווארף געטהון אין פובליקום. עס האט זיך אויפגעהויבען גאר איבער א נייעס א שטורם, א מלחמה, א קאכעניס, א געשריי מיט א געפילדער ביז'ן הימעל אריין.

וואס עס איז געווארען וועגען די פראגע פון די שפראכען וועל איך אייך ערצעהלען מארגען.

ח.

13 לשונות.

דער אלטער חומש (ביבעל) דערצעהלט אונז א שענע מעשה, ווי אזוי מענשען האבען אמאל פערטראכט צו בויען א טורעם, וואס זאל גרייכען ביז'ן

הימעל, האט דאס גאט פערדראסען, און ער האט אויסגעמישט זייער שפראך, און זיי האבען אויפגעהערט איינעם דעם אנדערען צו פערשטעהן.

דאס זעלבע איז געווען אויך מיט אונז, דרייצעהן ראבינזאנס אויף אונזער „דרייצעהן-אינזעל״, דאכט מיר, אז דרייצעהן מענשען וואס געהערען צו איין פאלק, זיי מעגען זיין פון פערשידענע לענדער, וואלטען געמעגט האבען איין שפראך, זייער אייגענע שפראך. איך שטעל מיר פאר דרייצעהן קינדער פון איין פאטער האבען פערלאזט זייער פאטער'ס הויז, זיך אוועקגעלאזט אין פערשידענע לענדער און זענען אין א צייט ארום געקומען צוריק, ווי אזוי וועלען זיי זיך קאנען אויפרעדען צווישען זיך, אז ניט אויף זייער מוטער-שפראך, אין דער שפראך פון זייער היים? עס וועט דאך זיי ניט איינפאלען אזא משוגעת, אז זיי זאלען רעדען צווישען זיך אויף דרייצעהן פערשידענע שפראכען? איז דען מעגליך, אז יעדער איינציגער פון זיי זאל זיין געצוואונגען צו פערשטעהן אלע דרייצעהן לשונות?...

אט אזעלכע טרויעריגע מחשבות זענען מיר געקומען אויפ'ן זינען אין דער צייט וואס ס'איז ארויסגעשוואומען ביי אונז די פראגע: אין וואסער שפראך עס זאל געשריבען ווערען די קאנסטיטוציע פאר די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפּובליק?

צום ערשטען איז ארויסגעטראטען, ווי אלע מאל דער רייכער פאבריקאנט, אדער ווי ער איז געווען בעארבייט ביי אונז אונטער דעם נאמען „דער קאפּיטאליסט״, א יוד פון די זאגענאנטע דייטשע יהודים (מיט א פתח אונטער דעם יוד). ער האט ארויסגעשפראכען זיין גרויסע בעוואונדערונג, וואס מען האט די שפראך געמאכט ביי אונז פאר א פראגע. ווער ווייסט דאס ניט, האט ער געזאגט, אז אונזער שפראך איז געווען און עס וועט זיין די ריינע, די אלטע, די שענע, די רייכע דייטשע שפראכע? ווי אזוי דען וועלען מיר „שפרעכען״ אז ניט דייטש?

איז אויפגעשטאנען דער שטענדיגער געגנער פונ'ם קאפּיטאליסט, דער סאציאליסט, דאס הייסט דער יודיש-רוסישער סטודענט מיט'ן שווארצען העמדעל, און האט זיך אנגערופען אויף זיין געמישטען יודיש-רוסישען דיאלעקט:

— וואפערוויך (ערשטענס), סאמניעוואיע איך זיך (צווייפעל איך) אויב אלע פערשטעהען וופּאלניע (פאלקאם) די דייטשע שפראך, און וואטאריך (צווייטענס), בין איך אובעזשדיאן (איבערצייגט) אז די באלשינסטווא (מעהרהייט) פון אונזערע סאבראניע (פערזאמלונג) זענען נא סטאראניע (אויף דער

זייט) פון דער רוסישער שפראך, עס איז ביי מיר קאק דוואזשדי דוואַ (ווי צוויי מאל צוויי)!

— פּשעפּראשאם (האט קיין פּאראיבעל)! שפּרינגט ארוים דער אסימילאנט פון משה רבינו'ס פּאַליאַקען. — איך פּראטעסטיר געגען דער שפּראך פון די מאסקאוויטער! מיינע יאסנאוועלמאזשנע קאלעגען פּרעזידענטען זאלען מיר פאלגען, וואלטען זיי אויסגעקליבען נור די פּוילישע שפּראכע, די שפּראכע אויף וועלכער דער גרויסער מיצקיעוויטש האט געשריבען זיין „פּאן טאדעאוש“...

— מערסי באקו (א שענעם דאנק)! — שטעלט אריין איהר ווארט אויך די מאדאם, די איינציגע פרוי אויף אונזער אינזעל. — ווער וועט פערשטעהן אייער מיצקעוויטשעס שפּראך? אונזער שפּראך דארף זיין נאך מיין מיינונג די פראנצויזישע, די דיפּלאמאטישע וועלט=שפּראכע. וואס קען זיין שענער ווי אז מען רעדט פראנצויזיש? אומעטום, וואוהין איהר קומט אין א געזעלשאפט, וואס פאר א שפּראך הערט איהר רעדען? פראנצויזיש. קליינע קינדער אז איהר הויבט אן צו לערנען רעדען, וועלכע שפּראך לערנט איהר זיי? די פראנצויזישע! מעסיע! פּארלע פראנסע, סיל וואו פּלע! מיינע הערען! רעדט פראנצויזיש!

— מיסטער טשערמאן! ליידיעס ענד דזשענטעלמען! — אזוי האט אנגעהויבען דער אמעריקאנער אטעאיסט זיין „ספּיטש“ געלאסען, מיט א פינגער אונטערן קעסטעלדיגען וועסטעל און מיט איין פוס פאררייסען, ווי אלע מאל. — איך וועל אייך בעטען איהר זאלט מיר עקסקיוזען (מוחל זיין), איך וועל פערנעהמען אייער צייט מיט סטאטיסטיק. ביי אונז אין אמעריקא זאגען מיר: טאים איז מאני — צייט איז געלד. ליידיעס ענד דזשענטעלמען! וועלכע שפּראכע ווירד אם מעהרסטען געיוזט (גענוצט) אויף דער וועלט? די ענגלישע! עס איז מעהר ווי בעוואוסט אז דריי פערטעל פון דער גאנצער מענשהייט ספּיקען (רעדען) ענגליש. אונטער זיי רעכענט זיך זעקס הונדערט מיליאן אין דהי יונייטעד סטייטס אף אמעריקא.

— פון וואנען האט זיך גענומען צו אייך זעקס הונדערט מיליאן אין אמעריקא? אויף וויפיל מיר איז בעוואוסט פון דער געאגראפיע צעהלען די פעראייניגטע שטאאטען נישט מעהר ווי...

אזוי האט זיך אנגערופען איינער פון אונז (מיר דאכט, אז דאס בין איך געווען), איך האב געמיינט אז מיין אמעריקאנער וועט ניט וויסען וואו אהינצוטהון זיך פאר בזיון, צום סוף האט ער מיר גאר געמאכט דעם גרעסטען בזיון.

האט א קוק געטהון אויף מיר פון אויבען אראב און נישט ארויסנעהמענדיג דעם פינגער פון דער קעסטעלדיגער זשילעט, מאכט ער צו מיר מיט א שמייכעלע:

מיסטער! איהר וועט מיר עקסקיוזען וואס איך וועל אייך זאגען, נעהמט אייער געאגראפיע און ווארפט זי אריין אין ים אריין. אייער געאגראפיע ווייס אזוי פיעל וויפיעל איהר און איהר אזוי פיעל וויפיעל אייער געאגראפיע. פון וואנען שטאמט אייער געאגראפיע? פון יוראפ? אלל רייט!..

זינט גאט האנדעלט מיט עזות־פנים׳ער האט ער נאך אזא אג׳עזות־פנים נישט בעשאפען. איך האב זיך שיעור נישט בעגראבען אויפ׳ן ארט, ווארום אלע אויגען האבען געקוקט אויף מיר, און אויף אלע פנים׳ער האט זיך צוגאסען א שמייכעלע, עס איז מיר געבליבען נור איין זאך: פערבייסען די ליפען און מאכען א שווייג...

און דער אמעריקאנער דזשענטעלמען האט דערווייל פארטגעזעצט זיין סטאטיסטיק און האט „געספיקט“ וויטער, געשאסען מיט מיליאנען, זיך אפילו קיין קרים ניט געטהון, לויט זיין סטאטיסטישען חשבון האט בעדארפט אויסקומען, אז ארום און ארום זענען פארהאן מענשען אויף דער ערד א מיליארד צוויי הונדערט מיליאן, אונטער זיי צעהלען זיך ענגליש שפרעכענדע אמעריקאנער זעקס הונדערט מיליאן, אין ענגלאנד פיער הונדערט מיליאן, אין אינדיען אכט הונדערט מיליאן, אין אויסטראליען דריי הונדערט מיליאן, אין יוראפ און אין אנדערע לענדער צוויי הונדערט מיליאן, סך הכל ארום און ארום זענען ענגליש־שפרעכענדע כמעט צוויי מאל אזוי פיעל וויפיעל עס איז דא מענשען אויף דער גאנצער וועלט... נאכדעם ווי ער איז פערטיג געווארען מיט זיין סטאטיסטיק, האט ער ארייגעלייגט דעם אנדערן פינגער אין דער קעסטעלדיגער זשילעט און האט זיך געווענדעט צו אונז אלעמען מיט׳ן גרעסטען פאטהאס:

— רופט מיר אן נאך אזא שפראך אויף דער גאנצער וועלט, וואס זאל פארמאגען אזא שעקספיר ווי מיר פערמאגען, אזא מילטאן, אזא בייראן!! ליידיס ענד דזשענטעלמען! עס וואלט געוועזען מעהר ווי רעכט, אז מיר, די דרייצעהן פרעזידענטען אף דהי יונייטעד סטייטס אף דהי פוירסט רעפובליק אף איזראיל, זאלען אנערקענען נאר די ענגלישע שפראכע אלס פאליטישע און נאציאנאלע שפראכע.

— נאציאנאלע שפראכע?! — חאפט זיך אויף דער נאציאנאליסט מיט פייער און מאכט מיט דער הענד. — א חרפה און א בושה! ווי שעמען זיך ניט יודען פארצושלאגען אויף זייער אייגענע טעריטאריע מען זאל זיך בענוצען מיט

פרעמדע לשונות אין דער צייט ווען מיר האבען אונזער אייגענע אלטע שענע הייליגע פרעכטיגע שפראך לשון הקודש? א שאנדע און א געלעכטער, אז יודען זאלען נתפעל ווערען פון פרעמדע מיצקעוויטשעס, מילטאנס און בייראנס, און פערגעסען זייערע אייגענע גרויסע דיכטער; וואו איז ישעיהו? וואו איז ירמיהו? וואו איז יחזקאל? און וואו איז חבקוק? איך פרעג אייך, אדרבה, זאגט איהר אליין, וואס איז שענער: צו איך זאל זאגען למשל אויף דעם צובראכענעם פאני לשון:

„די ערשטע אסנאוועס צו דער קאנסטיטוציע פון די דרייצעהן סאיעדיניאנע שטאאטען פון דער פערווי יעווריסקי רעספובליקא“?

צו איך זאל זאגען אויף דער שפייענדיגער ענגלישער שפראכע:

„דהי פוירסט סטעטשיוטס טו דהי פוירסט קאנסטיטושאן אף דהי טהוירטין יונייטער סטייטס אף דהי פוירסט רעפובליק אף איזראיל“?

אדער איך זאל בעסער זאגען אויף אונזער אייגענעם לשון הקודש:

„הסטאטוטים הראשונים של הקאנסטיטוציה הראשונה של שלש עשרה שטאאטים של הרפובליקה הראשונה בישראל?“ איך פרעג אייך, ווי לאנג נאך וועלען מיר זיין שקלאפען, וואס אנערקענען נור דאס וואס ביי יענעם, דערפאר וואס איז ביי יענעם ניט ביי אונז? שעמען דארפען מיר זיך! דרייצעהן זענען מיר אהער ארויסגעווארפען געווארען פונ'ם שיקזאל, דרייצעהן קינדער פון איין פאלק, פון איין גלויבען, דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען האבען מיר דא געגרינדעט, נאר דער האר ווייסט וויפיעל אונז איז באשערט דא צו פערבלייבען! פאר וואס זאלען מיר זיך ניט בעדעפטען אלע דרייצעהן אונטער איין פלאג? פאר וואס זאלען מיר ניט האבען אלע דרייצעהן איין שפראך, אונזער אייגענע הייליגע שפראך, לשון הקודש? מיר אלע דרייצעהן דארפען האבען איין גאט, איין גלויבען, איין תורה, איין שפראך, איין היסטאריע, איין לאנד...

— הידד!!! — האט אונטערגעחאפט דער ציוניסט, און דער אידעאליסט מיט'ן ארטאדאקס האבען איהם אונטערגעהאלטען, און אלע דריי האבען זיי א חאפ געטהון מיט א ניגון אויף א קול, און די מאדאם האט אויך מיטגעזונגען:

עוד לא אבדה תקותנו,
התקוה הנושנה,
לשוב לארץ אבותינו —
לעיר בה דוד ח———נה!

מערקווירדיג! אויף קיינעם האט דאס ליעד ניט געמאכט אזא שלעכטען איינדרוק ווי עס האט געמאכט אויפ'ן טעריטאריאליסט. ער האט זיך פשוט קיין ארט ניט געקענט געפינען. ער איז עטליכע מאל אויפגעשטאנען, זיך אוועקגעזעצט צוריק, און ווידער אויפגעשטאנען און אנגערופען זיך:

— זעהר געעהרטע קאלעגען! עס איז וואר, אז די שפראכפראגע איז אזוי וויכטיג ווי די פראגע פון א טעריטאריע. און אזוי ווי די פראגע פון דער טעריטאריע איז ביי אונז אלס איינס: וואס פאר א טעריטאריע אבי א טעריטאריע, אזוי איז אויך די פראגע פון דער שפראך ביי אונז אלס איינס; וואס פארא שפראך אבי א שפראך. און אום צו מאכען איין עק מיט דעם דיספוט וועגען שפראך און אום עס זאל ניט זיין קיין קנאה שנאה — „מיין שפראך, דיין שפראך“, לייג איך פאר מיר זאלען זיך דא אויסארבייטען גאר א נייע שפראך, איין אלגעמיינע וועלט־שפראך, א מין „וואלאפיוק“, אדער „עספעראנטא“.

— בראוואָ! בראוואָ!

לויט די געשרייען „בראוואָ“ מיט'ן אפלויז, ווייזט אויס, אז דער פראיעקט פונ'ם טעריטאריאליסט וועגען „וואלאפיוק“ אדער „עספעראנטא“ האט ביי'ם עולם שטארק אויסגענומען. אפשר איז זיי דער פראיעקט געפעלען דערפאר, וואס זיי האבען ארויסגעזעהען, אז עס שטעהט זיי פאר א נ'ארבייט. עס וועט דערווייל זיין וואס צו טהון... בעשאפען א נייע שפראך, איין איינענעם וואלאפיוק, בעדארף זיין זעהר איין אנגענעהמע ארבייט. עס איז גאנץ מעגליך, אז מיר וואלטען זיך נאך דעם זעלבען טאג אוועקגעזעצט אלע ביי אונז אין אונזער „פאליטישען קלוב“, דאס הייסט, אויפ'ן בארג אונטער א בוים, און מיר וואלטען זיך גענומען צו דער ארבייט — אויסטראכטען נייע ווערטער מיט נייע נעמען. איז מיר אבער איינגעפאלען א געדאנק, איך זאל אויך זאגען א ווארט. אייגענטליך, אלס שריפטשטעלער וואלט מיר אין דער שפראכפראגע געקומען דאס ערשטע ווארט. איך בין אבער בטבע אזא מענש, וואס איך האב ליעב אומעדום זיין דער לעצטער. איך געה מיט דעם גאנג, אז סאי ביים עסען, סאי ביים רעדען מאכט דער לעצטער תמיד בעסער.

— רבותי! — האב איך מיר אנגערופען איצטיגם מאל אויף פראסט יודיש — איך מוז מיך מודה זיין, אז איך בין איינפערשטאנדען מיט'ן לעצטען רעדנער, מיט'ן טעריטאריאליסט. דאס הייסט, איינפערשטאנדען בין איך, אייגענטליך, מיט אלעמען, נור מיט איהם בין איך נאך מעהר איינפערשטאנדען, ווי מיט אלע אנדערע. פאר אונז, דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען

פֿון דער ערשטער יודישער רעפּובליק, איז ניטאָ קיין בּעסערע, קיין שעהנערע, קיין מעהר פּאסענדע שפּראַך ווי „וואָלאַפּיוק“ אָדער „עספּעראַנטאָ“. איך וויל אייך נאָר מאַכען אַ קליינע בּעמערקונג, אַז אויף אונזער „וואָלאַפּיוק“ דאַרפֿען מיר לאַנג ניט אַרבּייטען. מיר האָבּען איהם שוין אַ פֿאַרטיגען. דאָס איז אונזער יודיש לשון, אונזער פֿאָלקס־שפּראַכע, וואָס מען רופֿט דאָס „זשאַרגאָן“.

— זשאַרגאָן?.. די שמוציגע שול־הויף שפּראַכע?.. צאינה וראינה עברי טייטש?.. דער גדעטאָ־דיאַלעקט?.. גנבה'ש לשון?..

אַזעלכע שפּיץ־ווערטער זענען מיר געפֿלויגען פֿון אַלע זייטען. איך האָבּ דאָס איבּערגעטראָגען גאַנץ רוהיג און האָבּ גערעדט ווייטער:

— איך האָבּ געוואוסט, אַז איהר וועט דאָס זאָגען, איך בּין געווען אָנגעבּרייט דערצו, נאָר עס אַהרט מיך ניט. ווייסט איהר פֿאַרוואָס? ווייל איך ווייס, אַז איהר וועט מיך אויסהערען, וועט איהר זאָגען, אַז איך האָבּ רעכט. לאָמיר קאָרשט גוט בּעטראַכטען, וואָס איז אַזעלכעס וואָלאַפּיוק? וואָלאַפּיוק איז אַ שפּראַך וואָס בּעשטעהט פֿון קורצע ווערטער, האָט ניט קיין גראַמאַטיק און איז לייכט צו שטודירען. וואו האָט איהר נאָך אַזאַ שפּראַך מיט אַזוי פֿיעל קורצע ווערטער ווי אונזער זאָגענאַנטע זשאַרגאָן? אַז מיט איין „עט“, אָדער מיט „בּע“, אָדער מיט „נו“ קאָנט איהר אַרויסזאָגען אַזוי פֿיעל, וואָס אַן אַנדער שפּראַך וואָלט בּיי אייך צוגענומען דערויף מי יודע וויפֿיעל פּלאַץ, און ווער שמועסט פֿון אַזעלכע ווערטער ווי: „נו־נו“, „טע־טע“, „מילא“, „שייך“, „הייסט עס“, „ממה נפשך“ — אַ גאַנצע קאָנווערזאַציאָנס לעקסיקאָן!.. און וואָס גראַמאַטיק אַנבּעטרעפֿט, וועל איך אייך פֿרעגען, וועלכע שפּראַך איז נאָך אַזוי צופּאַהרען מיט דער גראַמאַטיק, ווי אונזער זשאַרגאָן? און וועגען דעם עס זאָל זיין לייכט צו שטודירען איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען. וואָס קען זיין נאָך לייכטער ווי צו ערלערנען אַ שפּראַך, וואָס מען פֿאַרשפּאָרט זי גאָר שטודירען? עס איז דאָך טאַקי לעכערליך! ווער פֿון אונז דרייצעהן אויף אונזער אינזעל פֿערשטעהט ניט קיין יודיש? און אומעדום אויף דער גאַנצער וועלט, וואָהין איהר זאָלט ניט קומען קענט איהר ניט רעדען אונטער יודען אויף יודיש? איך אַליין קען מיך בּערידמען, האָבּ דורכגערייזט אַ וועלט מיט מיין זשאַרגאָן, געווען שוין אין אַמעריקאַ אויך, און דאַנקען גאָט, מען האָט אומעדום געלאַכט, אַ סימן אַז מען האָט מיך פֿערשטאַנען... אַלזאָ, רבותי, אונזער שפּראַך איז

וואלאפיוק, און אונזער וואלאפיוק איז אונזער יודיש, אונזער פאלקס=שפראכע. עס לעבע דאס פאלק! עס לעבע די פאלקס=שפראכע! הורראַ!

— הורראַ! — האבען אונטערגעכאפט דריי פערטעל פון אונזער פערזאמלונג. אבגעשוויגען האבען צוויי: דער קאפיטאליסט און דער אסימילאנט, און דער אמעריקאנער עזות=פנים איז ניט יוצא געווען מיט אבשווייגען אליין. ער האט געפונען פאר נויטהיג אריינלעגען צוויי פינגער אין מויל און אויספייפען מיך, ווי נאט האט געבאטען. איך האב איהם אבער געהערט מיט'ן קאטער. מיין פראיעקט וועגען „יודישען וואלאפיוק“ איז אנגענומען געווארען מיט דעם גרעסטען אפלויז. דער פראסטער מענש, אדער ווי ער הייסט ביי אונז, דער פראלעטארי, איז צוגעגאנגען צו מיר און האט מיר לאנג=לאנג געטרייסעלט מיין האנד און געדאנקט.

באלד נאכדעם האט זיך אנגעהויבען א שפארעריי, וואסער זשארגאן מיר זאלען געברויכען? און אט דא הויבט זיך ערשט אן די רעכטע חתונה. יעדער האט זיך געמעלדעט צום ווארט. פריהער פון אלע האט גערעדט, ווי געוועהנליך, דער קאפיטאליסט. ער האט ארויסגעזאגט זיין מיינונג, אז ווי באלד שוין יא זשארגאן, זאל ער חאטש זיין ריין, אויסגעפיינט בעפוצט מיט ריינע דייטשע ווערטער, מיט מעהר פתח'ן ווי קמץ'ן. אנשטאט „וואס“ זאל זיין „וואַס“, און אנשטאט „דאס“ — „דאַס“. מיט פתח'ן וועהט דאס אויס פיעל שעהנער... זעלבסטפערשטענדליך, אז איהם האט באלד איבערגעשפארט דער סאציאליסט. ער האט אויפגעגעבען א „פרעדלאזשעניע“ (פארשלאג), אז יעדער זאל רעדען „פא סוואיעמו“ (ווי ער וויל). דאן איז אויפגעשטאנען דער ארטהאדאקס, דער ליטוואק, און האט אונז געוואלט איינרעדען, אז דער ריינסטער זשארגאן איז דער וואס מען רעדט ביי זיי אין דער ליטא. א ביישפיעל האט ער געבראכט טאקי פון די ווערטער: „וואס“ און „דאס“. ביי אונז זאגט מען אויף וואס — וואס און אויף דאס — דאס, און ביי זיי זאגט מען אויף וואס — וואַס און אויף דאס — דאַס... דער משל מיט'ן „וואס“ און מיט'ן „דאס“ האט אפנים שטארק פערדראסען דעם אסימילאנט, אדער דעם ווארשעווער אינטעליגענט פון משה רבינו'ס פאליאקען. ער האט זיך אויפגעכאפט, ווי אנאבגעבריהטער. דאס גאנצע בלוט איז איהם אריין אין פנים, און ער איז אנגעפאלען אויפ'ן ארטהאדאקס און האט איהם געגעבען וויפיעל ס'איז אין איהם אריין. ער האט איהם געזאגט וואס אין דער קארט: „לאוטוואק“! „צלם קאפ“! „לאבוס“! „פיפערנאטער“! „אקסענהארן“!

„תרנגול“!.. און נאך אזעלכע שארפע ווערטער, וואס איך האב גאר קיין מאל ניט ערווארטעט פון אזא עכטען פאליאק, ער זאל אזוי ווייט זיין א זשארגאניסט!

נאטירליך האבען ביידע צדדים געהאט אנהענגער און געגנער: אייניגע האבען געהאלטען מיט'ן ארטהאדאקס, אז דער אמת'ער זשארגאן איז דער, וואס מען רעדט אין דער ליטא, און אייניגע האבען געהאלטען מיט'ן אסימילאנט, אז דער פיינסטער זשארגאן איז דער, וואס מען רעדט אין פוילין. האט זיך אריינגעמישט, געוועהנליך, אויך דער אטעאיסט, דער עזות מחוצף פנים, און האט געזאגט, אז דער ליטווישער זשארגאן מיט'ן פוילישען זשארגאן טויגען ביידע אויף כפרות. דער אמת'ער זשארגאן איז גאר דער, וועם מען „יוזט“ איהם ביי זיי אין די יונייטער סטייטס אף אמעריקא. ער האט זיך אוועקגעשטעלט אין זיין געוועהנליכער פאזע, דאס הייסט, איין פוס אויפגעהויבען און די הענד אונטער דעם וועסטעל און האט געמאכט א תל פון אונז אלעמען.

— וואס פאר א זשארגאן איז דאס ביי אייך אין יוראפ — האט ער געטענה'ט — אז אלסדינג איז ביי אייך פאפעריק מיט די פיס ארויף? א ליידי הייסט ביי אייך ווייב, א העט הייסט ביי אייך הוט, א וועסט הייסט זשילעט, בוטס הייסען ביי אייך שטיוועל, ראום איז ביי אייך א חדר, פארניטשור איז מעבעל, פיקטשור איז א בילד, פייפער איז גאזעט, מאני איז געלד, פון טשיקען ווערט ביי אייך א הוהן, פון קיטשען א קיך ענד זא ווייטער... הייַנט נעהמט ווי אזוי ספעלט איהר אייערע ניימס (נעמען): דזשעק איז ביי אייך יאנקעל, דזשאן איז ביי אייך יונה, אייב איז אברהם, טשארלי איז חיים, אייק איז מרדכי ענד זא ווייטער, ענד זא ווייטער.

עס פערשטעהט זיך, אז דער „ספיטש“ האט פערדראסען דעם איבריגען עולם, און ניט אזוי דער „ספיטש“ אליין ווי דער טאן מיט וועלכען דער אמעריקאנער דזשענטעלמאן האט זיך ערלויבט צו דיקטירען ווי אזוי מען זאל שרייבען יודיש. דער עולם האט זיך גענומען היצען און שרייען אלץ העכער און העכער, און גאט ווייסט מיט וואס די דעבאטען וואלטען זיך געענדיגט, ווען עס זאל זיך ניט געווען טרעפען א זאנדערבארער צופאל, אנ'אויסערגעוועהנליכע מעשה, וואס האט געמאכט א סוף צו אלע אונזערע דעבאטען און צו אונזערע דרייצעהן פראייניגטע שטאאטען, ווי עס ווערט דערצעהלט ביי אונז אט באלד אין די לעצטע פון אונזערע בעשרייבונגען.

ט.

13 נ ע פ א נ ג ע נ ע.

ווען איך זאל זיין איינער, למשל, ווי ראבינזאן איז אמאל געווען אויף זיין ראבינזאן אינזעל, וואלט איך אייך אויך געקענט דערצעהלען מעשיות, נסים ונפלאות, וואס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, איצט אבער, אז מיר זענען געווען 13 ראבינזאנס אויף איין טעריטאריע, מוז איך זיין שטרענג ווי ווייט מעגליך און איבערגעבען נור אזעלכע פאקטען, וואס האבען זיך באמת מיט אונז געטראפען. איך מוז, הייסט דאס, זיין אנ'אמתר מענש, אפשר קענען מיין ווילען, ווייל איך בין איבערצייגט, אז מיינע אלע צוועלף קאלעגען לייענען געוויס מיינע בעשרייבונגען, און לאם איך פרואווען דערציילען עפים א זאך פון מיין אייגענער פאנטאזיע וועט געוויס איינער פון זיי זיך אברופען און וועט מיר מאכען דעם גרעסטען סקאנדאל...

אינ'ם נאמען פון מיינע אויבען דערמאנטע קאלעגען און אין מיין אייגענעם נאמען, מוז איך מיך מודה זיין, אז מיר, די דרייצעהן ראבינזאנס, אויף די „דרייצעהן אינזעל" האבען געמאכט א גרויסען פעהלער, און אט ווי מיר האבען זיך בענארעשט: ווי באלד דער ים האט אונז ארויסגעווארפען און מיר האבען זיך אביסעל ארומגעקוקט, האבען מיר בעדארפט, אייגענט־ליך, יעדער בעזונדער אדער אלע דרייצעהן אין איינעם, זיך לאזען אויס־פארשען דעם באדען וואו מיר געפינען זיך. אויסגעהן דאס לאנד אין דער לענג און אין דער ברייט. אפשר וועלען מיר געפינען א שפור פון מענשען, בהמות, חיות און עופות, נישט פערלאזען זיך אויף נסים, אויף באנאנעם מיט ניס, וואס וואקסען אויף די בוימער, און אויף ציעגען, וואס וועלען צו אונז פערבלאנדזשען און בעטען זיך מען זאל זיי מעלקען... קוים זענען מיר דרייצעהן, ניט איינער, זענען מיר דאך שוין עפים א שטיקעל קראפט, וואס קאן בעשטעהן קענען אנ'איבערפאל, א בייז בעגעגעניש, אדער אזוי אנ־אומגליק... יא, וואס קומט אבער ארויס פון אונזער איצטיגען פילאזאפירען: „זאלט איך, וואלט איך"? דאס אלטע שפריכווארט זאגט: „דער שכל קומט נאך די יאהרען" — אלע ווייסען דאס און קיינער ווערט דערפון ניט קליגער. מיר דרייצעהן ראבינזאנס, דרייצעהן פארשטעהער פון די דרייצעהן פער־אייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק, האבען זיך גע־פיהלט אויף אונזער אינזעל אזוי פעסט בעל־הבתיש, אז ס'איז אבגעגאנ־גען נור קאפוועהטאג, איך האב געוואלט זאגען פאליטיק. טאג ווי נאכט זע־

גען מיר געוועזען פערנומען מיט אונזער ארגאניזאציע. אויסארבייטען אן אנשטענדיגע קאנסטיטוציע, אט דאס איז געוועזען דער עיקר, די הויפט זאך פון אונזער עקזיסטענץ. און האבען מיר זיך אריינגעלאזען אין פאליטיק, אזוי זענען מיר, ווי אלע פאליטיקער פערשכור'ט געווארען און געהערט די גאנצע וועלט ווי דעם פאראיאהריגען שניי. עס האט זיך אונז אויסגעוויזען, אז די גאנצע וועלט — דאס איז אונזער אינזעל, אונזער טעריטאריע, אונזער קליינטשקע יודישע רעפובליק. אויסער אונז דרייצעהן פרעזידענטען פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, איז שוין מעהר קיינער ניטא אויף דער וועלט...

איבעריגענס זענען אלע מענשען אזוי. איטליכען מאלט זיך אויס אז נאר צוליעב איהם האט גאט בעשאפען די וועלט, צוליעב איהם אליין איבערגעצויגען זי מיט א בלויען הימעל, פון זיין כבוד וועגען אריינגעזעצט א זון מיט א לבנה מיט שטערען, בעדעקט די ערד מיט גראז, מיט ברויט, מיט בלומען און מיט בוימער; פון זיין הנאה וועגען צונויפגעטריעבען בהמות, חיות און עופות אויף דער ערד און פיש אין וואסער, און אזוי ווייטער. אז ס'איז פארהאן אויף דער וועלט נאך עמיצער, וואס בעדארף פון איהר געניסען — דאס וויל קיינער ניט וויסען. מענשען האבען זיך איינגעטהיילט אין משפחות, געזעלשאפטען, קעניגרייכען, מדינות, אימפעריעס, שטאאטען, קאנסטיטוציעס, רעפובליקען, און יעדער פון זיי ווייסט נור זיך און ווייטער קיינעם ניט. אויך מיר, דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק האבען זיך פערשלאפען אין אונזער וועלטעל, אריינגעטהאן מיט הענד און פיס אין אונזערע אייגענע אינטערעסען, ניט געוואלט וויסען וואס אויף יענער זייט בארג טהוט זיך. ווער פון אונז האט זיך געקאנט ריכטען, אז אויף יענער זייט בארג געפינט זיך א גאנצער ישוב פון מענשען, וואס זיצען דא גאט ווייסט פון ווען אן, אפשר נאך מששת ימי בראשית? ווער פון אונז האט זיך געקאנט ריכטען, אז אויף יענער זייט בארג געפינען זיך זיצונגען, הייזער, געביידעס, גרויסארטיגע פאלאסטען און ארימע שטיבלעך, פרעכטיגע גערטנער און פינסטערע טורמעס? ווער פון אונז האט זיך געקאנט ריכטען אז אויף יענער זייט בארג שפריצט דאס לעבען ווי א קוואל, עס קאכט און עס זידט ווי אין א קעסעל, מענשען לויפען־קויפען, האנדלען־וואנדלען, יאגען זיך און שלאגען זיך, ליעבען זיך און האסען זיך, קושען זיך און קריגען זיך, הוליען און הארעווען, פרייען זיך און וויינען, טאנצען און קריינקען, עסען און הונגערען דאווענע

און זינדיגען, בענטשען און שעלטען, לעבען און שטארבען, ווי אומעטום אויף דער גאנצער וועלט?

דער ערשטער, וואס האט אונז געקלאפט אין קאפ אריין אז מיר געפינען זיך אין א פלאץ פון לעבעדיגע בעשעפעניש'ען, איז געווען אונזער ארבייטער, דוקא דער פראסטער בעל מלאכה, וואס מיר האבען איהם א נאמען געגעבען „דער פראלעטארי". ניט איינמאל פלעגט ער אונז דערצעהלען, אז פון יענער זייט בארג הערט ער שיסען. נאטירליך, האבען מיר איהם אויסגעלאכט. וואס א פראסטען מענשען קאן זיך אויסווייזען!

איינמאל איז ער געקומען צו אונז מיט א פזמון: עס פעהלען איהם ציעגען! איז דאס אונז מן הסתם אין איין אויער אריין, פונ'ם אנדערען ארויס. א פראסטער מענש. ער ווייסט ניט אז די טבע פון א ציעג איז געהן אין שאדען... אין עטליכע טעג ארום קומט ער צוגעהן מיט א נייעס. „וואס איז ווייטער?" — „די ציעגען האבען זיך געפונען". — „מזל טוב!" — „נישט דאס", זאגט ער, איז דער עיקר. — „וואס דען איז דער עיקר?" — „וואס דען איז דער עיקר?" „דער עיקר איז, זאגט ער, מיט רויטע בענדלעך אויף די הערנער". — „וואס זשע איז דערפון געדרונגען?" — „איז דערפון געדרונגען, זאגט ער, אז די ציעגען זענען געווען אין דער היים און זענען אנגעבונדען געווארען, זאגט ער, מיט רויטע בענדלעך פון זייערע בעלי בתים".

איך ווייס ניט וואס איז געווען אין דעם אזוי לאכעדיגס, נאר עס איז אנגעפאלען אויף אונז אלעמען אזא געלעכטער, אז מיר זענען שיער ניט צוזעצט געווארען. א פראסטער מענש איז אייך קיין קאטאוועס ניט!..

איין מאל קומט ער צוגעהן מיט א נייעם ליגען: אימיצער טרינקט אויס די מילך בייננאכט. „א ניט גוטער!" — זאגט איינער אין א שפאס. „ניט קיין ריינע זאך" — זאגט דער אנדערער, און אלע קוקען מיר זיך איבער מיט א געלעכטער: „דאס פאלק איז נאך געווען אבערגלויביג"... א פראסטער מענש גלויבט אייך אן אלע נארישקייטען"...

איך ווייס ניט פאר וואס, נאר צו מיר האט דער „פראסטער מענש" געהאט מעהר צוטרויען ווי צו אלעמען. מיר האט ער איבערגעגעבען בסוד סודות, אז ביינאכט הערט ער טריט. ער שווערט מיט כל השבועות, אז שוין פון עטליכע טעג, אז ער געהט ארויס גאנץ פריה אויף דער ארבייט, בעמערקט ער פרישע טריט אויפ'ן גראז. אלע נאכט פעהלט עפים א זאך: אדער מע טרינקט ביי איהם אויס די מילך, אדער מען עסט אויף העכער האלב באנאנעס, אדער מע שלעפט ארויס א גאנצען לאנטוך ניס. פון א

צייט, זאגט ער, אז ער בעמערקט א גנב, נאר ער קען איהם ניט חאפען!.. דעם אמת געזאגט, האב איך אליין אויך ווינציג געגלויבט דעם פראלעטאריס מעשיות. ווינציגער פון מיר האבען געגלויבט מיינע קאלעגען. קיינער האט זיך אפילו ניט צוגעהערט צו די אלע פזמונות. ווען האט מען צייט געהאט זיך צוהערען, אז מען איז געווען פערטראגען שטענדיג אין פאליטיק? ובפרט נאך אין דער לעצטער צייט, בשעת מיר האבען געהאלטען סאמע אין דער רעכטער ארבייט פון „קאמפאניע", פון וועהלען א פרעזידענט אויף די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען. די לעזער, וואס זענען בעקאנט מיט אונזערע פריהערינע בעשרייבונגען, ווייסען מיט וואס די „קאמפאניע" האט זיך געענדיגט. זי האט זיך געענדיגט, דאנקען גאט גוט: מיר, אלע דרייצעהן ראבינזאנס, זענען געווארען פרעזידענטען. דרייצעהן שטאאטען, דרייצעהן פרעזידענטען. אין אזא פאל האבען שוין קיין קריגערייען מיט צאנקערייען, מיט פערדראס, מיט קנאה=שנאה ניט געקענט זיין. עס איז געבליבען ביי אונז נאר איין זאך: אויסארבייטען א קאנסטיטוציע פאר די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען — און פארטיג. — איז דאך אבער ארויס א שטיקעל סכסוך: יעדער איז געקומען מיט זיין פלאטפארמע, מיט זיין קאנסטיטוציע. דרייצעהן פרעזידענטען, דרייצעהן קאנסטיטוציעס. מיר זענען אבער דא אויך דורכגעקומען. מיר האבען אנגענומען אלע דרייצעהן פלאטפארמעס, און האבען ארויסגעצויגען פון אלע דרייצעהן קאנסטיטוציעס דעם תמצית, פון יעדענס קאנסטיטוציע דאס בעסטע, דאס שעהנסטע און דאס פיינסטע, און מיר האבען בעשאפען דערפון א געמישעכטס אדער, ווי איך האב עס דערמאלט אנגערופען, „א צימעס פון קאנסטיטוציעס". עס איז אונז געבליעבען נאך איין קלייניגקייט: ארויסגעבען דאס אויף פאפיער. אט דא איז געעבארען געווארען די „שפראכפראגע": אין וואס פאר א שפראך זאל מען ארויסגעבען דעם מאניפעסט פון דער קאנסטיטוציע? און וואס פאר א לשון זאל ביי אונז זיין די הערשענדע שפראך? נאטירליך איז יעדער געשטאנען פאר זיין שפראך, ווארום ניט קוקענדיג דארויף, וואס מיר זענען אלע דרייצעהן, ניט אויסגערעדט זאל זיין, יודען, דרייצעהן קינדער פון איין פאלק, זענען מיר אבער פון דרייצעהן פערשיעדענע מקומות און לענדער, אויסגעוואקסען צווישען פערשיעדענע פעלקער און געגאשט פון זייערע לשונות. עס האט שוין געהאלטען אזוי ווייט, אז איינער האט פארגעלעגט מיר זאלען זיך בעשאפען א נייע שפראך, אונזער אייגען לשון, א מין „וואלאפיוק" אדער „עספעראנטא". דאן איז אויפגעשטאנען איינער (דער איינער בין איך געווען,

דער שריפטשטעלער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען) און האט ענטדעקט אמעריקא, ער האט געזאגט, אז מיר האבען שוין א פארטיגען וואלאפיוק, דאס איז אונזער יודיש, וואס מען רופט דאס „זשארגאן“. די אידעע האט געהאט ניט ווינציג געגנער, וואס ציטערען פאר'ן ווארט „זשארגאן“, דער רוח חאפט זיי אוועק!.. די אידעע האט אבער געהאט א סך מעהר אנהענגער— און ס'איז געבליבען זשארגאן. און אט דא האט זיך ערשט אנגעהויבען די רעכטע חתונה. וואסער זשארגאן? צי דער ליטווישער זשארגאן, וואס וויל ניט וויסען פון קיין „דער“ „די“ „דאס“ צי דער פוילישער זשארגאן, וואס שלינגט האלבע ווערטער און „פערצעהלט“ א מעשה? צי דער האלב רוסישער דיאלעקט, וואס איז העכער האלב גויעש פאלאווינע רייסיש? למשל: „מיר זאלען וועלען אבראשטשאיען וונימאניע אויף דער עוואלוציע פון אונזער פראלעטאריאט, וואלטען מיר געקומען צו דער אובעזשדעניע, אז מיר זענען א איסקלוטשעניע פון אלע נאראדען אויפ'ן גאנצען זעמנאי שאר!..“ אדער מיר זאלען אננעהמען גאר דעם אמעריקאנישען זשארגאן, וואס אין א פראזע פון צעהן ווערטער קאנט איהר קוים געפינען איין ווארט א יודיש? צום ביישפיעל: „אלע מעמבערס פון אונזער סאסייטי דארפען וואטשען אונזערע אדווערטייזמענטס אין די פייפערס וועגען עלעקטען א נייעם טרעזשורער, ווארום דעם אלטען האט מען געקעטשט אז ער האט ניט גוט אטענדעט זיינע ביזנעס. ער האט די גאנצע קעש אראפגעלאזט צו זיך אין פאקעט, די בילס האט ער פארברענט און אליין איז ער געלעגען דעם גאנצען סיזען אין די קעטסקילס געגעמבעלט אין פינאקעל א. ז. וו.“

ווער עס איז ניט געוועזען בשעת לופטערען די שפראך אין אונזער „פאליטישען קלוב“, דאס הייסט אונטער'ן בוים אויפ'ן בארג פון אונזער „דרייצעהן אינזעל“, דער האט קיינמאל קיין שעהנעס ניט געזעהען. יעדער איינציגער פון אונז איז אזוי ווייט געוועזען איבערצייגט אין דעם, אז נאר ער איז גערעכט, נאר ער פערשטעהט, און דער אנדערער פערשטעהט לחלוטין גאר ניט, אז מען איז גרייט געוועזען איינס דאס אנדערע נאר דורם זיין, דערשטיקען, צורייסען אויף שטיקלאך, פערברענען, אריינווארפען אין ים אריין, אדער אלע זאכען איינאיינעם! פלוצים...

. . . .

מיר ווייסען ניט פון וואנען עס וואקסט אויס פאר אונזערע אויגען אן'אומבעקאנטער פארשוין, און באלד נעבען איהם נאך איינער און נאך איינער — משונה מאדנע ברואים, צווישען זיי געזונדע מיט הויכע היטלען, מיט לאנגע בייטשען, א פנים, פאסטוכער, מיט בייזע פנים'ער און מיט לאנגע בערד — זעהען אויס ווי די ווילדע טערקישע באשיבוזוקען, וואס מען מאלט זיי אויף די בילדער, וואס ווערען פערקויפט אויפ'ן טוק.

וואס מיט אונז איז געווארען, אז מיר האבען דערזעהען פאר זיך אט די באשיבוזוקען, קען זיך דער לעזער לייכט פארשטעלען. אלע האבען מיר זיך אינסטינקטיוו א קעהר געטהון צו אונזער איינציגען בעשיצער אויף אונזער טעריטאריע, „צום פראלעטארי“, וואס זיין גאנץ געוועהר איז בעשטאנען פון א לאנגען שטעקען מיט עטליכע גוטע שטיינדלעך, וואס מען קען מיט זיי לעכערן דעם מח דעם גרעסטען גזלן, ווען ער זאל נאר זיין איינער אליין און זאל זיך לאזען... וואס האבען מיר געקענט מאכען געגען אזא קאמפאניע באשיבוזוקען מיט אזעלכע הויכע היטלען און מיט אזעלכע לאנגע בייטשען, וואס זענען אונז בעפאלען אזוי פלוצים, ניט צו געבען וויסען, אז זיי געהען אויף אונז?.. מיר האבען געטהון דאס אייגענע, וואס דער גרויסער נאפאלעאן האט געטהון אינ'ם יאהר 1812, בשעת ער האט דערזעהן אז ער האט זיך אריינגעחאפט אין א מיאוס לאנד... אדער דאס, וואס דער בערימהטער אדמיראל ראזשדעזסטווענסקי האט געטהון ביי צוסימא, אז ער האט דערזעהען אז ער האלט שמאל מיט די לעצטע עטליכע שיפלאך פון זיין פלאט... דער גאנצער חלוק איז נאר געווען דער, וואס נאפאלעאן און ראזשדעסטווענסקי זענען געקומען צום שכל ערשט דאן, ווען מען האט זיי געהאט גוט דורכגעבראכען די ביינער, און מיר, די דרייצעהן פרעזידענטען פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, האבען באלד אוועקגעלייגט דאס געוועהר און איבערגעגעבען זיך אין די הענד פונ'ם שונא...

דער ערשטער איז ארויסגעטראטען, ווי אלע מאל, דער רייכער פאבריקאנט, אדער ווי ער איז פערבליבען ביי אונז אונטער'ן נאמען, „דער קאפיטאליסט“. דער דאזיגער אריסטאקראט האט זיך געווענדעט צו די באשיבוזוקען גאנץ העפליך אויף זיין הויכדייטשען דיאלעקט און געפרעגט ביי זיי, ווער זענען זיי און וואס איז אייגענטליך זייער בעגעהר? אויב עס האנדעלט זיך אום געלד, קאנטריבוציע, קען ער זיי אויסשטעלען א טשעק אויף בערלין, פאריז, לאנדאן, סאנקט פעטערסבורג... די גאנצע רעדע וועגען קאנטריבוציע איז געווען ארויסגעווארפען מחמת די ווילדע באשיבוזוקען האבען

אַ פּנים ווינציג וואָס פֿערשטאַנען דײַטש... איז אַרויסגעטראָטען דער סאָציאַליסט, דער רוסיש־יודישער סטודענט מיט'ן שוואַרצען העמדעל, און האָט זיך אָנגערופֿען צו זיי אויף זײַן רוסיש לשון, קורץ און שאַרף:

— טשטאָ נאַדאָ (וואָס דאַרפֿט איהר)?

— וואָס רעדט איהר צו זיי אויף אַזאַ באַרבאַרישע שפּראַכע? — האָט זיך אָנגערופֿען דער אַמעריקאַנער דזשענטעלמען, דער אַטעאיסט, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגען זיי אויף זײַן אַמעריקאַנישען שטייגער, דאָס הייסט, מיט די גראָבע פֿינגער אונטער דער קעסטעלדיגער וועסט און האָט געגעבען אַ רעד צו זיי אויף ענגליש, געהאַלטען אַ גאַנצען „ספּיטש“, פֿון וועלכען איך האָב געקענט חאַפּען נאָר צוויי ווערטער: „דזשענטעלמען“ און „דאָלאַרס“...

די באַשיבּוזוקען זענען די גאַנצע צײַט געשטאַנען מיט אָפֿענע מײַלער, זיך איבערגעקוקט און געטראַכט זיך אַ פּנים בשעת מעשה: „אַ מענש שפּײַט און מיינט אַז ער רעדט!..“ דאַן איז אַרויסגעטראָטען די מאַדאַם, די איינציגע פֿרוי אויף אונזער אינזעל, מיט איהר דיפּלאָמאַטישע שפּראַכע „פֿראַנצויזיש“. די באַשיבּוזוקען האָבען בעטראַכט אונזער מאַדאַם, זיך דורכגעקוקט מיט אַ שמייכעלע. וואָס דאָס שמייכעלע האָט בעדײַט — ווייס איך ניט, נאָר אַז די בעשיבּוזוקען האָבען ניט פֿערשטאַנען איהר פֿראַנצויזיש — דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג, וואָרום זיי האָבען זי איבערגעשלאָגען סאַמע אין מיטען, אַ ווײַז געטהון אויף די ציגען און עפּיס געבעלעבעטשעט צו אונז אויף אַזאַ לשון, וואָס נאָר אַזעלכע באַשיבּוזוקען ווי זיי קאָנען עס פֿערשטעהן. זיי האָבען געטרייסעלט מיט די לאַנגע בערד און האָבען געזאָגט: „בנגאַ זיאַ ראַטאַי גאַלפּאַ“... זײַט אַ חכם און טרעפֿט וואָס דאָס הייסט!.. געשטויסען האָבען מיר זיך, אַז דאָ רעדט מען צו אונז וועגען פֿרעמדע ציגען, וואָס מיר האָבען זיי אַוועקגעלאַטכענט...

— ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? רופֿט זיך אָן אונזער נאַציאָנאַליסט — פֿון וואַנען ווייסען מיר, אַז זיי זענען ניט די זעלבע וואָס מיר, אַחינו בני ישראל?... — איך האָב אַמאָל געלייענט אַ בעשרײַבונג איבער אַזעלכע מינים יודען ערגיץ אויף קאַווקאַז... זיי געהערען אָנגעטהון כלומר'שט ווי באַשיבּוזוקען, נאָר מען ווייסט פֿאַר געווים, אַז זיי זענען גע'מל'ט און זייער שפּראַך איז לשון קודש. אפשר וואָלט איך מיט זיי אַ רעדע געטהון בלשון עברי? האַ?

— אדרבה, אדרבה! — חאפען אונטער דער ציוניסט מיט'ן ארטאדאקס מיט נאך איינעם.

און דער נאציאנאליסט איז צוגעגאנגען צום עלטסטען פון די באשיבוזוקען מיט א גאנצע מליצה, ארויסגענומען פון יום=טוב'דיגע מחזורים און תפילות.

— אנא ברחמיך הרבים! אל נא תשית עלינו חטאת אשר לא נואלנו ואשר לא חטאנו. מודים אנחנו לך... אבל שא נא לפשע עבדיך, הט אזנך ושמע! עינינו לך תלויות עד שתחננו ותוציא כאור משפטנו...

עס ווייזט אויס, אז די קאווקאזער באשיבוזוקען האבען פון דער שענער מליצה פערשטאנען ניט מעהר אלס אנ'ענגלישער רעווערענד, אדער ווי א רוסישער קאזיאנע ראבינער אין א קליין שטעדטיל... זיי האבען אויסגעהערט די מליצה כמעט ביז'ן סוף און האבען אונז א וויז געטהון ווידער א מאל אויף די ציינער און ווידער אמאל א זאג געטהון אויף זייער ווילדע שפראך:

„בננא זיא ראטאי גאלפא..." נאכדעם האבען זיי געגעבען א קנאק מיט די לאנגע בייטשען אין דער לופטען און א זאג געטהון: „היידא!" מיר האבען פערשטאנען, אז מע הייסט אונז געהן.

אין אנ'אנדער צייט וואלטען מיר געוויס אבגעהאלטען א זיצונג וועגען דער פראגע: מי ומי ההולכים? ווער זאל געהן פריהער? איצטיגס מאל האבען מיר ניט געוואלט מאכען קיין לאנגע שיהות, און אגב האבען מיר טאקי מורא געהאט מע זאל אונז ניט זאגען נאך אמאל, און מיר האבען זיך אלע דרייצעהן געפאנגענע אנגענומען מיט האר'ץ און האבען זיך געלאזט געהן מיט די באשיבוזוקען און מיט דער גאנצער טשערעדע ציגען בארג ארויף.

געגאנגען זענען מיר, ווי מע זאגט, וואלד איין, וואלד אויס, יעדער פערטיעפט אין זיינע געדאנקען. וואס אנדערע האבען געטראכט קאן איך אייך ניט זאגען. מיר איז געקומען אויף דער מחשבה יענע שענע געשיכטע, וואס איך האב געלעזען אויפ'ן שיף, ווי אזוי דער קאפיטאן האריבאבא האט זיך אוועקגעלאזט נאך דיאמאנטען און האט פערבלאנדזעט אויף דער אינזעל קוקורוזא, דארט וואו עס געפינען זיך די ווילדע פראים פונ'ם שבט טאראטוטא, וואס עסען מענשען.

פארהאן א שפריכווארט: „חרטה האבען איז קיינמאל ניט צו שפעט". איך זאג עס אקעגען דער געשיכטע פונ'ם קאפיטאן „האריבאבא". דיעזע שענע העכסט אינטערעסאנטע געשיכטע איז, ווי איך האב אייך שוין אמאל

געזאגט, פערפאסט, געדרוקט און ארויסגעגעבען דארט וואו אלע שענע העכסט אינטערעסאנטע געשיכטען, דאס הייסט, אין אמעריקא. פאראן מענשען, וואס האבען נישט קיין צוטרויען צו די דאזיגע שענע העכסט אינטערעסאנטע געשיכטען. איך בין זיך מודה, אז איך בין געוועזען איינער פון די דאזיגע. איצט אבער, אז מיט מיר אליין האט זיך געקאנט טרעפען אזא געשיכטע, שלאג איך מיך אין הארצען על חטא און האב חרטה. פון היינט אן און וויטער גלויב איך שוין אלסדינג, וואס דארטען שטעהט געשריבען... אמת, די קאווקאזער באשיבזוקען האבען אונז נישט געבונדען, נישט געלעגט אויפ'ן פייער און נישט געמאכט פון אונז קיין ביפשטעקס. ווי יענע ווילדע מענשען פונ'ם שבט טאראטוטא, וואס שטעהט בעשריבען אין דער העכסט אינטערעסאנטער געשיכטע, וואס איז פערפאסט, געדרוקט און הערויסגע־געבען געווארען אין אמעריקא. דאס אלעס האט דאך אבער געקאנט זיין. ווער האט זיי געשטערט, למשל, זיי זאלען פון די דרייצעהן פרעזידענטען פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען מאכען זיך א געבראטענס, אריינשטעקען יעדען פון אונז פרידער א שפיזז אין הארצען אריין און פלעסקען, טאנ־צען ארום אונז און זינגען ווילדע ניגונים, ווי יענע ווילדע מענשען, וואס פון שבט טאראטוטא? אודאי האט יעדער פון אונז ביי זיך אין הארצען געבענשט גומל אלע מינוט, אלע רגע, אז ער האט געפיהלט, אז ער לעבט נאך... און מיר זענען געגאנגען שטיל, אראבגעלאזענע קעפ, נישט אויסצורעדען א ווארט צווישען זיך... וואהין מיר געהען האבען מיר ניט געוואוסט. מיר האבען נאר געזעהען, אז מע טרייבט אונז ערגיץ, גאט וויים וואוהין!..

י.

דער סוף פון די 13.

א וועלט איז ניט משוגע. אז די וועלט האט אנגענומען אז דרייצעהן איז א שלעכטער מספר, איז מסתמא דערינען עפיס פאראן. איך למשל, קען אזעלכע מענשען, וואס וועלען זיך ניט בעזעצען אין א הויז נומער 13, איהר זאלט זיי אפגילטען! דעם דרייצעהנטען טאג אין חודש וועלען זיי אייך ניט ארויספאהרען פון דער היים פאר קיין געלד ניט! האבען דרייצעהן קינדער, האלטען זיי, איז א אונגליק! איך האלט אויך אזוי. איך האב א סימן פון אונז דרייצעהן, ווי אזוי עס איז אונז געגאנגען שלים־שלימ־מזל פונ'ם אנהויב ביז'ן סוף.

אין דער ערשטער מינוט, אז מיר האבען זיך בעקענט אויפ'ן שיף, זענען מיר געוועזען דרייצעהן. נאכדעם, אז עס האט זיך אויפגעהויבען דער שטורם און דאס שיף האט זיך צובראכען און דער ים האט אונז ארויסגעווארפען, זענען מיר געוועזען די זעלבע דרייצעהן וואס אויפ'ן שיף! ארומגעקוקט זיך און דערזעהען אז מיר זענען אויף אן-אונבעקאנטען, אונבעזעצטען פלאץ, דרייצעהן ראבינזאנס אויף איין אינזעל, האבען מיר דעם ארט א נאמען געגעבען „דרייצעהן אינזעל", געגרינדעט דרייצעהן קאלאניעס, זיך פעראייניגט אין דרייצעהן שטאאטען, אויסגעקליבען דרייצעהן פרעזידענטען, אויסגעארבייט דרייצעהן קאנסטיטוציעס אויף דרייצעהן פערשיעדענע לשונות, און דרייצעהן האט מען אונז אין א שעהנעם פריהמארגען געפאנגען! — מיט איינעם ווארט, וואו מיר האבען זיך געגעבען א ריהר, וואו מיר האבען אוועקגעשטעלט א פוס, האבען מיר זיך רק בעגעגענט מיט דעם שלים-מזל'דיגען דרייצעהן!

אמת. מען קען נישט וויסען צי מיר וואלטען געמאכט בעסער, ווען מיר זאלען געוועזען זיין צוועלף אדער פערצעהן. עס קען זיין, אז ווען מיר זאלען זיין צוועלף אדער פערצעהן, וואלטען מיר אפשר געהאט אן ערגערען סוף. וואס זשע מיינט איהר? איז טאקי אז וואהל און גוט צו אונז. דאס ווארט „גם זו לטובה" איז א טהייער ווארט! איך וואלט אייך געקאנט בריינגען איין ביישפיעל נאכ'ן אנדערען, ווי אזוי מענשען האבען זיך גערעטעט דאס לעבען נאר מיט דעם איינעם פסוק „גם זו לטובה", וואלט דאס אבער צוגענומען ביי אונז א סך צייט, און מיר קאנען דאס ניט טהון, ווייל מיר מוזען מאכען א סוף מיט די דרייצעהן.

אלזא, זענען מיר דרייצעהן פרעזידענטען פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, געווארען דרייצעהן מארטירער. ווילדע מענשען, באשיבוזוקען, משונה'דיגע ברואים מיט גרויסע בערד און מיט לאנגע בייטשען, זענען אנגעפאלען אויף אונזערע פריעדליכע קאלאניעס, געבעלעבעטשעט צו אונז אויף א זא לשון, וואס מיר הויבען נישט אן צו פערשטעהן, אונז געבעטען מחילה מיר זאלען געהן אינאיינעם מיט דער טשערעדע ציגען, וואס האבען אונז אזוי געטריי געדיענט מיט זייער מילך אויף אונזער אינזעל, און מיר האבען זיך ניט געשטעלט אנטקעגען. מיר זענען געגאנגען אהין, וואו מען האט אונז געפיהרט, שטיל, מיט אראבגעלאזטע קעפ, ווי די געהארזאמע שעפעלעך, ניט אויסגערעדט צווישען זיך קיין איינציג ווארט אפילו. צו וועמען האט מען אונז געקאנט פערגלייכען? צו די אונגליקליכע פרינצען, וואס מען האט

זיי פערטריבען פון זייער קענינטהום און מען פיהרט זיי אין געפענגניס. אונזער טרויעריגע פערגאנגענהייט איז געלעגען אונטער אונז; אונזער צוקונפט איז געווען איבערגעצויגען מיט א שווארצען פארהאנג — מיר האבען גישט געוואוסט, וואס מיט אונז קען פאסירען נאך איידער די זון וועט אונטערגעהן! דעריבער זענען מיר אלע געווען אזוי אומעטיג, פינסטער ווי די נאכט. שטיל און אומעטיג איז געווען ארום און ארום. עס האבען זיך געלאזט הערען נאר אונזערע אייגענע טריט, דאס מעקען פון די ציגען און דאס קנאקען פון די לאנגע בייטשען פון די ווילדע באשיבוזוקען, וואס האבען אונז אונטערגעטריבען מיר זאלען געהן א ביסעל גיכער.

וויפיעל מיר זענען אזוי געגאנגען קען איך אייך ניט זאגען. יעדענפאלס, ניט מעהר ווי א מייל פינף אדער נאך ווינציגער, און די גאנצע צייט בארג ארויף. לויטער וואלד און לויטער שטיינער, — און זענען מיר נאר ארויס פון וואלד און אריבער אויף יענער זייט בארג, אזוי האבען מיר דערזעהן פאר זיך א נייע וועלט מיט גאסען מיט הייזער, מיט באהנען, מיט פאבריקען און מיט מענשען, מיט לעבעדיגע מענשען. ווי טרויעריג אונזער לאגע איז ניט געווען, האבען מיר דאך דערפרעהט זיך אזוי שטארק, אז מיר זענען גרייט געווען פאלען איינס דאס אנדערע אויפ'ן האלז און צוקושען זיך. וואס מיט אונז זאל ניט פאסירען, דאך האט געלעבט אין אונז א האפנונג, אז סוף כל סוף וועט יעדער פון אונז זיך זעהן, און אפשר נאר אין גיכען, מיט זיין היים, מיט זיינע אייגענע און געטרייע. מיר דרייצעהן ראבינזאנס, זענען שוין אזוי געוואהנט געווען צום שטילען און רוהיגען לעבען אויף יענער זייט בארג, אז דער טומעל מיט דעם רעש פון די באהנען, דאס פייפען מיט'ן קלאפען פון די פאבריקען, דער געפילדער מיט'ן אימפעט פון די מענשען אויף דער זייט בארג, האבען אונז אויסגעוויעזען ווילד, עס האט אונז שעמערירט אין די אויגען, געזשומעט אין די אויערען און פערהאקט דעם קאפ... אז מיר האבען דערזעהן קינדער געהען פון די שולען מיט די רענצלעך אויף די פלייצעס און מיט די ביכלעך אונטער די הענד, האבען זיך אונז געשטעלט טרעהרען אין די אויגען. קיין ספק ניט, אז דאס זענען געווען גוטע טרעהרען, טרעהרען פון פרייד, טרעהרען פון דאנקבארקייט! א קלייניגקייט קינדער! אונזער קומענדיגער דור! אונזער יוגענד!...

און „אונזער יוגענד“, אז זיי האבען דערזעהן דרייצעהן געפאנגענע, אומבעקאנטע פארשוינען, געהען מיט א טשערעדע ציגען צווישען די הויכע באשיבוזוקען מיט די לאנגע בייטשען, האבען זיי זיך אבגעשטעלט און געמאכט

אונז א זעלטענע אוואציע. נישט נאר זיי האבען אונז בעגעגענט מיט א הורא אויף זייער ווילדע באשיבוזוקען שפראך, זיי האבען אונז שוין ניט אבגעלאזט מעהר פון די אויגען און זענען אונז נאכגעגאנגען די גאנצע צייט פוס=טריט, געפייפט און געזונגען מאדנע ליעדער און אויסגעשריגען אלע מאל אויף משונה ווילדע קולות:

— בנגא זיא ראטאי גאלפא!

— בנגא זיא ראטאי גאלפא!

אומעטום ברוך השם, האט די יונגענד אזא קראפט, אז זי ציעהט צו צו זיך אויך די עלטערע. איהר מעגט אייך זיין אפילו ווי גראף לעוו טאלסטאי, קוים דערזעהט איהר אויף דער גאס ווייסע חברה'ניקעס לויפען, ווייסט איהר אז ס'איז מסתמא נישט אומזיסט, און איהר שטעלט זיך אב א קוק טהון, און איידער איהר קוקט זיך ארום, זענט איהר שוין אין קאהן גלייך מיט אלע קונדייסים. דערפון איז צו פערשטעהן, וואס פאר א חאליאסטרע עס האט ארומגערינגעלט אונז, די דרייצעהן געפאנגענע, מיט דער טשערעדע ציגען אין מיטען שטאדט=פלאץ. מיר האבען זיך דעריבער געשעצט גליקליך, אז מע האט אונז אריינגעפיהרט מיט די ציגען ערגיץ אין א הויף אריין און פערשלאסען די טויערן און דערמיט מציל געווען אונז פון דער חאליאסטרע קונדייסים מיט זייערע ווילדע געשרייען: בנגא זיא ראטאי גאלפא!

אין הויף האט מען אונז גאנץ העפליך אויסגעטהון און בעזוכט, צי האבען מיר קיין געוועהר נישט ביי זיך. דערזעהן, אז מע בעגעהט זיך מיט אונז ניט אזוי ווי מע האט זיך בעגאנגען א מאל מיטן קאפיטאן חאריבאבא אויף דער אינזעל קוקורוזא, דארט וואו עס געפונען זיך די מענשען=פרעסער פונ'ם שבט טאראטוטא, האבען מיר אנגעהויבען בעקומען לשון און געפרופט זיך פראטעסטירען. דער ערשטער איז ארוים מיט א שארפען פראטעסט אונזער קאלעגע, דער „סאציאליסט", אויף זיין געמישטען יודיש=רוסישען דיאלעקט. ער האט געטענה'ט, אז ס'איז א גרויסע „סווינסטווא" (שווייגערי) פון זייער „סטראנע" (זייט), וואס זיי „פאזוואליען" (ערלויבען) זיך צו מאכען א „נאסיליע" (געוואלט טהאט) אויף „מירנע" (פריעדליכע) „גראזשדאנעס" (בירגער). אויך דער אמעריקאנער דזשענטעלמען, וואס האט דעם גאנצען טאג געשוויגען ווי א קעצעלע, איז מיט א מאל געווארען שטארק בערעדעוודיג. ער האט געגעבען צו וויסען אויף זיין אמעריקאנישען געמישטען דיאלעקט, אז ער איז נישט גלייך צו אנדערע. ער וועט אנגעבען איין אפליקיישאן (פאפיר) צום אמבאסאדאר (פארשטעהער) פון דהי יונייטעד סטייטס אף אמעריקא, אז

מען האט איהם, איין אמעריקאנער סיטיזען (בירגער) ארויסגעמופט (ארויסגעטריבען) פון זיין קאנטרי (לאנד) און בעגאנגען זיך מיט איהם ווי מיט'ן ערגסטען טרעמפ (שלעפער) און גרעסטען פיקפאקעט (גנב)...

די אלע פראטעסטען האבען אונז אזוי פיעל געהאלפען ווי א טויטען באנקעס. מען האט אונז ארומגעטאפט ווי גאט האט געבאטען, און מען האט אונז אריינגעפיהרט אין א שטוב, א פנים, א געריכטסהויז. דאס האט מען געקענט ארויסזעהן פון די משונה מאדנע זשאנדארמען, וואס מען האט צו אונז צוגעשטעלט. זיי האבען געטראגען מאדנע הויכע היטלען אויף די קעפ, און אויפ'ן ארט וואס אונזערע זשאנדארמען טראגען שווערטען, האבען זיי געהאלטען לאנגע טרייבלעך, אז מען טהוט אייך א זעץ, טהוט אייך ניט אזוי וועה ווי עס גיט א קלונג. איך וויים עס פון מיינע אייגענע ערפאהרונג אויף מיינע אייגענע פלייצעס. איך האב מיך אביסעל פערקוקט אויף א זייט, האט מיך איינער פון זייערע זשאנדארמען מכבד געווען, איך זאל געהן א ביסעל גיכער, ווארום דער טאג שטעהט ניט. עס איז קענטיג געווען, אז זיי האבען זיך געאיילט וואס גיכער מאכען די אונטערזוכונג, שטעלען אונז צום פארהער און אבמשפט'ען אונז לויט די געזעצען פונ'ם דאזיגען ווילדען לאנד.

אריינגעפיהרט האט מען אונז אין זעהר א שעהנעם זאל און אויסגעזעצט האט מען אונז אלע דרייצעהן אויף דרייצעהן וויכע פרעכטיגע שטוהלען, אויף וועלכע מיר זענען שוין לאנג ניט געזעסען. בעגעגענט האט אונז אן אלטער מאן מיט א בעל-הבתיש אויסזעהן און מיט א בלום אויף דער לאץ. דאס איז געווען זייער פרעזידענט אדער גובערנאטאר. ער האט זיך געווענדעט צו אונז אויף זייער ווילדע שפראך מיט א פראגע. דער גובערנאטאר האט אמאל דריי איבערגע'חזר'ט דאס אייגענע און ארויסגעזעהן אז עס וועט גאר ניט זיין דערפון, האט ער געגעבען א קלונג און עפיס א זאג געטהון צו איינעם פון די שענע זשאנדארמען, א פנים מע זאל ברענגען א דאלמעטשער, ווארום עס האט ניט גענומען קיין סך, האט מען געבראכט צו פיהרען א דאלמעטשער. דאס איז געווען א נפש, א שווארציגקער, א קליינטשקער, מיט ברילען, מיט א ליסינע, מיט דינע וואנסעלעך, מיט א לאנגען נאגעל און מיט מאדנע חוואטסקע מאניערען, אן עכטער אייראפעער... פארגעשטעלט האט ער זיך פאר אונז אויף עטליכע שפראכען אלס געלעהרטער, אלס לינגוויסט, וואס פערשטעהט נאך מעהר ווי דרייצעהן לשונות. אזוי האט זיך פאר אונז בערימט דער לינגוויסט. אליין, ווייזט אויס א יוד, ווארום וואו נאך האט איהר אזעלכע מזיקים אויף

דער גאנצער וועלט, א חוץ יודען, וואס זאלען פערשטעהן דרייצעהן שפראך און ניט קענען איינע אנשטענדיג?

עס האט גענומען א היבשע צייט, ביז מיר האבען פערשטאנען דעם לינגוויסט און ביז דער לינגוויסט האט פערשטאנען אונז. פון אלע דרייצעהן לשונות האט זיך אויסגעלאזט, אז אונזער יודישער זשארגאן איז געוועזן פאר איהם דאס גרינגסטע, ווייל אין זשארגאן (אזוי האט אונז געגעבען צו פערשטעהן דער לינגוויסט) געפינען זיך אלע עלעמענטען פון אלע שפראכען פון דער וועלט. והראיה, לאמיר, זאגט ער, נעהמען זייער שפראך, וואס איז שוין פרעמד פון אלע איראפעאישע שפראכען, דאך געפונען זיך אין זייער דיאלעקט א סך ווערטער וואס זענען, זאגט ער, שטארק ענליך מיט אונזער יודיש לשון. צום בייזשפיעל: א כלי וואס מע פרעגעלט אויף איהר קאטלעטען הייסט, זאגט ער, ביי אונז „סקאווראדע", און ביי זיי הייסט דאס אויך סקאווראדע. א כלי וואס מען שארט פייער פונ'ם אויבען, הייסט, זאגט ער, ביי אונז „קאטשערע" און ביי זיי הייסט עס אויך קאטשערע. א מענש, זאגט ער, וואס איז ניט איבעריג קלוג, הייסט ביי אונז „א טפש", און ביי זיי, זאגט ער, הייסט ער אויך „א טפש"... איך ווייס ניט, וואס איז געפעלען פלוצים איינעם פון אונזערע דרייצעהן מארטירער, מיין קאלעגע, וואס ביי אונז האט ער געהייסען „דער נאציאנאליסט", אנצונעמען זיך דער קריוודע פון דער הייליגער שפראך? ער האט זיך געגעבען א חאפ אויף, ווי א מענש, וואס מע האט איהם אנגערירט אין זיינע אייגענע נאהענטע אינטערעסען, און האט אויסגעשריען:

— נישט אמת! „טפש" איז ניט יודיש! „טפש" איז לשון קודש!

דער נאציאנאליסט איז געוועזן ניט איינער. איהם האבען אונטערגעהאלטען נאך צוויי קאלעגען: דער ציוניסט און דער פרומער, וואס מיר האבען איהם א נאמען געגעבען „דער ארטאדאקס". דערזעהן, אז ער האלט שמאל, האט זיך דער לינגוויסט גענומען פערענטפערן, אז ער ווייסט, אז „טפש" איז ניט יודיש, נאר עס מאכט ניט אויס: טפש בלייבט טפש אין אלע שפראכען... ערשט דעמאלט האבען זיך מיינע קאלעגען בערוהיגט און דער פערהער האט זיך אנגעהויבען.

איך רעכען פאר איבעריג איבערצוגעבען דעם לעזער אלע פראגען, וואס מע האט אונז געשטעלט, מיט אלע אנטווארטען, וואס מיר האבען אויף זיי געגעבען. עס וועט זיין גענוג, אז איך וועל דערצעהלען דעם עיקר, איבערגעבען דעם תמצית פונ'ם משפט. מיר זענען געוואהר געווארען, אז לויט די געזעצען פונ'ם לאנד זענען מיר קרימינאלע פערברעכער און מע בעשולדיגט אונז אין

דריי פונקטען: 1) מיר זענען שפיאָנען, וואָס זענען געקומען אויסזעהן דאָס לאַנד. 2) מיר האָבען פערכאַפּט אַ פרעמדע טעריטאָריע. 3) מיר האָבען פערנאַרט אַ טשערערע מיט פרעמדע ציגען און בענוצט זיך מיט פרעמדע מילך...!

וואָס פאַר אַ שטראָף אונז קאָן קומען פאַר אַזעלכע דריי פערברעכענס — האָבען מיר נאַטירליך, ניט געוואוסט. נאָר פערשטאַנען האָבען מיר, אַז קיין האָניג וועלען מיר שוין דאָ געוויס נישט לעקען. ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ שטראָף מע קאָן ביי די פראים בעקומען? ערגער פון אַלס איז געווען דאָס, וואָס מע האָט אונז אָנגענומען אַלס שפיאָנען. מיט שפיאָנען בעגעהט מען זיך אפילו ביי אונז אין די ציוויליזירטע לענדער באַרבאַריש, ובפרט נאָך אין אַזאַ באַרבאַרישע מדינה, וואָס אַנשטאט טורמעס מיט קאַזעמאַטען איז ביי זיי אַ ברייטער רייניער הויף, און אויפ'ן אָרט פון ריכטער מיט פראָקוראָרען מיט עקזעקוטערס זיצט דער גובערנאַטאָר אַליין. געליינענט האָב איך וויפיעל מאָל, אַז מיט שפיאָנען מאַכען די ווילדע פעלקער קיין לאַנגע מחזקות. ביי זיי איז איינס און צוויי: זיי האַקען אָב די פינגער פון די הענד, רייסען ארוים די צינגער פונ'ם מויל און זאָגען: „אַצינד זייט איהר פריי“... אַ גליק, וואָס זיי האָבען אונז געגעבען די מעגליכקייט צו פערטהיידיגען זיך. מיר האָבען אָנגעווענדעט אַלע כחות, איבערגעגעבען דורך אונזער דאָלמעטשער די גאַנצע געשיכטע פון „א“ ביז „ת“: ווי אַזוי מיר האָבען געשוואומען אויפ'ן ים, דרייצעהן פאַרשוין פון פערשידענע לענדער, ווי אַזוי עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטורמווינד, ווי אַזוי מיר, אַלע דרייצעהן, האָבען זיך אָנגעהאַפּט אָן אַ ברעט און געהאַלטען זיך דריי טעג מיט דריי נעכט ביז דער ים האָט אונז ענדליך אַרויסגעוואָרפען אַהער אינ'ם לאַנד, וואָס מיר הויבען נישט אָן צו וויסען, ניט וואָס פאַר אַ לאַנד דאָס איז, ניט ווי אַזוי מע רופט דאָס, ניט וואו עס געפינט זיך, ווי ראָבינזאָן קרוזאָ, אויף אַיין אונבעוועצטע אינזעל. ווען ניט די באַנאַנעס מיט די ניס, וואָס מיר האָבען געפונען אויף די בוימער, ווען ניט די ציגען, וואָס זענען געקומען צו אונז אַליין און האָבען כמעט ווי געבעטען זיך מע זאָל זיי אויסמעלקען, וואָלטען מיר, קאָן זיין, שוין לאַנג אָנגעשפּאַרט דאָרטען, פון וואַנען קיינער איז נאָך צוריק ניט געקומען...

דער גובערנאַטאָר האָט אויסגעהערט אונזער געשיכטע, ווייזט אויס, מיט קאָפּ. ער האָט אונז די גאַנצע צייט נישט געוואָלט איבערשלאָגען. נאָכדעם האָט ער אונז דורכ'ן דאָלמעטשער געשטעלט אַ גאַנצע רייהע פראַגען, אויף וועלכע מיר האָבען איהם געמוזט געבען ריכטיגע אַנטוואָרטען. די פראַגען

מיט די אַנטוואָרטען גיעב איך איבער דאָ פאַר די לעזער מיט די גרעסטע פינקטליכקייט.

גובערנאַטאָר: פאַר וואָס האָט איהר די גאַנצע צייט פערבראַכט אויף יענער זייט באַרג? פאַר וואָס האָט איהר ניט געפּרופט מאַכען איין עקס־קורסיע איבער'ן לאַנד אַביסעל העכער.

מיר: האָבען זיך איינגעטהיילט געהאַט!

גובערנאַטאָר: מיט וואָס האָט איהר זיך דען בעשעפטיגט?

מיר: מיט דער אָרגאַניזאַציע פון אונזער געזעלשאַפט.

גובערנאַטאָר: אין וואָס איז בעשטאַנען אייער אָרגאַניזאַציע?

מיר: מיר האָבען זיך איינגעשטעלט אין דרייצעהן קאָלאָניעס, געגרינדעט דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען, אויסגעוועהלט דרייצעהן פרעזידענטען, אויס־געאַרבייט דרייצעהן קאָנסטיטוציעס אויף דרייצעהן פערשיעדענע לשונות...

גובערנאַטאָר: איהר געהערט צו דרייצעהן פערשיעדענע נאַציאָנען? איהר האָט דרייצעהן פערשיעדענע גלויבענס?

מיר: דוקא ניט. מיר געהערען אַלע דרייצעהן צו איין פאָלק. מיר האָבען אַלע דרייצעהן איין גלויבען. מיר דיענען אַלע איין גאָט.

גובערנאַטאָר: ווי זשע קומט צו אייך דרייצעהן לשונות?

מיר: אין דעם איז שולדיג אונזער געשיכטע. מיר זענען צוזייט און צו־שפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, מיר געפינען זיך אין פערשיעדענע לענדער, צווישען פערשיעדענע פעלקער, רעדען אויף פערשיעדענע לשונות...

גובערנאַטאָר: וואָס פאַר אַ פאָלק זייט איהר? וואָס פאַר אַ נאַציאָן? צו וואָסער גאָט דיענט איהר?

מיר: מיר זענען יודען...

גובערנאַטאָר: איזראַעליטען?

מיר: איזראַעליטען.

גובערנאַטאָר: דאָס זענט איהר, וואָס קומט אַרויס פון אברהם יצחק ויעקב? דאָס האָט איהר בעשאַפען דאָס בוך, וואָס הייסט „ביבעל"? דאָס האָט איהר געהאַט אַ לאַנד, וואָס הייסט ציון? אַ קעניג, וואָס האָט געהייסען שלמה? אַ נביא, וואָס האָט געהייסען ישעיהו? אַ בית המקדש, וואָס די רוימער האָבען דאָס פערברענט און אייך האָט מען פערטריבען איבער אַלע פיער עקען פון דער וועלט? אָ! איך האָב פיעל, פיעל געלעזען וועגען אייך אין אונזער ביבליאָטהעק. מיר אַלע האָבען געלייענט. אייער ביבעל איז ביי אונז

הייליג. שווערט מיר ביי אייער ביבעל, אז אלסדינג, וואס איהר האט דא דערצעהלט, איז אמת, לאז איך אייך ארויס פריי...

זעלבסטפערשטענדליך, אז מיר אלע האבען איהם געשווארען, און אפילו דער אמעריקאנער אפיקורס, וואס האט זיך בעריהמט, אז ער איז אנ־אטעאיסט, ער גלויבט ניט אין גאט, און אפילו דער סאציאליסט, וואס איז אויך געווען א קנאפער גלויבער אין „די זאכען", האבען אויך מיטגעשווארען מיט אונז אלע, אז אלעס, וואס מיר האבען דא דערצעהלט איז תורת משה, אמת, חלילה ניט איבערטרייבען אויף א האר, און אז מיר זענען גאט די נשמה שולדיג...

אויסגעהערט אונזער שבועה, האט דער גובערנאטאר פריהער עפיס אנגעשריבען אויף א פאפיר נאכדעם האט ער זיך אויפגעהויבען און דורכגעלייענט אונז זיין פסק־דין, וועלכען דער דאלמעטשער האט אונז איבערזעצט ווארט ביי ווארט:

„היינט זענען געבראכט געווארען פאר מיר דרייצעהן פרעמדלינגע, וואס מען האט זיי געפאקט אין אונזער לאנד אויף יענער זייט בארג מיט א טשערעדע געגנב'טע ציגען, די אנקלאגע געגען די דרייצהן איז בעשטאנען אין דריי פונקטען: 1) אז זיי זענען שפיאנען, וואס זענען געקומען אויסזעהן דאס לאנד. 2) אז זיי האבען פערהאפט אונזער טעריטאריע אהן אונזער וויסען. 3) אז זיי האבען זיך אריינגעגנב'עט צו אונזערע פאסטוכער ביי נאכט און האבען אריבערגעפיהרט צו זיך אונזערע ציגען. אויסגעהערט דורך א דאלמעטשער זייערע טענות און —

נעהמענדיג אין אנבעטראכט, אז זיי קומען ארויס פונ'ם ביבלישען פאלק, וואס וואנדערט ארום פאר זיינע גרויסע זינד איבער דער גרויסער וועלט שוין טויזענדער יאהרען און האט נישט קיין פאטערלאנד;

נעהמענדיג אין אנבעטראכט, אז די אונגליקליכע וואנדערער האבען געליטען פון א שטורם און זענען ארויסגעווארפען געווארען פונ'ם בייזען ים אויף אונזער טעריטאריע, וועלכע זיי האבען אנגענומען פאר אנ'אונבעזעצטע אינזעל, און דערפאר האבען זיי דא געגרינדעט נאר ביז א צייט דרייצעהן קאלאניעס און איינגעפיהרט זיך א מלוכה, א קליינע רעפובליק פון דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, ביז דער שיקזאל וועט זיך אויף זיי ארומקוקען, אן עס וועט פערביי־געהן א שיף, אדער איין אנדער נס וועט זיך טרעפען —

נעהמענדיג אין אנבעטראכט, אז אונזערע נארישע ציגען האבען אליין פערבלאנדזעט צו די דרייצעהן איינוואנדערער, וואס האבען נישט געהאט קיין אנדער זאך אויף צו דערהאלטען זייער לעבען א חוץ ציגענמילך מיט פירות פון אונזערע בוימער, — געפין איך אז די דרייצעהן אנגעקלאגטע עמיגראנטען זענען: 1) ניט קיין שפיאנען, 2) האבען קיין פרעמדע טעריטאריע ניט פערחאפט, 3) האבען קיין ציגען ניט גע'גנב'עט. און דעריבער גיב איך ארוים א בעפעהל, אז די דרייצעהן אנגעקלאגטע עמיגראנטען זענען פון געפענגנים בעפרייט".

אויסגעלייענט אונז דעם ווערדיקט, האט הער גובערנאטאר געהייסען מען זאל אונז אריינפיהרען אין איין אנדער צימער און מען זאל אונז געבען עסען און טרינקען. און מען האט אונז גענומען און מען האט אונז אריינגעפיהרט אינאיינעם מיט'ן דאלמעטשער אין א גרויסען ליכטיגען חדר מיט לאנגע טישען, מען האט אונז אויסגעזעצט אלע דרייצעהן בעפרייטע מארטירער ארום טיש און מען האט אונז געזאגט, אז מיר קאנען זיך הייסען דערלאנגען עסען, יעדער וואס זיין הארץ געלוסט. נאטירליך, האט זיך יעדער געהייסען געבען א בעזונדער מאכל יעדער נאך זיין געשמאק און זיין גוסט. צום ביישפיעל: דער רייכער פאבריקאנט, וואס ביי אונז האט ער געהייסען „דער קאפיטאליסט", האט זיך געהייסען דערלאנגען א פרישען ביפסטייקס. דער פרומער ליטוואק, אדער ווי מיר האבען איהם א נאמען געגעבען דער „ארטאדאקס", האט זיך געהייסען אבקאכען אייער. דער „נאציאנאליסט" האט זיך געהייסען דערלאנגען געהאקטע לעבערלאך מיט שמאלץ. דער ווארשעווער אינטעליגענט פון משה רבינו'ס פאליאקען, וואס מיר האבען איהם גערופען „דער אסימילאנט", האט זיך געהייסען דערלאנגען צוויי פוילישע מאכלים: „ריבא פא זשידאווסקי" און „פליאקי פא פאלסקי". דער „ציוניסט" האט געזאגט מען זאל איהם דערלאנגען צום עסען א פלאש כרמל-וויין, עכטען „אליקאנט"! אונזער „סאציאליסט", דער יודיש-רוסישער סטודענט מיט'ן שווארצען העמדעל האט עפים בעשטעלט דורכ'ן דאלמעטשער געשמאקע מאכלים, און פון זיין געמישטען יודיש-רוסישען דיאלעקט האב איך געכאפט א פאר בעקאנטע אפעטיטנע ווערטער: „וואדאטשקי"... דער אמעריקאנער דזשענטעלמען האט אויף זיין אמעריקאנישען זשארגאן געשאפען מען זאל איהם דערלאנגען: א גלעזעל „בראנדי", א פאר „סענדוויטשעס", א „סטייק", א פלום פודדינג", א פלאש „דזשינדזשער ביער", מיט א „לעמאנייד", מיט א „טשין", א צוויי „ארענדזשעס", א האוואנא-סיגאר „קובא", א גלעזעל „זשאמייקא" — און ווייטער גארנישט. די דאמע, די איינ-

ציגע פרוי אין אונזער קאמפאניע, האט זיך געהייסען געבען ביסקוויטען, אייזקריעם און נאך אזעלכע פרויענדעליקאטעסען...

נאכ'ן עסען האט מען אונז אריינגעפיהרט צום גובערנאטאר אין זיינע דעפארטמענטען. דארט האט ער אונז פארגעשטעלט פאר זיין פרוי, זעהר אן אימפאזאנטע „מאדאם" מיט א הויכען גלאנצענדיגען שטערן. ער האט איהר געזאגט אויף אונז, אז דאס זענען מיר די אוראייניקלעך פון אברהם יצחק ויעקב, פון וועלכע ער האט איהר געלייענט אין דער ביבעל. דא האט מען אונז מכבד געווען מיט ניס און מיט באנאנעס, וועלכע האבען זיך אונז צווישען אונז רעדענדיג, גוט צוגעגעסען, נאר צוליעב עטיקעט האבען מיר געמוזט נעהמען פון יוצא וועגען צו באנאנעס. מיר אלע דרייצעהן זענען געווען אזוי גוט געלוינט, אז יעדער פון אונז האט געפינען פאר נויטהיג, נאטירליך, הורך דעם דאלמעטשער, צו מאכען דעם גובערנאטאר און דעם גובערנאטאר'ס פרוי א קאמפלימענט. איינינע האבען געהאלטען גאנצע רעדעס. צום ביישפיעל: דער אמעריקאנער דזשענטעלמען האט אין זיין „ספיטש" געבעטען איבערגעבען דעם מיסטער „נאווערנער" אז ער האלט איהם נאכ'ן פרעזידענט פון דהי יונייטעד סטייטס אף אמעריקא, מיסטער רוזוועלט, פאר'ן ערשטען דזשענטעלמען און זיין פרוי — פאר דער ערשטער לידי אין דער וועלט. ער איז איבערצייגט, אז ווען דער מיסטער נאווערנאר זאל בעזוכען אמעריקא, בעקומט ער אזא „רעסעפשאן", ווי קיין מענש האט נאך ניט זוכה געווען זינט די וועלט שטעהט: ער האט איהם צוגעזאגט, אז זיין נאמען וועט זיין אדווערטייזט אין אלע „פייפערס (ציישונגען) און אין אלע „מעגעזינס" (זשורנאלען) אף דהי יונייטעד סטייטס אף אמעריקא.

נאכ'ן אמעריקאנער איז אויפגעשטאנען דער ארטאדאקס און האט געבעטען איבערגעבען דעם אדון, אז ער און אלע זיינע חברים וועלען תמיד גאט בעטען פאר איהם און פאר זיין פרוי און פאר זייערע קינדערלעך. דא האט זיך בעוויזען א שמייכעלע אויפ'ן גובערנאטאר'ס פנים. דער דאלמעטשער האט אונז געגעבען צו פערשטעהן, אז דער הערר גובערנאטאר דאנקט זעהר פאר זיך און פאר זיין פרוי, נאר ניט פאר זייערע קינדער ווארום זיי האבען נישט קיין קינדער.

— נו, וועלען מיר בעטען גאט, אז גאט זאל זיי געבען קינדער.

אזוי האט געזאגט דער ארטאדאקס, און נאך איהם איז אויפגעשטאנען דער טעריטאריאליסט און אויסגעדריקט דעם גובערנאטאר אונזער טיפסטע

דאנקבארקייט פאר׳ן גרויסארטיגען עמפפאנג, וואס מיר האבען דא געהאט, און האט געבעטען איבערגעבען דעם גובערנאטאר, אז ער, דער טעריטאריאליסט, וועט זיין אהן א שום תירוץ אויף דעם קאנגרעס פון טעריטאריאליסטען און וועט זיי איבערגעבען אלעס, וואס ער האט דא געזעהן און געהערט און וועט זיי פארלייגען, אז קיין בעסערע טעריטאריע אויף צו קאלאניזירען א געוויסען טהייל פון אונזער ארעם פאלק, ווי דאס שטיק לאנד, וואו מיר האבען פערבראכט, קען גאר ניט זיין אויף דער גאנצער וועלט! ער האפט, אז זיינע קאלעגען, די טעריטאריאליסטען, מיט זאנגוויל׳ען אן דער שפיצע, וועלען דאס געוויס נעהמען אין אנבעטראכט און וועלען געוויס ארויסשיקען אהער איין עקספעדיציע פון געלעהרטע מענשען אויף אויסצוקוקען דאס לאנד, אום צו בעזעצען דא א טהייל פון אונזערע ארימע ברידער, וואס ווערען פערפאלגט אין די זאגענאנטע ציוויליזירטע לענדער...

יעדען פון די רעדנערס האט דער גובערנאטאר אין קורצע ווערטער זעהר פריינדליך אבגעדאנקט, און אז עס איז געקומען צום טעריטאריאליסט, האט ער געבעטען דעם דאלמעטשער ער זאל אונז איבערגעבען, אז פון איין זייט קעגען אימיגראציע האט ער, אייגענטליך, גארנישט. לויט זייער געזעץ איז דאס לאנד אפען פריי פאר יעדען איינציגען, ווער עס וויל אהערצו קומען זיך בעזעצען, אהן איין אויסנאהמע פון נאציאן און גלויבען; פון דער אנדערער זייט אבער, געפינט ער, דער גובערנאטאר, פאר אונמעגליך, אז מיר, יודען, זאלען קענען דא געפינען א טעריטאריע פאר אונזערע ברידער, נישט מחמת ער האט עפיס קעגען דעם יודישען פאלק, אדרבה, ער זאגט, אז מיר דארפען זיין שטאלץ דערמיט, וואס מיר קומען ארויס פון אזעלכע פאטריארכען, ווי אברהם יצחק און יעקב, וואס מיר האבען געמאכט אזא בוך ווי די ביבעל געהאט אזא בית המקדש, אזא קעניג ווי שלמה, אזא פראפעט ווי ישעיהו.. נישט מעהר, ער דענקט, אז וויל אונזער לאנד ארץ ישראל איז אוועקגעגעבען געווארען צו פרעמדע, וויל מיר וואנדערן שוין אזוי לאנג ארום אין גלות, וויל מיר זענען צוזייט און צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט איז א סימן, אז גאט אליין וויל ניט מיר זאלען האבען איין אייגען לאנד, אן אייגענע טעריטאריע, מסתמא האבען מיר זיך קעגען איהם רעכט פערזינדיגט, און געבען אונז א טעריטאריע וואלט געהייסען אזוי גוט ווי געהן אקעגען גאט, — און געהן אקעגען גאט ווער וויל עס?...

אזוי האט אויסגעלאזט דער דאזיגער גוטער גובערנאטאר מיט א היפאקריטיש שמייכעלע, און האט בעפעהלען צו זיינע דיענער, מען זאל אונז אלע

דרייצעהן פערבינדען די אויגען און מען זאל אונז ארויספירען אויף א שיף און אבפיהרען צו אנ'אויסלענדישען פארט.

און מען האט אונז אלע דרייצעהן פערבונדען די אויגען און מע האט אונז ארויסגעזעצט אויף א שיף און אבגעפיהרט צו אנ'אויסלענדישען פארט. זיצענדיג אין א ווינקעלע אויפ'ן שיף האב איך מיך פערטיעפט אין מחשבות, וואס פאר א גרויסען גאט מיר האבען, וואס האט בעשאפען אזא גרויסע וועלט און נישט איין שטיקעל ערד, נישט איין ווינקעלע פאר זיין אויסדערוועהלט פאלק ישראל!...

מיטן עטאפּ.

מיט׳ן עטאַפּ.

(ערצעהלונג).

קאפיטעל א.

המן איוואַנאָוויטש פּליסעצקי.

אזוי האָט מען גערופֿען דעם נײַעם פּריסטאַוו, וואָס איז אַראָבּ־געקומען קײן טעפּליק. דאָס הײסט, דער אמת׳ער נאָמען זײַנער איז געוועזען גאָר אַ האַמעמנאָן אַפֿאָנעגענאָ־וויטש, נאָר בײַ טעפּליקער יודען, וואָס האָבען ליעב צונעמענישען, האָבען איהם משנה שם געוועזען איבער צוויי טעמים: ערשטענס איז המן איוואַנאָוויטש אַ סך קורצער און אַ סך גרינגער אויסצורײדען; געהט אַ שטײגער נעמט אָן אַ פֿולע מויל מיט צונג און רעדט אויס אַ־האַ־מעמ־נאָן אַ־פֿאָ־נע־גע־נאָ־וויטש. דאָס איז נומער אײנס, והשנית זײַנט טעפּליק איז אַ שטאָדט, געדענקט מען נאָך ניט אַזאַ המן אַ פּריסטאַוו ווי דער דאָזיגער נײַער פּריסטאַוו המן איוואַנאָוויטש פּליסעצקי. אין טעפּליק זענען שוין געוועזען אַלערלײ פּריסטאַוועס, אי גוטע אי שלעכטע, אי נעמערס אי נקי כפּים׳ניקעס, דאָס הײסט, אַזעלכע וואָס פּשוט נעמען זײ ניט, סײַדען אַמאָל אונטער אַ יום טוב „לשנה טובה“, וואָס רעכענט זיך ניט, אָדער אַ מתנה צום טאָג פֿון געבאָרען, און ווער זאָגט זיך אָב דערפֿון... מיר זענען אַלע אַמאָל געבאָרען געוואָרען, און דער טאָג פֿונ׳ם געבאָרען איז בײַ יעדען מענשען אַ יום־טוב, אײַנגעפֿיהרט פֿון קדמונים, נאָך פֿון פּרעה מלך מצרים, ווי מיר ווײסען דאָס פֿון דער הײליגער תורה, אַז אײנ׳ם טאָג פֿון זײַן געבאָרען האָט פּרעה געמאַכט אַ סעודה פֿאַר אַלע זײַנע קנעכט, דאָס שר המשקים אַרויסגעלאָזט פֿון טורמע און דעם שר האופים אויפֿגעהאָנגען אויף אַ בוים, אַזוי ווי יוסף האָט זײ פּותר חלום געוועזען מיט דרײַ טאָג פֿריהער... אָנגעקומען קײן טעפּליק, האָט ער זיך צום אַלעם ערשטען גענומען רײניגען דאָס שטעדטיל, נאָר רײניגען וואָס רײניגען הײסט. די טעפּליקער פֿערד־גנבים, וואָס האָבען אַ שם אויף דער גאַנצער וועלט, האָט ער אין אײנע צוויי

חדשים אויסגערויכערט, נישט געלאזט פון זיי. איהר זאלט זאגען, איינעם אויף א רפואה. אויף וועמען ער האט נאר געהאט א שטיקעל אויג, האט ער איהם געפאקט, נישט געמאכט קיין לאנגע שיהות און אבגעשיקט מיט'ן עטאפ קיין היימין אין טורמע אריין, — לאז מען זיך מיט איהם דארטען רעכענען. נאכדעם האט ער זיך גענומען צו די גאסען און צו די יודען. די גאסען האט ער געוואלט מען זאל האלטען ריין, נישט ווארפען קיין מיסט גלייך אין פנים אריין, ניט גיסען קיין פאמעניצעס ביי דער טיר און נישט טהון קיין אנדערע זאכען וואס ניט שען... און די יודען האט ער געוואלט זאלען זונטאג פאר האלבען טאג ניט עפענען קיין קלייטען, מלמדים זאלען ניט קנעלען אהן שיינצעטליך און קיין ערוב אין שטאדט זאל ניט זיין, מע וועט זיך באגעהן, האט ער געזאגט, אהן דעם דאזיגען „טעלעגראף“ אויך... און אפילו אין שוהל, טאמער האבען זיך יודען צושלאגען, צואמפערט פאר „אתה הראית“, מכבד געווען איינם דאס אנדערע מיט פעטש, האט ער זיך אויך ליעב געהאט אריינמישען. אט אזא רשע איז דאס געווען!

מילא די קלייטען מע זאל האלטען צוגעמאכט האט ער געפועל'ט. אי טאמער ניט אזוי פינקטליך ביז דוקא 12 א זייגער, האט ער זיך שוין געמאכט ניט ווייסענדיג, ווארום ער האט שוין קיין אנדער ברירה ניט געהאט; וואס ער האט געקענט, האט ער געטהון; נאר זיין א שומר ביי די יודישע קלייטען, אכטונג געבען טאמער עפענט אויף א יוד א האלבע טיר, דאס איז דאך א זאך וואס אונמעגליך. זעהט איהר, מיט'ן ערוב האט ער די ערשטע צייט יא געהאט אביסעל צרות. אלע פרייטאג צו נאכטס פלעגט מען דעם ערוב אנציהען און שבת אין דערפריה פלעגט ער איהם אראברייסען, און אויף איבעראכטאג שבת איז אויסגעוואקסען א פרישער ערוב, און אזוי עטליכע מאל כסדר. און וויפיל ער האט ניט נאכגעקוקט דורך די שומרים, ווער סע ציהט אן דעם ערוב, האט ער ניט געקאנט חאפען דעם גנב, ביז ער האט זיך אליין מיט זיין כבוד געמוזט איין מאל בעהאלטען אין דרויסען אין א ווינקעלע און איז אויסגעזעסען די גאנצע נאכט און געקלערט, און ערשט העט־העט ארום פארטאג האט ער געפאקט פייסי דעם שמש'ס יונגעל, סאמע ביי דער רעכטער ארבייט ווי ער פארדרעהט דאס שטריקעל, האט ער איהם אנגענומען פאר'ן לינקען אויער און אבגעפיהרט איהם אין סטאן אריין און פארשפארט אויף א גאנץ טאג אין „חדר“. פון דעמאלט אן איז טעפליק געבליבען אהן איין ערוב עד היום הזה און דער עולם האט אנגעהויבען טראגען אים שבת נאזטיכליך און זייגערס אויף וואס די וועלט שטעהט.

נישט אַזוי גרינג איז איהם אָנגעקומען די מלחמה, וואָס ער האָט געפיהרט מיט די מלמדים, די מלמדים האָבען איהם געטהון צום טויט. אָט האָט ער געפּאַקט אַ מלמד מיט צוואַנציג תלמידים און צוגעמאַכט דעם חדר, און אָט האָט ער איהם געחאַפּט מיט די אייגענע תלמידים שוין אין איין אַנדער געסיל. צוגעמאַכט דעם דאָזיגען חדר אויך און געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, ער טהוט אַ קוק — אַהאַ! ער האָט זיך פערקליבען ערגיץ אויף אַ בוידעם אין דער ווייבערשער שוהל און פון דאָרטען זיך געלאָזט הערען מיט'ן געזאַנג פון זיינע צוואַנציג תלמידים — איין אומגליק מיט די יודישע קינדער, מען קאָן זיי גאָרנישט אָבטרייבען פון'ם לערנען! „ממה נפשך, האָסט דו זיך שוין פערקליבען אויף אַ בוידעם קנעלען, טאָ זיץ דאָרטען און קנעל צוזעצטערהייד אין דער קרענק און ליאַרעם ניט אַזוי, לאָזען חאָטש מיינע אויערען ניט הערען!...“ אַזוי האָט געט'ענה'ט פּליסעצקי מיט'ן מלמד און האָט איהם געשוואָרען, אַז טאָמער חאַפּט ער איהם נאָך אַמאָל, שיקט ער איהם אַרויס פון טעפּליק אין פיער און צוואַנציג שעה. דער מלמד האָט די מעשה גאַנץ גוט אויסגעהערט און געטהון זיינס, אַראָבגעלאָזט זיך פון דער ווייבערשער שול און אַראָבגענידערט ערגיץ אין אַ קעלער און דאָרטען געקנעלט און דוקא מיט אַ נגון, מיט'ן געוויסען מלמד'שען נגון, וואָס אָהן איהם האָט דאָס יודישע לערנען פונקט אַזאַ טעם, ווי דער קאַלטער קוגעל וואָס די היינטיגע אַריסטאָקראַטען אין די גרויסע שטעדט עסען אין דערוואָכען... המן איוואַנאָוויטש האָט אַזוי לאַנג „געוואָיעוועט“ מיט די מלמדים, ביז ער האָט אַ שפּיי געטהון אויף זיי און האָט זיך געמאַכט כלא ידע...

קאַפּיטעל ב.

דער טעפּליקער נגיד שלום־בער טעפּליקער פון טעפּליק.

מחמת אין טעפּליק זענען די איינוואָהנער צום מייסטען יודען, האָט דער נייער פּריסטאַוו געהאַט צו טהון כמעט נאָר מיט יודען, און ער האָט זיך אין אַ קורצער צייט באַקענט מיט אַלע טעפּליקער בעלי בתים, געוואוסט יעדען איינציגען ביי'ם נאָמען. געוואָהר געוואָרען ביי זיי אַלסדינג, די גרעסטע סודות, גערעדט מיט זיי האַלב אויף יודיש און גיך, געוואָרען צוגעלאָזט, ווייך ווי וואַקס — אַ גוטער ברודער!

די נגידים, די פיינע־בריה'ס, די קאָכלעפלען, די וואָס האָבען ליעב געוועלטיגען, אַז זיי האָבען דערזעהען, אַז דאָס פּריצ'ל לאָזט זיך צו, האָבען

זיי אנגעהויבען זיך איינקויפען צו איהם תחלת מיט א שטיקעל שבת׳דיגע פיש („זשידיווסקא ריבא״), א גלעזיל פסח׳דיגען בראנפען, („פייסאחאווקא״) פארביסען מיט א שטיקעל יודישע מצה („זשידאווסקאיא מאצא״), און נאכ־דעם האבען זיי זיך שוין גענומען אונטערפאהרען צו איהם מיט א שמייכעלע— נתן׳ען איהם עפיס אין יד אריין, האבען זיי אבער געחאפט פונ׳ם דאזיגען המן אזא מאוס׳ען פסק, אז זיי וועלען שוין פארזאגען קינדס קינדער, אז מע זאל יענעם אין יד אריין קיין מעות ניט נתנ׳ען, איידער מע ווייסט איהם, ווער ער איז און וואס ער איז...

— טי דומאיש, יאסקא, פאדשמיראוואט מעניא טוואימי מעות׳אמי, זנאטשיט טי גרויסער מאשעניק! א נעם איהם א חדר! *).

די ווערטער „א נעם איהם א חדר״ זענען ביי איהם תמיד געווען פארטיג אויף דער צונג, און געהייסען האט דאס איינזעצען, פארשפארען, אדער אבשיקען מיט׳ן עטאפ אין דער שטאדט אריין, קיין היים. און האט ער די דאזיגע ווערטער ארויסגעלאזט פונ׳ם מויל, איז שוין געווען פארפאלען, כל מלכי מזרח ומערב האבען שוין דערצו ניט געקאנט העלפען גאר ניט! אט אזא מין נפש איז דאס געווען! און דער גוטער יאהר זאל איהם ויסען,— האט זיך ארייגעחאפט צו איהם אין די האנד אריין אנ׳ארעמאן, וואס האט ניט מיט עפיס צו געהן, האט דער דאזיגער רשע ארויסגענומען פון זיין איינענער קעשענע א קערביל אדער צוויי און געשענקט א נדבה און א זאג געטהון דערביי אויף זיין אויסגעמישט לשון:

— נא טיבע מילאסט חסד נא וועצאוועס **).

נאר אויף וויפיל ער האט רחמנות געהאט אויף אנ׳ארעמאן, אזוי פיעל האט ער פיינט געהאט א נגיד. און ווער שמועסט א טעפליקער נגיד און ווער שמועסט נאך דעם טעפליקער נגיד שלום=בער טעפליקער פון טעפליק — איהם האט ער גארנישט געקאנט סובל זיין און לאנג=לאנג געזוכט אויף איהם א חטא און נישט געקאנט געפינען ביז גאט האט איהם געהאלפען, ער האט איהם געפאקט. ומעשה שהיה כך היה:

דער דאזיגער שלום=בער טעפליקער פון טעפליק א חוץ וואס ער איז געווען א יוד א נגיד, איז ער געווען אנ׳עקשן און א גדלן און א גרויסער בעל נצחון. האט זיך איהם עפיס פארוואלט א זאך, און האט ער זיך שוין איינ־

*) דו רעכענסט, יאסי, מיך אונטערשמירען מיט געלד, איז א סימן, אז דו ביזט א שווינדלער, זעצט איהם איין!

**) נא דיר א גמילות חסד אויף הוצאות.

געשפארט, איז געווען גרינגער נעמען און אריבערטראגען טעפליק אויף אנ'אנדער ארט איידער איבערשפארען שלום=בער'ן. אז המן איוואנאוויטש האט ארויסגעגעבען זיין באפעהל אז מע זאל דאס מיסט אין דרויסען ניט ווארפען און די פאמעניצע ביי דער טיר נישט גיסען, האט שלום=בער טעפליקער פון טעפליק געפרעגט א קשיא: „וועמענס עסק איז דאס? ס'איז מיין מיסט מיט מיין פאמעניצע, מעג איך מיר טהון מיט דעם וואס איך וויל“.

— רב שלום=בער, האט מען זיך געפרופט איהם איבערשפארען — דער המן וועט דערזעהען די פאמעניצע וועט זיך טהון חושך!

— מיט'ן קאטער! האט דערויף געענטפערט שלום=בער, וואס האט פיינט געהאט צו רעדען א סך ווערטער.

— רב שלום=בער, איהר וועט חאפען אנ'אקט!

— זיבען און זיבעציג אקטען!

— רב שלום=בער, מע וועט זיך חלילה אויסגליטשען נעבען אייער שטוב און די שעה זאל ניט זיין אויסברעכען א פוס.

— האלז און אקען! — האט שלום=בער געענטפערט און געהייסען, מע זאל שיטען מיסט און גיסען פאמעניצעס אויף וואס די וועלט שטעהט!

איז געקומען צו איהם פליסעצקי מיט פאליציע און האט איהם גע־מאכט אנ'אקט, האט שלום=בער זיך אנידערגעשטעלט מיט איהם אביסעל אויס־טענה'נען גאנץ ברייטליך, ווי א נגיד קען, האט איהם פליסעצקי געלאזט בעטען ער זאל בעסער שווייגען און בשעת מעשה געזאגט איהם א פאר הארבע ווערטער: „יודישע חוצפה“ („זשידאווסקאיע נאחאלסטווא“), שווייג דו יודי־שע צורה“! („מאלטשי זשידאווסקאיא ראזשא“)! וכדומה נאך אזעלכע מינים קאמפלימענטען; האט דאס אונזער נגיד פארדראסען און ער האט מכבד געווען דעם פריסטאוו מיט'ן נאמען המן, געזאגט איהם פאר עדות, אז ער איז אנ־אמת'ער המן, אט דער המן וואס אין דער מגילה! — האט מען דאס פארצייכענט אין פראטאקאל. און אונטערגעפיהרט אונטער אזא „סטאטיא“, אז מע האט אונזער שלום=בער טעפליקער פון טעפליק פאר'משפט מחילה זיצען צוויי וואכען — און עס האט נישט געהאלפען קיין שום רבונו של עולם!

סע פארשטעהט זיך, אז גאנץ טעפליק האט זיך געוויינט, געגאנגען חאדאראם פון אזא מעשה. סטייטש, מע האט פער'משפט דעם נגיד צוויי וואכען טורמע! די גאנצע שטאדט איז ארויסגעגאנגען אנקוקען, ווי מע פיהרט שלום=בער'ן אין „חדר“ אריין. סע איז נישט געבליבען, ווי מע זאגט, קיין קינד אין וויגעל, און שלום=בער טעפליקער פון טעפליק, אז מע האט איהם

דורכגעפֿיהרט איבער'ן מארק אין „סטאן“ אריין, האט ער אראבגעלאזט דעם קאפּ, און זיין ווייב סטיסי=פּעריל די נגידית האט זיך פֿאר בזיון בעהאלטען אין דער היים, און דער גאנצער עולם איז געשטאנען, געקוקט און געשוויגען, אינווייניג אין הארצען דוקא געוועזען צופֿריעדען: ערשטענס א מצוה, לאז א יוד א נגיד ניט זיין ביי זיך אזוי תקיף און צווייטענס, האט מען שלום=בער טעפּ=ליקער פֿון טעפּליק גלאט נישט ליעב געהאט אין שטאדט דערפֿאר וואס ער איז געוועזען, ניט אויסגערעדט זאל זיין א גרויסער „דבר=אחר“ א קמצן, און זיין ווייב סטיסי=פּעריל האט געזשאלעוועט א יודען א שטיקעל ברויט, חאטש זיי זענען געוועזען, ווי מע זאגט אין טעפּליק, „אנגעשטאפּט מיט געלד“ און קיין קינדער האבען זיי אויך ניט געהאט. „ווען איך זאל האבען זייער געלד, האט זיך יעדער טעפּליקער געווינשעוועט און האט באלד געמאכט א גרויסע הנחה — ווען איך האב חאטש האלב, חאטש א דריט חלק פֿון זיי, וואלט די שטאדט פֿון מיר א סך מעהר הנאה געהאט!..“ און עס קאן זעהר זיין; נאר אזוי ווי אין טעפּליק האט געהאט געלד נאר איין שלום=בער טעפּ=ליקער און זיין ווייב סטיסי=פּעריל און ווייטער קיינער ניט, האט דערפֿון אין טעפּליק קיינער קיין הנאה נישט געהאט: ניט די שטאדט, ניט שלום=בער דער נגיד, ניט זיין ווייב די נגידית, און אפשר האבען די צוויי יא געהאט הנאה פֿון דעם? עס ווענדט זיך, וואס ביי אייך ווערט אנגערופֿען הנאה, אז איהר פֿארנעהמט אומעדום דעם אויבען אן, סיי אין שוהל, סיי אויף אן אסיפה, סאי אויף א שמחה; אז איטליכער טראגט אייך אקעגען דעם גוט שבת, דעם גוט יום טוב, דעם גוט מארגען; אז בשעת איהר רעדט, שווייגט מען און וואס איהר זאלט ניט זאגען, איז דאס א חכמה. הנאה הייסט אז איין מאל אין יאהר שמחת תורה קומט זיך צונויף דער גאנצער עולם צום נגיד שלום=בער טעפּליקער פֿון טעפּליק כלומר'שט אויף „פּראקעס“, ער זיצט כמלך בגדוד אויבען אן און הייסט דעם עולם נעהמען צו ביסליך בראנפֿען, און סטיסי=פּעריל די נגידית קוקט אין די גלעזלעך אריין... מע זינגט א נגון, און מע חאפּט א טענצעל, וכדומה אזעלכע מינים פֿערגניגען, וואס אויב איהר זענט ניט קיין טעפּליקער, קאנט איהר גאר ניט האבען אין דעם קיין שום געפֿיהל. און גלאט וואס איז ווערטה דאס, אז א מענש פֿיהלט, אז ער איז איינער, אז נאר ער איז דער „עפּיס“, ער. און ווייטער קיינער.

אין טעפּליק איז געוועזען נאר איין שלום=בער טעפּליקער; אין טעפּליק איז געוועזען נאר איינער אזוינער און ווייטער קיינער.

קאפיטעל ג.

א פריילעכער קבצן.

אין טעפליק זאלען ניט זיין קיין מסירות און קיין מוסרים, ד. ה. מענשען וואס געבען אכטונג איינס אויפ'ס אנדערע, אז מע זאל ניט מאכען קיין פערברעכען און קיין פאלשקייטען, וואלטען נייען און ניינציג חלקים עבירות פערבליבען אונבעשטראפט, און טעפליק וואלט געווען פול מיט בעל-עבירה'ניקעס ווי להבדיל אין סדום. נאר מחמת אין טעפליק גיט מען שטארק אכטונג איינס אויפ'ס אנדערע, און אז מען דערזעהט עפים אן עולה, אויף יענעם, אדער מע דערהערט, אדער מע שמעקט אן, אדער סע דאכט זיך נאר אויס, אז יענער האט געטהון אן עולה, נעמט מען און מע שרייבט אוועק „צו נאטשאלסטווע" עטליכע ווערטער, אוי און אזוי איז די מעשה, טאמער גלויבט איהר ניט, זייט זיך מטריח אהין און אהין — וועט איהר דארט געפינען דאס און דאס... אי טאמער לאזט זיך נאכדעם אויס א בוידעם, איז אויך אהן אן אומגליק, קומען קומט דערפאר גאר ניט, ווארום אונטערשרייבען דעם אייגענעם נאמען איז ניט נויטיג, איהר קאנט זיך חתמ'נען פארשטעלט: אדער „איש אמת" אדער א „גוטער פריינד" אדער א „פריינד פונ'ם דין" אדער גאר אהן א שום חתימה מאכט אויך ניט אויס, אבי איהר זאלט אנווייזען וואו-הין מען זאל געהן און וואס מען זאל זוכען... פליסעצקי האט זיך, נישקשה, געמעגט בערימען, אז קיין שפיאנען בעדארף ער נישט האבען, די טעפליקער בעלי-בתים זענען אליין גוטע שפיאנען.

נאך אזא מין הקדמה וועט אייך שוין קיין חדוש ניט זיין, וואס מע האט איין מאל אין א שענעם פרימארגען בעלאגערט בעריל דעם רויטען, מיט דעם קרומער פוס, פונקט אין דער מינוט ווען ער איז געזעסען אויף דער ערד, די פאלעס פון דער קאפאטע פארקאטשעט און אונטערגעשטעקט אין גארטעל אריין, איבער א גרויסען בוטעל מיט ראזינקעס וויין און צוגאסען איהם אין קליינע פלעשליך, וואס ער אליין טאקי פלעגט זיי נאכדעם פרייטאג צוטראגען אויף קדוש, געשמאק געקייט מיט'ן מויל די פראבקעס און צוגעקלאפט פון אויבען מיט דער האנד און שטארק געשוויצט. פליסעצקי האט פאוואלינקע אויפגעעפענט די טהיר, בעטראכט בעריל דעם רויטען ווי געשמאק ער ארבייט, געשטאנען א פאר מינוט אויף דער שוועל, זיך איבערגעקוקט מיט פאליציע, און אז בעריל האט אויפגעהויבען די אויגען און

דערזעהען — המן איוואנאוויטש שטעהט ביי דער טהיר, איז ער אויפגעשטאנען פון דער ערד, צוגעגאנגען צו איהם מיט'ן קרומען פוס, א קוק געטהון איהם גלייך אין די אויגען אריין, ווי איינער רעדט: „דו ווערסט מיך מסתמא שטראפירען? שטראפיר מיך, וואס ווערסטו ביי מיר נעהמען? דעם דלות"?

ווי קומט דאס וואס אונזער בעריל איז געווען אזוי תקיף? ווייל ער האט נישט געהאט וואס צו שרעקען זיך. אמת, ער האט געמאכט פון ראזינקעס ווין, צוגאסען איהם אין פלעשליך און צוטראגען איהם צווישען בעקאנטע אויף קדוש און דערפון טאקי געלעבט, נאר אז אך און וועה איז געווען צום ווין און אז אך און וועה איז געווען צום לעבען! דער ווין איז ניט געווען קיין ווין, דאס לעבען איז ניט געווען קיין לעבען; גאר ניט, אבי יוצא זיין, מאכען א ברכה „בורא פרי הגפן", פארט ניט קיין פראסטער בראנפען, און א שטיקעל טהועכטס. א פרנסה איז דאס פארט, חאטש האבען האט ער דערפון געהאט משטיינס-געזאגט וואסער אויף חלה, נאר אלין גלייכער ווי גאר ניט... וועה-וועה, וויפיעל יודען זענען פארהאן אין טעפליק וואס טהוען גארנישט און פארדינען גארנישט און האבען גארנישט, אבער טאקי לחלוטין גארנישט!

און טאקי אט די דאזיגע „גארנישטדיגע" יודען, וואס טהוען גארנישט און פארדינען גארנישט, האבען זיך מתקנא געווען אן בעריל דעם רויטען, וואס לעבט „ווי א מאגנאט", האט אלע שבת פיש און פלייש, זאגט מען, און קוילעטש אודאי, און קינדער אין חדר האלט מען. און דעם א קליידעל מאכט מען, און א ציג אנ'אייגענע האט מען — און אליך פונ'ם ביסעל ראזינקעס, וואס ער „פערקאלעפוטשעט" און מאכט דערפון ווין אויף קדוש! האט מען גענומען און מע האט אוועקגעשריבען פליסעצקין א בריעף מיט'ן געוויסען נוסח, וואס הויבט זיך אן בזה הלשון:

„אזוי ווי מיר האבען שטענדיג אין זינען נאר קאזנא מיט איהרע אינטערעסען, און אזוי ווי פאר דער קאזנא איז דאס געוויס א גרויסער היזק טאמער האנדעלט איינער אהן א פאטענט, און אזוי ווי בעריל דער רויטער, אן זשע בערקא קריוואק האנדעלט מיט ווין אהן א שום פאטענט שוין אזוי פיעל יאהרען, און אזוי ווי ער אליין, בעריל דער רויטער, אן זשע בערקא קריוואק מאכט איהם טאקי מיט זיינע אייגענע הענד, און אזוי ווי די רעכטע פאבריקאציע קומט פאר ביי בעריל דעם רויטען, אן זשע בערקא קריוואק, און אזוי ווייטער".

דאס תקיפות פון אנ'ארעמאן איז גאר קיין קאטאוועס ניט; וואס

אָרעמער דער אָרעמאַן איז, איז ער ביי זיך מעהר תקיף, אַ סך מעהר תקיף ווי דער גרעסטער נגיד. איך האָב אַליין געהערט פון אַן אָרעמאַן. וואָס האָט זיך אויסגעטענה'ט מיט'ן אַנדערען אָרעמאַן:

— וואָס גלייכסט דו זיך צו מיר, דו פארך איינער? דו פאַרמאָגסט נאָך אַ פּאָר גאַנצע שטיוועל מיט אַ שטיקעל פאַלטאָ, און איך האָב דערויף אַפילו קיין השגה ניט!

די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען מיט אַזאַ גרויסקייט, אַז ווען עס שטעהט הערביי רויטשילד, פאַלט ער אַראָב ביי זיך.

המן איוואנאָוויטש האָט דערוויל בעטראַכט בעריל דעם רויטענס אַפּאַרטאַמענטען, וואָס זענען בעשטאַנען פון דריי חדרים, דאָס הייסט צוויי אַל־קערס מיט אַ קיך, און אַלע דריי חדרים זענען געווען פאַרשטעלט מיט בעטלעך און די בעטלעך זענען געווען בעזעצט מיט קינדער, און די קינדער געווען האַלב אָנגעטהון און האַלב נאַקעט, דאָס הייסט פונ'ם האַלז ביז'ן פּו־פּיק זענען זיי געווען אָנגעטהון, און פונ'ם פּופּיק און ווייטער זענען זיי גע־ווען נאַקעט, און באָרוויס אַודאי. פאַר דער דאָזיגער האַלב נאַקעטער און באָר־וויסער חברה, איז דער פּריסטאַוו געווען אַן אָנגעלויגטער פאַרשוין, וואָס זיי האָבען אַזעלכס קיין מאָל נישט געזעהען. זיי האָבען זיך ניט געפוילט, אַראָב פון די בעטלעך, פאַוואָלינקע זיך אונטערגעגנב'ט צום פּריץ און געקוקט אידם אין פּנים אַריין, בעטראַכט די גילדענע קנעפּ און אַ טאָפּ געטהון דעם קוטאַס פונ'ם שווערט, און פליסעצקי האָט דערוויל געפיהרט אַ שמועס מיט בעריל דעם רויטען, וואָס מיר געבען אידם דאָ איבער וואָרט ביי וואָרט:

פליסעצקי: וועדליג מע שרייבט אויף דיר, בעדאַרפסט דו פאַר־דינען שעהן געלד?

בעריל: נישט צו פאַרזינדיגען, הלואי ווייטער ניט ערגער, בעסער האָט קיין שעור ניט.

פליסעצקי: וואָס זשע געהען ביי דיר די קינדער נאַקעט און באָרוויס?

בעריל: בכדי זיי זאָלען בעסער וואַקסען.

פליסעצקי: און מיט'ן געלד וואָס טהוסט דו?

בעריל: איך טהו אַזוי ווי די גמרא לערענט אונז.

פליסעצקי: די גמרא? ווי אַזוי לערענט אייך די גמרא?

בעריל: די גמרא לערענט אונז טהיילען דאָס געלד אויף דריי חלקים: אַ דריטעל אין דער ערד, אַ דריטעל אין מזומן, אַ דריטעל אין מסחר.

פליסעצקי: איך זעה ארויס, אז דו ביזט גאר א גאנץ פרעהליכער פארשויז.

בעריל: וואס האב איך צו זארגען? וואס פעהלט מיר און וואס האב איך? זאג מיר בעסער, אדוני פריץ, וואס שרייבען דיר אויף מיר די יודען און וואס קאן מיר קומען נאך דיין איצטיגען וויזיט?

פליסעצקי: ווערסט אלסדינג וועלען וויסען, ווערסט דו גיך אלט ווערען. דו וויז מיר נאר אקארשט אלע דיינע שאפעס, איך דארף ביי דיר נאך עפיס א זוך טהון, א טאמער וועל איך ביי דיר געפינען א חויץ ויין נאך עפיס גוטע זאכען...

בעריל: אך, מיט'ן גרעסטען כבוד! טאמער געפינסט דו ערגיץ אססיגנאציעס אדער גאלד, אדער זילבער, איז יחדו, חצי שלי וחצי שלך.

פליסעצקי: ביזט מיר עפיס צו פרעהליך, ווי איינער וואס פאר'ן טוידט.

בעריל: עס קען זיין, קיינער ווייסט ניט ווערענס מארגען, ווי אין דער גמרא ביי אונז שטעהט געשריעבען: „זאלסט תשובה טהון א טאג פאר'ן טוידט“, און אזוי ווי א מענש ווייסט דאך ניט, ווען דער מלאך המות קאן איהם א חאפ טהון פאר'ן נארגעל, לכן...

דא האט איהם דער פריסטאוו איבערגעשלאגען די רעד, א רוף געטהון פאליציע פון דרויסען און געהייסען, מע זאל איהם נעמען אין „חדר“ אריין. דערהערט די דאזיגע ווערטער, איז ביי בערל'ן פארקיהלט געווארען אינווייניג און אין שטוב איז געווארען א געוויין, גלייך ווי מע וואלט ארויסגעטראגען א טוידטען.

סע פערשטעהט זיך, אז באלד איז מען אין טעפליק געוואהר געווארען פון דער מעשה פון איין עק שטאדט ביז'ן אנדערען, און מען איז צונויפגעלאפען פון אלע גאסען זעהען, ווי מע פיהרט נאך א יודען אין „חדר“ אריין, מע ווייסט ניט פאר וואס, דאס הייסט, פאר וואס — איז מען שוין געוואהר געווארען, וואס הייסט מע וועט אין טעפליק ניט געוואהר ווערען? ובפרט מע האט געזעהען, אז המן איוואנאוויטש האט געטראגען א פלעשיל מיט וויין, וואס ער מאכט אויף צו פערקויפען אהן א פאטענט. די זאך איז נאר, — וואס קאן איהם דערפאר קומען? שטראף צי טורמע? אויף דערויף האבען די טעפליקער יודען זיך געשארפט די מוחות, און רחמנות געהאט אויף בעריל דעם קבצן א סך מעהר ווי אויף שלום=בער דעם נגיד, און נישט געקאנט העלפען איהם דערצו גאר ניט, סיידען מיט א קרעכץ. —

קאַפּיטעל ד.

נאָך אַ פֿאַרברעכער.

המן איוואַנאָוויטש האָט דעם טאָג גענומען זיך צו די טעפּליקער יודען נאָר אויף אַנ'אַנדער אופן. ער האָט דעם אייגענעם טאָג געפּאַקט נאָך אַ יודען, אַזעלכען וואָס האָט אייגענטליך גאָר ניט פֿערזינדיגט, נאָר ס'איז אַזוי געווען די מעשׂה: ס'איז געווען אין טעפּליק אַ בעהעלפֿער, העניך דער בחור. האָט דער דאָזיגער העניך געהאַט אַנ'עלטערען ברודער דוד-ליב, האָט דער דוד-ליב בעדאַרפֿט שטעהן היינטיגס-יאָהר צום פּריזיוו און האָט געוואָלט האָבען אַ לגאָטע, ווייל זיין אַנדערער ברודער העניך איז נאָך ניט אַלט געווען קיין אַכטצעהן יאָהר, אַזוי האָט געזאָגט דוד-ליב און אַזוי האָבען אויסגעוויזען זיינע פּאַפּירען, וואָס ער האָט צוגעשטעלט אין דער פּריסוטסטוויע אין הייסין. נאָר דאָס איז נאָך אַליץ ווינציג וואָס אַ יוד קאָן זאָגען און „צושטעלען" פּאַפּירען, מע בעדאַרף אַ קוק טהון אויפ'ן קליינעם אַליין, וועט מען שוין וויסען וויפֿיעל ער איז אַלט; איז אָנגעקומען צו פּליסעצקין אַ פּאַפּיער, ער זאָל צושטעלען העניך'ן קיין הייסין, און פּליסעצקי, אַז מע שרייבט איהם „צושטעלען", בעדאַרף זיין „צוגעשטעלט", האָט ער צוגעשיקט צו איהם דעם אוריאַדניק און מע האָט דעם בחור גענומען און געבראַכט צופֿיהרען צום פּריסטאַוו אין „סטאַן" אַריין.

דער קאָליר פֿון העניך'ס פּנים איז געווען דאָס, וואָס מע רופֿט אָן אַ „מיתה-משונה קאָליר", און דערצו האָט ער נאָך געהאַט אַ בילמע אויף איין אויג און געקוקט האָט ער אויף אַ זייט, אַביסעל צו געשאָקעלט מיט'ן קעפּיל אויך, היינט דער איבערשרעק, וואָס מע האָט איהם אויפֿגעחאַפּט, ווי ער שטעהט און געהט, ער ווייסט ניט פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען — דאָס אַלסדינג האָט איהם צוגעגעבען אַ בעזונדער מין ווילדקייט, און ער האָט געמאַכט אויפ'ן פּריסטאַוו גאָר נישט קיין גוטען איינדרוק און צווישען זיי איז פֿאָרגעקומען אַ קורצער, נאָר אַ לעבעדיגער שמועס:

— דאָס ביזט דו, העניך טעלערלעקער? האָט איהם פּליסעצקי אַ חאַפּ געטהון און בעטראַכט איהם פֿון אויבען אַראָב.

— דאָס בין איך העניך טעלערלעקער, האָט איהם העניך געענטפֿערט גאָר גייציג און האָט באַלד בארעכענט, אַז דאָס רופֿט מען איהם מכּוח'ן פּריזיוו פֿון זיין ברודער דוד-ליב, האָט ער פֿאַרחאַפּט פֿריהער נאָך איידער מע וועט ביי איהם פֿרעגען: איך בין נאָך ניט אַלט קיין אַכצעהן יאָהר, ווי איך בין אַ יוד אַז ניט!..

— אַזוי? אַ חויץ שבתים און יום טובים, האָט איהם פּליסעצקי געגענט=פּערט און אַ קוק געטהון איהם גלייך אין די אויגען אַריין און דערזעהען די בולמע. פון דעם דאָזיגען קוק איז הענעך'ן געוואָרען פינסטער אין די אויגען, קאַלט אין בויך און קאַלעמוטנע אויפ'ן הארצען און ס'איז איהם דורכ=געפלויגען אין איין רגע אַ טרויעריגע מחשבה אין קאָפּ: „אוים לגאָטע, פאַרפאַלען דוד=ליב“!.. און הענעך האָט שטאַרק חשק געהאַט אַ טובה טהון דעם ברודער נעבעך און ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ שתדלן און האָט בעקומען לשון און מיט אַמאָל צורעדט זיך פאַר פייער און פאַר וואַ=סער: „איך שווער אייך, אַז איך בין מעהר ניט אַלט ווי זיעבצעהן יאָהר מיט אַ חודש אָדער אפשר נאָך אָהן אַ חודש, איך זאָל אַזוי דערלעבען קומען אַהיים בשלום! קוקט ניט דערויף, וואָס איך זעה אויס אפשר עלטער, ס'איז ביי אונז אַזאַ גדל'ע, אַזאַ וואוקס הייסט דאָס, וואָס פון פונפ=צעהן יאָהר אָן הויבט זיך אָן שיטען ביי אונז אַ בערדיל“...

פּליסעצקי האָט אויף הענעך'ן געקוקט, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געשמייכעלט, ווי איינער רעדט: „צו דיין בולמע וואָס דו האָסט אויפ'ן אויג און צום מיתה=משונה קאָליר פון דיין פּנים'ל, פאַסט דיר טאַקי דאָס בערדיל, חלעבען“... נאָכדעם האָט ער אַ זאָג געטהון צום סאָטסקי, אַז ביז ער וועט דאָ איבערקוקען זיינע פּאַפּירען זאָל ער איהם אַראָבפיהרען אַראָב אין „חדר“ אַריין, און הענעך האָט אָנגעוואָהרען מיט אַמאָל דעם גאַנצען מוטה, דאָס פּנים איז איהם געוואָרען נאָך מעהר טוידט ווי תמיד, און אין האַרצען ביי זיך האָט ער בעגראָבען דעם ברודער נעביך אויף אייביג: „אוי, ביזט אויף צרות, דוד=ליב, אַז אָך און וועה איז דיר“!..

— הער נאָר אויס, דו אָדם אַ מענש, צפּור אַ פויגעל, קאַטשקע רוק זיך, ווי קומסט דו אַהער אין קאָטשומענט אַריין? וואָס פאַר אַ מעשה האָסט דו פאַרשטופּט און ווער האָט דיך גע'מסר'ט?

אַזוי האָט זיך אָנגערופען בעריל דער רויטער צום נייעם פאַרשוין, צו הענעך דעם בחור, און דער נגיד שלום=בער טעפּליקער פון טעפּליק האָט איהם פון דערווייטען גענומען בעטראַכטען פונ'ם קאָפּ ביז די פיס, ווי מע בעטראַכט אַ גנב, וואָס מע האָט איהם נאָר וואָס געחאַפּט מיט אַ גנבה. הענעך פון זיין זייט האָט בעטראַכט דעם נגיד ווי אַ דולער און פון גרוים התפּעלות, וואָס ער זעהט פאַר זיך אָט דעם נגיד, האָט ער אָנגעהויבען בעלעבעטשען

מיט דער צונג, אליין נישט געוואוסט וואס ער רעדט, און בעריל דער רויטער, וואס איז פון תמיד אן ווי מיר ווייסען שוין געוועזן א פריילעכער פארשוין, ליעב געהאט זאגען ווערטלעך דעמאלט אפילו ווען ער האט ניט געהאט אויף שבת, האט זיך דא איצט פאר'ן נגיד אויסגעשטעלט, געמאכט חוזק פונ'ם נארישען בחור, ווי דער שטיינער איז פון אנ'ארעמאן, אז ער באגעגענט זיך מיט'ן אנדערן ארעמאן, נאך א גרעסערן שלים-מזל פון זיך, און בכדי דער נגיד זאל האבען פערגניגען, טריט ער צו יענעם מיט די פיס.

— ס'איז א מעשה דא מיט מיר, איך ווייס ניט אליין נאך וואס, מיין דוד-ליב, וועה איז מיר! טאמער, איך ווייס א קשיא אויף א מעשה, עטוואס מעהר פון אכטצעהן איך, איז ער א פערפאלענער חלילה...

אזוי בעלעבעטשעט העניך, דערצעהלט די מעשה ווי ארום ער קומט אהער, און בעריל דער רויטער שלאגט איהם איבער:

— וואס פאטשט דו מיט די ליפען, דו שוטה בן פיקהאליך? זאג ווערטער! מירקע, געב לשון!

— איך זאג וואס מיין דוד-ליב נעבעך, מאכט צו איהם העניך און שטעלט זיך פלוצים אב אין מיטען און טהוט א פרעג ביי בעריל דעם רויטען:

— ווי אזוי זעה אוס ביי אייך א שטיינער אין די אויגען איך?

— ווי אזוי זעהסט דו אויס? דו זעהסט אויס ווי א פרא-אדם, ענטפערט איהם בעריל און צולאכט זיך אליין פון דער חכמה, און קוקט אויפ'ן נגיד, צי דער נגיד לאכט אויך... דעם נגיד אבער לאכט זיך ניט. ער בעטראכט דעם שלים-מזל העניך, ווי ער געהט אבגעריסען-אבגעשליסען, און וואונדערט זיך, צו וואס א שטיינער לעבט אזעלכס אויף דער וועלט?

— ניין! — זאגט העניך און קוקט מיט איין אויג אויפ'ן נגיד און מיט דער בולמע אויף בעריל'ן — ניט דאס מיין איך! איך מיין וויפיל א שטיינער וואלט איהר געגעבען מיר?

— וואס געגעבען?

— יאהרען, הייסט דאס, מיין איך.

— א? וויפיל דו ביזט אלט? איך רעכען, אז נישט מעהר ווי א יאהר צוויי און צוואנציג און אפשר נאך מיט א סמיטשיק?

העניך האט פאר הארצוועהטאג און פאר כעס אזש ארויסגעלאזט א קוויטש און איז אנגעפאלען אויף בעריל דעם רויטען גלייך ווי יענער האט איהם געוואלט קוילען.

— משוגע ציי חסר דעה? וואָס רעדט איהר וואָס? ערשט ניט לאַנג צוואַנציג דוד=ליב געוואָרען יאָהר הייסט דאָס, און מיט דריטהאַלבען עלטער פון מיר סך הכל, היינט דער חשבון איירער וואו איז? אַבי הייסט דאָס גערעדט!

און הענ׳יך האָט בשעת מעשה אויסגעזעהען אַזוי ווייסט, אַזוי טרויעריג, אויף זיין פנים איז געלעגען אויסגעצויגען אַזוי פיעל רחמנות, אַז דער נגיד אַליין האָט זיך פאַראינטערעסירט און האָט איהם אַ פרעג געטהון:

— איהר זענט הייסט דאָס צוויי ברידער אַ פנים, ווי סע זעהט אויס?

— צוויי ברידער מיט אַנ׳אַלטער מאַמע הייסט דאָס, און אַ מיידיל פון אַ יאָהר דרייצעהן דיענט, און נאָך אַ ברודעריל אַ קלענערס אין אַ קלייט כלומר׳שט, און נאָך מיידליך צוויי קליינע, מיט איינעם אין דער תלמוד תורה, אַ יונגעלע, און אויף זיין קאָפּ אַלע, און טאָמער חלילה וחס געהט אַוועק ער, מעגען נעהמען די טאָרבעס מיר און געהן איבער די הייזער אַלע...

און הענ׳יך דערצעהלט, ווי אַזוי ער קאָן, די גאַנצע מעשה מיט׳ן פריזיוו, מיט דער לגאָטע וואָס אַ פנים עמיצער האָט איהם גע׳מסר׳ט, אַז ער איז עלטער פון אַכטצעהן יאָהר, חאָטש ער קאָן געהן שווערען אַ שבועה דאורייתא, אַז ער איז נאָך ניט אַלט קיין אַכטצעהן, נאָר עפּיס מעשה=שטן ווי אויף צו להכעיס שיט זיך איהם, הענ׳יך׳ן, אַ באָרד, און אַלע זאָגען אויף איהם אַז ער זעהט אויס פון אַ יאָהר צוואַנציג אויב ניט מעהר, ווי באַלד אַזוי האָט דאָך ניט דוד=ליב קיין לגאָטע אפילו אַ ברעקיל ניט, היינט וואָס וועלען זיי טהון, טאָמער חלילה „קריכט ער אַוועק״?...

און הענ׳יך קערעוועט זיך אָב מיט דער בולמע אויף אַ זייט, הויבט אָן הוסטען כלומר׳שט, שנייצט אויס די נאָז און ווישט זיך די אויגען.

— נעבעך אַ רחמנות... — האָט זיך ניט ווילענדיג אַרויסגעחאַפּט ביי׳ם נגיד.

— אַ שלים=מזל! האָט איהם בעריל דער רויטער צוגעגעבען מיט אַ האַלב=שמייכעלע, וואָס האָט בעדייט אי חוזק געמאַכט, אי רחמנות געהאַט; ער, ווי איהר קוקט איהם אָן, איז אַ שלים=מזל, און דער ברודער זיינער — איך קען איהם — איז גלאַט אַ צוקוועטשער; ער טויג אַזוי פאַר אַ סאָלדאַט פונקט אַזוי ווי איך...

און בכדי מען זאָל זעהן, אַז ער, בעריל דער רויטער, טויג טאַקי ניט פאַר קיין סאָלדאַט, שטעלט ער אַרויס דאָס קרומע פיסיל זיינס.

קאפיטעל ה.

דער שטאפ האט גערידהרט.

ביז דעם היינטיגען טאג, וואס קומט פאר אונזער געשיכטע, און ביז דער לעצטער מינוט האט זיך דער טעפליקער נגיד שלום-בער טעפליקער פון טעפליק נישט געגלויבט, אז מע וועט איהם נעמען און שיקען מיט'ן שטאפ אין היימין. ער האט זיך די גאנצע צייט גע'בריה'ט, געשריבען פאפירען, גע-זוכט זכות אבות, נאר פליסעצקי האט זיך נעליינט אין דער לייגג און אין דער ברייט, אז אונזער טעפליקער נגיד זאל מאכען א שפאציר פון טעפליק קיין היימין מיט'ן שטאפ און דוקא צו פוס.

טי פאידיאש או מעניא מיט די רגלים! האט איהם המן איוואנאוויטש געזאגט האלב אויף רוסיש און האלב אויף לשון קודש, ווי זיין שטייגער איז. און ווי אויף צו להכעיס איז דער טאג געווען א ליכטיגער, א ווארימער זומער-טאג. ווי א חתן פון דער חופה איז ארויסגעגאנגען דער קיילעכיגער פייע-ריגער זון-קוגעל, פריילין ווי א גבור אנגעגרייט צו מאכען די גרויסע הימעל-דיגע רייזע, באלייכטען אלעמען מיט זיין שיין און באגיסען איטליכען מיט זיין ווארימקייט, קיינער וועט זיך ניט אויסבאהאלטען פון זיין היץ. בשעת ער צוברענט זיך גוט און גליהט אן די ערד ווי א קאלך-אויבען. קרעמער האבען איבערגעלאזט זייערע קראמען, בעלי-מלאכות — זייערע ווארשטאטען, מלמדים — זייערע חדרים, און מע איז געגאנגען קוקען ווי מע פיהרט דעם נגיד מיט'ן שטאפ, און די טעפליקער יודען, בעטראכט דעם נגיד ווי ער שטעהט מיט אין אראבגעלאזטען קאפ, האבען זיי געזאגט איינס דאס אנדערע, אז מע בע-דארף זיך נאר אראבנעמען א מוסר, און אינווייניג ביי זיך אין הארצען האט מען געקוועלט, דערלעבט א נקמה. רחמנות האבען זיי נאר געהאט אויף בעריל דעם רויטען נעבעך און אויף העניך דעם בחור. פון דעם נגיד'ס וועגען האט מען ארויסגעטראגען געפלאכטענע קוילעטשען, געבראטענע קאטשקעס מיט נאך אנדערע מינים עסענווארג אין וועג אריין, און בעריל דעם רויטען האט דאס ווייב מיט די קינדער געבראכט צוטראגען א בולקע, פיש קארטאפלים מיט א זשמוט יונגען קנאבעל; נאר איין העניך איז געבליבען אהן א שום שפייז אין וועג אריין, האבען זיך ארומגעקוקט ווילד פרעמדע, זיך צונויפגעלייגט פאר רחמנות און געקויפט פון זיינעטוועגען א ברויט, א פאר פישליך מיט ציבעלעס, און די אלע מאכלים האט מען איבערגעגעבען דעם שטאפ אויף די הענד, און דער שטאפ האט דאס אלסדינג צוגענומען גאר פריינדליך, צוגע-

זאגט, אז ס'וועט זיין גאנץ, ס'וועט ניט געמיינערט ווערען דערפון א האר אפילו, און המן איוואנאוויטש האט זיך בעוויזען ביי זיך אויפ'ן גאניק און א זאג געטהון צום עטאפ, ער זאל ריהרען, און דער עטאפ האט גערירט און נאך איהם גאנץ טעפליק.

דער עטאפ איז בעשטאנען פון איין לאווריע דעם סאטסקי, א האריגער נפש מיט א האריגער סוויטקע מיט א הויך האריג היטעל און מיט א גרויסען סוקעוואטען שטעקען, פון אויבען מיט א גרויסער הילצערנער גאלקע און פון הינטען מיט א שארף שטיק אייזען ווי א שפיז, די געבראטענע קאטשקעס מיט די געזאלצענע פישליך האט ער פארנומען אונטער איין ארעם, די בולקעס מיט'ן קנאבעל מיט די שאר ירקות אונטערן אנדערען ארעם, דעם ראפארט האט ער פארשטעקט פארינט אין בוזעם, און דער עולם האט זיך געלאזט אין וועג אריין גיך, א סך גיכער ווי מע קאן זיך פארשטעלען. דאס גיכקייט האט זיך גענומען דערפון, וואס אונזערע ארעסטאנטען האבען געוואלט שוין פטור ווערען, ארויס גיכער פון דער שטאדט, געבעטען לאווריען דעם סאטסקי, ער זאל צוטרייבען דאס קליינוואהרג, וואס האבען זיך ניט געפוילט ארויסבאגלייטען זיי העט ווייט אזש אויף יענער זייט מיהלען; האט לאווריע אויפגעהויבען דעם לאנגען שטעקען מיט'ן אייזערנעם שפיץ, און חברה קונדייסים זענען זיך צולויפען ווי די איבערגעשראקענע פויגעליך, און דער עטאפ איז געבליבען אליין אויפ'ן פרייען פעלד, אויפגעהערט לויפען מיט אזא אימפעט, אנגעהויבען מאכען אביסעל קלענערע טריט און א שמועס געטהון מיט'ן עטאפ מכוח צוועצען זיך אביסיל אויפ'ן גרינעם גראז און אביסעל איבערחאפען דעם אטהעם.

דער עטאפ, דאס הייסט לאווריע דער סאטסקי, איז גארניט געווען אזא שלעכטער מענש. מע האט דאס ביי איהם דוקא ניך גע'פועל'ט, ובפרט אז ער האט אליין אויך געוואלט אביסעל שוין אפרוהען זיך און האט שטארק חשק געהאט איבערחאפען, פארזוכען פון יענע געבראטענע קאטשקעס וואס דער ריח האט איהם א גאנץ וועג געקיצעלט אין נאז, פון די יודישע קוילעטשען האט ער שוין אפילו געפרובט אבברעכען א פאר שטיקלעך און האט געפונען, אז זיי זענען גאנץ גוט אויפ'ן טעם; אויך פון די פישליך האט ער פארזוכט, וואס אינאיינעם מיט'ן קנאבעל איז דאס געווען גאר נישקשה'דיג, און מחמת די ארעסטאנטען זענען געגאנגען פריהער און דער עטאפ הינטען, האבען די ארעסטאנטען נישט באמערקט, אז דער עטאפ קייעט, און אז זיי האבען זיך ארומגעקוקט, האבען זיי צווישען זיך איבערגעשמועסט זיך אויף יודיש.

— דער ערל אכלט גאנץ געשמאַק, זאָגט דער נגיד און קוקט אויף לאַוורע — ווי ער קנייפּט דעם קוילעטש און רוקט אין פּנים.

— זאָגט חאָטש קיין עין הרע ניט, מאַכט בעריל דער רויטער פריילין ווי זיין שטייגער איז, איך קאָן אייך שווערען בנאמנות, אַז איך האָב אויף איהם קוקענדיג בעקומען אַפּעטיט צום עסען, וואָס זאָגסט דו, הענין? סע הלשט דיר נאָך ניט אונטערן טלית־קטן?

הענין דער בחור האָט אַ געשמאַקען שלונג געטהון די שליים ווי אַנ־אָקם בשעת ער איז מעלה גרה, און דערביי אַ זאָג געגעבען אויף זיין איבער־געקעהרטער שפּראַך:

— זאָגען שטאַרק קאָן איך ניט, אַז איך בין הונגעריג, נאָר אין מויל מהכתיתי עפּים גענומען וואָלט איך ס'זאָל זיין וואָס.

— ביי מיר איז פאַרהאַן אַלסדינג — רופט זיך אָן דער נגיד און חאַפּט אַ קוק אויפ'ן עטאַפּ.

— ביי מיר אָהן אַביסעל בראָנפען הייסט נאָך ניט אַלסדינג, מאַכט בעריל דער רויטער און חזר'ט דאָס איבער מיט אַ כיון נאָך אַמאָל אויף רוסיש, בכדי דער ערל זאָל פערשטעהן פון וואָס מע רעדט.

— טשי פּראַוודאַ, לאַוורע, שאָ בעז הרילקו שאָ בעז זובאָוו? *) — טהוט בעריל דער רויטער אַ מאַך צום עטאַפּ.

— אַוושעוש! **) — ענטפערט איהם דער עטאַפּ גאַנץ ערנסט.

און מע האָט זיך אַזוי לאַנג איבערגעוואָרפען מיט ווערטער, ביז ס'איז געבליבען ביי'ם עולם: אַזוי ווי ס'איז ניט וויַיט פון דאַנען קיין גראַנאָוו, סך הכל אַ פּאָר ווערסט, זאָל איינער פון די אַרעסטאַנטען, הענין דער בחור גע־וויינטליך, ער איז יונגער, אַ שפּרונג טהון אַהינצוצו אויף איין פוס און ברענגען אַ פלעשעל בראָנפען, און די איבעריגע צוויי אַרעסטאַנטען, שלום־בער טעפּ־ליקער פון טעפּליק און בעריל דער רויטער, נעמען איהם אויף זיך, אויף זייער ערבות, אַז ער וועט ניט אַנטלויפען, און מע האָט זיך צוגעזעצט אויפ'ן גראָז אין מיטען פעלד אויף אַ בערגיל אונטער אַ בוים, ביידע אַרעסטאַנטען האָבען זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס, און דער עטאַפּ האָט זיך באַזעצט נעבען זיי און געקוקט אַהין אויפ'ן וועג קיין גראַנאָוו.

---

*) ס'איז אמת, לאוורע, אַז אָהן בראָנפען איז ווי אָהן צייהן?
**) אודאי!

קאפיטעל ו.

ער דערמאהנט איהם אלטע חטאים.

ווען איך זאל זיין א מאלער אדער חאטש א פאטאגראף, וואלט איך אראבגעחאפט די דאזיגע גרופע, די דריי נפשות, וואס זיצען זיך אזוי שען אין מיטען פעלד, אויפ'ן בערגיל, אונטער א בארענבוים מיט קליינע גרינע בלעט-ליך, א בוים, וואס וואקסען אויף איהם פעלד-בארליך, יענע מינים בארליך, וואס זענען הארטער פון שטיינדליך און וואס מע קאן זיי ניט נעמען אין מויל אריין און וואס מע ווייסט ניט, אויף וואס האט זיי גאט בעשאפען אויף דער וועלט... צווישען לאווע דעם סאטסקי מיט דעם הויכען האריגען היטעל פון איין זייט און בעריל דעם רויטען מיט'ן קרומען פוס און מיט'ן רויטען ריהרעווודיגען פנים מיט ווייספערליך פון דער אנדערער זייט, האט אונזער טעפליקער נגיד בעריל טעפליקער פון טעפליק מיט די קליינע אויגעליך און מיט'ן שיטערען בערדיל, מיט דער נייער שווארצע געוועטענע קאפאטע און מיט'ן שבת'דיגען ויידענעם קאשקעט אויפ'ן קאפ, אויסגעזעהען ווי א מחותן צווישען בעלי-בתים, אדער ווי א געהויבענער פארשוין צווישען פראסטע מענשען, וואס האבען די עהרע צו זיצען מיט איהם אינאיינעם. אזא מענש ווייסט שוין ווי אזוי זיך צו האלטען, דאס הייסט האלטען האלט ער זיך כלומר'שט פראסט, כלומר'שט גלייך מיט אלעמען, נאר פארט נישט דאס וואס אלע. פון וואס ער וויל פון דעם רעדט מען, וואס ער זאגט בעדארף מען הערען, און אז יענער רעדט מעג ער איבערשלאגען אין מיטען.

— וואס זאגט איהר אויף דער היץ? — האט ער א זאג געטהון צו בעריל דעם רויטען מיט א זיפץ און א קוק געטהון ארום און ארום, פאר-קאטשעט די ארבעל ביז די עלענבויגענס און זיך געפאכט מיט'ן ויידענעם קאשקעטעל איבער'ן קאפ.

— יא, ס'איז ניט קאלט — האט איהם בעריל געענטפערט און אויך א קוק געטהון אהין, וואו דער נגיד קוקט.

— ס'זאל חאטש ניט זיין קיין רעגען — טהוט זיך דער נגיד ווייטער א זאג און א קוק ארויף אויפ'ן הימעל.

— יא, עס פאסט אונז טאקי צו די ויידענע קליידער! גיט איהם נאך בעריל און קוקט אהין, וואו דער נגיד קוקט.

— ניט קיין שלעכטער ערל אונזער שומר, זאגט זיך ווייטער דער נגיד און קוקט אויף א לאנגען וואגען א ליידיגען, וואס פאהרט דורך פארביי

מיט אַ פּאָר גרויסע אָקסען און אַ קליין שייגעציל זיצט אויפ'ן וואָגען און דרעהט מיט דער בייטש.

— אונזער שומר? מאַכט בעריל און קוקט אַהין וואו דער נגיד קוקט, עס מעגען זיין פֿאַר איהם די כפרה דריי יודען אַזעלכע, וואָס געהען מסר'ען אַנ'אָרעמאַן, אַז ער מאַכט עטליכע פּלעשליך ווייַן פֿון ראָזינקעס און צוטראָגט זיי צווישען בעקאַנטע אויף קדוש און לעבט דערפֿון מיט ווייַב און קינדער שוין כמה וכמה יאָהרען.

— ווי מיינט איהר? שלאָגט איהם איבער דער נגיד אין מיטען די רעד און קוקט אויפ'ן וועג, וואָס געהט קיין גראַנאָוו, ווי מיינט איהר? ער קאָן ניט פֿאַרבלאָנדזעט ווערען, מיין איך מאַכען אַ פּליטה, אָט דער דאָזיגער בחור, ווי אַזוי רופֿט איהר איהם?

— אָט דער שמינדער בגעץ? מאַכט בעריל און קוקט אויפ'ן וועג, וואָס געהט קיין גראַנאָוו, ער האָט דען עפּים חוטא בעגל געווען, געטהון אַ קרימינאַל, וואָס ער זאָל דאַרפֿען אָבטרעטען? ער איז אַזאַ פֿערברעכער פּונקט אַזוי ווי איך למשל.

— וואָס קאָן אייך אַ שטיינער קומען פֿאַר אַזאַ מעשה? טהוט איהם דער נגיד אַ חאַפּ און קוקט אויף בערלען פֿון אויבען אַראָב מיט איין אויג, דאָס אַנדערע האָט ער צוגעמאַכט, קייעט בשעת מעשה אַ גרעזיל אונטער די ציינער:

— פֿאַר וואָסער מעשה? פֿאַר'ן ראָזינקעס-וויין? קיין „רעסטאַנסקע ראָטע“ פֿאַר דעם „קרימינאַל“ אַודאַי ניט, נאָר איך ווייס וואָס מע קאָן אויף מיר אַרויפֿלייגען פֿאַר אַ שטראָף? לאָז מען מיך שטראָפֿירען, וואָס העט איך זיי? וואָס וועט מען ביי מיר נעהמען? דעם דלות? סיידען זיצען? מילא וועלען מיר זיצען אַ פּאָר טעג, למאַי אי הר? איהר זענט דאָך עפּים קיין עין הרע אַ יוד אַ נגיד כ'לעבען! איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, רב שלום-בער, האָט קיין פֿאַראיבעל נישט, איך אויף אייער אָרט וואָלט ניט געזעסען אין „חדר“ איבער אַזאַ נאַרישקייט, איבער אַ פּאָמיניצע גאָר; ערשטענס וואָלט איך ניט געפֿיהרט מיט פּאָליציע קיין עקשנות, און צווייטענס ווען איך בין אין אייער שטאַנד, וואָלט מען מיך ניט געפֿיהרט מיט'ן עטאַפּ פֿאַר אַזאַ זאַך. טעפּליק אַליין וואָלט דאָס גאָר ניט בעדאַרפֿט דערלאָזען, אַז דער נגיד פֿון שטאָדט זאָל געהן מיט'ן עטאַפּ ווי אַ פּראָסטער מענש, גלייך מיט אַלע קבצנים...

אין אנ'אנדער צייט וואלט בעריל דער רויטער פאר אזא שפראך געקאנט חאפען א מאוסען פסק פונ'ם טעפליקער נגיד, ער וואלט געווים „געעפענט ביי איהם מיט'ן קאפ די טהיר" פאר אזעלכע ווערטער, נאר איצט געהענדיג מיט'ן עטאפ קיין היימין האט שלום=בער מקבל באהבה געווען אויף זיך אלס= דינג. איצט האט מען איהם געקאנט זאגען וואס מע וויל, און בעריל דער רויטער האט זיך גערעכענט מיט איהם ווי ווייט ער האט נאר געקענט און דוקא מיט גוטע רעדעליך, דוקא ניט געקריגט זיך, ער האט זיך צוגערוקט מיט זיין קרומען פוס צום נגיד אזוי נאהענט, אז דער נגיד האט זיך געמוזט אביסעל אוועקרוקען פון איהם. און בעריל האט אנגעהויבען בזה הלשון:

— איהר ווייסט, רב שלום=בער, פון ווען אן מיר קענען זיך שוין? מיר קענען זיך שוין פון א צייט מיט יאהרען! איך געדענק אייך, אז איהר זענט נאך געווען אט אזא וועווריקעל (בעריל האט באוויזען מיט דער האנד הארט ביי דער ערד), איהר בעדארפט זיין אין מיינע יאהרען, אפשר עלטער מיט א יאהר אדער צוויי, און איהר דארפט מיך געדענקען, ווארום מיין זיידע און אייער פאטער זענען געווען... שרעקט זיך נישט, ניט קיין קרובים, דאס הייסט אפילו יא שטיקליך שני שבשלישי'ם זעהר ווייטע קנעפלעך פון דער מאמענס צד, נאר גאנץ נאהנטע שכנים אין אלטען בית המדרש, א שטאדט א קעגען א שטאדט, אייער פאטער אין מזרח=וואנד און מיין זיידע אין שפיגעל=באנק, אזוי אז איהר פלעגט זיך שטעלען שמונה=עשרה, האבען מיר אייך געזעהען פון אונטען; איך געדענק נאך אפילו אייער פאטערס אטלעסענע, גלאנצענדיגע פלייצע מיט די ברייטע אקסלען מיט דער גרויסער זילבערנער עטרה פונ'ם טלית, און מיין זיידע, רב נפתלי דער ווייגער, איהר דארפט איהם געדענקען, פלעגט אנרוקען דעם געלען טלית אי= בער'ן קאפ און מיך קנייפען איך זאל אריינקוקען אין סדור אריין, ווארום איך האב אזוי געוואלט דאוונען מסתמא ווי איהר. איך האב גאנץ גוט געזע= העז — איך בין דאך געשטאנען פון אונטען — אז בשעת שטילע שמונה= עשרה, האט איהר נאר געקוקט אראב אויף די שטיוועליך, וואס האבען ביי אייך געסקריפעט, און ווי אזוי האב איך אייך למשל מקנא געווען אויף אייערע תמיד נייע שטיוועלעך, אז מיינע זענען געוועז תמיד אלט, שטענדיג מיט לאטעס, ווארום איבער מיין קראנקען פוס האב איך קיין מאל נישט געקאנט האבען קיין רעכטע שטיוועל, און איבער דעם דאזיגען קראנקען פוס האב איך תמיד געהאט צרות, א חוץ וואס ס'איז מיר שווער געווען צו געהן פלעג מען נאך פון מיר שטענדיג לאכען און רופען מיך „קריוואק"

און נאכקרימען זיך מיר ווי איך גיה, און מעהר פון אלע טאקי איהר, רב שלום-בער; ס'זאל אייך צו קיין חרפה ניט זיין, מיט נאך אזעלכע נגידישע קינדער, פאנסקי צאפיקליך, ווי איהר...

— איך? טהוט זיך דער נגיד א חאפ און דערמאהנט, אז ס'איז אמת, מע פלעגט איהם טאקי נאכמאכען, ווי ער שפרינגט אויף איין פוס.

— דאס נאכמאכען אליין וואלט נאך געוועזן נישקשה, איהר פלעגט מיר ניט וועלען אריינגעהמען אין דער חברה, מיר טרייבען מיט שטעקענס און אנטרעטען מיר אויפ'ן קראנקען פוס, זיך שטעלען כלומר'שט אומגעהרען מיט'ן אפצאס אויף די פינגער, אזוי אז איך זאל פיהלען, איך זאל טאקי שרייען, פלעג איך שרייען און איהר פלעגט לאכען, זיך האלטען ביי די זייטען...

— דאס טראכט איהר אוים שוין מסתמא פונ'ם קאפ, רופט זיך אן צו איהם דער נגיד און ווערט רויט פאר בזיון, וואס ער פלעגט זיך אזוי רעכענען מיט א קאליקע, און ער דערמאנט זיך ווי אזוי ווילד געבאלעוועט ער איז געוועזן קינדווייז, געקאנט טהון וואס ער האט געוואלט.

— א סימן וועל איך אייך זאגען, איך האב דערצעהלט דעם זיידען, האט דער זיידע דערצעהלט אייער פאטער, האט אייער פאטער נישט געוואלט גלויבען און האט זיך צושריען אויף מיין זיידען, אז זיין זוהן איז א שטיל קינד און וועט זיך ניט אנהויבען מיט „קבצנישע קינדער”, איהר הערט, ק ב צ נ י ש ע ק י נ ד ע ר!.. פון דעמאלט אן בין איך געוואהר געווארען ווער איך בין, אז איך בין א קבצניש קינד... האב איך אומיסטנע געפרעגט דעם זיידען, וואס דאס בעדייט, האט מיך דער זיידע קלאהר געמאכט, וואס הייסט א קבצניש קינד און וואס הייסט א נגידיש קינד, נאר איך האב נישט פארשטאנען פאר וואס מעג א נגידיש קינד אנטרעטען א קבצניש קינד אויפ'ן פוס און א קבצניש קינד בעדארף שווייגען? האב איך געפרעגט דעם זיידען, האט מיר דער זיידע געזאגט: דערפאר ווייל א נגיד איז ניט קיין קבצן און א קבצן איז ניט קיין נגיד, דאס הייסט א נגיד איז א נגיד און א קבצן איז א קבצן... האב איך דאס ניט אנגעהויבען צו פארשטעהן, און האב א קוק געטהון דעם זיידען אין די אויגען ארײַן, טאמער וועל איך עפּים פון די אויגען געוואהר ווערען א פשט צו די ווערטער, האב איך אבער פון זיינע אויגען ניט ארויסגעזעהען גאר ניט! איך האב נאר ארויסגעזעהען ווי א טונקעלע חמארע אויף זיין פנים און קנייטשען אויפ'ן שטערען און ווייטער גאר ניט... און איך בעדארף זיך מודה זיין פאר אייך, ס'איז דאך שוין אנ'עבר'דיגע זאך, איך האב פון דעמאלט אן פיינט געקראגען אלע

נגידים מיט אלע נגידישע קינדער, און מעהר פון אלע האב איך פיינט געקראגען אייך...

— מיך? דער נגיד האט זיך אזש א חאפ געטהון פאר'ן הארצען.

— אייך, אייך, איהר זענט דאך דעמאלט געוועזען נאך גאר א יונגעל, האט קיין פאראיבעל נישט — א שנעק, מיר זענען ביידע הייסט דאס געוועזען דעמאלט נאך יונגע וועוויריקליך, און נאכדעם אפילו, אז מיר זענען אינטערגעוואקסען, געווארען ביידע בר=מצוה=יונגלעך, בחורים'ליך שוין, האט איהר זיך גאר אבגעקערעוועט פון מיר, זיך געמאכט גלייך ווי איהר קענט מיך ניט, מורא געהאט קוקען אויף מיר, טאמער זאג איך אייך א גוט שבת, וועט וועט איהר מיר חלילה דארפען ענטפערען א גוט יאהר, האט איהר געזשאלעוועט א פנים. עס האט אייך ניט געלוינט...

דער טעפליקער נגיד, שלום=בער טעפליקער פון טעפליק האט זיך אזש א רוק געטהון אויפ'ן ארט און א מאך געטהין מיט דער האנד ווי איינער רעדט: „מאלט אייך, ס'איז ניט אזוי די מעשה"... און ביי זיך האט ער זיך דערמאנט, אז ס'איז מעגליך, ווארום זיין פאטער פלעגט איהם זאגען שטענדיג, אז ער איז ניט גלייך צו אנדערע יונגלעך...

— האט קיין פאראיבעל נישט, רב שלום=בער, א נארישקייט געדענקט זיך, אויף מיין ערשטער חתונה (איהר האט פריהער חתונה געהאט פאר מיר) האב איך אייך געשיקט א חתונה צעטיל, האט איהר אפילו ניט געענטפערט מיט קיין בריעף.

— כ'לעבען איך געדענק ניט...

— ווי קומט איהר געדענקען? למאי איהר געדענקט ניט דאס אויך מסתמא, אז איך בין, ניט היינט געדאכט, דאס ערשטע מאל געבליבען אלמן, האב איך געשיקט מיין פעטער יאסין (דער זיידע איז שוין דעמאלט געוועזען א שוכן עפר), ער זאל אייך זאגען, אז איך בין געבליבען מיט צוויי קליינע קינדער ווי אויפ'ן וואסער, האט איהר איהם געענטפערט, אז איהר זענט א יונגער=מאן, וואס קאטארי מישט זיך ניט אין קהל'שע זאכען...

— איך האב אזוי געענטפערט? זעהט נאר צי אייער פעטער יאסי האט אייך ניט דערצעהלט מחילה קיין ליגען...

— עס קאן זיין, אפשר זענט איהר גערעכט... איך ווייס נאר, אז איהר האט מיר ניט געהאלפען ניט דעמאלט דאס ערשטע מאל און ניט דאס אנדערע מאל, אז איך בין, ניט היינט געדאכט, אבגעברענט געווארען, ארוים ווי די מאמע האט מיך געהאט, און אויך שפעטער אז מיר האבען

זיך בעגעגענט איין מאָל אין הייסין אויף דער אַכסניה אויב איהר געדענקט בשעת יריד, איהר זענט געקומען צופֿאָהרען קויפֿען, דאַכט זיך, אויב איך האָב ניט קיין טעות, אַ פּאָר פֿערד, און אפשר אַ בהמה, און אפשר גאָר פֿאַרקויפֿען קאָרן? —

דער גביר רייבּט זיך דעם שטערען, ווי אַ מענש וואָס וויל זיך דערמאָהנען אַ זאַך, וואָס ער געדענקט נישט, און ס'איז איהם אַ חדוש, וואָס ער האָט דאָס שוין לאַנג פֿאַרגעסען און יענער ניט, און עס שטעהט איהם ניט אָן די מעשה וואָס בעריל דער רויטער, וואָס אין טעפּליק וואָלט ער גאָר ניט האָבען די זכיה מיט איהם צו רעדען צוויי איבעריגע ווערטער, זאָל האָבען אַ העזה איהם אויסזעצען דאָ די פּעהלערען, דערמאָהנען איהם אַלטע חטאים! און סע שטעהט איהם ניט אָן די מעשה, און ער וויל עפּיס אָנהויבען רעדען, קומט אָן העניך פֿון גראַנאָוו מיט אַ פֿלעשיל בראָנפֿען, קוים וואָס ער חאַפּט דעם אָטהעם, אַזוי איז ער געלאָפֿען, מורא געהאַט טאָמער פֿאָהרט עמיצער אָן און מע פּאַקט איהם מיט'ן בראָנפֿען, און אַלע דריי פֿערברעכער זעצען זיך צו דער סעודה, נעמען פֿריהער צו קאָפּליך בראָנפֿען, זענען מכבד אויך דעם עטאַפּ מיט אַ פּאָר גלעזלעך; דער עטאַפּ זאָגט זיך ניט אָב, נאָר ער פֿערקרימט זיך, ווישט אָב מיט דער פֿאָריגער סוויטע די גראָבע וואָנצעס און שיקט אָב צו אַלדע שוואַרצע יאָהר גראַנאָוו מיט זיין שטאַרקען בראָנפֿען.

— דרושע היִרקאַ, געחיי יאָמו סים טשערטיו! *) מאַכט לאַווריע און טהוט אַ מאַך מיט דער האַנד ווי אַ מענש, וואָס גיט זיך אַ נדר, אַז מעהר זאָל ער שוין אין מויל אַריין ניט נעהמען קיין טראָפּען אפילו! — פֿון דעסטוועגען, אַז ס'איז געקומען נאָך די פֿיש און מע האָט זיך גענומען צו דער קאַטשקע, האָט מען איהם פֿאָרט איינגעבעטען ער זאָל נעהמען אַ גלעזיל; עס האָט זיי טאַקי געקאָסט אַביסעל מיה, נאָר מע האָט ביי איהם גע־פּועל'ט ער זאָל דאָס אויסטרינקען ביז'ן דנאָ, מחמת מע וויל איהם אָנגיסען נאָך אַ גלעזיל.

איבערגעביסען, האָט זיך דער עולם צוגעלייגט אַביסעלע אונטערען שאָטען פֿונ'ם באַרנבוים, נישט חלילה דרימלען, נאָר גלאַט אַזוי קוקען אַרויף אין בלויהען הימעל אַריין, זעהען ווי קליינע חמאַרעס רוקען זיך אָן, צוריי־סען זיך, ווערען צוגאַנגען אַזוי ווי רויך, און אַ מחנה וואַראָנעס וואָס האָבען זיך

*) צו ביטער, זיבען רוחות זאָל איהם זיין!

אויסגעמושטירט אין צווי פאסען ווי א „ד" שוועבען און שטעהען אויף איין ארט.

ליעגען מיט'ן פנים ארויף און קוקען אין הימעל אריין נאכ'ן עסען איז א טייערע סגולה אויף צו אנשלאפען ווערען. דער ערשטער האט דאס באוויזען דער עטאפ אליין, וואס האט זיך גלאט געלאזט הערען פון איהם א מורא'דיגער חראפ, ווי פון אן איבערגעשראקען פערד, און תיכף נאך איהם האט זיך געלאזט הערען אן אקאמפאנימענט פון העניך'ס געזולעכער, וואס האבען אויך געארבייט ניט שלעכט, חאטש ער האט זיך אלע מאל אליין אויפגעחאפט פון זיין חראפען און געבעלעבעטשעט מיט דער צונג ווי זיין שטייגער איז:

— איינגעמידט יעדער וואס בין געלאפען איך פיער ווערסט גוטע, אלין מורא געהאט טאמער חלילה פאהרט ער אן און פאקט מיך, דער פריסטאוו הייסט עס...

נאר דער טעפליקער נגיד שלום=בער טעפליקער פון טעפליק און בעריל דער רויטער זענען ניט געשלאפען. דער נגיד האט זיך שטארק פאר=אינטערעסירט צו וויסען, וואס פאר א בקשה האט צו איהם בעריל געהאט דעמאלט אין הייסין אויפ'ן יריד. און בעריל דער רויטער האט איהם צוליעב געטהון און האט איהם דערצעהלט די מעשה, וואס מיר געבען זי איבער מיט זיין אייגענער שפראך, ווארט ביי ווארט.

קאפיטעל ז.

א נארישקייט געדענקט זיך.

— האט קיין פאראיבעל ניט, א נארישקייט געדענקט זיך — אזוי הויבט אן בעריל די מעשה מיט א לעבעדיגען טאן ווי זיין שטייגער, — געקומען בין איך קיין הייסין ניט אויפ'ן יריד; מיינע אקסען האבען זיך נאך געהא=דעוועט און מיינע שיפען אויפ'ן ים זענען נאך געווען ווייט. וואס זשע האב איך געטהון אין הייסין אויפ'ן יריד, ווילט איהר וויסען? איך בין געקומען אנקוקען א חתן גאר פאר מיין מיידיל, די עלטערע הייסט עס פונ'ם ער=שטען ווייב. כ'האב מיך מישב געווען, פערשטעהט איהר מיך, דאס ערשטע קינד, א יתומה, חאטש אפילו א יונג קינד, נאר א שטיפמאמע פיקט אין קאפ אריין, איך זאל זי חתונה מאכען, חאטש פרעגט זי, וואס ווערט איהר ארויסקומען, אז איך וועל זי שוין חתונה מאכען? ווער וועט איהר העלפען קאפ=

כען און באַקען און צוזאָגען די קליינע קינדער, און וועמען וועט זי שעלטען, טראָגען פֿאַר די צעפּ? נאָר גיה, רעד מיט אַ יודענע! בקיצור ס'איז געבליבען חתונה מאַכען, נאָר ס'איז גרינג צוזאָגען: חתונה מאַכען! מיט וואָס? מיט די פֿינף פֿינגער? אין אונזער גראַד ווי ניט ווי, אויסקליידען דאַרף מען, עס רעדט זיך אַזוי אויסקליידען; מיינען מיינט מען אַ קליידיל אַ סיצענס און אַ פּאָר שיך און זאָקען און העמדער האַטש אַ האַלב טוץ, און פֿון בעט-געוואַנד שמועסט מען ניט, אַ פּאָר קישענס, אַנ'איבערבעט, אַ שטיקעל קאָלדרע! און ווי אַזוי, איך בעט אייך, ניט מען ניט האַטש אַזאַ הונדערטער נדן? און דאָ איז ניטאָ קיין הונדערט קאָפּיקעס אַפילו, און ווי אויף צו להכעיס זעצט ער מיר מיט בריעף, משה אַהרן דער שדכן, ימח שמו, איהר דאַרפֿט איהם קענען, איין בריעף נאָכ'ן אַנדערען, אַז ס'איז פֿאַרהאַן אין הייסין, שרייבט ער מיר, אַנ'אַנטיקעל, אַ מציאה, איינס ביי גאָט, דאָס אַנדערע ביי יענקעל דעם סטאָלער, אַ בחור'ל פֿון געמיינעם גראַד, נאָר אַ געראָטענער, מיט לערנען און מיט שרייבען און מיט שפּילען אויפ'ן פֿידעל, סע עקט זיך גאָר די וועלט מיט איהם! שרייב איך איהם אַוועק, משה אַהרן'ען הייסט עס, אַ בריוועל, אַז ערשטענס האַלט איך נאָך ניט ביי קיין שדוך, צווייטענס דאַרף איך וויסען וויפֿיעל וויל ער נדן, טאָמער איז דאָס ניט פֿאַר מיין ביימעל? און דריטענס לאָז קומען יענקעל דער סטאָלער פֿריהער אַקאָרשט אָנקוקען די כלה... קומט מיר אָן צוריק אַ בריעף פֿון איהם טאַקי, פֿון משה אַהרנ'ען הייסט דאָס, אַז דאָס, וואָס איך שרייב, אַז איך האַלט ניט ביי קיין שדוך — איז בלאָטע, וואָרום ער גערהט מיט דעם גאַנג אַז אַ מיידיל איז ניט קיין יונגעל — וואָס זאָגט איהר אויף זיין אויפֿטהו? — און דאָס וואָס איך פֿרעג זיך נאָך מכח נדן, איז דאָס גלאַט, זאָגט ער, פֿון מיר אַ גרויס נאַרישקייט. מע רעדט דען פֿון אַנ'אָקס מע זאָל זיך, זאָגט ער, דאַרפֿען דינגען? אַזוי טאַקי שרייבט ער מיר. און מכוח אָנקוקען מיין טאָכטער איז, זאָגט ער, אַנ'איבעריגע זאַך גאָר. וואָרום ס'איז גלייך ווי אָנגעקוקט. געוועזען עפּיס איינער אַ הייסינער ביי מיר אין שטוב, קאָן ער זיך, זאָגט ער, גאָר פֿון איהר ניט אָפּלויבען! בקיצור בריעף אַהער בריעף אַהין — איך האָב גענומען די פֿיס אויף די פּלייצים און האָב עולה רגל געוועזען, צו פֿוס הייסט דאָס קיין הייסין. געקומען קיין הייסין און דערזעהען דעם בחור, בין איך צו איהם צוגעזאָגען געוואָרען! וואָס זאָל איך אייך זאָגען, איך האָב נאָך אַזאַ מין אַנטיק זינט איך לעב, זינט איך שטעה אויף מיינע פֿיס ניט געזעהען און ניט געהערט אַפילו! מילא אַ פּנים — אַ פּרינץ; אַ קאָפּ — אַ מיניסטער; אַ מויל —

פעריל; א האנד — גאלד! דאס לערענט, דאס רעדט, דאס שרייבט און דאס לייענט — אויסקוישען דארף מען איהם איטליכס אבר! היינט שפּיעלט דאס אויפ'ן פידעל — א כפּרה, הערט איהר, אלע שפּילערס מיט אלע כלי-זמר פון דער וועלט! איך וויים גארנישט, וואו ווערט אזעלכס געבוירען? וואס טויג אייך, ער האט מיך געפּלעפט, דער שקאץ, און איך האב מיר געגעבען דאס ווארט, אז ס'זאל זיך קעהרען די וועלט, איך מוז איהם נעמען פאר א חתן! נאר געה נעם, אז סע נעמט זיך ניט! נישטא מיט וואס, חאטש לייג זיך און שטארב! איין הונדערטער איך זאל חאטש האבען, דאס הייסט חאטש אויף איבער-דרעהען זיך, איהר פארשטעהט א מעשה? ווארום דעם בחור אליין האט ניט אויסגעמאכט גאר גיט, געב איהם יא, געב איהם ניט; דער סטאליר ימח שמו האט זיך געשטעלט איין מאל פאר אלע מאל, עס מעג קומען די בת מלכה אליין, וועט ער איהם אהן נדן נישט לאזען געהן צו דער חופּה, מע זאל אויפלויפען. „רב משה אהרן, זאג איך, וואס שווייגט איהר"? וואס — זאגט ער — זאל איך שרייען? גיט זיך עפּים אנ'עצה, זאגט ער, ווארום ס'איז שלעכט. מיט דעם סטאליר, זאגט ער, וועט איהר גאר ניט מאכען, ס'איז א ביטערער יונג, איך האב איהם שוין, זאגט ער, אליין געוואלט געבען נעכטען מיט'ן העבעל איבער'ן קאפּ"! איהר הערט ווערטער? און דא דער חתן דרעהט זיך פאר די אויגען, נעמט צו ביי מיר א שטיק חיות, איך פיהל אז ממש איך עק זיך, איך געה אויס, איך שטארב. אט-אט שטארב איך!... דערווייל איך טהו א קוק אויף דער אכסניה — רב שלום-בער טעפּליקער! נאט אליין, טראכט איך מיר, האט אייך געבראכט! און איך בין נישט פויל אויף דער פּען און געה צו צו אייך און שטעק אייך אב א ברייטען שלום עליכם, א שטייגער ווי דא אצינד; וואס מיין איך? איך מיין, אז מסתמא וועט איהר מיך א פרעג טהון, וואס טהו איך אין הייסין? וועל איך אייך זאגען — א שדוך; וועט איהר זיך פרעגען וואסער שדוך? וועל איך אייך זאגען — מיט יענקיל דעם סטאליר; וועט איהר פרעגען, וואס געב איך נדן? וועל איך אייך זאגען — אט דאס איז טאקי דער גאנצער אומגליק, וואס דער סטאליר הייסט זיך אנידערלייגען א הונדערטער און איך האב א פייג ניט קיין הונדערטער, וועט שוין זיין רעכט — איהר פארשטעהט צי ניין? ווי זשע איז אבער דער דין, אז איהר האט מיך אפילו ניט אנגע-הויבען צו פרעגען וואס איך טהו אין הייסין? האב איך מיך ניט געפוילט און האב אייך אליין דערצעהלט, אז איך בין געקומען נישט צוליעב דעם יריד, נאר מכח א שדוך, וואס האב איך געמיינט? איך האב געמיינט ווי וועט איהר מיך ניט א פרעג טהון וואסער שדוך? וועל איך אייך זאגען מיט יענקיל

דעם סטאָליר; וועט איהר פֿרעגען וואָס גיב איך נדן? וועל איך אייך זאָגען — הערסט דו, אָט דאָס איז דאָך דער גאַנצער אומגליק!... צום סוף, ווער? וואָס? איהר הויבט אפילו ניט אָן צו פֿרעגען! בין איך מיך מישב און דערצעהל אייך אַליין. ווער דער שדוך איז, און ליב דעם בחור אין טאָג אַריין, ווי דער אמת איז. הקיצור, איך רעד און איהר שווייגט! איך זעה אַרויס, אַז מיינע ווערטער קריכען אייך אַ פּנים ווינציג וואָס אין קאָפּ אַריין, ווי זאָגט מען, אין איין אויער אַריין, פֿונים אַנדערן אַרויס, האָב איך מיך מישב געווען, וואָס וועל איך דאָ שפּיעלען פּאָליטיק? אַ מעהר לאָס איך שוין אָבזאָגען אַלסדינג, ווי זאָגט איהר, אַ צאָהן אַרויסרייסען — מיט'ן וואָרצעל! אודאי האָט איהר מיר דעמאָלט אָבגעזאָגט ווי אַ טוידטען און נאָך גוט אָבגעבאָדען אויך!

— איך האָב אייך אָבגעבאָדען? וואָס האָב איך אייך דען געזאָגט?

— ווילט איהר איך זאָל אייך זאָגען מיט אַ סימן? אַ נאַרישקייט געדענקט זיך. איהר האָט מיך אפילו געפֿרעגט, וואָס פֿאַר אַ מחותן בין איך מיט אייך, וואָס איהר זאָלט זיך צוואַרפֿען אויף מיר מיט הונדערטערס?

— מסתמא האָט איהר מיר ניט געזאָגט, אויף וואָס איהר דאַרפֿט...

— נאָך אַ מין זאָגען! אַ סימן האָט איהר, איהר האָט מיר אפילו דעמאָלט אַ זאָג געטהון: למאי איהר וואָלט וועלען אַ שדוך טהון מיט רויטשילדען?... און אַז איך האָב אייך געזאָגט, אַז ער שפּיעלט אויפ'ן פֿידעל, דער חתן הייסט דאָס, האָט איהר מיך אַ פֿרעג געטהון — אַ נאַרישקייט געדענקט זיך — „וואָס עפּיס אויפ'ן פֿידעל? פֿאַר וואָס ניט אויפ'ן טרומייט"?... מיר האָט זיך גענעקט דאָס חיות, געפֿאַלען שטיקער פֿלייש, און איהר האָט געמאַכט חוזק, געזאָגט ווערטליך, אַ פּנים ס'איז אייך געווען גוט אויפ'ן האַרצען?...

דער טעפּליקער נגיד שלום-בער טעפּליקער פֿון טעפּליק, האָט אויסגעהערט די מעשה, געשוויצט און געשוויגען, ער זאָל געדענקען אַקוראַט ווי די מעשה איז געווען געדענקט ער ניט; נאָר געווען איז עפּיס אַ מעשה מיט אַ הונדערטער, דאָס ווייסט ער געוויס... און ער שעמט זיך פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר וואָס האָט ער דעמאָלט אָבגעזאָגט אַ געמיינעם יודען אין אַזאַ זאַך, וואָס פֿאַר איהם איז דאָס געווען אַ קלייניגקייט — ער האָט גענוג הונדערטערס, און פֿאַר יענעם וואָלט דאָס געווען כמוצא שלל רב, און די מעשה אַליין פֿאַראינטערעסירט איהם שטאַרק און ער טהוט אַ פֿרעג ביי בעריל דעם רויטען:

— נו, און מיט'ן שדוך וואָס איז געוואָרען ביי אייך?

— גאָרנישט.

— וואָס הייסט גאָרנישט?

— ער האט ניט געוואלט, דער סטאליר הייסט דאס, חאטש גיב איהם א קרענק!

— און אייער טאכטער? אייער מיידעל?

— מיין טאכטער? אז אך און וועה איז מיר! זי ליגט שוין לאנג אין דער ערד... איך אליין האב זי באגראבען... גענומען און באגראבען א קינד... דאס הייסט, וואס בין איך שולדיג? פון זיך האב איך קיין געלד נישט געקאנט מאכען!... געווארט נאך א יאהר, נאך צוויי, קיין יודישער מאנאסטיר איז ניט פארהאן, און דא די שטיפמאמע פיקט — בקצור איך האב זי חתונה געמאכט פאר איין אייניבינדער, אנארעמאן נעבעך, א גאנץ ערהליכער אפילו, נאר א קראנקער, א טשאכאטניק, אבגעמוטשעט זיך עטליכע יאהר און אוועקגעשטארבען און איבערגעלאזט מיר א ירושה, דריי אייניקליך יתומים, ווארום זי האט זיך אנגענומען פון איהם די טשאכאטקע און איז אין א יאהר ארום איהם נאכגעשטארבען, זייט צו לייגערע יאהר. איהר פארשטעהט א מעשה? — און אצינד לא די איך האב אליין קיין עין הרע קינדער פון ביידע ווייבער, בעדארף איך האבען אויף זיך נאך דריי יתומים'לעך. הערפאר זאלט איהר אבער אנקוקען קינדער קיין עין הרע, איך וויים ניט צי ס'איז פארהאן אזעלכע געראטענע קינדער ביים גרעסטען נגיד, מע זאל אויספאהרען די גאנצע וועלט! „זיידע, ווארין פיהרט מען דיך“? — האבען זיי געבעך א פרעג געטהון ביי מיר בשעת דער המן האט געהייסען מיך נעמען אין „חדר“ אריין. „קיין הייסין, האב איך זיי געזאגט, אויף איין טאג פאהר איך א הינצוצו. איך וועל אייך ברענגען פון דארטען, זאג איך, טשיקעלאד“! מיינט איהר זיי האבען ניט פערשטאנען, אז איך זאג א ליגען? איהר האט בעדארפט אנקוקען ווי זיי האבען זיך אלע דריי ארומגעשטעלט ארום מיר, ווי די שעפעלעך, נישט געוויינט, ניין! נאר טרעהרען זענען געשטאנען ביי זיי אויף די אויגעלעך, איהר קאנט פארשטעהן, וואס דאס איז פאר קינדער, אז המן איוואנאוועטש אליין האט ארויסגענומען פון זיין אייגענע קעשענע א גילדען, און האט זיי געשענקט, זיי זאלען זיך קויפען קאנפעקטען.

קאפיטעל ח.

שייך צו העניך דעם בחור און צו זיין הוזגעזינד.

בעריל דער רויטער איז באצייטענס אנשוויגען געווארען, אויפגעשטאנען פונים ארט, זיך אויסגעגלייכט אביסעל דעם קראנקען פוס און איז צוגעגאנגען צו העניך'ן, האט איהם מכבד געוועזן מיט א שנעל אין נאז אריין.

— הער נאָר דו, שמינדער בגעץ, האָסט זיך גוט אויסגעשלאָפֿען?

העניך מיט דער בולמע האָט זיך פֿונ'ם שנעל, אויפֿגעחאַפּט, זיך אויסגעווישט די אויגען און דערזעהען דעם נגיד קוקט אויף איהם, האָט ער זיך געשווינד אויפֿגעהויבען פֿון דער ערד, אָנגעהויבען בעלעבעטשען מיט דער צונג ווי זיין שטייגער איז.

— בין גאָר ניט אָנגעהויבען שלאָפֿען, אַליין געטראַכט האָב איך, טאָמער חלילה, ווי איך בין אַ יוד, מיין דוד־ליב מע זאָגט מיר מעהר פֿון אַכטצעהן אַלט, מיט די קינדער וואָס וועט זיין?

— אַביסעל אַ לשון, ברענען זאָל ער! מאַכט בעריל דער רויטער צום נגיד, אַ רעכטער שלים־מזל! איהר קאָנט פֿאַרשטעהן, אַז איך בין קעגען איהם דער נגיד; דאָס האָט ער מיר צו פֿערדאַנקען, וואָס זיין דוד ליב האָט איצט אַזאַ שטעלע און קאָן אויסהאַלטען קיין עין הרע אַזאַ געזינדעל פֿון אַכט פּיקערס.

— נייען, קערט איהר מיינען, — פֿאַרריכט איהם העניך מיט זיין איבערגעקערט לשון אויף דער לינקער זייט —, צוויי ברידער מיט אַ מאַמע איין אַלטע, און אַ מיידעל פֿון אַ יאָהר דרייצעהן דיענט, און נאָך אַ ברודער'ל אַ קלענערס אין אַ קלייט כלומר'שט, און נאָך מיידליך צוויי קליינע, מיט איינעם אין תלמוד־תורה אַ יונגערער, היינט וואו בין איך?

— דו ביזט אין דער ערד! מאַכט צו איהם בעריל, ביזט געווען אַ בהמה און וועסט בלייבען אַ פֿערד! אַזוי ווי איהר קוקט איהם אָן אָט דעם פּעטאַך— מאַכט בעריל צום נגיד — האָט ער אַ ברודער דוד־ליב, איז ער אַ מיניסטער אַקעגען איהם, דאָס הייסט איבריג קלוג איז ער אויך ניט, ער איז אַ מיטעל־מעסיגער, דאָס הייסט ניט קיין גרויסער חכם און ניט קיין קלענער נאַר. איין מעלה האָט ער — ער איז אַן ערהליכער, דאָס הייסט זיי זענען אַלע ערהליכע חאַפּען נישט קיין בייגעל פֿונ'ם מאַרק. קומט צוגעהן צו מיר איין מאָל דוד־ליב און דערצעהלט מיר אַ גאַנצע מעשה: באשר אין הייסין האָט זיך אויסגעבויעט אַ צוקערניע, און זי געהער, די צוקערניע הייסט דאָס, צו רב זלמן ראַדעמישלער, און רב זלמן ראַדעמישלער איז אַ סאַדעגירער חסיד, און איך בין אַ סעדעגירער חסיד, און זיין פֿאָטער בעני טעלערלעקער, עליו השלום, איז געווען אַ סעדעגירער חסיד, בכן וויל ער, דוד־ליב הייסט דאָס, איך זאָל מיך זעהען מיט רב זלמן ראַדעמישלער און זאָל ביי איהם פּועל'ן אפשר וועט ער איהם צונעמען, דוד־ליב'ן הייסט דאָס, קיין הייסין אויף דער צוקערניע, איהם געבען עפּיס אַ שטעלע. „וואָס פֿאַר אַ שטעלע כדומה למשל קאָנסט דו, זאָג איך,

פארטריטען" ? זאגט ער צו מיר, וואסער ס'ניט איז, זאגט ער, אבי א שטעלע". „שטעהן זאלסט דו, זאג איך, אין געהאקטע וואונדען, וואס קאנסט דו" ? „וואס איך קאן, זאגט ער, איך קאן אלסדינג: איך קאן אי חשבונ'ען, אי רעכענען, אי בוכהאלטעריע, אי שרייבען, אי פארשרייבען"... וואו, זאג איך, האסט דו דאס אלסדינג אויסגעלערנט זיך" ? „פון זיך אליין", מאכט ער צו מיר און נעמט ארויס א בויגען פאפיר און גיט מיר, איך זאל בעוויזען רב זלמנ'ען זיין כתב. בקצור, וואס טויג אייך, ער האט מיר אזוי לאנג דערקוטשעט, ביז איך האב איהם אויסגעבטלט אלע בייזע חלומות און האב זיך אוועקגעלאזט קיין הייסין צו רב זלמן ראדעמישלער, און דוקא ווי זאגט ער, המן איוואנאוויטש, מיט די רגלים. געקומען קיין הייסין צו רב זלמנ'ען — לאזט מען מיך ניט אריין. וואס איז די מעשה ? זאגט מען מיר: אויב איך בין געקומען גלאט אזוי, האט רב זלמן קיין צייט ניט, און איך דארף האבען „פאדיעלו", זאל איך מיר מטריח זיין אין קאנטאר אריין. בין איך מיך מישב: פע, סע שטעהט מיר ניט אן די גאנצע מעשה! וואס איז דאס פאר א דבורים — ניטא קיין צייט? פא-דיעלו? קאנטאר? ביי אונז, סעדעגערער, געהען נישט אן אזעלכע שטיק! געהט, זאג איך, זאגט רב זלמנ'ען, אז איך, בעריל דער רויטער פון טעפליק, בין געקומען צו איהם מכוח זעהר א נויטיגען עניין און דוקא ניט פא דיעלו און דוקא באלד, ווארום איך האב קיין צייט ניט"! זאגט מען מיר: רב זלמן דאווענט, ער האלט פון פארענט. אויב אזוי, זאג איך, איז עפים אנדערש! דאוונען פון פארינט האווען איך אויך, חאטש אפילו אז מען וויל שמועסען צוריק וואס געהער זיך אן איינם מיט'ן אנדערען? מע קאן דאוונען פון פארענט און אבמאכען בשעת מעשה טויזענד געשעפטען, נאר ווי די מעשה איז — א נגיד איז ער דאך, און פאר א נגיד דארף מען האבען דרך ארץ, א סימן ווען איך בין למשל א נגיד וואלט פאר מיר די גאנצע וועלט געהאט דרך ארץ... בקצור, איך זעץ מיך אוועק און ווארט. איך ווארט א שעה און צוויי און דריי און דוקא אין דרויסען ביי דער טהיר — א מעשה אהן אנ'עק. איך זעה מענשען געהען אויף און אב, דער אריין דער ארויס. פון קיך דערוייל טראגט מען סאמאווארען מיט כל המינים גוטע זאכען... קלערער איך מיר: ע, דאס טויג דאך אויף כפרות! מע זאל מיך אזוי פיהרען אין באד אריין — דאס שטעהט מיר שוין ניט אן, און בין מיך מישב, וואס וועל איך ווארטען אויף כבוד, אנ'עפען אויף די טהיר און אריין גלייך אין שטוב אריין און „שלום עליכם רב זלמן!" „עליכם שלום, פון וואנען איז א יוד?" „פון טעפליק, זאג איך, איהר

האט מיך ניט דערקענט? בעריל הײם איך, געווען אינאיינעם אמאל אין סא=
דעגירע". „סע קאן זײן, מאכט ער, נאר איך האב אייך ניט דערקענט און
קען אייך איצטער אויך ניט, ס'איז ביי מיר, זאגט ער, ניט פאר אייך געדאכט
שטארק געשלאגען די ראיה. געווען זאגט ער, ביי מאנדעלשטאמען, מיר
פארשריבען שווארצע ברילען און אנגעזאגט, איך זאל ניט לייענען נאר ניט
און ניט שרייבען און היטען זיך פון דער שײן"... ע, טראכט איך מיר, רב
זלמן, איהר פאררעדט מיר די ציינן"... און רוף זיך אן צו איהם: „הערט
זשע אויס, רב זלמן, די מעשה דערפון איז אזוי, בענין האט איהר דאך גע=
קענט מסתמא?" מאכט ער צו מיר: „וואסער בענין?" „בעני טעלערלעקער",
זאג איך פון טעפליק? „ניין, מאכט ער, איך הער דאס ערשטע מאל אזא
נאמען טעלערלעקער". „וואס טויג מיר, זאג איך, רב זלמן, פוילע תנועות?
איהר האט איהם גאנץ גוט געקענט, מיר האבען אינאיינעם, זאג איך, גע=
טרונקען מיט איהם וויין אין סאדעגיר, און געטאנצט ביים רעבין אויפ'ן
טיש און ניט איין מאל אפילו געקושט זיך, לאז ער זיין ווייט אבגעשיידט,
ער איז שוין אויף דער אמת'ער וועלט, דא ניט לאנג געשטארבען אייך
צו לייגערע יאהר". דערהערט די דאזיגע ווערטער געשטארבען, ווערט מיין
רב זלמן גאר אנאנדער מענש — די נגידים האבען א פנים שטארק מורא
פאר'ן טויט! — און רופט זיך אן צו מיר: „וואס זשע ווילט איהר פון
מיר?" „וואס זאג איך, זאל איך וועלען? איך וויל נאר מקיים זיין צוואת
המת; דער דאזיגער בעני טעלערלעקער, עליו השלום, האט א פאר שעה פאר'ן
טויט צוגערופען מיך און נאך יודען און דערצעהלט א מעשה, אז ער איז
געווען ביי אייך א פאר מאל אין הײסין, געוואלט מיט אייך עפים איבערשמו=
עסען, האט מען איהם ניט צוגעלאזט, און מחמת ער איז געווען א מענשיל,
פערשטעהט איהר מיך, א שטילס, לאז ער מיר מוחל זיין, אהן חכמות, האט
ער געזעהען מע לאזט ניט צו, האט ער פארקערעוועט דעם דישעל און
מארש צוריק א היים. אצונד, אז ער האלט ביי געהן אין אזא ווייטער נסיעה,
וואס צוריק קומט מען שוין ניט, געזעגענט ער זיך מיט איטליכען בעזונדער
און לאזט גריסען פריהער דעם רבין און נאכדעם אייך און בעט, מע זאל
אייך איבערגעבען, אז ער פארלאזט זיך אין גאנצען אויף אייך, אז איהר וועט
מסתמא די אלמנה מיט די יתומים ניט פארלאזען". „וואס זשע קאן איך פון
זײערט וועגען טהון?" מאכט ער און נעמט זיך צו דער קעשענע. טראכט
איך מיר: א נדבה? צדקה תציל ממות? פע! „וויל איך אז איהר זאלט,
זאג איך, צונעמען זיין עלטערען זוהן דוד ליב'ן, איהם געבען עפים א שטעלע".

א נגיד, אז ער דערהערט דאס ווארט, „שטעלע“, בעקומט ער דעם שלאג. „ווי קומט צו מיר א שטעלע? וואו האב איך היינט שטעלעס? פארנומען אלע שטעלעס“! „דאס וועט איהר, זאג איך, דערצעהלען אנאנדערען און מיט מיר טארט איהר אזא שפראך ניט רעדען און בענים יונגעל בעדארפט איהר צונעמען נאר אהן א שום תירוץ. ער קאן, זאג איך, חשבונ'ען און רעכענען און בוכהאלטעריע און שרייבען און פארשרייבען, און הייסט, זייט מוחל, געבען א ביסעל בראנפען און עפיס צובייסען, ווארום איך האב נאך היינט אין מיין מויל נישט געהאט“.

בקצור, וואס זאל איך אייך לאנג מאריך זיין — די סאדעגערער זענען ביי זיך פראסט, ער האט מיר צוגעזאגט, אז ער נעהמט איהם צו, און איך האב עולה רגל געוועזען אהיים און האב צוגעשיקט צו איהם דוד ליב'ען, און ער האט זיך דארט פריהער א ביסעל אבגעוואלגערט, ווארום רב זלמן האט איהם געזאגט, אז ער מוז איבעררעדען פריהער מיט'ן זון, מיט רב יוסילען, און רב יוסילע איז ניטא. נאכדעם אז ס'איז געקומען רב יוסילע איז ניט געוועזען רב זלמן. — וואס טויג אייך מעשיות, מע האט איהם צוגענומען און ער איז היינט דארטען נאר א גאנצער פלאקענשיסער.

— א קאסירער, פאררעכט איהם הענדיך און גיט צו פארשטעהן אויף זיין לשון, וואס בעדייט קאסירער: ער פארנעהמט זיך מיט געלד הייסט דאס, ער נעהמט צו געלד און ארויס גיט ער געלד.

— א דאנק דיר, וואס דו האסט זיי קלאר געמאכט וואס הייסט קאסירער, א ניט וואלטען זיי ניט געוואוסט, מאכט צו איהם בעריל דער רויטער און געהט צום עטאפ און טהוט איהם א טארע ביי דער סויטע און וועקט איהם אויף.

— עי, לאווריע, מיט'ן קאפ זאלסט דו אנלייגען, פארא נא פאחמעליע!

און לאווריע פאלגט איהם, שטעהט אויף פאוואלי פון דער ערד, פאר־שטעלט זיך מיט דער האנד און קוקט אין הימעל אריין, וואו האלט די זון, נעמט דעם שטעקען, צעהלט איבער די דריי ארעסטאנטען, און לאזט זיך אין וועג אריין.

קאפיטל ט.

דער נגיד שלאגט זיך על חטא.

די זון האט שוין געהאלטען ווייט בארג אראב אינ'ם שפאציר איבער'ן טיעפען בלויען הימעל, די היץ האט אנגעהויבען ווערען א ביסעל קלענער,

און דער עטאַפּ האָט געהאַלטען ביי אַריינצוקומען קיין גראַנאָוו — דער ערשטער פּונקט פֿון זייער נסיעה, און בכדי מע זאָל קומען פֿאַרטיג אויפ'ן אָרט, האָבען זיך אַלע דריי אַרעסטאַנטען אַוועקגעשטעלט אונטערען שטאָדט נעבען אַ ווינטמיהל מיט'ן פּנים צו מזרח דאַוונען מנחה, און לאַווריע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויפ'ן גרויסען שטעקען, וואָס מיט'ן אייזערנעם שפּיץ פֿון אונטען, דאָס היטעל פֿאַררוקט אַביסעל צוריק און געקוקט, ווי די יודען שאָקלען זיך און שלאָגען זיך מיט די הענד אין האַרצען. געשמאַקער פֿון אַלע האָט געדאַוועט דער נגיד. שלום-בער טעפּליקער פֿון טעפּליק האָט שוין לאַנג מיט אַזאַ כונה ניט געדאַוועט ווי אַצונד, ער האָט זיך באמת געשלאָגען: אָשמנו, בגדנו, גזלנו, מיט'ן גאַנצען האַרצען, חרטה געהאַט אויף דעם, וואָס ער האָט געזינדיגט פֿאַר לייטען, געקאָנט העלפֿען אַנ'אָרעמען יודען און ניט געהאָלפֿען, געקאָנט איהם גליקליך מאַכען אפשר און האָט דאָס ניט געטהון. פֿאַר וואָס? ווייסט ער אַליין ניט! און ער האָט גענומען פֿאַרגלייכען זיך צו אָט דעם קבצן, בעריל דעם רויטען, און ס'איז איהם געוועזען ביזי בזיון פֿאַר זיך אַליין. אָט דער דאָזיגער קבצן, וואָס האָט אַליין קוים אַ טאָג איבערצוקומען האָט זיך ניט געפֿוילט פֿון יענעמס וועגען געהן צו פֿוס, אונטערפֿאַלען צו אַ גביר, זיך מאַכען מיט דער בלאָטע, אַבי טהון אַ טובה אַנ'אָרעמען יודען, און ער? שלום-בער טעפּליקער פֿון טעפּליק האָט נישט געוואָלט הערען, ניט זעהען יענמ'ס צרות, קאַלט, קאַלט ווי אַייז, און עס האָט איהם שטאַרק-שטאַרק פֿאַרדראָסען, וואָס האָט זיך אַזוי געמאַכט, און מעהר פֿון אַלץ האָט איהם פֿערדראָסען די מעשה מיט'ן שדוך אין הייסין אויפ'ן יריד... ער האָט דערפֿיהלט, אַז ער, שלום-בער, איז פֿאַר בעריל דעם רויטען אַ גרויסער חיב, און אפשר האָט ער אַ גרויסען חלק אין בעריל דעם רויטענס טאָכטערס טודט, וואָרום ווען ער הערט זיך דעמאָלט צו זיין בקשה, ווען ער לייגט צו האָטש אַ לויט רחמנות, האָטש איין טראָפּען ליעבשאַפֿט צו אַנאָרעמען יודען, בשעת יענעם ליגט דער חלף אויפ'ן האַלז, וואָלט איצט אפשר יענעמס טאָכטער געלעבט און געווען אפשר גליקליך?.. און שלום-בער פֿיהלט זיך, אַז ער זאָל קאָנען פֿאַרריכטען האָטש וויפֿיעל ס'ניט איז זיין פֿערברעכען, עפּיס בריינגען אַ קרבן, מיט וואָס ניט איז פֿאַרשמירען, באַפּוצען, פֿאַרהיילען די דאָזיגע מכה, וואָלט איהם צוגעקומען אַ שטיק געזונד. נאָר ער ווייסט נישט, וויאַזוי ער זאָל דאָס טהון? און ער פֿאַרטיעפֿט זיך אינ'ם דאַוונען און דאָס גאַנצע לעבען זיינס שטעהט אויף פֿאַר זיינע אויגען ווי פֿון אַ קבר און כמעט דאָס ערשטע מאָל אויף זיין

לעבען טראַכט ער וועגען אַזעלכע זאַכען, כמעט דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען דערזעהט ער זיך ווי אין אַ שפּיעגעל, ער דערזעהט זיך דורך און דורך און ער פֿאַרשטעהט ניט, ווי אַזוי איז ער געווען ביז אַהער אַזוי בלינד? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט מיינען אויף זיך, אַז ער איז אַנ׳ערליכער יוד און אַ לייטישער מענש? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט מיינען, אַז ער איז יוצא דערמיט, וואָס ער דאַווענט אַלע טאָג און וואָס ער רוקט אַריין אַמאָל אַ הארטען דרייער אַ נדבה?..

און דער טעפּליקער נגיד שלום־בער טעפּליקער פֿון טעפּליק הויבט זיך אָן דערמאָהנען, ווי אַזוי ער האָט „געטהון צדקה“, זיך געדונגען פֿאַר איטליכען גראָשען, וואָס מען האָט ביי איהם געריסען ווי מיט צוואַנגען, און ער דערמאָהנט זיך, ווי אַזוי ער האָט אַריינגעגעבען אַמאָל אַ ספר תורה אין שול אַריין, געטהון דאָס פֿאַר זיין נשמה, מחמת ער האָט נישט קיין קינדער, האָט ניט קיין קדיש, געמאַכט אַ סיום התורה, ניט געזשאַלעוועט קיין לעקאַך און בראָנפֿען, געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט, און אויף מאָרגען, אַז דער סופר רב שמשון איז געקומען צו איהם בעטען אַ גמילות חסד, האָט ער איהם אָבגעזאָגט ווי אַ טוידטען... וכדומה אַזעלכע „מעשים טובים“ הויבט ער אָן דערמאָהנען זיך אַצינד, און ער ווערט פֿאַרברענט פֿאַר בושה פֿאַר זיך און פֿאַר אַ סך אַזעלכע שענע יודען נגידים ווי ער, וואָס זענען פֿאַרקאָכט אין זייער געלד, וואָס קענען זיך מיט דעם ניט צושיידען. און שלום־בער דערפֿיהלט, אַז זיין נשמה איז ביז אַהער געשלאָפֿען, אַז זיין הארץ איז געלעגען ערגיץ אונטער אַ פּרעס, מיט אייז בעדעקט. קיין קאַפּ וואַרימקייט, קיין ברעקיל רחמנות! און עס ווילט זיך איהם עפּיס טהון אַצונד פֿון בערילס וועגען, עפּיס אַזעלכס, וואָס זאָל פֿאַרעכטען דעם גרויסען פֿעהלער, פֿאַרגעבען די גרויסע עבירה קעגען איהם, אָבוואַשען זיין שולד! נאָר ער ווייסט ניט, וואָס ער זאָל טהון און ווי אַזוי ער זאָל דאָס טהון, און ער לאָזט זיך אַראָב גאַנץ טיעף צו זיך אין האַרצען, אין דער נשמה אַריין, און פֿערשטעהט ניט בכלל, וואָס איז געווען ביז אַהער זיין לעבען אויף דער וועלט און וואָס האָט ער דאָ מתקן געווען? אָבגעלעבט זעקס און פֿופֿציג יאָהר, מעהר ווי דריי פֿערטיל פֿון זיין לעבען, געפֿיהרט אַ לאַנגע מלחמה, געקליבען אַ גראָשען צו אַ גראָשען, נישט געגעבען יענעם, נישט פֿאַרגינען זיך אַליין, פֿון וועמענס וועגען וועט דאָס אַלסדינג זיין? וועמען וועט ער דאָס איבערלאָזען, אַז קיין קינדער האָט ער ניט, און די קרובים זענען איהם שונאים, זיי זאָלען קאָנען וואָלטען זיי איהם דערטרונקען אין אַ לעפֿעל וואַסער! און שלום־בער הויבט

אן אונטערפיהרען א חשבון צו אליץ, וואס ער האט געטהון און איבערקלערען, פאר וואס האט ער אזוי פיעל שונאים? פאר וואס האלט נישט פון איהם די וועלט? און עס שטעהען אויף פאר איהם זכרונות שוין לאנג פארגעסענע, און מחשבות וואס זענען געלעגען ביי איהם ביז אהער טיעף אויפ'ן דעק פון זיין נשמה, און עס ווערט איהם קאלעמוטנע אויפ'ן הארצען... און ער גיט זיך דאס ווארט אויף די עלטערע יאהרען חאטש פארבעסערען זיך און זיין נשמה חאפט זיך אויף, און זיין הארץ ווערט צוגאנגען, און אין זיינע אויגען ווערט ליכטיג — ער דערזעהט אזעלכס, וואס ער האט ביז אהער ניט געזעהען, און דערפיהלט אזעלכס, וואס ער האט ביז אהער ניט געפיהלט, ער פיהלט זיך ווי א נייגעבארענער, עפיס אזוי פריש און לעבעדיג ווי נאך קיין מאל ניט אין זיין לעבען.

אבגעדאווענט מנחה לאזען זיך אונזערע פארשוינען מיט'ן עטאפ ווייטער אין וועג אריין. בעריל שפרינגט אונטער מיט איין פוס, מאכט חוזק פון הענידי'ן, און דער נגיד געהט פארטראכט, אלע מאל גיכער און גיכער. זיין קאפ איז איצט פול מיט מחשבות, זיין הארץ פול מיט געפיהלען! עפיס קלערט ער, עפיס טהוט ער, עפיס בויט ער.

— וואס לויפט איהר אזוי? מאכט צו איהם בעריל דער רויטער, איהר פליהט אזוי, אז איך קאן אייך מיט מיין קראנקען פוס ניט אניאגען.

ס'איז אייך שווער צו געהן, רב בעריל? אזוי מאכט צו איהם דער נגיד מיט אזא ווייכקייט, וואס ער האט דאס פון איהם נאך קיינמאל ניט געהערט; האלט זיך אן ביי מיר, נאט אייך מיין האנד, רב בעריל, אם ירצה השם, אז מיר וועלען קומען בשלום צוריק אהיים, זאלט איהר ביי מיר זיין, און דו אויך הענידך, ווארום איך דארף אייך זעהר נויטיג האבען, איך דארף אייך עפיס זאגען.

בעריל האט ניט פארשטאנען וואס פאר א נויטיגע זאך בעדארף ער זיי זאגען? און פארוואס עפיס אין דערהיים דוקא? פאר וואס זאל ער עס ניט זאגען באלד? און בכלל וואס איז ער עפיס פלוצים געווארען אזוי ווייך און האפעדיג?..

פון הענידי'ן שמועסט מען ניט; יענער האט גאר געעפענט דאס מויל, ניט פארשטאנען, וואס הייסט איהם דער נגיד קומען? ער האט זיך איינגעשטעלט און האט א זאג געטהון:

— אויב נאר ער וועט רחמנות האבען דער אויבערשטער, דוד ליב מיינער וועט ארויס...

— סאַי וסאַי מאַכט צו איהם דער נגיד, טאָמער אַפילו ניין — נעם איך איהם אויף זיך, דאָס הייסט איך נעם אויף זיך, אַלעמען נעם איך אויף זיך... האַלט זיך אָן אָן מיר. רב בעריל, ס'איז איך שווער צו געהן...

*

* *

אַז דער עטאַפּ איז אַריינגעגאַנגען קיין גראַנאָוו, איז שוין די זון געווען אַ פערגאַנגענע, איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ סימן, אַ גרויסען גילדענעם פּאַס אויפ'ן ברעג הימעל, און בעגעגענט האָט מען אונזערע פאַרשוינען מיט מוזיק — אַ גאַנצער קאָהר, וואָס איז געווען אויסגעמישט פון אַ קוואַקען פון זשאַבעס און פון אַ מעקען פון דער טשערעדע שאָף און ציגען, וואָס האָבען אויפגעהויבען אַ מוראדיגען שטויב — און דאָס איז געווען דאָס גליק, וואָס איבער די גראַנעווער ציגען האָבען די גראַנעווער יודען דורכגעלאָזט דעם עטאַפּ נישט בעמערקט אַפילו, ווען מע האָט דאָ דורכגעפיהרט פאַרביי גראַנאָוו! אַ ניט וואָלטען זיי די גראַנאָווער יודען דאָרט מקבל פנים געווען מיט'ן זעלבען כבוד און אַרויסגעבאַגלייט מיט דעם זעלבען פאַראַד, ווי מע האָט זיי מקבל פנים געווען נאָכדעם אין מיחאַילאָווקע, אין מיטשולקע, און קראַסנאָפּילקע, אין זדאַקאָוויץ און אין די אַלע איבעריגע עטאַפּנע פונקטען, וואָס צווישען טעפּליק און צווישען הייסין.

ס׳א ליגען׃

ס'אַ ליגען

(דיאלאָג אין גאליציען.)

איהר פאָהרט דאַכט מיר קיין קאָלאָמעאַ?

— פון וואַנען ווייסט איהר אַז קיין קאָלאָמעאַ?

— איך האָב געהערט, איהר האָט גערעדט מיט'ן קאָנדוקטאָר. איהר זענט טאַקי אַ קאָלאָמעאַר, צי איהר פאָהרט נור קיין קאָלאָמעאַ?

— טאַקי אַ קאָלאָמעאַר, וואָס איז דען?

— גאָרניט, גלאַט אַזוי, איך פרעג. עפּיס אַ היבשע שטאָדט קאָלאָמעאַ?

— וואָס איז שייך אַ היבשע שטאָדט? אַ שטאָדט ווי אַלע שטעדט אין גאַליציע, אַ פיין שטעדטיל, זעהר אַ פיין שטעדטיל!...

— איך מיין צי ס'איז פאַרהאַן ביי אייך עפּיס פיינע מענשען, נגידים?

— פאַרהאַן אַלערליי: פאַרהאַן נגידים, פאַרהאַן קבצנים. געוויינטליך מעהר קבצנים ווי נגידים.

— דאָס אייגענע וואָס ביי אונז. אויף איין נגיד קיין עין הרע טויזענד קבצנים. ביי אייך אין קאָלאָמעאַ דאַרף זיין אַ נגיד פינקעלשטיין?

— פאַרהאַן אַ נגיד פינקעלשטיין. וואָס איז? איהר קענט איהם?

— קענען קען איך איהם ניט, נאָר איך האָב געהערט. הייסט ער ניט רב שעיה?

— רב שעיה. וואָס איז דען?

— גאָרנישט, גלאַט אַזוי, איך פרעג. ער איז טאַקי אַזאַ גביר ווי מען זאָגט, אָט דער רב שעיה?

— איך ווייס? זיין געלד האָב איך נישט געצעהלט. וואָס פרעגט איהר זיך אַזוי נאָך? איהר דאַרפט דאָס וויסען אַקעגען קרעדיט?

— ניין, גלאַט אַזוי. ער האָט, זאָגט מען, אַ טאָכטער.

— ער האָט דריי טעכטער. אפשר מכח אַ שדוך? וויפיל האָט מען אייך געזאָגט גיט ער נדן דער טאָכטער?

— דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען נדן, פערשטעהט איהר מיך; מע שמועסט פון דער שטוב שמועסט מען, וואָס פאַר אַ שטוב איז ביי דעם רב שעיה פינ־קעלשטיין? וואָס פאַר אַ הויז הייסט דאָס?

— וואָס זאָל זיין פאַר אַ הויז? אַ הויז ווי אַלע הייזער. אַ יודישע שטוב, אַ פיינע שטוב, אַ חסידישע, זעהר אַ פיינע שטוב! מע זאָגט אפילו, אַז מכח יודישקייט איז ביי איהם די לעצטע צייט... נאָר ס'אַ ליגען!

— וואָס איז אַ ליגען?

— וואָס מען זאָל ניט זאָגען, איז אַ ליגען. קאַלאָמעַא איז דאַרפט איהר וויסען אַ שטאָדט פון סאַמע ליגנערס.

— איז טאַקי מהאי טעמאָ כדאַי צו וויסען, וואָס זאָגט מען למשל אויף זיין שטוב?

— מען זאָגט, אַז ס'איז שוין נישט דאָס וואָס אַמאָל. למשל אַמאָל פלעג מען דאָרטען פסח האַלטען שמורה... ער אַליין פלעג גאָר פאָהרען צוויי מאָל אין יאָהר צום רבי'ן, און היינט... היינט איז שוין ניט דאָס...

— אָט דאָס איז גאָר?

— וואָס דען האָט איהר געוואָלט? מע זאָל שוין אָראָבוואַרפען באָרד און פאות און עסען חזיר בפרסיה?

— איהר זאָגט „מע זאָגט", האָב איך געמיינט מי יודע וואָס מע זאָגט! דער עיקר איז דאָך, אויב דער מענש אַליין איז אַ מענש, דאָס הייסט, איך מיין צי איז ער, אָט דער רב שעיה פינקעלשטיין, מיין איך, עפּיס אַ פיינער, אַ לייטישער מענש? אָט דאָס מיין איך.

— וואָס איז שייך אַ לייטישער מענש? אַ מענש ווי אַלע מענשען. אַ פיינער מענש. למאַי זאָל איך זאָגען? אַ גאַנץ פיינער מענש! מע שמועסט אפילו ביי אונז אַז ער איז אַ ביסעל... נאָר ס'אַ ליגען!

— וואָס איז אַ ליגען?

— אַלסדינג וואָס מע זאָגט אויף איהם איז אַ ליגען; קאַלאָמעַא איז אַזאַ שטאָדט וואָס מע האָט ליעב רעדען איינס אויף דאָס אַנדערע; וויל איך ניט נאָכזאָגען, וואָרום דאָס הייסט שוין לשון הרע.

— ווי באַלד אַז איהר ווייסט אַז ס'אַ ליגען איז דאָך שוין אוים לשון הרע.

— מע זאגט אז ער איז... אבּיסעל... א דרעהער.

— א דרעהער? יעדער יוד איז א דרעהער. א יוד דרעהט. איהר זענט דען נישט קיין דריידהער?

— א דרעהער צו א דרעהער איז נישט גלייך. אויף איהם זאגט מען, פערשטעהט איהר מיך... נאר ס'אליגען!

— וואס זשע אייגענטליך זאגט מען אויף איהם?

— איך זאג דאך אייך אז ס'אליגען!

— וויל איך וויסען דעם ליגען, וואס מע זאגט.

— מע זאגט, אז ער האט שוין דריי מאל געשטעלט זיך, נאר ס'אליגען! איך וויים נור פון איין מאל.

— אט דאס איז גאר? וואו האט איהר געזעהען א סוחר זאל זיך ניט שטעלען? א סוחר, האנדעלט אזוי לאנג ביז ער פארהאנדעלט זיך; א סוחר, אז ער שטארבט אוועק נישט געשטעלטערהייד, איז א סימן אז ער איז געשטארבען פאר דער צייט. וואס? ניט אזוי?

— אליך הייסט ביי אייך געשטעלט? אויף איהם א זאגט מען אז ער האט זיך מאוס אוועקגעשטעלט, ארא בגעלאזט די ממתקים און ארויסגעשטעלט דער וועלט א פייג. איהר פערשטעהט?

— נישט קיין נארישער מענש א פנים. נו, און אויסער דעם גארניט?

— וואס נאך האט איהר געוואלט? ער זאל קוילען מענשען? בעגעהן קרימינאל? מע דערצעהלט אפילו ביי אונז אויף איהם יא עפים זעהר ניט קיין שענע מעשה... נאר ס'אליגען!

— דהיינו וואס פאר א מעשה?

— א מעשה מיט א פריץ... א נעכטיגער טאג!

— וואס פאר א מעשה מיט א פריץ?...

— עפים א פריץ דארטען... קוויטלעך ...וויים איך וואס קאלאמעא קאן אויסטראכטען! ס'אליגען! איך וויים, אז ס'א ליגען!

— אז איהר וויסט, אז ס'א ליגען, וועט דאך עס איהם ניט שאטען.

— ער האט, זאגט מען, געהאנדעלט מיט א פריץ, זעהר א רייכען פריץ, געווען ביים פריץ א חשוב, א גרויסער חשוב. דערווייל איז דער פריץ געשטארבען, האט ער צוגעשטעלט אויף איהם א פאר קוויטלעך; איז געווארען א געוואלד אין שטאדט: פון וואנען האט זיך גענומען צו איהם קוויטלעך, אז דער פריץ האט זינט ער לעבט ניט אונטערגעשריבען קיין פאפיר... קאלאמעא, דארפט איהר וויסען, איז א שטאדט, וואס גיט אכטונג...

— נו? !

— נו, נו. האט ער געהאט אויף זיך א פעקיל...

— אט דאס איז גאר? יעדער יוד האט א פעקיל. איהר האט אמאל געזעהען א יודען אהן א פעקיל?

— דער האט אבער אויף זיך געהאט, זאגט מען, דריי פעקליך.

— דריי פעקליך? — דהיינו וואס נאך פאר פעקלעך האט ער, זאגט מען, געהאט אויף זיך?

— מיט א מיהל האט ער, זאגט מען, געהאט צו טהון, נאר דאס איז שוין געווים א ליגען.

— איז זי אפגעברענט געווארען מן הסתם, האט מען געזאגט אויף איהם, אז דאס האט ער אליין געמאכט בורא מאורי האש, מחמת די מיהל איז שוין געוועזן אנאלטע, האט ער זי גוט סעקורירט, בכדי ער זאל קאנען שטעלען נאכדעם א נייע?

— פון וואנען ווייסט איהר, אז ס'איז אזוי געוועזן די מעשה?

— ווייסען ווייס איך ניט, נאר איך בין מיך משער, אז אזוי האט געמוזט זיין די מעשה.

— אזוי, הייסט דאס, שמועסט מען ביי אונז אין קאלאמעא, נאר ס'א ליגען. איך קאן אייך געהן שווערען, אז ס'א ליגען!

עס ארט מיך ניט ס'זאל זיין אנ'אמת. וואס נאך האט ער געהאט זאגט איהר, פאר א פעקיל אויף זיך?

— איך זאג? די שטאדט זאגט. נאר דאס איז שוין גלאט א פריטשעפע, א בלבול, א ריינער בלבול.

— א בלבול? פאלשע מינין?

— נאך ערגער.

— וואס קאן שוין זיין ערגער?

— א בזיון צו דערצעהלען וואס קאלאמעא קאן אויסטראכטען! פוסטע מענשען... ליידיג-געהערס... און אפשר איז דאס געוועזן אנ'אנגעשטעלטע זאך מע זאל קאנען צאפען געלד? איהר ווייסט ניט? א קליין שטעדטיל און א נגיד האט שונאים...

— ער האט געהאט צו טהון אודאי מיט א דיענסט?...

— פון וואנען ווייסט איהר? מע האט אייך שוין דערצעהלט?

— דערצעהלט האט מען מיר ניט, נאר איך שטויס מיך שוין אן. עס האט איהם געקאסט מסתמא א שענע פאר קרייצערס אט דער דאזיגער בלבול׃

— לאמיר זיך ווינשען דאס ביידע פערדיענען אלע וואך, איך בין אייך נישט קיין שונא, וואס איהם האט דאס געקאסט, חאטש ער איז דרינגען גאט די נשמה שולדיג. א קליין שטעדטיל... א יוד א נגיד... עס גערהט איהם גוט... מע פארגינט איהם ניט... פשוט מע פארגינט איהם ניט...״

— מעגליך. האט ער עפּיס פיינע קינדער, לייטישע? דריי טעכטער האט איהר דאכט זיך געזאגט?

— דריי. צוויי אויסגעגעבענע און איינע א מיידעל. פיינע קינדער, זעהר פיינע קינדער... אויף די עלטערע זאגט מען אפילו, אז... נאר ס׳א ליגען!

— דהיינו וואס זאגט מען אויף זיי?

— איך זאג דאך אייך אז ס׳א ליגען.

— איך ווייס אז ס׳איז א ליגען. איך וויל אבער וויסען דעם ליגען.

— אז איהר וועט וועלען אויסהערען אלע ליגענס, וואס גערהען ביי אונז אין קאלאמעא, וועט אייך ניט קלעקען קיין דריי טעג מיט דריי נעכט. אויף דער עלטערער, זאגט מען, אז זי גערהט מיט די אייגענע האר, קאן איך אייך עדות זאגען אז ס׳איז ליגען, ווארום זי איז גאר ניט אזוי געבילדעט אז זי זאל טראגען אייגענע האר. און אויף דער צווייטער טאכטער האט מען גלאט אויסגעטראכט, אז נאך מיידעלוויי... נאר וואס קאלאמעא קאן אויסטראכטען! ס׳א ליגען!

— כדאי צו הערען, וואס מע קאן ביי אייך אין קאלאמעא אויסטראכטען?

— איך זאג דאך אייך, אז קאלאמעא איז א שטאדט פון סאמע ליגנערס, און פון בארעדערס, און פון לאנגע צינגער. איהר ווייסט נישט, אין א קליין שטעדטיל אז א מיידעל שפּאצירט איינע אליין ביי נאכט איבער דער גאס אין דער פינסטער מיט א יונגען מאן, ווערט שוין א טאראראם: וואס האט א מיידעל ארומצוגעהן אין קאלאמעא ביינאכט איינע אליין מיט א פראוויזער?

— אט דאס איז גאר?

— וואס נאך האט איהר געוואלט? זי זאל מיט איהם אנטלויפען אין מיט׳ן יום=כפּור קיין טשערנאוויץ, אזוי ווי מע זאגט די קלענערע האט אבגעטהון א שפּיצעל?

— וואס פאר א שפּיצעל האט דען אבגעטהון די קלענערע?

— נישט כדאי כלעבען נאר נאכדערצעהלען אלע שטותיערייען, וואס געהען ארום ביי אונז אין קאלאמעא. איך האב פיינט נאכדערצעהלען א ליגען!...

— איהר האט שוין דערצעהלט אזוי פיעל „ליגענס", דערצעהלט שוין דעם ליגען אויך.

— איך דערצעהל נישט מיינע ליגענס, רב יוד, איך דערצעהל יע־נעמס!... און איך פערשטעה גלאט ניט, וואס פרעגט איהר זיך אזוי שטארק נאך אויף איטליכען בעזונדער, ווי א פראקוראר? איהר זענט דאכט מיר א יוד וואס האט ליעב נור אויסטאפען, אויספארשען, ארויסציהען ביי יענעם דאס דם התמצית פון די ביינער און אליין האט איהר מורא ארויסלאזען א ווארט... האט קיין פאראיבעל ניט וואס איך זאג אייך דעם ריינעם אמת, איהר זענט שיינט מיר א רוסישער יוד, און די רוסישע האבען אין זיך א מאיסע טבע, זיי האבען ליעב אריינקריכען יענעם מיט די שטיוועל אין הארצען אריין... די רוסישע זענען ווייזט אויס נישט קיין קליינע בארעדערס... איבריגענס איז שוין באלד קאלאמעא... צייט זיך נעמען צו די זאכען... ז־יי־ט זשע מוחל!